STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07154

# MAYNE KINDER-YORN

Peretz Hirschbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ הירשביין

# מיינע קינדער־יאָרן

אַרויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער"

Copyright 1932
by P. Hirshbein, New York.

Printed in Poland
PEREC HIRSZBEJN
„MAJNE KINDER-JORN"

Nakładem tyg. „Literarisze Bleter", Warszawa

Druk. „Di Welt", Warszawa, Nowolipie 7.

ערשטער טייל

# כיפּעס מיל

# אינהאַלט:


| | | | זייט |
|---|---|---|---|
| קאַפּ. | 1 | ערשטע טריט | 7 |
| קאַפּ. | 2 | ליפּעס מיל | 14 |
| קאַפּ. | 3 | אייגן בלוט | 22 |
| קאַפּ. | 4 | מיין זיידנס נגונים | 29 |
| קאַפּ. | 5 | מיין רבי מאַטעס | 36 |
| קאַפּ. | 6 | דער בעל־גוף | 43 |
| קאַפּ. | 7 | תורה און געפּיקטע באַנקעס | 50 |
| קאַפּ. | 8 | אהוב את המלאכה | 58 |
| קאַפּ. | 9 | ימים נוראים | 65 |
| קאַפּ. | 10 | ווינטער | 73 |
| קאַפּ. | 11 | מען קאַשערט די מיל | 81 |
| קאַפּ. | 12 | שפּע | 88 |
| קאַפּ. | 13 | זלמן שרייבער | 96 |
| קאַפּ. | 14 | זומער־קווייטן | 103 |
| קאַפּ. | 15 | איך זוך גאָט | 111 |
| קאַפּ. | 16 | אומעטיקע מעשיות | 119 |
| קאַפּ. | 17 | צו בעבלען קומט אַ חתן | 127 |
| קאַפּ. | 18 | אין בריסק | 135 |
| קאַפּ. | 19 | יחידות און טענות צו גאָט | 144 |
| קאַפּ. | 20 | דער אַלטער קאַרשנבוים און דער זיידע | 153 |
| קאַפּ. | 21 | איך ווער בר־מצווה | 162 |
| קאַפּ. | 22 | צופוס קיין מעלייטשיטש | 169 |
| קאַפּ. | 23 | קינדעריאָרן באַגעגענען די מאַמען | 177 |
| קאַפּ. | 24 | אויפדערפרעמד | 134 |
| קאַפּ. | 25 | די ערשטע נאַכט אַליין אין בית מדרש | 191 |
| קאַפּ. | 26 | אַ נישטפאַרדינטער פּאַטש | 199 |
| קאַפּ. | 27 | צוגאַסט אינדערהיים | 205 |
| קאַפּ. | 28 | וויסאָקע־ליטאָווסק | 212 |
| קאַפּ. | 29 | תורה און מלאכה | 220 |
| קאַפּ. | 30 | איך געפין מיין חבר | 228 |

קאַפּ. 31 תורה און השכלה . . . . . . 236
קאַפּ. 32 אין אַ זאַווערוכע . . . . . 243
קאַפּ. 33 צווישן הימל און ערד . . . . 250
קאַפּ. 34 מיט אַ האַלץ צוקאַפּנס . . . . 257
קאַפּ. 35 די פרעמדע וועלט רופט . . . . 263
קאַפּ. 36 שנאָרער, בטלנים, מגידים און מטיפים . . 269
קאַפּ. 37 אַוועק איז די פרייד פון מיין היים . . 276
קאַפּ. 38 מיר פאָרן זוכן סטודענטן . . . . 283
קאַפּ. 39 אַ געפונענע היים . . . . . 290
קאַפּ. 40 איך זינג צו דער בת-ציון . . . . 296
קאַפּ. 41 קיין ווילנע! . . . . . 302
קאַפּ. 42 הונגער, נויט און קעלט . . . . 308
קאַפּ. 43 אַ קראַנקער אַהיים . . . . . 315
קאַפּ. 44 ליפּעס מיל און ירושלים דליטא . . . 322
קאַפּ. 45 אויף אייגענע פיס . . . . . 329
קאַפּ. 46 „געגוועים" . . . . . . 336
קאַפּ. 47 אַרויס פון די קינדערשע שיך . . . 342
קאַפּ. 48 צום לעצטן מאָל אין ליפּעס מיל — מיין היים . 349

*קאַפּיטל איינס*

## ע ר ש ט ע ט ר י ט

דער זכרון פירט מיך איבער די קעפּ פון ניין און פערציק גוטע און שלעכטע יאָרן צוריק צו דער צייט, ווען גיין אונטערן טיש איז געווען גרינג און גוט, ווען איך האָב גאָר ווינציק באַדאַרפט איינבויגן דעם קאָפּ, כדי אונטערן טיש אַרומצוגיין.

מיין זכרון דערפירט מיך צו מיין צאַרטער מאַמען, ווען איך האָב נאָך צו איר געדעדט מיט מיינע אויגן, אַרויפקוקנדיק צו אירע אויגן — ווייל די ווערטער האָבן ערשט אָנגעהויבן צו בליען אויף מיינע ליפּן.

פירט מיך מיין זכרון אַוועק צום ווינציק-רעדעוודיקן און באמת גוטן טאַטן, ווען ער האָט פון קאָפּ אַראָפּגעכאַפּט זיין יאַרמולקע און מיך אָפּגעשמיסן פאַר נישט-פאַרשטאַנענע עוולות. איך געדענק יענעם געוויין מיינעם, דעם אַזוי-זיסן געוויין. און איך געדענק, ווי די מאַמע האָט מיך אויפן האַנט אַרויפגענומען, געקושט און איינגעשטילט.

איך געדענק זיי, מיינע נישט-פאַרשטאַנענע עוולות, וואָס האָבן אַרויסגערופן שרעק אין פנים פון דער מאַמען, טאַטן און הויזגעזינד — ווייל דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען איך האָב נאָך נישט געהאַט דעם באַגריף, אַז דאָס וואַסער אין אונזער סטאַוו ביים מיל, פון וואַנען איעדער איינציקער האָט געשעפּט צום טרינקען; דער טאַטע האָט געשעפּט מיטן עמער, און די מאַמע, מיט אַ טעפּל אָדער פענדל — האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף שטיין ווייט פון טייך, באשר אַ נישט-גוטער קאָן, חלילה, מיך אַריינציען אין וואַסער אַריין.

געדענק איך די אויגן, וואָס האָבן מיך נאָכגעקוקט. אוי, ווי שטאַרק אין מיר איז געווען די גלוסטונג, וואָס האָט מיך צום וואַסער געצויגן!

— טא–טלא–טא; טא–טלא–טא — קלאַפּט אויס אין מיל... טא–טלא–טא; טא–טלא–טא...

ווער קלאַפּט עס, קלאַפּט עס אין מיל? די גרויסע און קליינע רעדער האָבן געמאַניעט; די אַלע טרייסלער, וואָס האָבן געקלאַפּט און געטרייסלט די בייטלען און די זיפּן — איך קוק און הער. איך בין פול מיט פאַרוואונדערונג.

דער טאַטע, די ברידער, אָפּטמאָל מאַמע און שוועסטער, זענען געווען אויסגעשמירט אין מעל — האָט עס מיך אויך געצויגן אָנצו־נעמען מעל פון אַ זעקל, צי פון אַ ווינקל אין מיל, און ווערן ווייס, ווי דער טאַטע, ווערן ווייס, ווי אַלע גרויסע. אויך פאַר דעם האָט דער טאַטע מיט רער יאַרמולקע אַ שמיץ געטון. געשמאַקער געוויין און גרויסע טרערן. גוט געווען צו ווישן די טרערן איבער דעם פאַרמע־ליקטן פנים.

ביז אַ זיסער שלאָף איז אָנגעפאַלן, די מאַמע האָט אַריינגע־לייגט אין הילצערן וויגבעטל; געוויגט די וויג מיט דער פוס, זינגענ־דיק דערביי:

...איז דער טאַטע געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

איצטער נעמט מיך מיין זכרון ביי דער האַנט און פירט מיך אַוועק צוריק צו יענע ווייטע, ווייטע, גרינע און זומפּיקע לאָנקעס, וואָס האָבן געשפּרייט אין אָנהייב פרילינג אַזויפיל אומרו אין האַרצן, ווייל די גרויסע האָבן אַראָפּגעצויגן די ווינטערדיקע שטיוול, פאַרקאַ־שערט די הויזן איבער די קני און אַוועק בראָדזשען איבער די זומ־פּיקע, פרילינגדיקע לאָנקעס — בעת איך, אַ פאַרבענקטער, האָב זיי נאָכגעקוקט. נישט געוווסט נאָך דעמאָלט, אַז אויך מיין צייט וועט קומען צו פאַרקאַשערן די הויזן איבער די קני און אַ באָרוועסער אַוועק זוכן דעם פערד, די קו, וואָס זענען פלוצלונג ערגעץ פאַר־שוואונדן; אַוועק זוכן שטשאַוועל פאַר דער מאַמען, וואָס האָט צוגע־זאָגט אַ געשמאַקן באָרשט צו קאָכן... אַוועק זוכן אַ ביסל טרוקענע

צווייגן צווישן די אָלשענעביימער און קוסטעס, כדי סע זאָל זיין דער מאַמען גרינגער דעם מאָלצייט אָפּצוקאָכן.

מיין זכרון ברענגט מיך צוריק צו די ביימער אַרום מיל, ווען אויף די ביימער האָב איך נאָך געקוקט, ווי אויף מיינע ברידער און שוועסטער, טאַטע און מאַמע: די הויכע, גלייכע, טונקלשטאַמיקע אָל־שענע ביימער — זיי האָב איך באַטראַכט פאַר טאַטעס, פאַר עלטערע ברידער; און די ווערבעס אַנטקעגן אונזער מיל, ווערבעס ברייט־צע־צווייגטע איבערן סטאַוו אַריבערגעבויגן — זיי זענען געווען ביימער־מאַמעס, ביים זייט מיט עלטערע שוועסטער. די ווערבעס האָבן אַראָפּגע־האָנגען זייערע צווייגן, געוואַשן זיי אין סטאַוו; געשפּיגלט זייערע גרינע קעפּ אין רויקן וואַסער פון סטאַוו.

האָב איך אויך געגלוסט מיטצוקוקן מיט די ביימער אין וואַסער אַריין. ווייל ערשט שפּעטער איז אָנגעקומען דער חשק צו קלעטערן אויף דידאָזיקע ביימער־טאַטעס און ביימער־מאַמעס. ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען: וואָס פאַר אַ בוים האָט ליב, מען זאָל אויף אים קלעטערן. אַזאַ בוים בויגט איין זיין וווקס, ער שפּרייט אויס זיינע צווייגן, איך זאָל קאָנען זיי דערגרייכן און מיט די הענטלעך אַרומנעמען. גוטע ביימער זענען די ביימער־מאַמעס, צעגראַבלען מיך נישט, בעת איך קלעטער אויף זיי.

יאָ, דאָס איז געקומען שפּעטער, ווען מען האָט מיך שוין נישט באַדאַרפט אַזוי שטאַרק היטן; ווען איך האָב שוין מיין לשון געהאַט; ווען איך האָב שוין פאַרשטאַנען אָנצושעפּן וואַסער אין טייך פאַר דער מאַמעס וועגן — ווען די מאַמע, אַפילו ווינטער אין קנאַקעדיקן פראָסט, האָט שוין פאַרשוויגן, ווען אַ באָרוועסער בין איך אויף דרויסן אַרויס, כאַפּן אַ גליטש אויפן פאַרפרוירענעם סטאַוו, אַנטקעגן שטוב.

דער זכרון פירט מיך אָוועק ביז צום רויטן האָן מיט באַוואַק־סענע פיס, וואָס האָט מיך עטלעכע מאָל אַ פּיק געטון אין סאַמע בויך, ווען איך בין אומגעגאַנגען אין איין העמדעלע. און דאָס העמ־דעלע אָן אויסגעוואַקסנס. איך האָב דעריבער פאַרן האָן מורא געהאַט, בעת ער האָט אויסגעצויגן זיין האַלז, אַ פּאַטש געטון מיט די פליגל און אַרויסגעלאָזן זיין קו־קו־רע־קא־ראא. טאַקי אין שטוב האָט ער עס געטון, ווייל די עופות זענען געווען געסט אין שטוב.

איך האָב אויך מורא געהאַט פאַרן קאַטשער, וואָס האָט מיך

עטלעכע מאָל נאָכגעיאָגט און אַ ביס געטון אין פוס. פאַר זיין היי־זעריקן קוואַ–קוואַ האָב איך מורא געהאַט.

דער זכרון טראָגט מיך איבער די קעפּ פון דערוואַקסענע יאָרן און ברענגט מיך צו דער צייט, ווען פריילעכקייט איז געווען אין שטוב, באשר פרעמדע מענטשן זענען אָנגעקומען; מענטשן אַנדערע ווי אונזעריקע, רעדן אַ לשון, וואָס איך פאַרשטיי גאָרנישט. זיי קו־מען מיט וועגענער און פערדלעך; ברענגען אין די וועגענער זעק מיט תבואה; טראָגן אויף די פּלייצעס אַראָפּ די זעק אין מיל אַריין. דעמאָלט איז דאָס פּנים פון מיין שווייגעוודיקן טאַטן גוט און רע־דעוודיק. דעמאָלט ווערט די צאַרטע מאַמע אויפגעמונטערט. זי קושט די קינדער. זי לאַכט און כאַפּט אונטער אַ ניגון; זי וויל, עמעצער זאָל מיט איר מיטזינגען.

געדענק איך, ווי דעמאָלט האָט עס געראודערט אין מיל. דאָס וואַסער לאָזט מען אויף די רעדער, דאָס וואַסער רוישט אונטער די רעדער, די רעדער דרייען, דרייען און שעפּן דאָס וואַסער און גיסן דאָס וואַסער אַראָפּ — די מיל גייט! די מיל קלאַפּט. דער מעל־שטויב איז פול אומעטום. אַלע, אַלע זענען אין מעל אויסגעשמירט. עס שמירן זייערע לאַנגע בגדים אויס די פרעמדע מענטשן, וואָס זע־נען אָנגעקומען מיט זייערע וועגענער און פערדלעך.

פאַרוואָס פאַרשטיי איך נישט זייערע רייד? און דער טאַטע און די מאַמע, די עלטערע ברידער און די עלטערע שוועסטער — פאַרוואָס קענען זיי רעדן מיט די פרעמדע מענטשן?

איך געדענק, אַז דידאָזיקע פריילעכקייט איז שטענדיק אויסגע־קומען, ווען דרויסן איז שוין נישט אַזוי קאַלט געווען: די פענסטער זענען געוואָרן דורכזיכטיק, איך האָב געקענט אַרויפקלעטערן אויף דער שלאָף־באַנק און אַרויסקוקן דורכן פענסטער און זעען, אַז דער שניי איז שוואַרץ געוואָרן. דעמאָלט האָבן אומעטום וואַסערלעך גע־רונען און געמורמלט. דעמאָלט האָבן די ביימער אויסגעצויגן די צווייגן צום דרויסן און אַ ווינט האָט געבלאָזן און געפייפט צווישן זיי.

פרילינג איז דאָס געווען. איך זע איצטער יענע פרילינג־טעג, ווען דאָס בייקענע העמדעלע אויפן לייב איז געוואָרן איבעריק, און די באָרוועסע פיסלעך האָבן געוואָלט אַרויס אויף דרויסן און טענצ־לען אין די קאַליוזשעס אַנטקעגן פענסטער. יענע מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט וועגענער און פערדלעך, געבראַכט זעק מיט תבואה

געמאַכט, אַז די רעדער זאָלן אָנהויבן צו דרייען; געמאַכט, טאַטע־מאַמע, שוועסטער ברידער זינגעוודיק, רעדעוודיק און גוט איינס צום אַנדערן — יענע מענטשן האָבן האָלד געהאַט דעם יינגסטן מיטן פּלאַסקן קעפּל — יאָ, זיי האָבן ליב געהאַט מיך אַ נעם טון אויף די הענט, אַ שליידער טון צום פּאָלאָפּ — אַט, אַט שלאָג איך אָן מיין קאָפּ אין פּאָלאָפּ. איך האָב מורא. טאַטע מאַמע לאַכן, און דער פּרעמ־דער מענטש, וואָס וואַרפט מיך אויף זיין קאָפּ אַרויף, ער איז אַזאַ גרויסער, אַזאַ שטאַרקער, מיט אַזאַ האָריקן, שטעכעדיקן פּנים... איך האָב מורא, און טאַטע־מאַמע לאַכן. פאַרשטיי איך נישט, וואָס זיי זענען צופרידן און לאַכן. ווייס איך נישט, צי איך זאָל לאַכן, צי איך זאָל וויינען.

סוף־כּל־סוף הויב איך אָן צו וויינען, צי די הענטלעך צו דער מאַמען, וואָס באַרואיקט מיך. זי האַלזט מיך: זי הויבט מיך אָן צו קיצלען, און איך הויב אָן צו לאַכן, צום פאַרגעניגן פון אַלע מענטשן אין שטוב.

דער זכרון פירט מיך אויף אַוועק צו יענע טעג, ווען די מיל איז אַנטשוויגן געוואָרן. די רעדער שטייען, דאָס וואַסער שטיל. טאַטע־מאַמע זענען אומעטיק. שוועסטער, ברידער — רעדן ווינציק. איך אַליין פאַרקריך אונטערן בעט; איך אַליין פאַרקריך ערגעץ הינטערן אויוון, אָדער גאָר אין קאטוך אַריין אונטערן באַק־אויוון. הויב אָן וויינען — אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס.

און אָט דערפירט מיך מיין זכרון צום ערשטן באַוווסטזיין: בלוט רינט פון מיין פינגער, פאַרקלעמט דעם געוויין, וואָס האָט מורא אַרויסצוקומען פון די אויגן אַרויס.

איך געדענק, ווי אַזוי בלוט האָט געראונען פון פינגער: דער טאַטע און ברודער זענען אין די קליידער אַריין אין וואַסער און פון דאָרטן אַרויסגעבראַכט די פיש, וואָס די מאַמע האָט מיר אַ סך מאָל אויף זיי אָנגעוויזן אין סטאַוו. דער טאַטע און ברודער זענען אַרויס אַזעלכע נאַסע פון טייך, האָבן אַריינגעבראַכט דידאָזיקע פיש אין שטוב אַריין: אויסגעשאָטן פון אַ זאַק אויף דר׳ערד. געווען אַ פיש, אַ לאַנגער אַזאַ, וואָס ליגנדיק צווישן קירצערע — האָט ער געעפנט זיין מויל און פאַרמאַכט: געעפנט און פאַרמאַכט. האָב איך אַ פינגער אַריינגעשטעקט דעם פיש אין מויל. האָט ער צוגעמאַכט זיין מויל, איינגעביסן, און מיר האָט עס וויי־געטון. איך האָב געשריען, געשלעפט דעם פינגער און דעם פיש מיטגעשלעפט. די מאַמע איז אָנגעקומען

אויף מיין געשריי, האָט מיין פינגער אַרויסגענומען ביים פיש פון מויל. פון אים האָבן רויטע טראָפּן געטריפט. האָב איך פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן צו קוקן אויף בלוט מיט שרעק.

איך הער און נעם אויף צום ערשטן מאָל די ריחות פון פרי־לינג, בשעת די ביימער אַרום מיל ווערן גרין, גרין און זיי בליען. מען ברעכט דעמאָלט צעבליטע צווייגלעך, מען ברענגט זיי אין שטוב אַריין. מיין עלטערער ברודער טוט עס. מיין עלטערע שוועסטער — זי קומט פון צווישן די ביימער אַרויס מיט שמעקעדיקע צווייגלעך; זי דער־לאַנגט מיר די בלומען צום נאָז און לערנט מיך, ווי אַזוי צו ציען טיף דעם ריח אין נאָז אַריין. איך שמעק און ס'איז אַזוי גוט אין נאָז.

איך געדענק אויך, ווי איך בין צום ערשטן מאָל מקנא די עלטערע, וואָס קענען אַלץ, וואָס מעגן אַלץ — וואָס מעגן אויפהויבן אַ האַק און האַקן אין אַ בוים אַריין; מעגן נעמען אַ שאַרפן מעסער און אויפ־שניידן אַ גרויסן, גאָר גרויסן ברויט, פון וועלכן איך קריג אויך אַ פּעניצל. איך בין זיי מקנא אין שטוב, בין זיי מקנא אין מויל. בין מקנא די ביימער אַרום און זייער הויכן וווקס, זייער שטאַרקייט. איך נעם אַרום אַ בוים און וויל אים אַ שאָקל טון. אַזוי שווער איז מיר אַרומצונעמען אַ בוים.

אַזוי הויב איך אָן צו וואַקסן מיט דעם דרויסן אַרום. אַזוי הויב איך אָן צו ווערן אַ טייל פון דעם דרויסן. איך הויב אָן צו רעדן און רוף אָן זאַכן ביים נאָמען. די ווערטער זענען שוין אויף די ליפּן און זיי קומען אַראָפּ, ווען נאָר איך וויל עס, ווען נאָר איך באַדאַרף עס. עס ווערט מיר אויך די מיל פאַרשטענדלעכער. עס ווערט מיר אויך פאַרשטענדלעכער איעדער איינער פון די מענטשן אין שטוב. טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער און צווישן זיי — אַ זיידע, מיין טאַטנס טאַטע, וואָס ווערט שפּעטער מיר אַ חבר גאָר, אַ מיטשטי־פער גאָר.

עס קומט אונטער די צייט, ווען די מאַמע הייסט שוין, איך זאָל אַ קוואָרט וואַסער אָנשעפּן אין סטאַוו — נאָר זי האַלט מיך פאַרן העמדעלע, איך זאָל, חלילה, נישט אַריינפאַלן אין וואַסער אַריין. עס קומט די צייט, ווען דער טאַטע זאָגט מיר שוין אַ פּאָר ווערטער, ווי צו איינעם, וואָס פאַרשטייט. ער הייסט מיר אַמאָל אַריינטראָגן אַ האָלץ אין שטוב אַריין, געבן דער מאַמען, זי זאָל אַריינלייגן אין אויוון אַריין. דער טייך איז מיר שוין נעענטער און אייגענער. די ביי־

מער — נאָך נעענטער און פאַרשטענדלעכער. איך דערקען די פייגל, וואָס זענען אינערגעצן אַוועקגעפלויגן און זענען ווידער פונערגעצן געקומען; פליען און זינגען צווישן אונזערע ביימער.

פרילינג, זומער, ווינטער און האַרבסט — אַלץ ווערט אַ טייל פון מיר. אַ היים איז מיר די וואַסערמיל, וווּ איך געבוירן געוואָרן, ציטעריק און רוי געוואָקסן, און וואָס איז ביז מיין צוואַנציקסטן יאָר מיין היים געווען — — —

— ווּ איז זי, דידאָזיקע מיל געווען? אין וואָס פאַר אַ לאַנד? אין וואָס פאַר אַ שטאָט, אָדער שטעטל? ביי וואָס פאַר אַ טייך? ביי וואָס פאַר אַ וואַסער?

און טאַטע און מאַמע; שוועסטער און ברידער; און זיידעס און באָבעס און פעטערס און מומעס — — — און פויערים און פויערטעס; קאַטשקעס און הינער; פערד און קי און אַ ערד, וואָס איז זומפיק און גרין געווען זומער; זומפיק און קאַלט געוואָרן אין האַרבסט און אונטערן שניי באַהאַלטן דורך אַ שורה ווינטערטעג — — —

ווּ איז דאָס אַלץ געווען און געשען?

אוי, ווי שווער ס׳איז איצטער איבערצודערציילן

אוי, ווי ליב ס׳איז איצטער מיר פון דעם צו דערציילן...

קאַפּיטל צוויי

# ליפּעס מיל

צווישן ביאַליסטאָק און בריסק און צווישן די צוויי קלענערע שטעט: ביעלסק און ווּיסאָקאָ-ליטאָווסק — אין אַמאָליקן רוסלאַנד און איצטיקן פּוילן — וואַקסט נידעריק ביי דער ערדלעך, אַ קליין שטעטעלע קלעשטשעל. מיט אַ קיילעכדיקן מאַרק אין מיטן, מיט יידישע קליימן אַרום מאַרק. געסלעך קומען אָן פון מאַרק מיט יידישע הייזלעך שפּעטער ציען אַוועק די געסלעך ביז צום פעלד אַרויס — צו די נישט-יידישע שטיבלעך מיט שטרויענע דעכער. איין בית-המדרש האָבן יידן אין שטעטעלע.

ביי דריי קילאָמעטער, אָפּגעצויגט אין אַ זייט פון שטעטל, איז געשטאַנען ליפּעס מיל. די מיידלעך און בחורים פון שטעטל זענען זומערלעב געגאַנגען שפּאַצירן צו ליפּעס מיל. דער וועג האָט געצויגן פון שטעטלשן מאַרק אַרויס דורכן רבס גאַס, דורך נישט-יידישע געסלעך; שפּעטער איז דער וועג אַוועק צווישן גערטנער און גאָר שפּעטער — צווישן זומפּן; איבערגעשניטן דעם הויכן, אויפגעשטאַנענעם וועג פון דער דרום-מערב אייזנבאַן, און אַזוי-אַרום האָט דער וועג ווייטער געפירט צווישן אָלשענע און ווערבע-ביימער; לינקס—אַ סטאַוו; רעכטס — זומפּן און געדיכטע קאַרטשעס, ביז עס האָט פון צווישן די ביימער באַוויזן דעם שינדלנעם דאַך — ליפּעס מיל. ווייטער פון ליפּעס מיל איז קיין וועג נישט געווען. דער בריק איבערן טייך,ביים מיל, האָט אַריבערגעפירט צו די לאַנקעס אויף מיילן-ווייט.

מיין טאַטע, ליפּע, — אַ וואָרצלדיקער, מיטלוווקסיקער, מיט אַ קופּער-קאָלירענער, געדיכטער און שווערער באָרד — ער איז געווען

אַ שווייגער. זיינע בלויע אויגן האָבן דאָך מיט גוטסקייט פאַרלייקנט זיין שווייגן. כאָטש אין מיינע קינדער־יאָרן איז ער געווען ווייט אַרי־בער פופציק יאָר, — האָט ער צו מיר אויסגעזען יונג, — צוליבן זיידן, זיין טאַטן, וועמען ער האָט גערופן טאַטע.

מיין זיידע יהושע — כאָטש דעמאָלט שוין קרוב צו הונדערט יאָר — איז ער געווען גלייך, רירעוודיק און מיט אַ בלאָנד בערדל. ער איז געווען רעדעוודיקער פון טאַטן. שטענדיק איז ער אומגעגאַנגען מיט אַ ניגעלע.

מיין טאַטע, מיין זיידע, — זיי האָבן מיר ווי געזונטעביימער אויסגעזען. מיין מאַמע שיינע,–אָדער שיינדל, ווי דער טאַטע האָט זי גערופן, — זי איז געווען ווי אַ בויגיק ריטעלע; שמאָל־פּנימדיק מיט גוטע, טונקעלע אויגן און טונקעלע האָר. ס'האָט מיר געחידושט, ווי זי — גאָרנישט אַזוי שטאַרק — און ווי זי טוט אַ גאַנצן טאָג, קאָכט און וואַשט און שלעפּט שווערע זאַכן. דעריבער האָט עס מיר אין די גאָר יונגע יאָרן אונטערגעזאָגט אַ געפיל, איך זאָל דער מאַמען העלפן; איך זאָל העלפן איר טראָגן דעם עמער וואַסער אין שטוב אַריין; אונטערטראָגן אַ האָלץ, ווען זי האָט געטראָגן האָלץ אין שטוב אַריין.

די שטוב איז געווען אינאיינעם מיט דער מיל. אַרייַנגיין אין שטוב איז מען געגאַנגען דורכן מיל. אַ וואַסערמיל. דעריבער איז אונזער שטוב געשטאַנען אויף סלופּעס איבערן וואַסער. אַז די מיל איז געגאַנגען, דאָס וואַסער פון סטאַוו איז אָנגעקומען דורך די אָפּע־נע זאַסטעווקעס, געפאַלן אויף די לאָפּעטקעס פון די רעדער, און די מיל איז אַוועקגעגאַנגען — האָט דאָס וואַסער געראַשט אונטערן שטוב. אַלע ווענט האָבן געציטערט, ווען די מיל האָט פרייִלעך געקלאַפּט. וואַסער־גערויש, וואַסער־געמורמל איז שטענדיק געווען אונטערן שטוב, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי חדרים: אַ שטוב מיט אַ קאַמער, אָפּגעצאַמט איינס פון אַנדערן מיט אַ וואַנט־אויוון, וואָס האָט אין ווינטער געוואַ־רעמט די שטוב; און מיט אַ באַקאויוון, וואָס יעדן פרייטיק האָט מען אים געהייצט צוויי מאָל. די פענסטער זענען אַרויסגעקומען צום טייך און צו די לאָנקעס.

פון די גרויסע קינדער אין שטוב — איז געווען מיין בלאָנ־דער, פאַוואָלעדיקער, זייער פרומער ברודער קלמן; די לעבעדיקע, ספּריטנע שוועסטער בעבל, און נאָך איר — מיין ברודער משה — וואָס האָט די מיל ליבער געהאַט מער פון חדר, און דערפאַר האָט

דער טאַטע אויף אים אָפּטמאָל געקוקט מיט ברוגז. מיין עלטסטער ברודער בנימין-חיים, אַ הויכער מיט אַ בלאָנדער באָרד, – ער האָט שוין דעמאָלט געלעבט אין שטעטל מיט זיין ווייב און קליינע קינדער.

פון שטעטל האָט מען ביי אונז אין שטוב נישט גערעדט קיין סך. דאָס שטעטל איז געווען פאַר אונזעריקע אַ פרעמדע וועלט. די שטעטלשע מענטשן — גרויסהאַלטער. דאָרפישע פויערים און אַ סך פון די אַרומיקע באַלעגופים – זיי האָבן צום מיינסטן געבראַכט צו אונז אין מיל אַריין זייער תּבואה צו מאָלן, און פון זיי האָט מען געצויגן חיונה. כאָטש פון צייט צו צייט האָבן שטעטלשע מעל-קרע־מער דעם טאַטן געגעבן אַ ביסל ווייץ צו בייטלען.

אונזער מיל מיט אירע צוויי גרויסע וואַסער-רעדער האָט נאָר געלעבט אין פרילינג, ווען דער שניי האָט געלאָזן, און וואַסער איז געווען לרוב; ווען פון אַרומיקע דערפער האָבן פויערים געבראַכט זייערע ווייצן און קאָרן צום מאָלן אויף ברויט און מאַכן געבייטלטע מעל אויף יום-טוב. אין האַרבסט, ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו רעגענען – האָט קיין וואַסער אין אונזער טייך נישט געפעלט. ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען דער זומער, האָט אונזער טייך באַהאַלטן זיין שטראָם צווישן די ברעגעס. דער סטאַוו איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט וואַסער־קווייטן, בלויז אַ פאָר שעה אין טאָג איז די מיל געגאַנגען.

ווינטער, ווען דער אַרום איז געווען פאַרקאָוועט אין אייז, פאַרווייעט מיט שניי – דעמאָלט האָט די זאָרג אַריינגעדרונגען אין אונזער היים, און אַלע אין הויז זענען אַנטשוויגן געוואָרן. צוויי גאַנץ באַזונדערע לעבנס קומען אויף פאַר מיין זכרון, וויקלען איין מיינע ערשטע קינדער-יאָרן: דאָס ליכטיקע, זומערדיקע לעבן אין שטוב און אַרום שטוב, און דאָס שווייגעוודיקע, ווינטערדיק לעבן דרויסן און אין שטוב.

אין אָנהויב זומער האָבן פערד און קי, הינער און קאַטשקעס אויפגעמונטערט דאָס לעבן אויפן דערבייאיקן גראָז און וואַסער; אין די קאַרטשעס און אין די ביימער – אַזוי האָט אויך דער זומער אויפגעמונטערט איעדן ביי אונז אין שטוב. דער זיידע, וועמען עס האָט אין די ווינטער-טעג רק געצויגן צו קלעטערן אויפן וואַרעמען באַק-אויוון — ווי דער זומער איז אָנגעקומען, איז ער געוואָרן אַ גוטער ברודער מיטן דרויסן. די ענגשאַפט פון שטוב איז אַרויס צום דרויסן; אויפגעלעבט געוואָרן מיטן פרייען דרויטן. זומערלעב האָט

שוין אַלעמען געצויגן צו שלאָפן ערגעץ אונטער אַ בוים, צי גאָר אויפן בוידעם איבערן שטאַל אין די שמעקעדיקע היי. מען האָט גע-טרונקען וואַסער מיטן מויל פון טייך; געקליבן שטשאַוו פון צווישן די גראָזן, געלייגט אין מויל אַריין און געקייט. ס׳האָבן אויפגעבליט די וויינפּערלעך, מאַלינעס — האָט מען געציילט יעדן בליט און נאָכ-געקוקט יעדן וויינפּערל, וואָס האָט צוגעזאָגט אַ ביסל פריער צייטיק צו ווערן. די מאַמע איז ווינציקער געשטאַנען ביים קוימען. די קו האָט געגעבן מילך. די הינער געלייגט אייער. פויגל פון ווייטע לענ-דער זענען אָנגעקומען, און מען האָט דערקענט יעדן פויגל באַזונדער נאָך זיין טשוויטשערן.

געקומען דער באָטשאַן און אויפגעזוכט צווישן די אַלשענע ביי-מער איבערן סטאַוו זיין פאַראַיאָריקע נעסט. זיין קלימפּערן מיטן שנאָבל האָט שטענדיק מודיע געווען זיין קומען. יעדערער האָט גע-וואָלט זען צום ערשטן מאָל דעם באָטשאַן דווקא אַ פליענדיקן, אָדער כאָטש אַ גייענדיקן — כדי דאָס מזל זאָל זיין פליענדיק, אָדער גיי-ענדיק. חלילה צו זען דעם באָטשאַן צום ערשטן מאָל אַ שטייענ-דיקן אויף איין פוס: ס׳מזל איז שוין דעמאָלט אַ גאַנץ יאָר געווען אַ שטייענדיקס, אַ פאַרשלאָפנס.

אין די ערשטע פּאָר יאָר פון מיין לעבן בינדט מיך דער זכרון שטאַרקער מיט זומער-טעג. איינאיינעם מיט דעם אָרום, מיט דיביימער און מיט דעם אויפגעלעבטן טייך בין איך געוואַקסן. דער וואַרעמער דרויסן האָט געצויגן, און עס זענען געווען אָן אַ שיעור קליינינקייטן צו באַטראַכטן. געווען גרינגער נאָכצוטון די גרויסע. זיי — באָרוועס, איך — אויך באָרוועס. זיי זענען רעדעוודיק, און איך פּלאַפּל אויך מיט.

דער ווינטער, וואָס האָט געשמידט שטילשווייגן אָרום אונז, אין אונז, ווינטערדיקן זאָרגן, קינדערשע קראַנקהייטן — דאָס אַלץ האָב איך אָנגעהויבן שפּעטער צו באַגרייפן. אַז אַ מילנער באַדאַרף אַמאָל קויפן מעל אויף שבת, באשר די מיל שטייט, קיין וואַסער נישטאָ, און ס׳איז נישטאָ קיין פּאָר גראָשן צו קויפן ליכט אויף שבת — פאַר מיין גאָר יונגן לעבן איז דאָס נאָך געווען פאַרבאָרגן. איך בין גע-שלאָפן מיט דער מאַמען אין בעט; געדענק איך נאָר, אַז ווינטער איז געווען קאַלט אַפילו אונטערן צודעק, און ס׳איז געווען ליב צו זיכן וואַרעמקייט ביי דער מאַמעס לייב.

דער ווינטער איז געלעגן פונקט אַנטקעגן די פענסטער. דער סטאַוו פאַרפרוירן. אַנטקעגן די פענסטער — אַ שניי־באַרג, וואָס יעדן פרימאָרגן גראָבט מען אים פאַנאַנדער, כּדי גרינגער אַרויסצוקומען צום דרויסן. די מענטשן אין שטוב זענען שטאַרק פאַרהאָרעוועט. די וואַסער־רעדער ווערן פאַרפרוירן און מען האַקט פון זיי דעם אײַז אַראָפּ. די קײַלעכדיקע לאָך אין אײַז פון סטאַוו פאַרן שטוב, פון וואַנען מען שעפּט וואַסער פאַרן שטוב — זי ווערט איבערנאַכט פאַרפרוירן, און יעדן אינדערפרי באַדאַרף מען ווידער דעם אײַז איבערברעכן, כּדי מען זאָל קענען וואַסער שעפּן. אינדערפרי גייט מען וואַשן הענט און פּנים אין דעם דורכגעבראָכענעם אָרט אין אײַז און מען אײַלט מיט נאַסע הענט און פּנים אין שטוב אַרײַן.

איך געדענק, ווי איך האָב געבעטן מײַן שוועסטער בעבל, זי זאָל מיך צואָפּבויגן צו דער לאָך אין אײַז, איך זאָל אָננעמען מיט די הענטלעך וואַסער און טראָגן צום מויל. אַלץ אָפטער האָט געטראָפן, וואָס איך בין מיט באָרוועסע פיסלעך אַרויסגעלאָפן אויפן שניי.

איך געדענק פון די נאָך גאָר פריע יאָרן, ווי עס האָט אויפגעלעבט די שטוב פרײַטיק־צונאַכטס. אַ גאַנצן טאָג איז די מאַמע באַריהש פאַרטון מיט דער שטוב. די מאַמע האָט אין די אויוונס געמאַכט גרויסע פײַערן. די עלטערע קינדער ברענגען פון ערגעץ טרוקענע האָלץ, און דער מאַמעס פּנים לויכט, ווען זי וואַרפט די העלצער אין באַק־אויוון אַרײַן. איר פּנים לויכט אַנטקעגן די פײַערן, ווען זי שאַרט אַרויס די הייסע קוילן פון אויוון. ס'איז נאָך געווען צו פרי פאַר מיר צו פאַרשטיין, ווו מען באַקומט די טרוקענע העלצער, וואָס דער מאַמע פאַרשאַפט עס אַזויפיל פרייד.

אָט זע איך דעם פרײַטיק־צונאַכטס, דאָס גרייטן צום טיש. דער טיש מיט אַ ווײַסן טישטוך פאַרשפּרייט. די מענער דאַווענען. די מאַמע בענטשט ליכט. דער טיש איז געגרייט מיט שבתדיקע מאכלים. אינמיטן עסן פאַרציט מען זמירות. דער זיידע יהושע מאַכט מיט דער האַנט, ער זינגט, און אַלע, פון טאַטן ביז צו די עלטערע קינדער, זינגען אים נאָך. דער זיידע מאַכט צו מיר מיטן פינגער, איך זאָל זינגען; און איך זיץ בײַ דער מאַמען אויפן שויס — איך וויל זינגען און קען נישט.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אַז איך האָב שוין געקאָנט אונטער־כאַפּן אַ ניגון אַליין; ווען איך בין געזעסן ביים זיידן אויף די קני, געגלעט זיין געל בערדל, בשעת ער האָט מיר געלערנט זיינע ניגו־נים; דעמאָלט, ווען איך האָב אים גאָר געפּוּנען מיין חבר — דעמאָלט האָב איך שוין באַגריפן צו פאַרגלייכן זיין געשטאַלט צום איין־און־איינציקן אַלטן קאַרשן־בוים, וואָס איז געוואַקסן הינטערן שטאַל. שפּעטער איז צייטיק געוואָרן דער שכל אָפּצושיידן פון זיידן ביזן טאַטן; פאַרשטיין די עלטערע ברידער און שוועסטער — ביז צום פאַרשטיין די וועלט, אין וועלכער איך שפּראָץ.

פון יענער צייט ליגט אין מיין זכרון דער טויט פון ברודערל הירש־יודעלע. אַט זיץ איך אויפן באַק־אויוון. שלעכט איז מיר. דער קאָפּ טוט וויי. אין האַלז שטיקט. און אונטן, אויפן דיל, ליגט אַ צו־געדעקטער מיין ברודערל, און ביי אים צוקאָפּנס ברענען ליכט. די ליכט אויף דער ערד האָבן געברענט. און דערביי די מאַמע און די שוועסטער וויינען אויפן הויכן קול.

פון דעמאָלט אָן בין איך ציטעריקער געוואָרן. אַז דער קאָפּ האָט ביי מיר אויפגעהערט וויי צו טון, אין האַלז איז גוט געוואָרן — האָט דער טאַטע מיך גענומען אויף דער האַנט און געהאָצקעט; די מאַמע האָט מיט אַזויפיל פרייד אין פּנים און אין די אויגן צו מיר אַרויפגע־קוקט. דעמאָלט האָט דער טאַטע צו דער מאַמען מיט אַ סך גוטסקייט געקוקט.

דער באַן, וואָס איז געלאָפן אַנטקעגן אונזערע פענסטער, ביי אַ פערטל קילאָמעטער פון שטוב — פאַר אים האָב איך די ערשטע צייט געהאַט מורא. ס׳איז אויסגעקומען, אַז דער לאָקאָמאָטיוו האָט שטענדיק אַ פייף געטון, אַרויסקומענדיק פון אַ וואַלד, אין אונזער געגנט אַריין. דער פייף האָט מיך איבערגעשראָקן, דער שטאָלענער גערויש האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ פּחד. אין דרויסן זייענדיק, אַז דער באַן איז אָנגעקומען, האָב איך מיר געלאָזט לויפן אין שטוב אַריין.

האָב אויסגעלערנט זייער פרי צו עסן מיט דער אייגענער היל־צערנער לעפל, מיט וועלכער די גרויסע האָבן געגעסן. דער טעם פון ראַזעווון ברויט איז מיר געבליבן אין מויל נאָך פון דער צייט, זינט די מאַמע האָט מיר אַריינגעשטעקט אין מויל אַריין אַ סיסקע פון אַ

שטיקל ברויט מיט צוקער, אין אַ שמאַטקע איינגעוויקלט. שפּעטער איז געווען אַ גרויסע הנאה איינצובייסן אַ סקאָרינקע מיט די אייגענע ציינער.

און אָט הער איך צום ערשטן מאָל דאָס וואָרט — חדר. ער־גערץ אין שטעטל איז ער, דער חדר. אַהין גייט מיין עלטערער ברו־דער, משה, אַוועק יעדן אינדערפרי, און קומט צוריק פאַרנאַכט. אַזוי זומער, אַזוי ווינטער. ער קומט צוריק אַן אומעטיקער. ער וויל נישט עסן, אַז די מאַמע גיט אים. די מאַמע שפּילעט אָפּ זיינע הויזלעך, באַטראַכט זיין נאַקעט לייב; זי רופט צו דעם טאַטן, און באַווייזט אים שוואַרצע צייכנס ביים ברודער אויפן לייב. די מאַמע וויינט דערביי. דער טאַטע ווערט ברוגז.

ערשט שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז אין חדר איז דאָ אַ רבי, וואָס הייסט מאַטעס, און ער מאַכט עס מיין ברודער משהס לייב ברוין־און־בלוי. די מאַמע ווייזט אָן אויף מיר און זאָגט: פּרצן וועט זי נישט אָפּגעבן צום גזלן מאַטעס.

מיין ברודער משה איז מיט פיר יאָר עלטער פון מיר. מסתמא בין איך דעמאָלט דריי יאָר אַלט געווען, און איך האָב שוין אָנגע־הויבן צו באַגרייפן, אַז מיך וועט מען אויך אין שטעטל אַריינפירן, און דאָרטן וועט מען מיין לייב אויך מאַכן ברוין־און־בלוי.

מיין ברודער קלמן גייט שטענדיק אום אַ פאַרמעליקטער. ער שלעפּט אויפן פּלייצע גרויסע, שווערע זעק מיט תבואה. איך זע אים ווינטער אַן אַרומגעוויקלטן, אָנגעפּעלצטן, און ווי ער האַקט, האַקט די פאַרפרוירענע מיל־רעדער. אייז שפּריצט און פאַלט אויף אים פון די רעדער...

מיט אַ סך גוטסקייט נעמט מיך קלמן אויפן האַנט, טראָגט מיך אויפן בוידעם אין מיל; ער באַווייזט מיר, ווי די קערנער רינען פון קויש אַרויס און פאַלן אַראָפּ צווישן די שטיינער. ער נעמט מיין פינגער און לייגט צו צום קלאַפּערל, וואָס קלאַפּט און טרייסלט די קאָ־רעטקע אונטערן קויש און מאַכט, אַז די קערנדלעך זאָלן רינען.

מיין עלטערע שוועסטער בעבל — זי נעמט מיך אַרויס אין די קאַרטשעס און לערנט מיך צו דערקענען אַ צייטיקע סמאָראָדינע און צייטיקע וויינפּערלעך. זי נעמט מיך מיט אין טייך אַריין, ווען זי גייט אַראָפּ צום וואַסערפאַל פון אונטער די רעדער; זי פאַרקאַשערט די פיס

און גייט טיף אין וואַסער. זי טונקט איין מיינע פּיס, און איך האָב מורא, קריך צו איר אויפן אַקסל אַרויף.

איך ווייס: מיין טאַטן רופט מען ליפּע דער מילנער. מיין היים — איז ליפּעס מיל, ווו איך וואַקס, ווי אַ בוימעלע צווישן ביימער. איך זע מיין געשטאַלט אין וואַסער — גלייך מיט די ווערבעס פון שטוב.

## קאפיטל דריי

# אייגן בלוט

איך הויב אָן צו דערקענען איעדן איינעם פון די דערוואַקסע-נע — איעדן איינעם און זיין טבע:

דער טאַטע האָט אַ טבע אַבי-וואָס אין כּעס צו ווערן. זיין ברוגז האַלט אָן אַ קליינע ווילע. איך דערקען אָן דעם, וויאַזוי ער זוכט די פּושקעלע שמעק-טאַבאַק; וויאַזוי ער נעמט אָן דעם טאַבאַק צווישן די צוויי פינגער; וויאַזוי ער ציט דעם טאַבאַק אין די נאָז-לעכער אַריין — יאָ, פון דעם פאַרשטיי איך, צי ער איז גוט, צי ער איז אין כּעס. סיי זיינע פריידיקע געפילן און סיי זיין פאַרדראָס האָט ער באַוויזן דורך זיין טאַבאַק שמעקן. איז ער אין כּעס-שטאָפּט ער דעם טאַבאַק צוויי מאָל אין דעם אייגענעם נאָזלעכל. אויף גיך טוט ער עס. איז אים גוט — טוט ער עס בהרחבה. באַקומט אָפּט-מאָל אַרויס דעם גאַנצן פּעקל טאַבאַק, גראָבט איין טיף די צוויי פינגער אין פּעקל, פּאַוואָליע לייגט ער אַריין דעם שמעק-טאַבאַק פרי-ער אין איין נאָזלעכל, דערנאָכדעם אין צווייטן. ער האַלט נאָך דער-ביי אַביסל צוגעמאַכטביידע אויגן און האָט הנאה...

ער האָט אויך אַ טבע צו זוכן חסרונות אין יענעמס אַרבעט, כאָטש איך דערקען, אַז די קינדער פאַרשטייען אין מיל אַזוי גוט ווי ער און אַמאָל נאָך בעסער. קרעפּטיק איז ער. שווערע זעק מיט תבואה טראָגט ער פון וואָגן אין מיל אַריין און פון מיל — אַרויף-טרעפּ צום קויש. דאָס קאָנען אויך די ייגגערע גאַנץ גוט. משאות צו דזשוויגען קומט קיינעם נישט אָן צו שווער. אַפילו דער זיידע נעמט אָן אַ גאַר-נישקשהדיקע מאַסע אויף דער פּלייצע און טראָגט אויפן בוידעם.

די מאַמע האָט זייער ליב דעם דרויסן. זי פֿאַרגעסט נישט צו באַמערקן די קלענסטע פֿאַרענדערונג אין דעם גרויסן אַרום. זי ווייזט אָן די קינדער:

— זעט, קינדערלעך, ווי וואָלקנס קוקן אַראָפּ אין וואַסער.

— זעט, קינדערלעך, ווי די ביימער זענען היי־יאָר געדיכט מיט בלעטער.

— זעט, קינדערלעך, ווי אַ צווייג, אָט אויף יענער ווערבע, האָט אָנגעהויבן קרום צו וואַקסן.

פֿרילינג ווערט די מאַמע ייִנגער. אירע אַלע באַוועגונגען זענען ייִנגער געוואָרן. אַריינקומענדיק פֿון דרויסן, טרייבט זי די קינדער אויף דרויסן:

— דער דרויסן שמעקט אַזוי. ממש אויף חידושים!

— די פֿייגעלעך, קינדערלעך, זענען שוין אָנגעקומען...

— גייט, קינדער, דער טשערעמכע־בים האָט שוין אָנגעהויבן צו בליען.

— גייט, קינדער, עס זענען שוין אַוודאי פֿאַראַן קווייטן. די געלע לאַטאַטש־קווייטן — רייסט אָן אין שטוב אַריין, זאָל שמעקן אין שטוב.

געקומען די צייט צו וויסן, אַז דער עלטסטער ברודער אין שטוב, דער פֿאַרהאָרעוועטער קלמן — איז מיר יאָ אַ ברודער און נישט קיין ברודער. מיין מאַמע האָט אים נישט געבוירן. נאָר די מאַמע איז צו קלמענען אַזוי גוט, ווי צו אַלע אַנדערע קינדער. ער איז אַ פֿרומער. ער דאַוונט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, און די מאַמע זאָגט אים, ער זאָל דאַווענען אַ ביסל גיכער, ער זאָל בעסער עסן מער.

די שוועסטער בעבל — אַכט יאָר עלטער פֿון מיר — זי האָט ליב מיך צו טראָגן אויף אירע פּלייצעס. אַזוי נעמט זי מיך באַראַנ־טשיק אויף דער פּלייצע און פֿאַרקריכט מיט מיר אין די בלאָטעס, צו זוכן ווייַנפּערלעך. און אַזוי האָט זי מיך איינמאָל אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון פּלייצע אין געדיכטע קראָפּעווע אַריין, בריט מיך אָפּ. מיין לייב ווערט אין הוילע פּענכערס, און זי האָט מורא מיך צו ברענגען אין שטוב אַריין.

מיר ווערט שוין קלאָר, אַז דער ברודער משה וויל נישט גיין אין חדר אַריין, באשר דער רבי מאַטעס שלאָגט אים, רייסט אים פֿאַר די אויערן ביז בלוט, צעקנייפּט אים זיין לייב. ער האָט ליב די

מיל. כאָטש נאָך גאָר אַ יונגער ייִנגל — פאַרשטייט ער אַ סך זאַכן אין מיל. ער נעמט די האַק און טעשעט אויס פון אַ שטיקל האָרט האָלץ אַ קליניקל — דער טאַטע האָט נחת פון אים. דער טאַטע הייסט אים גאַנץ אָפט גיין אין מיל אַריין אַ קוק טון אין קויש. דער טאַטע הייסט אים ברענגען אַן עמער וואַסער פון דרויסן. דער טאַטע שיקט אים שוין אויף דער לאַנקע, כאַפּן דעם פערד און ברענגען אים אַהיים.

זיך הויב אָן צו דערקענען דעם זיידן יהושע... — ער איז אַן אַלטער מאַן. כאָטש ער האָט אַ קלענער בערדל, ווי דער טאַטע; כאָטש ער גייט נאָך גלייכער פון טאַטן — פונדעסטוועגן איז ער אַ זיידע. ער האַלט מיך אָפט אויף די קני און זאָגט: „הלוואי זאָלסטו מיינע יאָרן דערלעבן; גוט וועט דיר זיין, אַז דו וועסט מיינע יאָרן דערלעבן". ווען דער זיידע האַקט האָלץ אויף דרויסן נעבן שטאַל, אַז ער טרעפט אָן אויף אַ סענקעוואַטע קלעצל — גייט ביי אים די האַק נישט אַריין טיף, ווען ער טוט אַ האַק אין קלעצל אַריין. כאָטש ער שפּייט גוט אָן אין די הענט, הויבט אויף הויך די האַק איבערן קאָפּ, און טוט אַ האַק, אַרויסשרייענדיק: האַק!... און דאָס קלעצל וויל אים נישט פאָלגן. עס קומט אונטער דער טאַטע, נעמט די האַק ביים זיידן; ער הויבט גאָר די האַק נישט אויף אַזוי הויך; ער טוט אַ טיפּן האַק; דאָס קלעצל פאָלגט און ווערט צעשפּאָלטן אויף צווייען...

מיטאַמאָל קומט אַראָפּ צו אונז נאָך אַ זיידע: די מאַמעס רופט אים טאַטע. אַ טשיקאַווער זיידע. אַ ביסל האָב איך מורא פאַר אים. אַ גלייכער ווי אַ סטרונע איז ער. ווייסע, ווייסע האָר האָט ער. האָט אַ לאַנגע באָרד. און זי, איז צעטיילט אויף צווייען, מיט צוויי שאַרפע שפּיצן. אַזעלכע לאַנגע געקרייזלטע פּיאות האָט ער. ער גייט נישט אין שט,ול, ווי אַלע אונזערע, ווי דער זיידע יהושע. ער גייט אין ווייסע זאָקן און נישט קיין טיפע פּאַנטאָפל.

מיט אים איז געקומען די באָבע; אַזאַ קליינינקע. נאָך קלענער פון מיין מאַמען. זי קושט אַלע קינדער. מיך קושט זי אויף ביידע באַקן. ס'איז זומער. זי האָט געבראַכט באַרנעס און עפּל. עס שמעקט פון דעם אין שטוב.

דער ווייסער זיידע נעמט מיך אויף דער האַנט. ער הויבט מיך אויף הויך, ביז זיין פּנים קומט אויס גלייך מיט מיין פּנים. ער

קוקט מיר אַריין אין מיינע אויגן, און זיינע אויגן זענען שפּיציקע. קוקן טיף.

— קאָנסט שוין געפינען אַן אלף אין סידור? — פרעגט ער מיך, סיי מיט גוטסקייט, סיי מיט שטרענגקייט.

איך ווייס נישט וואָס אים צו ענטפערן. איך קוק צום דיל און הויב פּאַמעלעכקע אָן אַראָפּצוקריכן פון זיינע הענט.

די מאַמע איז פול מיט פרייד צוליב די געסט. מען רעדט: אז גאָט וועט געבן, מען וועט עס קאָנען באַווייזען, וועט מען אַ פּאָר טון קיין מילייטשיטש — צום זיידן, הייסט עס. די מאַמע פרעגט נאָך ביי דער באָבען וועגן דעם שיינעם וואַלד ביים שטעטל; צי קומען נאָך מענטשן אין וואַלד אַריין? און איך זע, אַז דער מאַמען קומען טרערן אין די אויגן, ווען זי רעדט פון דעם וואַלד.

אַזוי באַגעגן איך צום ערשטן מאָל מיין ווייסן זיידן, וואָס הייסט ר׳ יוסל איצל. אַזוי זע איך צום ערשטן מאָל מיין קליינע באָבע, ווען מיין מאַמע רופט — מאַמע, און זי הייסט: פּעשע-רייזל...

עס קומט אָן צו אונז אַ פעטער פון גאָר ווייט, לויט מיין באַגריף. ער קומט אָן מיט אַ פור. ער קומט אָן פון אַ שטאָט, וואָס הייסט אָרלע. משה לינעווער איז זיין נאָמען. מיט אים קומט די מו-מע בלומע רחל. דער פעטער איז מיט אַ לאַנגער, ליכטיקער באָרד, נאָר מיט אַזעלכע שווערע ברעמען, וואָס דעקן אינגאַנצן צו זיינע אויגן. ער קוקט פון אונטער די ברעמען אַרויס. רעדט געציילטע ווערטער. רק ער דאַוונט; רק ער וואַשט די הענט. די מומע בלומע רחל האָט מיטגעבראַכט אַלערליי קעזלעך, טרוקענע און נאַסע. אַלע אין שטוב פאַרזוכן פענעצלעך פון קעז. מיט דעם פעטער רעדט מען ווינציק.

די מומע בלומע רחל איז דעם טאַטנס אַ שוועסטער. דער טאַ-טע קוקט זי אָן; ער ווישט די טרערן, ווייל זי ווייינט אינדערשטיל. דערנאָכדעם רעדט מען אַ פּאָר ווערטער מיטן פעטער:

— יאָ, יאָ, אַזוי זעט מען אַמאָל איינס ס׳אַנדערע.

— גאָט צו דאַנקען, אַבי מען איז געזונט.

— נישט צו פאַרזינדיקן, מען לעבט ווי עס איז.

— היינטיקער זומער, אַ גרינגערער ווי פאַראַיאָריקער.

מיט דעם קומען פון פעטער משה לינעווער, ווערט אין שטוב

עפּעס אַ מורא. און מיר איז גוט, וואָס ער פּאַרט דעם אייגענעם טאָג אַוועק. וואָרום ביים טיש איז נישט גאָר גוט געווען, ווען ער איז געזעסן. אַלע קוקן אַראָפּ, און ער שווייגט.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער געזאָגט צו מיר:

— ביסט שוין, פּרצל, גענוג גרויס צו גיין אין חדר אַריין.

זאָגט דער טאַטע:

— אוודאי איז שוין צייט אָנצוהויבן גיין אין חדר; וויל זי אים נאָך האַלטן אין שטוב.

זאָגט די מאַמע:

— ער איז נעבעך הויט און ביין... די שלאַפקייט האָט אים אויפגעגעסן. איבעראַיאָר, אַז מען וועט דערלעבן, זאָל ער כאָטש גאַנצע פינף יאָר אַלט זיין — וועט מען אים אָפּגעבן צו משה מרדכי דעם מלמד.

איך זיץ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווייל איך ווייס, אַז אַלע קוקן איצטער אויף מיר. נאָר פלוצלינג נעמט דער פעטער און גיט מיר אַ קאָפּיקע. קנייפּט מיר ביידע בעקלעך. דערביי זאָגט ער צו אַלעמען: — זייט געזונט... די מאַמע ווישט די טרערן. מען גייט אַרויס דרויסן. אַלע קוקן נאָך דעם פעטער מיט דער מומען, ווי זיי פאָרן אַוועק.

עס קומט אָן נאָך אַ פעטער. אַ פעטער מיט אַ שוואַרצער באָרד, דאָס איז דער פעטער אַברהם טומענער. מיט אים איז די מומע שרה. איך דערקען, אַז די מומע שרה איז דער מאַמעס אַ שוועסטער. פאַלן איינס דעם אַנדערן אויפן האַלז. מען גיסט טרערן פאַר פרייד.

דער פעטער אברהם טוט מיך אַ נעם אויף דער האַנט; טוט מיר אַ קיצל, איך זאָל אָנהויבן צו לאַכן:

— ווען וועסטו שוין אַריבערקומען צו אונז, יונגאַטש איינער? — און ער גיט מיר גלייך אַ קאָפּיקע.

די מאַמע שטעלט צו אַ בונקע וואַסער און איילט צו מאַכן טיי פאַרן פעטער. דער פעטער אברהם האָט ליב טיי. ער עסט כמעט נישט. פּאַמעלעכקע, גלאָז נאָך גלאָז טרינקט ער אויס אַ פולע בונקע מיט טיי. אַז דער פעטער טרינקט אויס די בונקע — ווערט ער פריילעך. מען רעדט פון קי, וואָס גיבן מילך. מען רעדט פון די קינדער — יעדן רופט מען אָן ביים נאָמען. ביי אים קינדער — אין איין עלטער מיט אונזערע. זיין שיינדל איז אין איין עלטער מיט

פרצן; אַז גאָט וועט לאָזן לעבן, מען וועט קומען אַ צווייטן מאָל, וועט ער שיינדלען פאַרנעמען...

מיין מאַמע – שיינדל, און ער האָט אַ שיינדל...

– פאַרוואָס איז ער אַזוי בלייך ביי דיר? – באַטראַכט מיך די מומע שרה.

– וויל נישט עסן – ענטפערט די מאַמע.

– אַז דו וועסט נישט עסן, וועסטו נישט האָבן כּוח צו לער־נען תורה – רעדט אַריין אין מיר דער פעטער.

די מומע שרה נעמט מיך אַרום, טאַפּט אויס אַלע מיינע ביי־דעלעך און זאָגט:

– גיב אים אַ סך פּוטער מיט סמעטענע.

– נעם אים גאָר, שרה, צו אונז און זע אים צו – זאָגט דער פעטער...

עס ווערט מיר אַ שאָד, פאַרוואָס דער פעטער אברהם און די מומע שרה מאַכן הכנות אַוועקצופאָרן.

זומער קומען זיי אָן די פעטערס מיט די מומעס. מיט זיי קו־מען גרינע אוגערקעס און שוואַרצע יאַגעדעס; ווילדע באַרעלעך און נייע קאַרטאָפל. אייגן בלוט איז געווען אין שטוב, וועמענס נעמען מען האָט גאַנץ אָפט דערמאָנט. זיי זענען געקומען פון וויַט, לויט מיין קינדישן באַגריף; האָבן אַזוי אַרום פאַרטראָגן מיין געדאַנק אין וויַטע, אומבאַקאַנטע וועלטן. זייערע געשטאַלטן זענען געבליבן אין אונזער שטוב.

פון אונזער מיל, אַז מען האָט געקוקט וויַט, וויַט, אַריבער בלאָטעס און לאָנקעס, אַריבער אַן אַלשענעם וועלדל – האָט צו אונז אַריבערגעקוקט אַ באַרג. אויף דעם באַרג זענען געשטאַנען צוויי ווינט־מילן מיט אויסגעשפּרייטע פליגל, ווען קיין ווינט איז נישט געווען, און מיט פליגל, וואָס האָבן געדרייט און געדרייט, געשניטן דעם הימל, דעמאָלט, ווען דרויסן האָט געבלאָזן אַ ווינט.

די מיל העכער, אויפן בערגל – אין איר האָט געלעבט מיין פעטער אברהם משה – מיין מאַמעס אַ ברודער, מיט דער מומען רבקה און אַ סך קלענערע און גרעסערע קינדער. אַהין איז אָפטמאָל געווען געוועדט אונזער פּנים. פון דאָרטן איז זייער פּנים געווען געוועדט צו אונז. זומער האָט מען פאַרשאַרט די הויזן איבער די

באַרוועסע פיס און מיט לאַנקעס, דורך בלאָטעס, אַזוי אַז שבת ביי-טאָג — זענען אַלע אַוועק צום פעטער אַברהם משה.

דער פעטער אַברהם משה איז געווען אַ למדן אַ ייד. ביי אים זענען געווען פּאָליצעס מיט אַ סך ספרים. אויך ער האָט מיר גע-קנייפּט אין די באַקן און געשטראָפט, הלמאי איך גיי נישט אין חדר. כאָטש די מומע רבקה האָט געהאַלטן מיט דער מאַמען, געזאָגט, אַז איך בין הויט און ביין, און מען טאָר נאָך אַזאַ קינד אין חדר נישט שיקן... דער חדר איז מיר געקומען אַנטקעגן. כסדר האָט שוין עמע-צער דערמאָנט דעם חדר.

און איינמאָל אַ נאָך פּסח האָט דער טאַטע מיך איינגעוויקלט אין אַ טלית; כאָטש איך האָב שוין געקאָנט גיין אין שטעטל אַריין מיט מיינע אייגענע פיס — האָט ער מיך געטראָגן אויף דער האַנט. די מאַמע איז געגאַנגען ביי דער זייט. ס'איז געווען אָנהייב פרילינג, און דער וועג איז נאָך געווען אַ בלאָטיקער. די אַלשענעביימער זענען נאָך געווען אָן בלעטער. נאָר די ווערבע-ביימער האָבן שוין אַריבער-געהאָנגען די גרינע קעפּ צום וואַסער און געקוקט אין סטאַוו אַריין. דער טאַטע האָט מיך שווייגנדיק געטראָגן. די מאַמע האָט אויך גאָר-נישט גערעדט.

עס האָבן די אַלשענע ביימער נאָכגעקוקט. עס האָבן די ווער-בע-ביימער אויפגעהויבן די קעפּ פון סטאַוו און האָבן נאָכגעקוקט, ווי ליפּע דער מילנער טראָגט זיין פּרצן, איינגעוויקלט אין אַ טלית, צו משה מרדכין אין חדר אַריין.

*קאַפּיטל פיר*

## מײַן װײַדנס ביגוגים

ביים דרדקי-מלמד משה מרדכי האָב איך קיין סך תּורה נישט געלערנט. דער טאַטע האָט מיך צו אים אין חדר אַריינגעבראַכט איינגעוויקלט אין אַ טלית. ביי דער זייט איז געווען די מאַמע. אין ענגן חדר האָבן די תּלמידים געזשוזשעט.

דער רבי משה מרדכי האָט געהאַט אַ רויטע באָרד און אַ קורצע ראיה, ווייטער פון זיין באָרד האָט ער גאָרנישט געזען. ער האָט מיך אַנידערגעזעצט ביים טיש, אַנידערגעלייגט פאַר מיר אַן אַלף-בית, אויפגעקלעפּט אויף אַ טאָוול און מיט אַ ברייטן טייטל האָט ער מיר אָנגעוויזן דעם אַלף. אַ „מלאך" האָט מיר אַראָפּגעוואָרפן אַ קאָ-פּיקע פון הימל. איך האָב געזען, אַז דער טאַטע האָט עס געטון: ער איז געשטאַנען הינטער מיר און ער האָט געוואָרפן די קאָפּיקע, זי זאָל פאַלן אויפן אַלף-בית.

אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען אַוועק — האָב איך געוויינט. פרעמדע קינדער אַרום מיר; דעם רבין האָב איך נישט ליב. ער לייגט אַוועק זיין גאַנצן קאָפּ אויפן אַלף-בית, און מיט דער באָרד פאַרשטעלט ער די אותיות. ער איז אַפילו נישט קיין שלעכ-טער, נאָר אַז מען כאַפּט נישט אונטער אַזוי גיך וואָס ער וויל — טוט ער אַ שטורך מיט זיין טייטל אין זייט. עס האָט מיך גלייך אָנגעהויבן ציען צוריק אַהיים.

אין חדר אַריין האָט מיך כסדר עמעצער פון שטוב געפירט. מען האָט מורא מיך צו לאָזן אַליין. פאַרנאַכט איז עמעצער ווידער געקומען פונדערהיים און מיך געפירט ביי דער האַנט צוריק. אַז די מאַ-

מע איז געקומען נאָך מיר — האָט זי מיך יעדעס מאָל גענומען אויף דער האַנט און אַריבערגעטראָגן אַ בלאָטקע, ווען דער וועג איז געווען בלאָטיק.

דאָס וואָס איך האָב געלערנט — האָב איך נישט פאַרשטאַנען. אויסגעלערנט דעם אַלף־בית; פּרעפּלען, זאָגן אין סידור. איך דאַוון שוין. איך קען לייענען אויסנווייניק קריאת־שמע, דאָס האָב איך איבערגענומען גרינג. דער קאָפּ איז געווען אינדערהיים. אין מיל. אַלעמאָל ווער איך קראַנק. משה רופא, מיט זיין גלאַטער, טונקעלער באָרד — ער קומט צו אונז און קוקט מיר אין האַלז אַריין. ער הייסט מיר בלייבן אינדערהיים, אָט אַזוי גיי איך נישט אין חדר אַלע טאָג. ווינטערצו ווער איך גאָר קראַנק. שקאַרלעטינע. דערנאָכ־דעם — מאָזלען. דער רבי משה מרדכי קומט געוואויר ווערן. אַ גוי־טער מענטש געווען משה מרדכי, פונדעסטוועגן האָב איך אים נישט ליב געהאַט. שולדיק איז אין דעם געווען די היים מיינע. שווער איז מיר געווען יעדן אינדערפרי אַוועקצולאָזן מיין היים און גיין אין פרעמדן שטעטל אַריין. דוכט מיר, אַז דיביימער האָב נאָכגעקוקט אומעטיק, ווען איך בין געגאַנגען אין שטעטל אַריין.

דערפאַר, גייענדיק פאַרנאַכט אַהיים — האָבן מיך די ביימער, ווי אַן אייגענעם באַגעגנט. אַלץ איז מיר אייגן געווען אַהיימגייענדיק.

ווי נאָר איך בין אַריבערגעגאַנגען דעם הויכן אייזנבאַן־אָנשיט, האָט מיך באַגעגנט מיין וואויל־באַקאַנטע וועלט. אָט איז ער דער סטאַוו, ער דערשיינט מיט זיין אויבערפלאַך אַרויס פון צווישן די ביי־מער. אָט זענען די צווי הויכע אָלשענע ביימער, וואָס וואַקסן פאַר־צווילינגט איינס לעבן אַנדערן; אַז דער ווינט וויגט זיי — קרעכצן זיי ביידע. איך דערקען אויך אַ יעדן שטיין, וואָס אונזעריקע האָבן אַוועקגעלייגט אויף דער גרעבליע, כדי נאָך אַ רעגן, ווען דער וועג ווערט שווער, זאָל זיין אויף וואָס אַ פוס צו שטעלן. אָט איז דער איינאונאיינציקער קאַרשן־בוים, וואָס וואַקסט הינטערן שטאַל, און דער־ביי — דאָס פלומען־ביימל מיט עטלעכע גרינע פלומען אויף די צווייגן.

איך דערהער שוין דעם טאַ־טלאַ־טאַ פון מיל און דעם וואַ־סער־געריוש אונטערן וואַסער־ראָד. די קאַטשקעס באַגעגענען מיך מיט זייער קוואַקען. דער האָן — מיט דעם פאַרנאַכטיקן קריי.

צוליב דעם וואָס איך גיי אין חדר, ווער איך שוין אַ מחותן מיט די גרויסע. איך קום צומאָל צונויף די גרויסע אין מיל, בעת

מען באַדאַרף שמידן די שווערע שטיינער, בעת מען באַדאַרף אויפ־הויבן און אַראָפּנעמען דעם שווערן אויבערשטן שטיין פון אונטערשטן, איבערקערן אים און מיט שפּיציקע האַמערס אים אָנפּיקן, מאַכן אים שאַרף, ער זאָל קענען מאָלן די תּבֿואה. אוודאי האָבן די גרויסע גע־קענט דעם שטיין אויפהייבן, איבערקערן אים. אָבער מען האָט גע־דאַרפט האָבן עמעצער זאָל צוהעלפן. אַז מען האָט אַביסל אונטערגע־הויבן דעם שטיין מיט אַן אייזערנעם לאָם, האָט מען באַדאַרפט אונ־טערלייגן אַ קליניקל צווישן די ביידע שטיינער. אַזאַ קליניקל האָב איך שוין געקענט אונטערלייגן. די מאַמע בעט מיך, איך זאָל איר העלפן אַרויסטראָגן אויף אַ שטעקן דעם צעבער פאַר דער בהמה. מיר גיט זי דעם גאַנצן שטעקן, כּדי מיר זאָל נישט אָנקומען צו שווער.

איך ווייס צוליב וואָס איך באַדאַרף לייענען קריאת־שמע בײ־נאַכט פאַרן שלאָפן גיין: דאָס וועט מיך אָפּהיטן פון נישט־גוטע. איך זע, אַז אונזערע אין שטוב האָבן שטאַרק מורא פאַר נישט־גוטע.

ביינאַכט, מען באַדאַרף אַרויסגיין דרויסן; פאַרן שלאָפן גיין, אַז עמעצער באַדאַרף אַרויסגיין דרויסן — יאָ, די דערוואַקסענע האָבן אַלע מורא פאַר דער נאַכט. בייטאָג איז מען געווען באַקאַנט מיט איעדן בוים; מיט איעדן זייטיקן וואַסערל און זיין גערויש; בייטאָג, ווער זאָגט נאָך זומער, איז ליב געווען אַרומצוקריכן אומעטום, פאָרשן און אויפזוכן כּסדר חידושים אין דעם אַרום. נישט געווען קיין מורא צו פאַרקריכן אין בלאָטעס, אין פאַרוואָרפענע וועלדלעך.

ווי נאָר די נאַכט איז אָנגעקומען און פאַרנומען דעם דרויסן אַרום מיל; סוף־חודש, אַז די לבֿנה איז אַוועק איר ווייטן גאַנג, און מער נישט געקומען צו אונז אָנהויב אָוונט — דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַרן אייגענעם שאָטן. אָנגעהויבן חושד זיין איעדן טונקעלן פלעק, וואָס האָט אָפּגעצייכנט בוים אָדער קאַרטש.

אַז די מיל איז געגאַנגען, איז געווען לעבעדיק אַרום שטוב. אַפילו ביינאַכט, ווען די מיל איז געגאַנגען, האָט איר גערויש פאַר־טריבן די מורא פון אַרום שטוב. אָבער ווען די מיל איז געשטאַנען, דאָס נישט־פאַרטאַמעוועטע וואַסער האָט אַ וועג געפונען און גע־מורמלט אונטערן שטוב; ווען אַ ווינט האָט אָנגעהויבן שפּילן צווישן די ביימער — האָבן שוין די שטוב־לייט צוגעלייגט אַן אויער, ווייל

אַיעדער איינער פון די שטוב-מענטשן האָט שוין אַמאָל אַ נישט-גוטן באַגעגנט...

דער זיידע אַליין האָט געהאַט אַ סך מעשׂיות צו דערציילן פון נישט-גוטע, וואָס האָבן בײַ אים אין די מילן אָפּגעטון אַלערליי שפּיצלעך. דער טאַטע האָט געהאַט אַלערליי באַגעגענישן. דער ברודער קלמן איז איינמאָל אין האַרבסט אַרײַנגעפאַלן אין שטוב אַ טויט-דערשראָקענער, מחמת ער האָט, פאַרנדיק פון שטעטל בײַנאַכט, עמעצן געזען זיצנדיק בײַ דער זײַט אין גראָבן, און צו אים געמאַכט מיט דער האַנט.

געוועזן דאָ-און-דאָרטן אַרום סטאַוו אויסגעקערטע ביימער מיט די וואָרצלען אויף-אַרויף. אַזאַ פינסטערע גרוב אונטער די וואָרצלען. ווער ווייסט, ווער עס זיצט דאָרטן אונטערן אויסגעקערטן בוים...

ווינטער, דער אַרום איז פאַרגלייזט געוואָרן; דאָס וואַסער אין סטאַוו איז באַהאַלטן אונטערן אײַז — נאָר צײַטנווײַז הויבט עס אָן צו קוועלן אונטערן אײַז, מאַכט דעם אײַז אויפגעבלאָזן מיט אַ בויך, וואָס פּלאַצט כּסדר מיט אַ טעמפּן קראַך, — יאָ, ווינטער בײַנאַכט האָט מען כּסדר געניגט אָן אויער צום פענסטער. אַז עמעצער האָט באַדאַרפט אַרויסגיין, און די נאַכט איז אַ סוף-חודשדיקע — האָט איינער דעם אַנדערן מיט אַ תּירוץ געבעטן מיטגיין.

דעם זיידן האָט נישט געפּאַסט צו זאָגן, אַז ער האָט מורא אַליין אַרויסגיין דרויסן. האָט ער געזאָגט צום טאָטן:

— ועסט, מײַן זון, אַרויסגיין מיט מיר דרויסן, וועט מען זען, ווי האַלט עס מיטן ווינט; פון וואַנען בלאָזט ער דער ווינט... אפשר וועט זײַן אָן אָדליגע.

דער טאַטע, אַז ער האָט אין אַזאַ נאַכט באַדאַרפט אַרויסגיין, האָט ער אָנגעבאָטן קלמענען:

— קום, וועלן מיר אַ קוק טון, צי די שטאַל איז גוט פאַרמאַכט, און צי דער פערד האָט וואָס צו עסן.

די מאַמע האָט געבעטן די שוועסטער בעבל:

— קום, מײַן טאָכטער, וועלן מיר אַ קוק טון צום שטעלכל, צי די קאַטשקעס זענען דאָרטן אַלע אַרײַנגעקומען; דוכט מיר, מען האָט פאַרגעסן דאָס שטעלכל צו פאַרמאַכן.

די שוועסטער בעבל, אַז זי האָט באַדאַרפט אַרויסגיין, האָט זי מיך אָדער משה געבעטן:

— קומט, קינדער, וועלן מיר זען, צי ס'איז קאַלט דרויסן...
קום, פּרצל, וועלן מיר זען, צי דער הימל איז אויסגעשטערנט.

איינמאָל ביינאַכט, אַ פראָסט און אַ ווינט האָבן געבושעוועט דרויסן; די פענסטער האָט דער פראָסט אינגאַנצן פאַרקאָוועט. נישט געווען גאָר שפּעט. די שטוב-לייט זענען נאָך אַלע געזעסן. פּלוצלונג האָט אונזער הונט אָנגעהויבן בילן און רייסן די פענסטער. דער הונט לויפט אַוועק מיט זיין בילן צו דער שטאַל און קומט באַלד ווידער צוריק, בילט אין פענסטער אַריין.

— גנבים! נישט אַנדערש, גנבים ווילן אויפרייסן די שטאַל און אַרויסנעמען דעם פערד!

אַ פּחד אין שטוב. איינער קוקט דעם אַנדערן אָן...

— ווער וועט מיט מיר אַרויסגיין דרויסן? — זאָגט דער טאַטע.

— לאָמיר אַלע אַרויסגיין — זאָגט דער זיידע.

מען האָט אין מיל אויפגעזוכט דרענגער, אייזערנע לאָמעס; יעדערער באַוואָפנט מיט עפּעס אַנדערש. דער זיידע נעמט די אייזערנע קאָטשערע. פאַמעלעכקע עפנט מען די מיל-טיר. איינער הינטערן אַנדערן גייט מען אַרויס דרויסן. פינסטער אַרום. און דער הונט, וואָס האָט אָפּגעוואַרט ביי דער טיר אונזער אַרויסקומען — פייל-פון-בויגן לויפט ער צו דער שטאַל און מען זעט, ווי עמעצן אַ שוואַרצן רייסט ער ביי די פּאָלעס.

קומט מען צו נענטער צו דער שטאַל — דער עמעצער אין שוואַרצן אַנטלויפט נישט. איז דאָס גאָר געווען אַן אַלטע סערמיגע, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שטאַנג נעבן שטאַל; אַ נאַסע סערמיגע געווען און איז פאַרפרוירן געוואָרן. אַן אָנגעדראָלטע — האָט זי דער ווינט געוויגט הין-און-הער. דאָס איז דעם הונט אונזערן נישט געפעלן געווען. און כאָטש איעדערער באַזונדער האָט די געפרוירענע סערמיגע אַ טאַפּ געטון, פונדעסטוועגן איז מען שוין אַזוי גיך נישט געגאַנגען שלאָפן.

מיין ברודער משה, וואָס האָט מיך גאַנץ אָפט געפירט פון חדר אַהיים — האָט מיר כּסדר דערציילט מעשיות פון נישט-גוטע. דורכגייענדיק נעבן קלויסטער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטעטלשן מאַרק, האָט משה געהייסן שטעלן פיס און לויפן.

דער זיידע האָט שוין געהאַט פון מיר אַ סך נחת דעמאָלט. איך האָב געוווסט, ווי צו געפינען אין זיין דיקן סידור דאָס, וואָס ער

האָט אָן זײַנע שפּאַקולן נישט געקאָנט געפינען. ער האָט מיך דער־פאַר געגומען צװישן די קני און געלערנט זײַנע ניגונים. אוי, װאָס פאַר אַ ניגונים דאָס זענען געװען!

— קום, פרצל, װעל איך מיט דיר זינגען דעם רויטן ניגון..

— קום צו מיר, אייניקל, אָט אַזוי, װעל איך מיט דיר זינגען דעם בלויען ניגון...

מײַן זיידע יהושע האָט געהאַט אַ געלן ניגון און אַ גרינעם ניגון. אַ ראָבן ניגון האָט ער אויך געהאַט. ביסלעכװייז האָט ער זיי מיר אַלע אויסגעלערנט. צומבעסטן איז מיר ליב געװען זײַן ראָבער ניגון, װאָס איז מיט מיר פאַרבליבן אויף אַלע יאָרן.

דער זיידע זאָגט צו מיר:

— זאָלסט װיסן, פרצל, אויב דער הימל אין מערב-זײַט איז בײַ דער שקיעה רויט און מיט געלע פּאַסן, איז דאָס אַ באַװייז, אַז װינטן װעלן בלאָזן. װעט עס, פרצל, זײַן גוט פאַר די װינטמילן דאָרטן אויפן באַרג. אַז די זון גייט אַרונטער הינטער אַ װאָלקן און קומט שוין מער נישט אַרויס ביז צו דער שקיעה, באַװייזט עס, מײַן קינד, אויף רעגן... זאָלסט װיסן, פרצל, — װען די הינער טרייסלען מיט די װיידלען, װעט אַװדאי זײַן אַ בורע, און אַז די קאַץ גראַבלט מיט די נעגל די פיסלעך פון בענקל — איז אויך אַ סימן אויף אַ װינט. דער צפון-װינט איז אַ רשע. קומט ער צובלאָזן — ברענגט ער אַ קעלט, ברענגט ער דעם פראָסט. דער גוטער דרום-װינט, פרצל, — קומט ער צובלאָזן, װערט װאַרים. װען דער דרום-װינט טוט אַ נויג אויף רעכטס, צו מערב צו — װעט עס אַװדאי רעגענען...

די עלטערע אין שטוב גייען אַרויס דרויסן, שמעקן דעם װינט און פאַרשטייען, װאָס ער װעט ברענגען צו אונז. איך שטעל שוין אויך אָן די נאָז און פרוּװ דעם װינט. זומער, די פייגל טשװיטשערן — פאַרשטיי איך, װאָס עס מיינט. איך דערקען דעם פויגל, װאָס זײַן טשװיטשערן זאָגט אָן, אַז אין דריי טעג אַרום װעט עס רעגענען. איך דערקען אויך די פייגל, װאָס זאָגן אָן, אַז אין אַ טאָג אַרום װעט װערן לויטער.

מיטן זיידן בין איך גאָר אַ קליין קינד, אַ פּיצעלע. אָבער משה מרדכי דער מלמד האָט מיך אויסגעלערנט דאַװנען — זעט שוין דער טאַטע, איך זאָל דאַװנען. ער האַלט מיך בײַ דער זײַט, װען ער שטייט שמונה עשרה. ער הייסט מיר קוקן אין סידור און זאָגן און

זאָגן אָן אַ שיעור. איך זאָג און ווייס נישט וואָס. איך פאַרשטיי נישט, וואָס איך זאָג. יאָ, נעבן טאַטן ווער איך געעלטערט. ער מאַכט מיר צו קלערן, אַז איך בין שוין אויסגעוואַקסן. ער זאָגט מיר כסדר, אַז ס'איז צייט פאַר מיר צו ווערן אַ מענטש. ער זאָגט, אַז אינגיכן וועט מען מיך אָפּגעבן צו מאַטעסן.

די מאַמע וויל עס נישט ליידן. די מאַמע וויל נישט אָפּגעבן פּרצן צו דעם קאַט, וואָס האָט משהס לייב צעקנייפּט און צעביילט. דער טאַטע זאָגט, אַז דאָס קינד, וואָס איז נישט געגאַנגען צו מאַטעסן — וואַקסט נישט קיין מענטש...

דער ווינטער איז אַריבער, און טאַקע יענעם חול-המועד פּסח איז צו אונז אַראָפּגעקומען מאַטעס דער מלמד, איבערצורעדן מכּח פּרצן. ער וויל אים האָבן אויפן נייעם זמן.

אַ שווערער ייד איז דאָס געווען. מיט אַ גרויסן, רויטן פּנים און לאַנגער קופּערנער באָרד. גרויסע, ווייכע און האָריקע הענט האָט ער געהאַט און איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון מיין טאַטן.

מאַטעס האָט געקנייפּט מיינע בעקלעך, און די מאַמע, מיט טרערן אין די אויגן, האָט זי שטיל געזאָגט:

— איר זאָלט אים, ר' מאַטעס, חלילה נישט שלאָגן...

דער טאַטע האָט פאַריבל אויף דער מאַמען:

— ר' מאַטעס וועט אים לערנען, וועט ער ווערן אַ מענטש — זאָגט דער טאַטע.

מיין ברודער משה, וואָס האָט ביי אים שוין מער נישט געלערנט — קוקט איצטער אויף אים קרום. ער האָט פאַר אים קיין מורא נישט. מען איז מאַטעסן מכבד מיט פּסחדיקן וויין. מען רעדט אָפּ צו צאָלן פאַר מיר שכר למוד אַכט רובל אַ זמן.

איך הויב אָן גיין צו מאַטעסן אין חדר. צו אים גיי איך שוין אַליין. און אַליין הויב איך אָן צו טרעטן ביי דער זייט גרעבליע מיין אייגענעם שטעג.

### *קאַפּיטל פינף*

## מיין רבי מאַטעס

בעת מיין ברודער משה איז געגאַנגען צו מאַטעסן אין חדר, האָט נאָך מאַטעסעס לאָקשן-קאַנטשיק, אויפן מיטלסטן פון די דריי רימענע לאָקשן, געהאַט אַן אייזערנע שפּראָנטשקע. מיט דעמדאָזיקן קאַנטשיק האָט ער געשמיסן די תּלמידים אויפן נאַקעטן לייב. דעריבער האָט די מאַמע יעדן אָוונט, ווען משה איז געקומען אַהיים פון חדר, באַווײַנט די סיניאַקעס אויף זיין לייב.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען איך בין אָנגעקומען צו מאַטעסן, איז ער שוין געווען אַ ביסל געצאַמט: באשר ער האָט זיין אייגענעם יינגל אונטערגעהאַקט די לונגען. דאָס שטעטל האָט שוין אויף אים געהאַט שטאַרקע תּרעומות פאַר זיין איבערכאַפּן די מאָס.

— שלאָגן מעג מען, אָבער מיט שכל און מיט יושר...

דער חדר איז געווען אין אַ זייטיק געסל, אין אַ שמאָל-לענגלעכן שטיבל — ביי גדליהכען די אַלמנה. אין נידעריקן שטיבל האָט צו מיר מאַטעס אויסגעזען אַ סך גרעסער, ווי איך האָב אים געזען ביי אונז אינדערהיים. ער איז געווען צו ברייט פאַרן שמאָלן חדר. אין זיין רשות האָבן די תּלמידים אויסגעזען נאָך קלענער, ווי קליין.

גדליהכע די אַלמנה, אַן עלטערע, ביינערדיקע יידענע מיט אַ רויטלעכן פּנים — זי איז אויך געווען צו גרויס פאַר איר שטיבל. דער טיש, אַרום וועלכן די תּלמידים זענען געזעסן, איז געשטאַנען טיף אין צימער ביים פענסטער. ביים טיר, נעבן קוימען, האָט גדליהכע אויפגענומען אירע חולאים. זי האָט געשמט צווישן אַרומיקע פויערים מיט איר שטעלן באַנקעס און פּיאַווקעס. איז דעריבער, בעת

מאַטעס האָט געלערנט מיט די קינדער חומש, צי גמרא — איז אַ גוי, אָדער גויע, געזעסן אויף אַ פוסבענקעלע בײַם קוימען נעבן טיר; אויף אַ פוסבענקעלע איז געזעסן גדליהבע, און האָט מיט אירע באַנ־קעס און פּיאַווקעס געאַרבעט איבער נאַקעטע פּלײצעס.

נאָך פּסח בין איך אָנגעקומען צו מאַטעסן. אַ צען תּלמידים האָט ער געהאַט; אין עלטער פון זיבן ביז צען יאָר. איך בין געווען פון די ייִנגסטע און דער סאַמע קלענסטער. בײַ אים האָב איך אָנ־געהויבן חומש. די ערשטע וואָך, ווען איך האָב נישט אַזוי שנעל אויפגעכאַפּט אַ טײַטש, וואָס ער האָט מיר אונטערגעזאָגט, האָט ער מיר מיט ליבשאַפט אַ קניפּ געטון אין באַק — אַזש מוראַשקעלעך זענען מיר שפּעטער אונטער דער הויט פון באַק אומגעלאָפן אַ גאַנצן טאָג.

צווישן די קינדער, וואָס איך האָב געטראָפן אין חדר, זענען געווען עטלעכע, וואָס האָבן בײַ מאַטעסן געלערנט מיט אַ זמן פריער. זײ האָט ער שוין פון ערשטן טאָג אָן מכבד געווען מיט קלעפּ, ווי זײַן שטייגער. די תּלמידים, אויסער זייערע אמתע נעמען, האָט מאַטעס יעדן איינעם צוגעגעבן אַ צונעמעניש. מרדכי זלמן דעם שמידס, אַ פול־געפּיקעוועט ייִנגל — ער האָט בײַ אים געהייסן: באָנדע. אליה דעם זאַלישינערס — מאָזשע. איינעם — שמעגדע. אַ צווייטן — גלאָ־וואַצקע. צו מיר איז איבערגעגאַנגען מײַן ברודער משהס צונעמעניש — שטשעניוק... ווען ער האָט הנאה שלאָגנדיק אַ ייִנגל, האָט ער נאָך צום צונעמעניש צוגעגעבן אַ צולאָג: גנבֿ! באָנדע גנבֿ... מאָזשע גנבֿ... שטשעניוק גנבֿ...

ער האָט גאַנץ הנאה געהאַט אַ נעם צו טון אַ תּלמיד פאָרן אויער און שלאָגן קאָפּ־אין־וואַנט. פּעטש זענען געפלויגן פון זײַנע בײדע ווײכע הענט. סײַ מיט דער רעכטער זײַט האַנט און סײַ מיט דער לינקער. אָבער די גרעסטע הנאה האָט ער געהאַט פון שמײסן אַ תּלמיד.

פּשוט און גרינג איז דאָס אים אָנגעקומען: אַזוי ווי ער איז געשטאַנען מיט זײַן שווערן גוף הינטער דעם תּלמיד, וואָס האָט גע־זאָגט פון חומש, צי פון דער גמרא, און אויב דער תּלמיד האָט מאַטעסן אַרויסגעבראַכט פון די כּלים — האָט אים מאַטעס אַ נעם געטון בײַ דער פּלײצקע, אַ דרײ געטון, איבערגעקערט דעם תּלמיד מיט דער מחילה אַרויף; דעם תּלמידס קאָפּ פאַרקוועטשט צווישן זײַ־

נע גראָבע, ווייכע פיס; אויסגעצויגן די האָריקע האַנט צום פּאָלאַפּ, ווו אונטערן באַלקן איז געלעגן פאַרשטעקט דער קאַנטשיק — און אַריינגעשטאָכטשעט אין ייִנגלס הויל ליב אַריין וויפל ס'איז נאָר געקראָכן.

אין די ערשטע פּאָר טעג מיינע ביי מאַטעסן האָב איך שוין צוגעקוקט, ווי אַזוי מאַטעס מאַכט די תּלמידים פאַר מענטשן. מיינע שמאָלע פּלייצקעס זענען שמעלער געוואָרן. מיין שמאָל-בלאַס פּנים איז נאָך שמעלער און בלאַסער געוואָרן. אין די ערשטע טעג איז שוין געשען אַ בייט אין מיין קינדערשן לעבן. איך בין מיטאַמאָל געוואָרן אַ גאַנצער בעל שכל. דריי-און-פערציק יאָר זענען שוין אַוועק, זינט איך האָב אָנגעהויבן צו גיין צו מאַטעסן אין חדר — איך געדענק יענע צייט, ווען מיינע באָרוועסע טריט האָבן פון דעמאָלט אָן אויף זייער אייגענעם אופן אָנגעהויבן שפּירן די ערד. מיינע נייגעריקע, קינדערשע אויגן האָבן צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן באַטראַכטן די אַרומיקע וועלט, די מיל, אַלץ וואָס אַרום מיל און דאָס שטעטל, וואָס איך באַדאַרף טאָג-טעגלעך דורכגיין, ווען איך גיי אין חדר אַריין... יאָ, פון דעמאָלט אָן ווערט מיין נפש געשטאַרקט מיט גאָר אומגערעכטע כּחות, וואָס איך האָב פון זיי פריער נישט געוווסט. צום ערשטן מאָל האָט מען גענומען און מיך אַרויסגעשטעלט אין דער גרויסער וועלט, איך זאָל אין דערדאָזיקער וועלט אומגיין אַליין, אַליין טרעטן פאַר מיין טאָג-טעגלעכן גאַנג דעם שטעג.

די ערשט צייט האָט מיך עמעצער פון שטוב-לייט געפירט אין חדר אַריין. אָפטמאָל איז עמעצער געקומען מיך אָפּנעמען פאַרנאַכט. אַביסל שפּעטער, דעם אייגענעם זומער, בין איך שוין אַליין געגאַנגען אין חדר. און ווייל זומער האָט מען די קינדער אַרויסגעלאָזן פון חדר באַצייטנס — האָב איך צום גרעסטן טייל געטראָפן דעם וועג אַהיים אַליין.

איך בין נישט געווען קיין גייער. בין געווען אַ לויפער. די דריי קילאָמעטער פון מיל אין שטעטל אַריין בין איך געלאָפן. אַ נעשווינדער לויפער געווען — אַזש די פּיענטעס האָבן אין הינטערחלק געשלאָגן לויפנדיק. צווישן די חדר-קינדער בין איך געווען פאַררעכנט פאַר דעם בעסטן לויפער. פונדעסטוועגן, אין חדר לויפנדיק, האָב איך צייט געהאַט צו בלייבן שטיין און באַטראַכטן אַלץ, וואָס איז מיר פאָרגעקומען ביי אויף מיין וועג. געווען צייט אויסצו-

ציען די גאַנצע לענג ביים ראַנד טייך, קוקן אין קלאָרן וואַסער אַריין, באַטראַכטן דעם גרונט אין סטאַוו און די פישלעך, וואָס שווימען אַרום ביים ברעג. האָב געוווסט פון אַלע נעסטן אין די ביימער און אין די קאַרטשעס פון ביידע זייטן וועג. איך האָב געהאַט אין קעשענע אַ ציגיינער-מעסערל און פאַרשטאַנען, ווי צו מאַכן פון אַ ווערבע-ריטל אַ פייפל. אויפן וועג אין חדר, האָב איך באַוויזן צו מאַכן עטלעכע פייפלעך פאַר די חברים, וואָס זענען געווען מיט מיר גוט. איך האָב אויך צייט געהאַט צו באַטראַכטן יעדן קאַרטש, ווו עס זע־נען געוואַקסן וויינפּערלעך; געמאַכט צייכנס, אַ וואַסערע פון די וויינפּערלעך וועלן פריער צייטיק ווערן.

דאָס איז אַלץ גערעדט פון דעם טייל וועג, וואָס איז געלעגן פון מיל ביז צו די ערשטע גויישע שייערן און הייזער, דאָרטן, ווו דער וועג האָט געהאַט פון ביידע זייטן וואַסער און זומפּן; ווו פון ביידע זייטן וועג זענען געוואָקסן מיינע באַקאַנטע ביימער. דאָס איז געווען מיין אייגענע וועלט. איך האָב אַריינגעשריגן צווישן די ביימער. און עמעצער, אַ ווייטער, האָט געענטפערט. איך האָב גע־פייפט צו די פייגעלעך — האָבן זיי געענטפערט. איך האָב נאָכגע־מאַכט דער קוקופקע — האָט זי מיר פון ערגעץ אָפּגעענטפערט: קו-קו, קו-קו-קו. איך האָב נישט פאַרפעלט, ביים אָנקומען צום אייזנבאַן־אויפשיט, אַנידערצולייגן אַן אויער צום רעלס און הערן, צי פון ער־געץ קומט אָן אַ באַן. אין רעלס זענען שוין געווען צייכנס פון אַריינגעדריקטע נאָדלען, וואָס בעבל און משה האָבן אַנידערגעלייגט איידער אַ באַן איז אָנגעקומען. איך האָב שוין אויך געהאַט אַ נאָדל אין רעלס, וואָס איך האָב אַנידערגעלייגט, און די רעדער פון באַן האָבן זי אַ גאַנצע אַריינגעדריקט. ליגט זי די נאָדל אין שטאָלענעם רעלס אַ גלאַנציקע אַזאַ. אַפילו דאָס אויערל איז אויך נישט צעבראָכן געוואָרן...

אָבער ווי נאָר מיין וועג קומט נענטער צו די פּלויטן פון די שטעטלשע באַלעגופים — שטייט אויף אַנטקעגן מיר אַ פיינטלעכע וועלט. פון הינטער אַ שייער, צי אַ שטוב, שרייען מיר נאָך שקצים־לעך: זשידע, זשידע, כאַלאַמידע... צומאָל פליט מיר נאָך אַ שטעקן, אָדער אַ שטיין. אַמאָל טרעפט מען און אַמאָל נישט. איך מאַך, אַז איך זע קיינעם נישט און הויב אָן לויפן. דעמאָלט לויפן די שקצים־לעך אַרויס און שפּעטן מיר נאָך: זשידע, זשידע, כאַלאַמידע... שטעלן

אַרויס צינגער, וואַרפן נאָך שטיינער — כּלומרשט נישט צו טרעפן.
צווישן מיינע ערשטע שונאים אין די נישט-יידישע געסלעך זענען געווען גענז און גאָנערס. די גאָנערס יאָגן נאָך, העשען און גאַנץ אָפט געלינגט אַ גאָנער אַ כאַפּ צו טאָן מיטן שנאָבל מיין קאַפּטן.
ביי איין שטוב וואַרט מיך אָפּ אַ נישט גאָר-גרויסער רויטער הונט; ער ליגט אויסגעצויגן, דער קאָפּ אויף די לאַפּעס — כּלומרשט ער זעט מיך נישט. און ווי נאָר איך פּרוּוו מאַכן פּיס — שפּרינגט ער אויף און יאָגט מיך נאָך. אַ פּאָר מאָל כאַפּט ער אָן מיין פּאָלע און צערייסט.
די ערשטע צייט, ווי נאָר איך קום אָן צו די גויישע הייזער, קריך איך אַריבער איבער אַ פּלויט און גיי אַוועק מיט די גערטנער, כּדי אויסצומיידן מיינע שונאים: די שקצים, די גענז און דעם הונט. אָבער שפּעטער ווערט מיר נישט שיין. איך נעם מיט אַ גוטן און בויגיקן שטעקל. איך טראָג אים אונטער דער פּאָלע. דערפילן עס די שקצימלעך און האָבן פּאַר מיר דרך ארץ. פּאַרבינדן זיי שוין מיט מיר אַ שמועס. איך גיב אַ שטיקל חלה, פון דעם, וואָס די מאַמע האָט מיטגעגעבן אין חדר אַריין. אַזוי ווערן מיר שלום.
אַביסל נאָך שפּעטער אין זומער אַריין — אַז דער גאָנער מיט די גענז קומען מיר אָן אַנטקעגן, און ער, דער גאָנער, וויל מיט אַ העשען אָנכאַפּן מיין פּאָלע — כאַפּ איך אים פּאַרן האַלז, הויב אים אויף אינדערהויך און שליידער אים אַוועק...
— גאַ-גאַ-גאַ, גאַ-גאַ-גאַ — זידלען מיר די גענז; שאָקלען הין-און-הער מיט די קעפּ און אַנטלויפן אויפן הויף.
די צייט איז געקומען, ווען איך האָב דעם רויטן הונט באַוויזן, אַז ער באַדאַרף האָבן מורא פּאַר מיר, כאָטש איך בין אַ קליין יינגל, וואָס לויפט פּאַרביי זיין באַלעבאָס שטוב, אויפן וועג אין חדר אַריין.
יאָ, ס'איז געווען, ווען דער רויטער הונט האָט מיך נאָכגעיאָגט און דעריאָגט; ווען ער האָט שוין זיינעביידע לאַפּעס געהאַט אויף מיין אַקסל, און שיעור נישט אַ ביס געטון מיר אין האַלז — דעמאָלט האָב איך אים פלינק אַ כאַפּ געטון פּאַרן וויידל; מיט ביידע הענט אים אַ דריי געטון אין דער לופטן אַרום-און-אַרום און אַריבערגע-שליידערט אים איבערן פּלויט אין קראָפּעווע אַריין.
מיט אַ קוויטש איז דער רויטער הונט, אין איין געלאָף אַוועק

וווהין די אויגן האָבן אים געטראָגן. און איך, מיט אַ האַרץ, וואָס אָט-אָט שפּרינגט עס אַרויס — האָב איך פאַרריסן די פּאָלקעס, סטראַם-געלאָף, ווי נאָר די פיס האָבן געטראָגן. פון דעמאָלט אָן, אַז דער רויטער הונט האָט מיך דערזען פונוווייטן אָנקומען, האָט ער אַריינגענומען דעם ווידל צווישן די הינטערשטע פיס און פאַמעלעכקע אָפּגעצויגן פון וועג.

מאַטעס דער מלמד האָט אָפּגעגעבן אַ גריס דעם טאַטן, אַז זיין פּרץ איז אַ גוט ייִנגל; אים וועט מען באַדאַרפן האַלטן לאַנג אין חדר. אויב ער וועט כסדר אַזוי לערנען, ווי ער לערנט; אויב כסדר וועט ער אַזוי צולייגן דאָס קעפּל צום לערנען — וועט ער זיין אַ לייט, וועט מען פון אים נחת האָבן.

דאָס האָט מיר די מאַמע דערציילט, נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט עס איר דערציילט. דאָס איז געווען אַ פרייטיק ביי טאָג, ווען איך בין געקומען פאַרפרי אַהיים, און די מאַמע האָט מיר, ווי דער שטייגער, געצוואָגן דעם קאָפּ.

דער זיידע יהושע האָט שוין אָנגעהויבן ביי מיר פרעגן אַ טייטש אין חומש און איז געוואָרן מיט מיר אַ גאַנצער פּאַני-בראַט. האָט ער די שפּאקולן מיט די שטריקלעך אַרומגעבונדן איבערן קאָפּ, געזוכט אין אונזער אַלטן חומש דאָס אָרט, ווו איך האָב געלערנט אין חדר. האָט ער שוין מיט מיר אינאיינעם פרייטיק מעביר געווען די סדרה — ער, מיט זיינע הונדערט יאָרעלעך, און איך מיט מיינע זיבן יאָרעלעך — אינאיינעם האָבן מיר געקרייזלט דעם ניגון, מעביר געווען די סדרה און אינאיינעם געזונגען אויף אַ קוויטשיקל...

צווישן מיינע חברים אין חדר זענען געווען קינדער גרויסהאַלטער, ווייל זייערע טאַטעס זענען געווען אַזוינע און אַזוינע: זייערע טאַטעס האָבן קראָמען אין סאַמע מיטן מאַרק. זייערע טאַטעס שטייען אין בית-המדרש אין סאַמע מזרח. און איך בין ליפּע דעם מילנערס, מיין טאַטע שטייט נישט אין מזרח. מיין טאַטע האָט זיין שטאָט אין בית המדרש ווייט פון מזרח.

אַז דער טאַטע נעמט מיך שבת אין בית-המדרש אַריין — קוק איך פונדערווייטנס צו דער מזרח-וואַנט. דאָרטן שטייען זיי, די מזרח-מענטשן. זענען אַזוי ווייט, אַזוי ווייט... איך זע דאָרטן מיינע חברים פון חדר, שטייען נעבן זייערע טאַטעס; זיי קוקן אַריבער צו מיר, און איך פאַרשטיי, אַז די טאַטעס לאָזן זיי נישט אַראָפּקומען פון מזרח

און רעדן מיט מיר. איך אַליין שטיי מיר אויף מיין אָרט און גיי נישט אַריבער צו זיי, צו דער מזרח־וואַנט.

דאָס האַלט מיך אין חדר אָפּגעזונדערט. נישט שטענדיק נעם איך אָנטייל אין די קינדערשע שפּילן און שטיפּערייען. איך האַלט מיין קאָפּ איינגעגראָבן אין ספר, איך זאָל געדענקען, וואָס דער רבי מאַטעס לערנט מיט מיר. אין האַרצן מאַך איך אָפּ — אַז שלאָגן מעג מיך מאַטעס; רייסן דעם אויער, צופּן די האָר מעג ער אויך. נאָר שמייסן, ווי ער האָט שוין צו עטלעכע מאָל אָפּגעשמיסן אַלע תלמידים — דאָס נישט. מיך וועט ער נישט שמייסן. מיין ברודער משה — אים איז דאָס אַ חידוש. ער פּאַרקאָשערט מיר די הויזלעך און וויל דערקענען סימנים אויף מיין לייב. ער גלויבט נישט, אַז מאַטעס האָט מיך נאָך נישט געשמיסן. דאָס שטעטל האָב איך נישט ליב געהאַט. אַרויס פון חדר, בין איך געלאָפן אַהיים. דער חדר האָט מיך נישט אָפּגעריסן פון מיל. דער חדר האָט מיך נישט אָפּגעריסן פון מייניקע.

די מאַמע האָט אָנגעקוואָלן פון איר קינדס תורה, פונדעסטוועגן האָט זי איר פּרצן געהייסן אַרויפקריכן אויף אַן אָלשענעם בוים, אַראָפּ־ברעכן אַ טרוקענעם צווייג, צעברעכן אים אויף דער קני — באַשר זי באַדאַרף אָנלייגן אַ פייער און מאַכן אַן עסן.

דער טאַטע, כאָטש ער האָט כסדר געפּאָרשט ביי מאַטעסן, צי זיין פּרץ טוט אַ פּעולה, פונדעסטוועגן האָט ער הנאה געהאַט צו זען, ווי פּרץ טעשעט אַ קליניקל...

מאַטעס זאָגט, אַז איך וועל זיין אַ מענטש. איך גיי ביי אים אָפּ אַ גאַנצן זומער אין חדר, און דערווייל האָט ער מיר נאָך קיין איינמאָל נישט אַריינגעשמיסן...

*קאַפּיטל זעקס*

# דער באַלעגוף

אויפֿן וועג אין חדר אַריין, אין דער ערשטער גאַס, וואָס האָט שוין אַריינגעצויגן אין קיילעכדיקן מאַרק, זענען געשטאַנען צ יי שטיבער מיט שטרויענע דעכער. קומענדיק צו דער ערשטער שטוב — האָב איך געשטעלט שנעלערע טריט. געהאַט מורא אַריבערצוקוקן א י-בערן טויער, כאַפּן אַ בליק צום הויף. דערפֿאַר, צוקומענדיק צו דער צווייטער שטוב, אַ נישט קיין אַרומגעצוימטע שטוב — אַהין האָט עס מיך געצויגן אַריינצוגיין.

אין דער ערשטער שטוב האָט געוווינט דער באַלעגוף שרינסקי, ביי וועמען דער טאַטע האָט געדונגען די מיל, פֿאַר וועמען אַלע אין שטוב האָבן געהאָרעוועט.

אין דער אַנדערער שטוב האָט געלעבט אריה דער שניידער יט זיין ווייב רחלע די קאַשעמאַכערקע.

אריה דער שניידער, אַ שוין גרויער ייד מיט אַ קורצער ראיה, ער איז שטענדיק געזעסן איינגעבויגן הינטער זיין ברייטן, שווערן טיש און געשטשאָבעט פּויערישע סערמיגעס. בשעת זיין רחלע, אַ קליינינקע, אַן איינגעשרומפּענע — זי איז כּמעט שטענדיק געשטאַנען ביי דער זשאָרנע, אין ווינקל ביי דער טיר, און געדרייט און גע-דרייט — גרויפּן האָט זי געמאַכט פֿאַרן גאַנצן שטעטל. פֿון רעטשע-נע גרויפּן און האָבערנע גריץ האָט זי געצויגן איר חיונה. זי האָט אויך געבאַקן קיילעכדיקע לאַבנס ראָזעווון ברויט. אַ פּאָר מאָל אין וואָך האָט זי געבאַקן רעטשענע, קליינע קוגעלעך, פֿאַרקויפֿט צו יידן

ווי צו נישט-יידן. זיי האָבן געהאַט צוויי ייִנגלעך. דער ייִנגערער, אַל-טער, איז געווען אין מיינע יאָרן.

אַהין האָט מיך געצויגן די זשאָרנע און דער ריח פון די גרויפּן. רחלעס זשאָרנע האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ קליי-נע מיל. שטענדיק האָט געשמעקט ביי אריה דעם שניידער מיט גע-טריקנטן האָבער, פון וואָס רחלע האָט געמאַכט גריץ, מיט דעם ריח פון געטריקנטע גריקע און וואַרעמען ברויט. אָפטמאָל האָט אריה דער שניידער געבראַכט אויף דער פּלייצע צו אונז אין מיל אַריין געטריקנטע גריקע, מען זאָל ביי אונז פון דעם אויסבייטלען מעל. קאָרן, צו מאָלן אויף ראַזאָווקע — דאָס האָבן מיר שוין מיט אונזער פור ביי זיי שטענדיק פאַרנומען. אין שטוב צו זיי בין איך פאַרלאָפן צו זאָגן גוטמאָרגן. ס'איז געווען מיין ערשטע סטאַנציע אויפן וועג אין חדר. אָפטמאָל האָט מיך די מאַמע געהייסן פאַרגיין צו רחלען, נעמען פאַר אירטוועגן אַ האַלבע קוואָרט גריץ. אריה האָט די אויגן נישט אָפּגע-ריסן פון דער סערמיגע, האָט אונטער דער נאָז אַ פרעג געטון: צי גייט די מיל... צי קען איך שוין גוט לערנען, און צי מאַטעס שלאָגט מיך שטאַרק.

רחלע איז שוין ווייטער אַוועק מיט אירע שאלות: ערשטנס האָט זי מיך מכבד געווען מיט אַ רעטשענעם קוגעלע, אַ קוש-געטון מיר אין באַק מעשה מאַמע. זי האָט געוואָלט וויסן, צי דער מאַמען טוט נישט וויי דער קאָפּ, צי די מאַמע האָט געבאַקן ברויט, און ווי אַזוי איז אַרויסגעקומען דער קוגל שבת. מיט איר איז די מאַמע גע-ווען שוה-בשוה. די מאַמע האָט אויך נישט פאַרפעלט צו פאַרגיין צו רחלען. ביידע האָבן נישט גאָר שטאַרק ליב געהאַט די לייט, וואָס וווינען אַרום קיילעכדיקן מאַרק. איינע האָט פאַר דער אַנדערער גאַנץ אָפט אויסגעקלאָגט דאָס האַרץ. ווייטער פון אריה דעם שניידערס שטוב האָט מיין מאַמע אירע רייד נישט געטראָגן. ווען די מאַמע מיט רחלען האָבן אַרומגערעדט ס'ביטער לעבן, צער און נחת פון קינדער, — האָט אַריה זיין קאָפּ פון דער סערמיגע נישט אַרויסגע-נומען.

אַנדערש איז דאָס געווען מיט דער ערשטער שטוב, ווו דער באַלעגוף שרינסקי האָט געוווינט. נישט נאָר איך האָב מורא געהאַט צו גיין נאָענט לעבן זיין טויער — איעדער פון די שטוב-לייט האָט געווייכט שרינסקיס הויז, ווייל דער באַלעגוף מיט זיינע

בנים זענען געווען פאַר ליפע דעם מילנער מיט זיין הויזגעזינד — דער קוואַל פון שטענדיקע דאגות, אומרויקע טעג און דעם טאַטנס און דער מאַמעס זיפצן אין די לאַנגע ווינטער־נעכט.

דער באַלעגוף אַליין איז געווען אַלט, נידעריק, מיט אַ קיילעכדיקן, רויט־בלויליכן פּנים, באַוואַקסן מיט שטעכיקע האָר. זיינע קליינע, וואַסערדיקע אייגעלעך האָבן צווישן מענטשן געקוקט צו דער ערד. צוויי זין האָט ער געהאַט. דער עלטערער — יוזיק — אַ טונקעלער, מיט וואָנצעס. דער ייִנגערער — נאָך אַ בחור — האָט געהייסן יאַסקע. יוזיק איז געווען דער חכם פון דער הגדה, מיט אַ צומיש פון רשע. יאַסקע, אַ ווייסער מיט פלאַקסענע האָר, איז געווען דער תּם פון דער הגדה, מיט אַ צומיש פון רשע.

דער באַלעגוף אַליין איז געווען כּולו רשע. קיינמאָל נישט קיין שמייכל, קיינמאָל נישט קיין גוט וואָרט, כּסדר געבורטשעט אין אייגענעם בויך אַריין. צו אים האָט געהערט ליפעס מיל. צו אים האָבן געהערט די לאָנקעס הינטערן מיל און אַלע לאָנקעס, וואָס זענען געלעגן אַרום סטאַוו. דעריבער האָבן שוין צו אים געהערט אַלע ביימער, וואָס זענען געוואַקסן אַרום מיל און אויף די לאָנקעס אַרום. ער האָט געהאַט הכנסה פון פרעמדע לאָנקעס. אויב דער וועג האָט געפירט דורכן בריק ביים מיל, דעמאָלט האָט ער גענומען באַצאָלט פאַרן אַריבערפירן די היי איבער זיין בריק.

דער באַלעגוף האָט געהאַט אַ טבע אַרויסצוקומען אין אונזער געגנט און באַטראַכטן זיין נחלה. זומער האָט ער עס אָפטער געטון. האָט אַכטונג געגעבן, צי מען פּאַשעט נישט אויס זיינע לאָנקעס. געקומען אַ קוק געבן, צי ליפע דער מילנער לאָזט נישט אַרויף זיין פערד אָדער קו אויף זיין גראָז. האָט פאַרקוקט צו די ביימער, כאָטש שווער איז אים אָנגעקומען צו פאַרררייסן דעם קאָפּ. האָט געמאַכט מיט די הענט, עמעצן גלאַט אין דער וועלט אַריין געוואָרנט. אויב ער האָט באַמערקט אַן אויסגעהאַקט ביימל, אַן אָפּגעבראָכענעם צווייג — איז ער גאָר אַרויס פון די כּלים און געפּאַטשט מיט ביידע הענט אין די באַקעס.

קוקנדיק אויף אים בשעת ער איז אומגעגאַנגען, אָדער אומגעבראָדזשעט מיט דער גרעבליע און איבער די לאָנקעס, ווי אַזוי ער זידלט עמעצן נישט־געשטויגן און נישט־געפלויגן — האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס טרייבט ער נישט־גוטע, וואָס זענען אים אָנגעקומען אויף זיין וועג.

זיינע זין האָט מען זעלטענער געזען אין אונזער געגנט; סיידן זיי זענען געקומען קאָסטן די לאָנקעס אַרום מיל; סיידן דער טאַטע זייערער האָט איינעם פון די זין אַריבערגעשיקט צו ליפע דעם מילנער אָנזאָגן אַ שלעכטע זאַך. געמאָלן האָט מען פאַר זיי ביי אונז אין מיל אומזיסט. זענען די זין אָפטמאָל אַראָפּגעקומען מיט זייער תבואה, געהיט ביים מאָלן — דער מילנער זאָל זיי נישט באַגנבענען...

פונדעסטוועגן האָט פון צייט צו צייט פאַרבלאָנדזשעט צו אונז אין שטוב אַריין דער באַלעגוף אַליין. דאָס איז געווען, ווען ער איז געקומען מאָנען דירה־געלט פאַר דער מיל. מער פון אַלץ איז ער מכלומרשט אָנגעקומען פרייטיק פאַרנאַכט; ארומגעגאַנגען, באַטראַכט די נחלה, און שפּעטער, ווען די מאַמע האָט געבענטשט ליכט, איז ער אַריינגעקומען אָן אַ גוטנאָוונט, געבליבן זיצן, עפּעס בורטשענדיק צום שטוב. ער האָט געוואַרט ביז מען איז געגאַנגען צום טיש. נאָך קידוש האָט אים די מאַמע געגעבן אַ שטיק שבתדיקע חלה מיט אַ גלעזל בראָנפן.

דאָס איז אים ווויל באַקומען. ס'בלוט איז אים אַריין אין פּנים אַריין. האָט ער דעמאָלט גערעדט פון דער זינדיקער וועלט; גערעדט פון דעם, וואָס זיין יאַסקע קאָן נישט געפינען קיין כּלה. און גע־רעדט אויך פון דעם, אַז מען באַט אים אָן מערער פאַר דער מיל... דעריבער זאָל אים לייבקאָ — דאָס מיינט ער מיין טאַטן ליפע — יאָ, זאָל אים לייבקאָ פון נייעם יאָר, וואָס קומט אָן נאָך פּסח, אָנ־שטאָט הונדערט צוואַנציק רובל אַ יאָר, געבן הונדערט פופציק... באם נישט — מעג לייבקאָ באַצייטנס זוכן אַן אַנדער מיל...

פון זיינע בנים האָט דער עיקר יאַסקע ליב געהאַט אַריינצוקו־מען פרייטיקצונאַכטס, געבליבן זיצן אויפן שלאָפבאַנק ביים פענסטער; נאָכגעקוקט אַלעמען אין שטוב, בשעת מען האָט געדאַוונט; נאָכגע־קוקט ווי מען וואַשט די הענט און מען מאַכט קידוש... ער האָט שוין געזאָגט אַ דאַנק, בשעת די מאַמע האָט אים געגעבן אַ שטיק ווייסע חלה און אַ גלעזל בראָנפן.

אַז יאַסקען האָט דער בראָנפן צענומען, האָט ער שוין נאַריש געשמייכלט און דערציילט: אַז זיין טאַטע וועט קיינעם די מיל נישט פאַרדינגען, באשר ער האַלט פון ליפע דעם מילנער. נאָר מוסיף זיין

צו דירה־געלט וועט מען מוזן — באשר ער וויים, ווער עס באַט אָן מער פאַר דער מיל:

— אייערע זשידעס קריכן אין וועג אַריין; אייגענע זשידעס ווילן אייך אַרויסזעצן פון מיל, באשר זיי מיינען, אַז איר שאַרט דאָ גאָלד.

האָט אים די מאַמע דערפאַר געגעבן נאָך אַ שטיק ווייסע חלה, אָנגעגאָסן אים נאָך אַ גלעזל בראָנפן. האָט ער שוין דערנאָכדעם נאָ־ריש געלאַכט און געזאָגט:

— זשידי זנאַיוט יאַק זשיטי... (זשידעס ווייסן ווי צו לעבן).

מיט אַזאַ חכמה איז ער אַוועק, לאָזנדיק אין שטוב אַ פאַר־שטערטן פרייטיקצונאַכטס.

זעלטענער איז געקומען דער עלטערער זון, יוזיק. ער האָט שוין מעשה מענטש באַדאַנקט פאַרן שטיק שבתדיקער חלה. ער האָט שוין מעשה־מענטש גערעדט... האָט אפילו געהייסן אָנקלייבן טרוקענע צווייגן צווישן די ביימער.

אַז אים האָט דאָס גלעזל בראָנפן צעגומען, האָט ער געלויבט ליפע דעם מילנער:

— דער טאַטע וועט שוין קיין אַנדערן אין מיל נישט אַריינ־זעצן. נאָר איר וועט אים באַדאַרפן פון נייעם יאָר העכערן. מיר אַרט עס נישט. איך וועל סיי־ווי נישט לעבן אין קלעשטשעל. איך וועל סיי־ווי אַוועקפאָרן. מיין ווייב זאָגט, אַז דאָ איז איר נישט גוט. מיין ווייב... יאָ, מיין ווייב — אויב זי וועט געבוירן אַ יינגל, יאָ, יאָ...

דעמאָלט גיט אים מיין מאַמע אַ שטיק שבתדיקע חלה און הייסט עס אים אַוועקטראָגן זיין ווייב.

אָט אַזוי וואַקסן זיי אויס אַרום אונז פון מאָל צו מאָל, זומער, ווינטער — אפילו אין האַרבסט; אין די אומעטיקע, האַרבסטיקע בלאָ־טעס פאַרפעלן זיי נישט צו קומען — אַמאָל דער באַלעגוף אַליין, און אַמאָל זיינער אַ יורש. אין האַרבסט האָבן זיי געפּאַסט צום רומל, געפּאַסט צו דעם געמיט, וואָס האָט געהערשט ביי אונז אין שטוב:

ווייל אין האַרבסט זענען אָנגעקומען אַלערליי זאָרגן, אַלערליי האַרצווייטיקן. זענען אָנגעקומען האַרבסטיקע רעגנס און עס זענען געקוואָלן די וואַסערן. די בעט פון אונזער טייך איז שמאָל געוואָרן; ס׳וואַסער פּלייצט אַריבער די ברעגעס, און ס׳איז נישטאָ וואָס צו מאַכן מיטן וואַסער. נישטאָ קיין מלאכה אין מיל. באשר דער וועג

אין אַזוי שלעכט געוואָרן, און קיינער קומט נישט צו ליפּען אין מיל אַריין. ביידע רעדער וואָלטן געקענט גיין; פאַר ביידע פּאָר שטיינער וואָלט געווען גענוג וואַסער. די מיל זאָל קאָנען גיין טאָג-און-נאַכט — איז קיין מלאכה נישטאָ. מען עפנט אויף די זאַסטעווקעס און מען לאָזט דאָס וואַסער גיין פראַנק און פריי....

דער הפקרדיקער וואַסער-גערויש אונטערן שטוב איז אַ פאַר-שייטער גערויש. ס'וואַסער גייט פון אונז אַוועק אויף שטענדיק און לאַכט פון ליפּע דעם מילנער, וואָס האָט זאַסטעווקעס ביי דער בריק, וואָס האָט זאַסטעווקעס אין קאָריטע ביי די רעדער. עס פייפט דער ווינט צווישן די נאַסע אָלשענע ביימער — עס פייפט דער דלות, שניידט עס אַלעמען ביים האַרצן. ס'איז נישט קיין זאָרג, וואָס דריקט — נאָר אַ ווייטיק, וואָס נאָגט. איך שפּיר-מיט דעם אייגענעם ווייטיק פון די גרויסע.

אין אַזעלכע טעג, אַז דער שבת איז געקומען צו דער שוועל — האָט מען אים באַגעגנט מיט אומעטיקע פּנימער. דאָס וואַסער איז געלאָפן ליידיק, און אין שטוב איז נישטאָ קיין אייגענע מעל אויף חלות. מעל האָט מען געקויפט אין שטעטל. כאָטש פון די געקויפטע מעל זענען די חלות ווייסערע, ווי פון אייגענע געמאָלענע — אָבער די חלות זענען פרעמדע. דער שבת-טיש איז אַן אומעטיקער —

און דעמאָלט קומט אַריין דער אַלטער שרינסקי, דער באַלעגוף; קומט אַריין מיט זיינע פאַרבלאָטיקטע שטיוואַליעס; קלאַפּט אָפּ די בלאָטע אין שטוב ביי דער טיר און זשמורעט מיט די אייגעלעך — באשר צופיל ליכט אין שטוב; באשר צום פינפערנעם לעמפּל אויף דער וואַנט, וואָס לכּבוד שבת האָט מען דאָס גלעזל אויסגעוואַשן, אָנגע-גאָסן דאָס לעמפּל פול — יאָ, צו דעם ברענען נאָך פיר חלבנע ליכטלעך אין די שבתדיקע מעשענע לייכטער אויפן טיש, וואָס די מאַמע האָט געבענשט.

שרינסקי האָט הנאה פון דער ווייסער חלה, כאָטש ליפּע דער מילנער האָט די מעל גענומען אויף באָרג אין שטעטל ביים מעל-קרעמער.

— אַ זשיד קאָן נישט בלייבן אָן חלה — קייט ער און ברומט — ער מוז האָבן חלה אויף שבת... היות, ווי ס'איז קיין מלאכה נישטאָ אין מיל — דערפרייט ער אונז — היות, דאָס וואַסער גייט ליידיק — וועט ער ברענגען אַ פור תבואה, אָנצומאָלן פאַר זיך אויף אַ גאַנצן ווינטער...

ער פּאַסט צום רומל. ער טראַכט אפשר: הלמאי די מאַמע האָט אים דאָס מאָל געגעבן אַ קלענערע לוסטע חלה. און אַז דאָס גלעזל בראָנפן צענעמט אים, שוין בײַם טיר, זאָגט ער אָן:

— איר זאָלט דאָ אַכטונג געבן, מען זאָל נישט האַקן די ביי־מער... די גנבים, פוילן זאָל זייער געביין — — —

ער איז דער אָנזאָג, אַז אַ שווערער ווינטער איז בײַם שוועל.

אין יענע טעג, ווען די מאַמע באַשמירט מיר צוויי פּעניצער חלה מיט פּוטער, איך זאָל מיטנעמען אין חדר אַריין, זאָגט זי מיר נאָך אָן:

— ווּעסט, מיין זון, אַריינגיין צו רחלען, טאָמער האָט זי גע־באַקן רעטשענע הולניקלעך, ווּעסטו נאָך נעמען אַ הולניקל אין חדר. מען ווּעט איר איה״ש באַצאָלן.

און אַז עמעצער וויל אויסדינגען בײַ ליפען די מיל, און די מאַמע באַדאַרף אויסרעדן איר האַרץ, אויסוויינען ס׳ביטערע מזל — טוט זי עס אויך אויפן וועג אין שטעטל אַריין — יאָ, פאַר רחלען טוט זי עס, ווען זי טרעט אָפּ אויף אַ רגע צו אריה דעם שניידער, וועמענס שטיבל מיטן שטרויענעם דאַך קוקט אַריבער צו שרינסקיס שטוב... ליפע דעם מילנערס באַלעגופה.

*קאַפּיטל זיבן*

## תורה און געפּיקטע באַנקעס

מיין רבי מאַטעס האָט געהאַט אַ צייט, ווען ער האָט מכבד געווען די תּלמידים מיט טרוקענע קלעפּ; געווען אַ צייט פון פּאַרע-ווע און אַ צייט פון פליישיקע קלעפּ. ער האָט געהאַט אַ צייט צו שמייסן די קינדער און אַ צייט — צו שמייכלען גוטמוטיק; אַפילו אַ קניפּ טון מיט ליבשאַפט.

גוטע טעג זענען אויסגעפאַלן אין אָנהויב חודש, ווען ער איז געווען גוט צו תּלמידים. דעמאָלט האָבן די קינדער געבראַכט שכר-לימוד. עס האָט אויך געקאָנט זיין אַ גוטער טאָג זונטיק, ווען מ'האָט אָנגעהויבן לערנען אַ נייע סדרה חומש, אָדער אַ נייעם ענין אין דער גמרא, וואָס די תּלמידים זענען נישט געווען מחויב צו וויסן גלייך.

שלעכט איז געווען דער מיטוואָך. כאָטש מען האָט נאָך אַלץ געלערנט פּאָרוויז – אָבער מען האָט שוין באַדאַרפט וויסן, וואָס מען האָט געלערנט. ביטער איז געווען דער דאָנערשטיק, ווען איעדער תּלמיד האָט באַדאַרפט זאָגן באַזונדער. ער האָט געפּאָדערט, די תּלמידים זאָלן וויסן אויף אויסנווייניק. דאָנערשטיק האָבן אַנדערע תּלמידים געקריגן צו עטלעכע מאָל געשמיסן. ס'האָט געקאָנט טרעפן דאָנערשטיק, אַז ער האָט אַ תּלמיד אונטערגעריסן דעם אויער.

פרייטיק איז געווען גרינגער. מען האָט געלערנט אַ האַלבן טאָג, געלערנט מעביר צו זיין די סדרה, געלערנט די הפטורה און אַביסל אַריינגעקוקט אין שבתדיקן דאַווענען. שבת בייטאָג, זומער, איז גאָר געווען גוט: מען האָט געלערנט פּרק אבות. מאַטעס איז געווען פאַרשלעפּרט פון שבת-דיקן טשאָלנט און קוגל. מ'האָט געמעגט אַפילו, זיצנדיק ביים טיש, כאַפּן אַ פליג.

אַ באַזונדערער טאָג, — סיי אַ גוטער, און סיי אַ שלעכטער — איז געווען דער מאָנטיק. נישט אַזוי צוליבן לערנען, ווי צוליבן חדר. נישט אַזוי צוליבן פאָלגן און נישט-פאָלגן, ווי צוליב דעם מאַרק-טאָג, וואָס איז פּונקט מאָנטיק אויסגעפאַלן אין שטעטל קלעשטשעל.

ערשטנס האָט עס דעם רבין אַליין געצויגן אין מאַרק אַריין — אפשר וועט ער באַגעגענען אַ גוי מיט אַ מציאה, כאָטש ער האָט גאָרנישט געהאַנדלט. מאָנטיק איז מאַטעס געווען אַביסל צעטראָגן; געלאָזן צומאָל דעם חדר אויף הפקר, ווי ער האָט עס אָנגערופן.

דער עיקר איז מאָנטיק דער חדר גופא פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין פלאַי-פלאַימדיקער יאַטקע, ווו די באַלעבאָסטע פון חדר, גדליהכע די אַלמנה, האָט ביי דער טיר, נעבן קוימען אויפגענומען אירע חולאים — דאָרפישע פויערים און פויערטעס — זי האָט זיי געשטעלט טרוקענע און געפּיקטע באַנקעס.

אויך אינמיטן וואָך האָט געטראָפן, אַז אַ חולה איז צו איר געקומען. אָבער מאָנטיק איז געווען דער טאָג, ווען דער גדליהכעס שפע איז געווען גרויס. עס זענען געקומען צו איר אַלט און יונג, פויערים און פויערטעס. ביים קוימען, נאָענט צו דער טיר, אויף פּוסבענקלעך זיצנדיק, האָבן די חולאים איבערגעגעבן אין דער גדליהכעס הענט דאָס בלוט אויף הפקר.

געווען אַזוי דער שטייגער:

דעם חולה האָט זי געזעצט מיטן פּנים צו דער טיר און מיט דער נאַקעטער פּלייצע צו דער שטוב אַרויס: ס'הייסט, צו אונז, קינדער ביים טיש. אין אַ שיסל וואַרעמע וואַסער האָט זי געהאַלטן עטלעכע צענדליק בלעכענע באַנקעס. אויפן קוימען האָט געברויכערט אַ קליין לעמפּעלע. נאָכדעם, ווי זי האָט מיט אַ נאַסער שמאַטע אַרומגעווישט ביים חולה די נאַקעטע פּלייצע, האָט זי גענומען אַ נאַסע באַנקע, געבראַכט זי נאָענט צום חולהס לייב, דאָס פלעמל פון לעמפּל אַ שטעק געטון אין באַנקע אַריין און גלייך זי צוגעשטעלט דעם חולה אויף דער פּלייצע. די באַנקע איז געבליבן צוגעזויגן צו דער פּלייצע. דער חולה איז געבליבן אַזוי איינגעבויגן ביי אַ פערטל שעה, און גדליהכע האָט דערווייל געכאַפּט אַ דרימל. צו דער צייט האָט זי אויפגעוואַכט, אַראָפּגעריסן די באַנקעס. יעדע באַנקע האָט געגעבן אַ שמוצער, ווען מ'האָט זי אָפּגעריסן. אויף דעם אָרט פון די באַנקעס

האָבן אויף דער נאַקעטער פּלייצע געגליט רויטע רעדעלעך. צען, צוואַנציק און אַמאָל דרייסיק רעדלעך אָנגעצויגענע מיט בלוט.

אויב דער חולה האָט געוואָלט טרוקענע באַנקעס, האָט עס גע־הייסן — פאַרענדיקט. האָט גדליהכע מיט אַ פעטס און מיט דער הוילער האַנט אויסגעשמירט די פּלייצע און געזאָגט: „נאַ זדאָראָוויע"... דער חולה האָט באַצאָלט די פּאָר גראָשן און געזאָגט „דיאַקאָיו"...

ווען דער חולה האָט געוואָלט האָבן געפּיקטע באַנקעס, האָט גדליהכע אויף אַיעדן אָנגעצויגענעם בלוט־רעדעלע אַ פּיק געטון מיט אַזאַ פאַרזשאַווערט מעשן מאַשינקעלע, און דריי בלוט־פּאַסיקלעך האָבן אַרויסגעשפּראָצט אויפן אָנגעצויגענעם אָרט. דערנאָכדעם האָט זי אויף איעדן אָנגעפּיקטן אָרט ווידער אַרויפגעשטעלט באַנקעס. נישט לאַנג האָט געדויערט, ווען די באַנקעס האָבן אָנגענאָגט גענוג בלוט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַליין אַראָפּצופאַלן פון קראַנקנס פּלייצע. פון איעדער באַנקע האָט אַ פּליוך געטון בלוט. בלוט האָט אויך גערונען פון דער צעטרייבערטער פּלייצע. האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט פון דער פּלייצע די פעל אַראָפּגעשונדן.

גדליהכע וואַשט מיט דער האַנט אַראָפּ דאָס בלוט פון דער פּלייצע; מיט אַזעלכע שטינקענדיקע שמירעכצן רייבט זי אויס די רויע, רויטע הויט און זאָגט: „נאַ זדאָראָוויע..." דער חולה, קוים וואָס ער גלייכט אויס זיין פּלייצע — ער קרעכצט. באַצאָלט און זאָגט: דיאַקאָיו..."

געווען אַלטע פּלייצעס, און געווען יונגע, פעטע פּלייצעס; גע־ווען ברייטע פּלייצעס, און געווען דאַרע, שמאָלע פּלייצעס. ווער ס'האָט צוגענומען די באַנקעס, ווי אַ ברכה, געלאָזט, אַז גדליהכע זאָל אים פּיקן מיט דער מאַשינקע און צאַפּן דאָס בלוט; און געווען אַזעלכע, דער עיקר ווייבער, וואָס האָבן בשעת מעשה גאָט געבעטן און תפילות געשעפּטשעט; מיט אַ ציטער צוגעהערט, ווי גדליהכע צאַפּט דאָס בלוט.

און מיר, קינדער ביים טיש — דער קאָפּ איז נישט געווען נישט אין חומש און נישט אין דער גמרא. דער קאָפּ איז געווען אין גדליהכעס שיסל באַנקעס. אין דער שטיל האָט מען געציילט די באַנ־קעס, וואָס זי האָט אָנגעשטעלט אויף אַ נאַקעטער פּלייצע. מאַטעס האָט נישט געקאָנט שאַלטעווען איבער די קינדער. אַ חרפּה פאַר פרעמדע

גויים צו נעמען און שמייסן קינדער. אפילו אַ פּאַטש טון, מכבד זיין מיט אַ קניפּ, איז אויך נישט אויסגעקומען צו דער האַנט.

דעריבער האָט געטראָפן, אויב די קינדער האָבן מאָנטיק צופיל איינגעשטעלט — האָבן זיי דערפאַר באַצאָלט דינסטיק. האָט ער שוין דינסטיק דערמאָנט אָן נעכטיקן מאָנטיק:

— בויטע גנב, נעכטן געציילט די באַנקעס ביי דער גויע אויף דער פּלייצע... אין חומש איז דיר דער קאָפּ נישט געלעגן — אָט האָסטו דיר פאַר נעכטן אויך!

דעם אייגענעם יאָר האָב איך אָנגעהויבן גמרא — בבא מציאה. אָבער דער חומש — ער האָט גערודערט דעם מוח. בפירוש געלערנט: גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג, און אויף דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט... בפירוש געלערנט, ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלץ, וואָס אונטערן הימל, און אַלץ, וואָס אויף דער ערד...

איך האָב אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די וועלט לויט ווי עס איז באַשריבן אין חומש, אין ספר בראשית. מיין וועג פון מיל אין חדר און פון חדר צוריק אַהיים האָט פאַר מיר אָנגעהויבן אויסצוזען, ווי נאָך דעם וועלט-באַשאַף; ערשט איצטער נאָך מעשה-בראשית. אויסגעקומען דעריבער אָפטער און אָפטער אַ טראַכט צו טון וועגן גאָט. אויסגעקומען גאַנץ אָפט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט דעם חבר מיינעם, וואָס דער רבי האָט אים גערופן גלאָוואַצקי; מיט אים האָב איך אַרומגערעדט, ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט.

פאַרוואָס דער רבי האָט דעם חבר מיינעם גערופן גלאָוואַצקי— איז מיר נישט געווען קלאָר. גלאָוואַצקי איז געווען אַ מענטש אין שטעטל, נישט קיין ייד, וואָס האָט אַלצדינג געקענט. ער האָט געקענט אַרויסרייסן מיט אַ שליסל אַ צאָן, ווען מען האָט באַדאַרפט. ער האָט געקענט נאָכמאַכן אַ שליסל, געקענט שיסן פייגל. מען האָט געשמועסט, אַז ער פאַרשטייט כישוף. גלאָוואַצקין האָב איך געזען אַרום אונזער מיל, ווי ער האָט, מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע, באַטראַכט די ביימער, געשאָסן אין די פייגל אַריין.

גלאָוואַצקי, דער חבר מיינער, ער איז מיר געוואָרן אַ נאָענטער חבר. אינאיינעם האָבן מיר אַ סך געטראַכט — ווי גרויס עס איז די וועלט, און ווי הויך עס איז פון דער ערד ביז צום הימל. איך

האָב אים איבערגעגעבן סודות פון אונזער מיל, אויפגעקלערט אים, ווי אַזוי פון קערנער מאַכן מיר מעל.

דערוויילע האָט מיך נאָך מאַטעס נישט געשמיסן. קאָן זיין, אַז איך האָב נישט פאַרדינט געשמיסן צו ווערן. עס קאָן אויך זיין, אַז די מאַמע האָט אים עטלעכע מאָל שטאַרק געבעטן, מיך זאָל ער נישט שלאָגן.

איינמאָל בלויז, דעם ערשטן זומער, האָט ער מיר מיט דער פויסט אַזאַ זעץ געגעבן אין פּנים — אַז מיין פּנים איז אויפגעלאָפן, און ס'איז געבליבן אַ בלויער צייכן נעבן אויג.

האָט מאַטעס, פאַרן אַהיימגיין, מיך צוגערופן אָן אַ זייט, די קינדער זאָלן נישט הערן און געזאָגט:

— וועסט אינדערהיים זאָגן, אַז דו ביסט געפאַלן איבער אַ שטיין...

איך האָב געהאַלטן וואָרט. איך האָב עס אַפילו אין די שפּע־טערדיקע יאָרן אויך נישט דערציילט, אַז מאַטעס האָט מיר מיט דער פויסט געמאַכט אַזאַ בלויען צייכן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ער טיילט מיך אַביסל אַרויס פון צווישן די איבעריקע קינדער — האָב איך געוואָלט זיין גוט צו אים.

איינמאָל אַ פרייטיק — נאָך זייער אַ ביטערן דאָנערשטיק — האָבן די קינדער געהאַט אַן אַסיפה און ס'איז געבליבן, מען זאָל דעם רבינס קאַנטשיק אָפּגנבענען און ערגעץ־ווו באַשטאַטן. איעדער יינגל האָט אַן אַנדער עצה געגעבן. איינער האָט געראָטן, מען זאָל דעם קאַנטשיק צעשניידן אויף פּיץ־פּיצלעך, און די פּיצלעך ערגעץ פאַרוואַרפן, און אַן אַנדערער האָט געעצהט, מ'זאָל דעם קאַנטשיק פאַרברענען. די קינדער האָבן מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל פאַרנעמען דעם קאַנטשיק צו אונז; איך זאָל אינדערהיים אָנבינדן צו אים אַ שטיין און אַריינוואַרפן אין טייך אַריין. האָב איך מורא געהאַט, טאָ־מער האָט מאַטעס אַזאַ כח און ער קאָן דערגיין, אַז דעם קאַנטשיק האָט מען מיר איבערגעגעבן.

איז מען צום סוף איינגעפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן: מען זאָל דעם קאַנטשיק באַהאַלטן ביי גדליהכען אין שפּייכלער. דאָרטן איז געשטאַ־נען אַ באַלייקע פון גרעט — האָט מען דעם קאַנטשיק אונטער דער באַלייקע באַהאַלטן.

מאַטעס האָט חושד געווען, אַז די תּלמידים האָבן דעם קאַנ־

טשיק אָפּגעראַמט. ער האָט געשלאָגן, וויפל עס איז נאָר אַריין. ער האָט געשמיסן מיט ריטער, וואָס ער האָט פון בעזים אַרויסגעצויגן. ער האָט געשמיסן מיט אַ צונויפגעדרייט שטריקל... ביז גדליהכע איז צוגעגאַנגען, גענומען די באַלייקע, באַשר זי האָט באַדאַרפט גרעט וואַשן — האָט זי געפונען דעם קאַנטשיק. אַ פאַרשימלטן האָט זי אים אַריינ־געבראַכט אין חדר אַריין.

מאַטעס האָט געפאָדערט, מען זאָל זיך מודה זיין, ווער ס'האָט דעם קאַנטשיק באַהאַלטן. די תלמידים האָבן געוויינט און געלייקנט שטיין־און־ביין. דעמאָלט האָט ער געשמיסן און געפּאַסעוועט מיטן קאַנטשיק, ווי ער האָט נאָר געטראָפן, ביז וואַנען פון קאַנטשיק איז אַראָפּ דער שימל.

אַ גאַנצע וואָך איז מיר דער קאָפּ געווען פול מיט תורה. אַ גאַנצע וואָך — לויט דער מאַמעס באַדויערן — איז איר קינד איינ־געגאַנגען; האָט מען פון מיר דאָס גאַנצע ביסל חיות אַרויסגענומען. איעדן אינדערפרי, אין די וואָכעדיקע טעג — אויסגעזופּט אין געאייל אַביסל קרופּניק, האָט די מאַמע מיר מיטגעגעבן צוויי פּעניצער אַלט־געבאַקענע חלה, באַשמירט מיט פּוטער — האָב איך די פּוטער אַראָפּ־געשיילט און אַיועקגעוואָרפן. איך בין נאָכן טאָג לערנען געלאָפן מיט אימפּעט פון חדר, און קומענדיק אַהיים — האָב איך נישט געהאַט כח צו עסן דער מאַמעס וועטשערע.

אָפּגעלעבט האָב איך נאָר פרייטיק, ווען איך בין געקומען צו לויפן אַהיים נאָך האַלבן טאָג, און ס'איז אַ סך צייט געבליבן אַ לעב צו טון מיט דעם אַרום־מיל. די מאַמע האָט שוין אָפּגעבאַקן חלות. עס פלאַקערט אין אויוון אויף טשאָלנט.

עס איז מיר ליב, וואָס די מאַמע שיקט מיך אין אַלערליי שליחותן:

— גיי לויף, פרצל, גיב אַ קוק, ווי די בהמה איז ערגעץ פאַר־קראָכן.

— גיי, פרצל, קריך אַרויף אויפן בוידעם; איך האָב געהערט, ווי אַ הון האָט דאָרט געשריגן קאָ־קאָ־דאַק — נישט אַנדערש, זי האָט דאָרט געלייגט אַן איי.

- גיי, פרצל, רייס אָן אַביסל גרינעם פלישניק, וועט מען אָנ־שיטן אין שטוב.

דער זיידע איז אויפגעלייגט. ער נעמט אַראָפּ דעם חומש פון

פּאָליצע, פּרווט מיך אויסהערן, וואָס איך האָב פאַר דער וואָך געלערנט.

— האָ, אייניקל מיינס, גוט וואָס אַ גאָט איז פאַראַן אויף דער וועלט. איצטער ווייסטו שוין, וואָס גאָט האָט אויפגעטון... טאָ לאָמיר איצטער אַ זינג טון דעם ראַבן ניגון... אַז דו וועסט וועלן ווערן אַ רב — וועסטו קאָנען ווערן אַ רב. אַז מאַטעס זאָגט אויף אַ ייִנגל, אַז ער וואַקסט אַ לייט — וואַקסט ער אַ לייט... טאָ זינג מיט מיר דעם רויטן ניגון.

מיין שוועסטער בעבל נעמט מיך אַוועק אין טייך אַריין הינטערן מיל און זי באָדט מיך אויס, וואַשט מיך אַרום.

דער ברודער משה, שוין אַ גאַנצער מילנער, אַ פאַרמעליקטער — ער איז אַ סך גרעסער פון מיר. אַ שטאַרקער שוין. אים פאַרדריסט, פאַרוואָס מאַטעס רופט מיך מיט דעם אייגענעם צונעמעניש, וואָס ער האָט ביי אים געהאַט. מיין ברודער משה געדענקט נאָך פון דעם, וואָס ער האָט ביי מאַטעסן געלערנט. ער נעמט דעם חומש און באַווייזט, אַז ער געדענקט. איך זע, אַז מיין ברודער משה איז אומעטיק. איך פאַרשטיי אַביסל, פאַרוואָס ער איז אומעטיק. צו פרי האָט אים דער טאַטע אָפּגענומען פון חדר.

מיטאָמאָל בעט די מאַמע:

— מען האָט, מיין קינד, פאַרגעסן פעפער צו קויפן, טו אַ לויף אין שטאָט אַריין... נאַ דיר אַ שטיקל קיכל אויפן וועג.

איך לויף — די ערד אַנטלויפט הינטער מיינע פיס. אַז איך קום צום מאַרק — ווער איך אַ ביסל פאַרשעמט און גיי פּאַמעלעכער. מעשה-סטאַטיק גיי איך אַריין צו שמעון-וועלוועלען דעם קרעמער און קויף פעפער. און ווי נאָר איך האָב דורכגעשניטן דעם מאַרק, אַריין אין דער גוישקער גאַס — איז ווידער געלאָפן. ווי אַ ווינט קום איך אָן צו דער מאַמען מיט פעפער אין האַנט.

— אַ שאָד, מיין קינד, — זאָגט די מאַמע — מען האָט דאָך פאַרגעסן צוקער צו קויפן; וועט נישט זיין מיט וואָס דעם טיי צו טרינקען...

דעמאָלט פאַרקאַשערט משה די פּאָלקעס און פליט אין שטאָט אַריין. אים צו דעריאָגן איז שווער.

דער טאַטע קומט אָן פון שטעטל, ער קומט אַ צעפאַרעטער: ער איז געגאַנגען לכבוד שבת אין מרחץ אַריין. אין מרחץ האָט ער

גערעדט מיט מאַטעסן, און יענער האָט אים געזאָגט, אַז פון פרצן וועט ער האָבן נחת. יאָ, איז ער דעריבער געקומען אַ צופרידענער. ער גיט עס איבער דער מאַמען; איז זי אויך צופרידן.

און צו מיר זאָגט ער:

– מאַטעס האָט מיט מיר גערעדט. יאָ, צו ווינטער צו וועט מען דיר מאַכן נייע שטיוועלעך; האָז שוין גערעדט מיטן שוסטער.

אַזוי גייט דער ערשטער זומער ביי מאַטעסן. אַזוי לערן איך חומש מיט רש״י און גיי איבער צו גמרא. עס קומען אָן די יום-טובים. איך בין פריי, נאָר איך האָב מורא פאַר גאָט. איצטער זע איך שוין, ווי גאָט גייט אום אַרום אונזער מיל; ער גייט אום אויף די לאָנקעס איעדן פאַרנאַכט, ווען די זון פאַרגייט אין מערב-זייט.

און אַז עס קומט אָן די נאַכט, האָב איך מורא אַליין אַרויס-צוגיין דרויסן. און אַז איך ליג אין בעט, און הער, ווי דאָס וואַסער רוישט אונטערן שטוב, אַמאָל מורמלט עס – הער איך פון געמורמל אַרויס רייד אַזעלכע, וואָס איך וויל פאַרשטיין, און קאָן נאָך נישט פאַרשטיין...

ווייל שלאָפן, שלאָף איך נאָך אַלץ מיט דער מאַמען אין איין בעט. שלאָפנדיק מיט איר, בין איך נאָך אַלץ אַ קליין, קליין קינד.

אין האַרצן בין איך צופרידן, וואָס מאַטעס האָט מיך פאַרן גאַנצן זמן קיין איין מאָל נישט געשמיסן.

*קאַפּיטל אַכט*

## „אהוב את המלאכה"

איך האָב אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן טאַטן און דער מאַמען, בעת ביידע זענען געזעסן אויף דער ערד פאַרן שטוב און אויסגעקליבן אוגערקעס צום זייערן, וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט פון שטאָט. געווען סוף-זומער פאַרנאַכט. אַ פאַרבענקטקייט איז געלעגן אויף די אָפּגעזוימערטע לאָנקעס. בלעטער האָבן געגעלט און געפאַלן פון די ביימער.

זאָגט דער טאַטע:

— אַז פאַר אים וועט נישט זיין קיין מלמד אין קלעשטשעל, וועט מען אים באַדאַרפן אַוועקשיקן אין אַן אַנדער שטאָט לערנען.

— קלער נאָך דערווייל נישט פון אַוועקשיקן אים; אַ קינד — וואָס וועט פון אים ווערן אינדערפרעמד? — ענטפערט די מאַמע.

דער טאַטע באַקוקט אַ געל-געוואָרענע אוגערקע און זאָגט ווידער:

— איך טראַכט נישט אַנדערש; ער וועט אם ירצה השם זיין אַ רב.

— וואָס באַדאַרף מען שוין איצטער קלערן, וואָס ער וועט זיין? זאָל ער נאָר זיין געזונט. כ'וויל אים גאָר נישט מאַטערן אַזויפיל.

אַזוי ענטפערט ווידער די מאַמע, און צו מיר זאָגט זי:

— גיי, פּרצל, שנייד דיר אָפּ אַ שטיקל ברויט; און דאָ האָסטו דיר אַ געשמאַקע אוגערקע.

האָב איך שוין געהערט, אַז דער טאַטע וויל, איך זאָל זיין אַ רב. דער טאַטע קלערט שוין, אַז איך וועל באַדאַרפן אינערגעצן אַוועקפאָרן.

איך גיי אַריין אין מיל. אין מיל איז פאַראַן אַ הינטערטיר, וואָס קומט אַרויס צום טייך, קוקט אַרויס צו די לאָנקעס אויף מיילן-לאַנג. איך קוק דורך דער טיר, און זע, ווי דאָס וואַסער, וואָס פאַלט אַראָפּ פון אונטער די רעדער, גייט אַוועק ווייטער, ווייטער פון אונזער מיל. איך ווייס, אַז ווייט-ווייט, ווען מען מיידט-אויס די זומפּיקע קאָלטעס, מען שניידט-דורך אַ וועלדל — שטייט אויף דעם אייזענעם נויך נאָך אַ וואַסערמיל, וואָס געהער צו אַ נישט-יידן, לאַפּינסקי. אָבער לאַפּינסקי, ווען ביי אים אין סטאַוו ווערט גענוג וואַסער, לאָזט ער אייך די מיל גיין, און דאָס וואַסער לויפט פון אים אַוועק. צו אונז קומט דאָס וואַסער פון שטעטל. אין שטעטל שטייט אַ מיל, וואָס געהער צו אַ גביר. מען רופט אים: דער בן-יחיד. ער האָט אַ רייכן טאַטן, משה פּאָדביליער, וואָס איז אַ פּריץ, און האָט זיין זון, דעם בן-יחיד, אויפגעשטעלט אַ וואַסערמיל אין שטעטל. פון בן-יחידס מיל קומט דאָס וואַסער צו אונז; פון אונז — צו לאַפּינסקין; און פון לאַפּינסקין...

אַז איך קלער איבער, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט, און וויל אויסמאָלן מיין וועג, בעת איך וועל באַדאַרפן פאָרן ווערן אַ רב — זע איך אונזער טייך און זיין וועג צווישן גרינע ברעגעס און מיט ביימער פון ביידע זייטן, אָלשענע ביימער; ווערבעס און טשערעמכע. איך ווייס נישט, ווי ווייט דער טייך פאַרלויפט. איך ווייס דערווײלע נישט, ווי ווייט וועט זיין מיין וועג, אויב איך וועל באַדאַרפן אַוועקפאָרן לערנען, ווי דער טאַטע זאָגט.

דער טאַטע האָט געזאָגט: ער האָפט איה"ש, פרץ וועט זיין אַ רב... דערווייל קען איך נאָר דעם קלעזשטשעלער רב. ער וווינט אין אַ גאַס, וואָס פירט צו אונזער מיל. ער איז אַ בלינדער. מען פירט אים אונטערן אָרעם. שבת איז ביי אים אין שטוב אַ מנין. מיין טאַטע, דער זיידע, דאַווענען אויך אָפטמאָל דאָרטן שבת. דער טאַטע פאַרנעמט מיך צום רב, און איך זע — ער איז בלינד. אינגאַנצן בלינד. און ער איז אַ רב אין שטעטל. מען פרעגט ביי אים שאלות. ער האָט אַ שוואַרץ-גרויע באָרד; די אויגן האַלט ער ברייט אָפן; שוואַרצע אויגן אַזעלכע... ער קען אַ סך לערנען. לערנט אויסנווייניק.

דער טאַטע האָט מיך איינמאָל צו אים צוגעפירט און געזאָגט:

— רבי, דאָס איז מיין יינגסטער זון. ער לערנט שוין ביי מאַטעסן גמרא.

האָט דער רב געזוכט מיטביידע הענט, אָנגעטאַפּט מיין קאָפּ, נעפּונען די באַקן מיינע, האָט מיט ווייכע פינגער געפילט מיין פּנים און געזאָגט:

— לערן, לערן תורה, וועט דיר זיין ווויל.

איך האָב מורא געהאַט פאַר זיינע ברייט-געעפנטע, שוואַרצע אויגן, וואָס זענען גאָרנישט. אין פּרק אבות האָב איך ביי מאַטעסן אַזוי געלערנט: „אהוב את המלאכה ושנוא את הרבנית"... דאָס מיינט: ליב זאָלסטו האָבן די מלאכה און פיינט זאָלסטו האָבן רבנות. דער רבי מאַטעס האָט נישט געגעבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מען באַדאַרף ליב האָבן מלאכה און פיינט האָבן רבנות. פונדעסטוועגן, בשעת דער רבי האָט עס מיט אונז געלערנט — האָב איך געקלערט פון אונזע־ריקע.

איך האָב געקלערט פון טאַטן, פון די ברידער. געטראַכט פון עלטסטן ברודער, בנימין חיים, וואָס האָט שוין אַ ווייב מיט קינדער, לעבט אין שטעטל און איז אַ פאַרבער; ער פאַרבט וואָל און פאַדים פאַר די פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער. און ווען ביי אונז אין מיל ווערט עפּעס קאַליע — איז דערווייל בנימין חיים דער איינציקער, וואָס ווייסט ווי אַזוי די מיל צו פאַריכטן. ער איז אַ הויכער, אַ גלייכער, מיט אַ בלאָנדער באָרד און ליכטיקע, בלויע אויגן. אַז ער קומט, וואַרפט ער אַראָפּ דעם קאַפּטאַן; ער גייט אין מיל אַריין, צענעמט די מיל און ער פאַרשטייט צו פאַריכטן, וואָס מען באַדאַרף... איך בין אים מקנא, ווי ער האַלט אַ האַק אין האַנט; ווי אַזוי די האַק פאָלגט אים. טרוקענע גראַביע-האָלץ, האַרט ווי שטאָל — ער טעשעט אַזוי גלייך. די שפּענער פליען פון אונטער דער האַק, ממש סטרוזש־קעלעך שיילט ער אָפּ מיט דער האַק, ווען ער טעשעט גלאַט צו מאַכן אַ שטיקל האָלץ.

אַז ער שמידט די שטיינער, הערט מען דעם גלייכן קלונג פון זיין האַמער. ער פּיקט מיט דעם שפּיציקן האַמער אין גרויסן שטיין; שטיין-שפּריצעלעך שיסן אַרום אים, פאַרפליען אים אין באָרד אַריין, טרעפן אין פּנים אַריין, און ער שמידט אַזוי פריילעך...

— פאַרוואָס האָט דער טאַטע אים נישט געמאַכט פאַר קיין רב?

ווען איך טראַכט פון אַ מלאכה, וואָס מען באַדאַרף ליב האָבן. זע איך דערווייל נישט קיין אַנדער מלאכה, ווי צו זיין אַ מילנער,

איך ווייס, מיין טאַטע האָרעוועט שווער; אַלע עלטערע קינדער האָרעווען שווער — אָבער אַ מלאכה, וואָס פּאַרמעליקט נישט, געפעלט מיר נישט. איך לערן שוין גמרא; כאָטש דער טאַטע קלערט, אַז איך וועל אַמאָל זיין אַ רב — האָב איך ליב אונזער מיל. און ווען בנימין חיים קומט צו אונז אַראָפּ און הויבט אָן פאַריכטן די מיל — קריך איך אים אונטער די הענט. איך גיי אים נאָך טריט־און־שריט. איך קוק אונטער, ווי אַזוי ער האַלט דאָס האַנטזעגל בשעת ער זעגט: איך פאַרשטיי, פאַרוואָס ביי אים קומט אַרויס דער שניט גלייך.

פונדעסטוועגן זע איך, אַז בנימין חיים האָט נישט ליב קיין מיל. ער האָט פיינט, אַז זיין היטל, זיין קאַפּטאַן זאָלן זיין פאַרפּו־ליעט מיט מעל. איידער ער גייט פון אונז אַוועק, פּוליעט ער אָפּ פון זיך איעדן סימן פון מיל. אָבער מקנא בין איך אים, וואָס ער פאַרשטייט אַזויפיל.

מיין פעטער אַברהם משה, מיין מאַמעס ברודער, וואָס האָט זיין ווינטמיל אויף אַ באַרג, אויף יענער זייט לאַנקעס, וואַלד און בלאָ־טעס — אַ סך מאָל גייען מיר צום פעטער אברהם משה צו גאַסט. זומער גייט מען באָרוועס איבער די בלאָטעס. ווינטער — איבער די פאַרפרוירענע לאַנקעס. מיין פעטער אברהם משה, אַ הויכער מיט אַ קליין ברוין בערדעלע און קלוגע אויגן — ער איז אַ למדן אַ ייד. און פונדעסטוועגן איז ער אַ מילנער. ער איז שטענדיק אַ פאַרמע־ליקטער. אַפילו שבת, אַז מען קומט צו אים צוגאַסט — זיצט דער פעטער אברהם משה פאַר דער גמרא; ער האָט פון די בגדים נישט אַראָפּגעטרייסלט די וואָכעדיקע מעל: ער לערנט גמרא מיט אַ ניגון, וואָס קלינגט איבער דער גאַנצער שטוב.

— ווען ער וואָלט יונגערהייט געהאַט חשק, האָט ער געקענט זיין אַ רב — זאָגט מיר די מאַמע אויפן פעטער אברהם משה.

ס׳איז אמת. ביי אים איז פאַראַן אַ סך פּאָליצעס ספרים. גרויסע ספרים; גראָבע ספרים אַזעלכע.

אַז מיר קומען צו אים צוגאַסט שבת נאָכן עסן, איז די מומע רבקה מכבד מיט טיי און מיט קיכל. איך לויף מיט די קינדער אין זייער ווינטמיל אַריין. זיי גיבן מיר צו פאַרשטיין דעם שכל פון אַ ווינטמיל; ווי אַזוי די פליגל, ווען דער ווינט דרייט זיי, דרייען זיי די רעדער און די שטיינער; ווי אַזוי מען קען די גאַנצע מיל אומ־דרייען מיט די פליגל אַנטקעגן ווינט.

נאָר אַנטקעגן דער מיל, גאָרנישט ווייט — איז דער שטעטלשער בית־עולם. האָב איך אַביסל מורא פאַר דער מיל אויך, וואָס שטייט אַזוי נאָענט צום בית־עולם. איך קום צוריק אין שטוב אַריין און זע, ווי דער פעטער זיצט נאָך ביים אָפענעם ספר. ער הערט, ווי די מאַמע מיט דער מומען רעדן פון מיר. איך ווער פאַרשעמט.

דער פעטער זאָגט:

— נו, פּרצל, דו ווילסט נישט זיין קיין מילנער...

ווער איך פאַרשעמט און ווייס גאָרנישט וואָס צו ענטפערן.

נעמט די מאַמע און טוט אַ זאָג:

— ליפּע וואָלט וועלן אים מאַכן פאַר אַ רב.

— וועט'ן באַדאַרפן פאַר אים אויפבויען אַ שטאָט — זאָגט דער פעטער.

פיל איך, ווי דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין. איך שפּיר, אַז דער פעטער איז גערעכט. פון אַ ווינקל באַטראַכט איך אים: אָט זיצט ער ביי דער גמרא, מיט זיין הויכן שטערן. געקענט זיין אַ רב און נישט געוואָלט זיין קיין רב. איך זע, ביי אים אין שטוב, טאַקע אונטער די פּאָליצעס ספרים, שטייט אַ וואַרשטאַט מיט הובליעס, מיט דלאָטעס, מיט עקבויערס; אויף דער וואַנט הענגען אַלערליי זעגלעך... טראַכט איך ווידער פון פּרק אבות, ווו עס שטייט: „אהוב את המלאכה ושנוא את הרבנות"...

איך זע איצטער די מאַמע מיינע, ווי זי איז גאָרנישט געראָטן אין דער מוטער רבקה פון חומש, וואָס האָט געוואָלט, איר זון יעקב זאָל נאָר לערנען תורה. און מיין טאַטע איז נישט ווי יצחק, וואָס האָט געוואָלט, זיינע קינדער זאָלן פאַרשטיין, ווי אַזוי אַרויסצוגיין מיט פייל־און־בויגן. מיין מאַמען איז עפּעס נישט אַלץ קלאָר געווען אין לעבן; נישט אַלץ איז ביי איר קלאָר געווען, בשעת זי איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

איר איז נישט גאָר קלאָר געווען, וואָס פאַר אַ וועג איר קינד זאָל אויסקלייבן.

איך געדענק, דעם אייגענעם זומער זענען מיר ביידע, די מאַמע און איך, ביי־טאָג אַרויסגעגאַנגען פונדערהיים אין שטעטל אַריין. דעם הימל האָבן שווערע כמאַרעס פאַרצויגן. אַריבערגייענדיק דעם אייזנבאַן־אויפשיט, האָט פּלוצלונג אַ בליץ געטון, ממש די אויגן פאַרבלענדט; תיכף האָט עס אַ דונער געטון נידעריק איבער אונזער קאָפּ.

דער מאַמען האָט עס אַ צי-געטון צו דער ערד. זי איז גע־בליבן זיצן אַזוי ביים זייט וועג. איך האָב דאָס אייגענע געטון. דער מאַמעס באַקן זענען געוואָרן בלאַס, ווי קרייד; אין די באַקן — רויטע, אָנגעצונדענע רעדעלעך. דער דונער האָט זי שטאַרק איבערגעשראָקן. אַ צייט איז זי אַזוי געזעסן און נישט אויפגעשטאַנען. שווייגנדיק האָט זי מיך אָנגעקוקט; מיט אַ קאַלטער, ציטערדיקער האַנט האָט זי גע־גלעט מיין פנים און גערעדט:

— אַט, פאַר דעם, מיין קינד, האָב איך מורא... איך פאַרשטיי דאָס נישט. אַ סך זאַכן, מיין קינד, פאַרשטיי איך נישט. נאָר אַז עס טוט אַזאַ דונער איבערן קאָפּ — פאַלט מיר דאָס האַרץ אַרויס. אַוודאי וועסטו שוין וויסן אַ סך מער. אַוודאי, מיין קינד, וועסטו פאַרשטיין. דיר וועט זיין גרינגער צו לעבן.

אין אַ ווײַלע אַרום לייכט אויף איר פנים:

— זעסט, פּרצל, ס'אַראַ רעגנבויגן דאָרטן אין מזרח-זייט! ס'איז שוין ווערט געווען די שרעק... וואָס פאַר אַ קאָלירן זענען דען אין אים נישטאָ...

זענען מיר ביידע אויפגעשטאַנען, באַוואונדערט דעם רעגנבויגן, וואָס איז געווען אויסגעבויגן איבער די גרינע לאָנקעס.

שפּעטער, שוין פאַר יום-טובים, בשעת מען איז אויפגעשטאַנען באַגינען, גיין אין שטעטל אַריין צו סליחות; ס'איז נאָך פינסטער גע־ווען, און דער טאַטע וועקט די קינדער אויפצושטיין; קלמנען איז גרינגער צו דערוועקן. משהן שלעפּט דער טאַטע ממש פון בעט אַרויס. און ווי עס קומט צו מיר — נעמט די מאַמע און ראַטעוועט מיך אָפּ:

— וואָס ווילסטו פון קינד? — טענהט די מאַמע צום טאַטן — זאָל ער נאָך שלאָפן; ער וועט נאָך פאַר זיין לעבן האָבן גענוג צייט אויפצושטיין צו סליחות. אויב ער וועט איצטער נישט שלאָפן — ווען וועט ער שוין שלאָפן?

איך הער, ווי זי האָט דעם טאַטן אַוועקגעצויגן פון מיין גע־לעגער. איך האַלט פאַרמאַכט די אויגן, אָבער אין אמתן בין איך וואַך. איך אַליין ווייס נישט, ווען איך זאָל געבן גערעכט. וואָרום ראש-השנה איז שוין באַלד. דער זיידע גייט אַלע טאָג דאַווענען. איצ־טער הער איך אויך דעם זיידנס טריט איבער דער שטוב. און די מאַמע — זי לאָזט נישט, דער טאַטע זאָל מיך אויפוועקן.

די מאַמע האָט אויסגעפּירט. דער טאַטע גייט אַוועק. ער זאָגט נאָר אַ ברוגזער:

— טאָמער וואָלט איין קינד געוואַקסן אַ מענטש — מאַכסטו אים קאַליע. וועסט קומען אין בית-המדרש אַריין, וועסטו זען, וויפל קינדער עס זענען אויפגעשטאַנען צו סליחות.

דאָס לאָזט איבער ביי מיר אַן אומעט. אַלע גייען אַוועק; איך שלאָף נישט. בעבל איז די איינציקע, וואָס איז געבליבן אין שטוב; זי באַדאַרף נישט גיין צו סליחות. איך טראַכט: פאַרוואָס וויל די מאַמע, איך זאָל שלאָפן, און דער טאַטע — איך זאָל אויפשטיין פאַרטאָג און גיין אין בית-המדרש אַריין? ווער איז גערעכט? מיר קומט אויס, אַז דער טאַטע איז געווען גערעכט: אָט, שלאָף איך גאָרנישט.

ווי נאָר עס ווערט ליכטיק אין שטוב, גיי איך אַראָפּ פון בעט. איך קוק אַרויף צו דער פּאָליצע ספרים איבערן פענסטער. עס זעט מיר אויס, די ספרים זאָגן מיר מוסר: „פּעפּער איינער, אַלע זענען אַוועק צו סליחות, און דו ביסט געבליבן אין בעט. דו און בעבל. אָבער בעבל איז דאָך אַ מיידל. זי באַדאַרף נישט לערנען קיין תורה, און דו — דער טאַטע דיינער וויל, דו זאָלסט זיין אַ רב, פּעפּער איינער..."

— וואָס ביסטו אַזוי פרי אויפגעשטאַנען, פּרץ? — פרעגט מיך בעבל — קום צו מיר. אָטאָ-דאָ נעבן מיר, קריך אַרונטער אונטער דער קאָלדרע און שלאָף...

איך פאָלג מיין שוועסטער. זי שלאָפט, און איך בין וואַך. וויל די, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען האָבן איבערגעלאָזן אַזאַ אומעט אין שטוב. אַזוי ליידיק איז געוואָרן די שטוב...

איך קלער:

נישט אַנדערש, די מאַמע ווייס, אַז אין פּרק שטייט:
„אהוב את המלאכה ושנוא את הרבנות..."

*קאַפּיטל ניין*

# ימים-נוראים

אַט איז שוין באַלד ראש-השנה. דער זיידע גייט אַ גאַנצן זו־מער כמעט יעדן טאָג אין שטעטל אַריין דאַווענען. ווי דער שטייגער, קומט ער צוריק אַביסל מידלעך און הונגעריק. ווען ער כאַפּט אי־בער — ווערט ער פריילעך און הויבט אָן צו זוכן אַרבעט, די צייט צו פאַרטרייבן. איצטער, זינט די סליחות-טעג, קומט ער פון בית-המדרש אַן אומעטיקער.

ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ נייעם לוח און ווייזט מיר:

— פרצל, אייניקל מיינס, דאָס איז שוין אַ נייער לוח אויף יאָר תרמ״ח. זעסט, דער לוח שרייבט, אַז שוין פון חשוון אָן וועט דער ווינטער אַנטלויפן. זעסט, כסליו וועלן זיין פרעסטלעך און גרויסע פרעסט. טבת, זאָגט ער, וועלן שוין זיין גאָר שאַרפע פרעסט. אַ קאַלטער ווינטער, אייניקל מיינס. דעם שמש גייט נעבעך נישט דער־ווײַלע מיטן שופר בלאָזן. פאַרשטאָפּט דער שופר...

— באַלד הויבט שוין אָן צו ציטערן אַ פיש אין וואַסער, — זאָגט די מאַמע, גרייטנדיק צום טיש.

— יאָ, מיין טאָכטער, — זאָגט דער זיידע — ס'איז אים היינט נישט געגאַנגען מיטן שופר בלאָזן. באַצייטנס דער שטן פאַרקראָכן אין שופר אַריין.

איך דערקען, דער זיידע איז אַביסל איבערגעשראָקן. דער טאַ־טע איז אויך נישט דער אייגענער. מיין ברודער קלמן, ער שווייגט און הערט ווי דער זיידע דערציילט, ווי דעם שמש איז נישט גע־גאַנגען מיטן שופר בלאָזן. איך ווייס, אַז דער ברודער קלמן זינדיקט

אוודאי נישט. ער שלאָפט נישט אָן אַ היטל. נעמט קיינמאָל קיין טראָפּן וואַסער נישט אין מויל, איידער ער דאַוונט. נעמט קיינמאָל נישט קיין ביסן אין מויל אַריין, איידער ער האָט נישט געוואַשן די הענט. דער ברודער משה און אַפילו איך אַליין — האָבן מער עבירות פון אים. איך, גייענדיק פון חדר, קריך אַמאָל אַריין אין אַ פרעמדן גאָרטן אַריין, רייס אָן פולע קעשענעס מיט באָבע-סטרוטשעס; רייס אָן די ברייטע, פלאַטשיקע בעבלעך, וואָס איך האָב ליב די מאַמע זאָל קאָכן. איך רייס אָן גרינע אוגערקעס; שלעפּט אַרויס מערן און בוראַקעס... יאָ, איך זינדיק מער פון קלמנען. און ער גאָר האָט מורא. ער פאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק. זאָגט תהילים מיט אַזאַ אומעטיקן ניגון.

ימים-נוראים זענען טאַקע אָנגעקומען. דער זיידע האָט זיי צו אונז געבראַכט מיט דעם נייעם לוח און מיט די שלעכטע נייעס, אַז צום שמש אין שופר אַריין איז אַריינגעקראָכן דער שטן. דער טאַטע איז אויך געוואָרן אומרויק. ער האָט געפונען לעבן שטוב אַ מעסער, וואָס שטעקט אין דער ערד — דאָס האָט אים די מאַמע אַריינגע-שטעקט, באשר ער איז אַ פליישיקער, און זי האָט מיט אים געשניטן קעז. דער מעסער, אויב ער שטעקט אין דער ערד אַ פּאָר טעג, ווערט ער כשר. דעם טאַטן געפעלט עס נישט. דער טאַטע זאָגט, אַז מען באַדאַרף דעם מעסער שלייפן און כשרן. אַ גאַנצן זומער האָט אים נישט געאַרט, אויב די מאַמע האָט דעם מעסער געשטעקט אין דער ערד אַריין; איצטער שלעפּט ער דעם מעסער אַרויס פון דער ערד, און וואַרפט אים אַוועק ווי אַ מיאוסע זאַך.

דער זיידע, נאָכן איבערבייסן, גייט ער אַרויס דרויסן, קוקט אַרום די ביימער, באַטראַכט די געלגעוואָרענע בלעטער; ער בלייבט זיצן אונטער אַ ווערבע נעבן סטאַוו און קוקט אין דער ווייט — ער קוקט צו די לאָנקעס, וואָס ליגן ברייט און לאַנג אויסגעשפּרייט אין מערב-זייט. אָפּגעקאָשעטע לאָנקעס. דאָ-און-דאָרטן טונקעלע פלעקן; שטייען נאָך קאָפּיצעס-היי, וואָס מען האָט נישט אַראָפּגעפירט, ווייל רעגנס זענען געגאַנגען — זענען די קאָפּיצעס שוואַרץ געוואָרן.

שוין אַ וואָך צייט, ווי איך גיי נישט אין חדר און מיר ווערט אויך טרויעריק מיטן זיידן. אָנשטאָט זינגען דעם ראבן ניגון, דעם רויטן ניגון — הויבט ער גאָר אָן אונטערצוברומען ימים-נוראימדיקע ניגונים...

— יאָ, אייניקל, אַ מענטש ווערט נישט צעשאָטן... צו גיך דער זומער אַוועק.

דער זיידע האָט נישט ליב, ווען מען פרעגט אים וויפל יאָר ער איז אַלט. ער רעכנט זיינע יאָרן אויפן שאָק. אַ שאָק איז זעכציק. ווען אַ גוי פרעגט אים: — „שייקאָ, וויפל יאָר ביסטו שוין אַלט?" — ענטפערט דער זיידע: „אַנדערהאַלבן שאָק מיט נאָך אַ פּאָר יאָר". יאָ, דער זיידע, וואָס ציילט די יאָרן אויפן שאָק, איז איצטער פאַר ראש-השנה טרויעריק געוואָרן.

די מאַמע דערשפּירט דעם אומעט. זי וויל נישט ליידן, וואָס מען האָט פאַר ראש-השנה אַרויפגעצויגן אַ מרה-שחורה אויפן פּנים און מען האָט מורא געקריגן.

— איך זינדיק נישט; איך טו קיינעם קיין שלעכטס נישט און האָב נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן.

אַזוי זאָגט זי צום זיידן, בשעת ער הויבט אָן אויסצורעכענען די עוולות, וואָס אַ מענטש טוט אָפּ פאַרן יאָר.

הערנדיק דעם זיידן רעדן, דוכט מיר: זינט ער איז געקומען פון בית-המדרש אַן אומעטיקער, האָבן אויך דיביימער אַראָפּגעלאָזן די קעפּ. אויף די לאָנקעס ליגט נאָך אַ שטיק זומער. דאָ-און-דאָרט קאָן מען נאָך געפינען אַ פאַרשפּעטיקטע מאַלינע; אַן איינגעשרומפּענע, אָבער זיסע סמאָראָדינע... איז ער געקומען און דערציילט, אַז אין בית-המדרש האָט מען שופר געבלאָזן, און דער שופר האָט דעם שמש נישט געפאָלגט.

באַלד דערשפּירן שוין אונזערע הינער און הענער, אַז די ימים-נוראים קומען אָן. ביז איצט זענען זיי אַלע געגאַנגען אין שטעלכל אַריין אויף איבערנאַכט. זיי האָבן געוווסט דאָס אָרט אויף דער סעדעלע. די קאַטשקעס זענען אויך געקומען נעכטיקן אין שטעלכל אַריין. און איצטער — ווי ס'קומט פאַרנאַכט, הויבן אָן די הענער צו פאַררייסן די קעפּ און קוקן אַרויף צו די ביימער... קאַ-קאַ-קאַ — מען קוקט אַרויף, צו וואָס פאַר אַ צווייג עס איז גרינגער אַרויפצופליען.

אַזוי הויבן אָן די הענער צו פליען אויף די ביימער, און נאָך זיי — די הינער פליען אויף די ביימער נעכטיקן. ביז עס ווערט אינגאַנצן טונקל, פליען די עופות פון צווייג צו צווייג — ביז צום שפּיץ בוים. דאָרט בלייבן זיי אויף נאַכטלעגער.

די קאַטשקעס זוכן ערטער אויפן סטאַוו אין די קאַרטשעס, אָדער

צווישן הויכן פלישניק. סיי די הינער און סיי די קאַטשקעס האָבן דערשפּירט, אַז די ימים-נוראים קומען אָן; באַלד, באַלד וועט מען זיי איינציקווייז כאַפּן, בינדן און טראָגן צום שוחט קוילענען. אָט, באַלד וועט זיין יום-כיפור. מען וועט זיי כאַפּן, בינדן און דרייען איבערן קאָפּ — שלאָגן מיט זיי כפרות און שפּעטער טראָגן צום שוחט קוילענען.

— פאַראַיאָרן זענען שוין אַזעלכע קינדער, ווי דו, אויפגעשטאַנען צו סליחות. איבעראַיאָר זאָלסטו שוין איה"ש אויפשטיין. ביסט אַ גרויסער יינגל, ביסט שוין אַ גמרא-יינגל...

ווען דער טאַטע הויבט אָן צו רעדן פון סליחות — הויבט אָן צו פאַלן אַ שווערער, קאַלטער טוי אויף די לאָנקעס אַרום. אַז מען שטייט אויף באַגינען און מען גייט אַרויס באָרוועסערהייט אויף דער לאָנקע — פרירן די פיס. ליגט שוין באַגינען אַ ווייס פרעסטל אויף דער לאָנקע. אַ שווערער טוי אויף די ביימער. אַ קאַלטער טוי אַזאַ, וואָס מאַכט די בלעטער געלבן, און שפּעטער, אַבי אַ ווינטעלע, פאַלן די בלעטער פון די ביימער אַראָפּ.

דאָס וואַסער פון טייך איז שוין אויך קעלטער געוואָרן. מען באַדאַרף נישט גיין זוכן אַ קאַלטן טרונק ערגעץ אין אַ קרעניצע, צווישן קאַרטשעס; אַ וואַסער, וואָס איז רויטלעך און שמעקט מיט בלאָטע — איצטער איז שוין געשמאַק אַריינצוּשטעקן דאָס גאַנצע פּנים אין טייך און טרינקען, טרינקען.

דער טאַטע דערציילט, אַז ער האָט געדונגען אַ שטאָט אין בית-המדרש אויף איבער ימים-נוראים. אין מזרח-חמישי איז די שטאָט, ס'הייסט, די פינפטע באַנק פון מזרח, וועלן שוין די קינדער קאָנען שטיין נעבן אים און דאַווענען. ער נעמט אַראָפּ פון פאַליצע די אַלטע מחזורים, קלאַפּט זיי אויס — עס גייט פון זיי אַ שטויב. ער רופט מיך צו, מישט פאַר מיר אויף דעם ראש-השנהדיקן דאַווענען, געפינט די תפילות און וויל וויסן, צי איך פאַרשטיי דעם טייטש פון די תפילות. איך אַליין בין פאַרחידושט, ווי אַזוי איך פאַרשטיי שוין דעם טייטש פון אַ סך ווערטער. ער איז צופרידן מיט מיר.

די טעג זענען פאַרבענקטע אַרום אונזער מיל. די זון פאַרגייט שוין אַ סך מער צו לינקס, צו דרום גייט זי אַוועק. די זון פאַרגייט אויך אַ פאַרבענקטע. דער זומער איז שוין באַלד אַוועק. איך זע אַרויס פונוויטן די לאָנקעס, ווען די זון פאַרנייגט די שקיעה צו

דרום און פאַרגייט אַהינטער דעם אַלשענעם וועלדל. אויף אַ ווײַלע ווערט נאָך אַ ראָזיקע ליכטיקייט אויסגעשפּרייט אויף די לאָנקעס; אויף אַ ווײַלע נאָר ווערט אָנגעצונדן אונזער טײַך, וואָס קוקט אַרויס פון אַהינטער די שוואַרץ-געוואָרענע ברעגעס.

ערב ראש-השנה. די מאַמע איז איצטער אויך אומרויק. זי באַקט אַ גאַנצן טאָג. זי באַקט חלות מיט פייגלען אָנשטאָט קיטקעס. דער טאַטע האָט געבראַכט פון שטאָט דרײַ פּעניצער קאַווענע און אַ בינטעלע זויערע, גרינע ווײַנטרויבן — צו מאַכן שהחיינו.

אין בית-המדרש אַרײַן גייט מען ראש-השנה מיט געאײַלטע טריט. כאָטש מען גייט אַרויס געזונט פאַרפרי, פונדעסטוועגן איז אַ זינד צו גיין פּאַמעלעך. דער טאַטע שפּרייזט פאָרויס, הינטער אים דער זיידע, און נאָך זיי — די מאַמע, קלמן, משה און איך. בעבל בלייבט אינ־דערהיים. זי איז די איינציקע, וואָס באַדאַרף נאָך נישט גיין אין בית-המדרש אַרײַן.

פונדעסטוועגן, אַז מען הייבט אָן אין בית-המדרש צו דאַווענען און זאָגן דעם מחזור, דוכט מיר, אַז צום דאַווענען וועט קיינמאָל נישט נעמען קיין סוף; מען וועט גאָר קיינמאָל נישט קענען אַרויס־לייענען פון מחזור אַלץ, וואָס אין אים שטייט. אינמיטן דאַווענען פאַרקויפט מען עליות. איינער ביים אַנדערן דינגט אויס די עליות. מען לייענט די תורה, און שפּעטער הייבט מען ווידער אָן צו זאָגן דעם מחזור. איך ווער פאַרמאַטערט זאָגנדיק. דער טאַטע אַליין דער־זעט שוין, אַז צופיל מחזור האָט ער אין מיר אַרײַנגעשטאָפּט — מאַכט ער מיר אַ צייכן, איך זאָל אַביסל אַרויסגיין דרויסן. צו די תפילות זאָל איך צוריק אַרײַנקומען. די תפילות שרײַ איך אויף מײַן קוויטשיקל. צווישן די יידן, אײַנגעוויקלטע אין טליתים, בין איך שוין אויך אַ קליין יידעלע. איך ווייס דאָך שוין, אַז דאָס איז דאָס יאָר תרמ״ח...

ביים שופר בלאָזן — וויל דער שופר נישט פאָלגן. דער שמש בלאָזט; דער שמש איז אַריבערגעדעקט אינגאַנצן מיטן טלית, און דער שופר פאָלגט נישט. דער שופר האָלדערט, ווי אַן ענדיק. אַלע מתפּללים ווערן אויפגעציטערט; קוקן פאַרגאַפט צום בעל-תוקע. די ווײַבער, אויבן אין ווײַבערשול, הייבן אָן צו וויינען פאַר שרעק. פאַלט מיר אויך איין מײַן האַרץ. איך וואַרט, אָט-אָט וועט אַן אומגליק טרעפן...

צום סוף בלאָזט דער שמש אַרויס דעם שטן פון שופר אַרויס...

אַרינג קומט אים אָן איצטער דאָס שופר-בלאָזן. אַלע מתפללים הויבן זיך די קעפּ. ביי אַלעמען אַ דערלייכטערונג אויפן פּנים.

נאָכן דאַווענען, מען גייט פון בית-המדרש, קומט די מאַמע אַראָפּ פון דער ווייבערשער שול נישט אַליין. מיט איר גייט רחלע די קאַשעמאַכערקע. מיט אונז, מאַנסלייט, גייט אַריה דער שניידער. מען איילט נישט, מען גייט טריט-ביי-טריט דורך דעם מאַרק. איינער דעם אַנדערן ווינשט אַ כתיבה-טובה צום נייעם יאָר.

אַרומגערינגלט מיט יום-טוב-רו, גייט מען אַהיים באַזאַכט. כאָטש מען איז גוט הונגעריק, פונדעסטוועגן שפּרייזט מען מיט געמאָסטענע טריט. אַרויסקומענדיק צו דער גרעבליע, באַטראַכט מען די ביימער, וואָס פון זיי איז פאַרן זומער געוואָרן. דער זיידע זעט סימנים, אַז היי-יאָר וועט דער ווינטער זיין אַ פריער, וועט זיין אַ שווערער. דער סטאַוו איז רויק. אַ קאַטשקע שווימט פאַרביי און צעשניידט די רויקייט פון סטאַוו. מען רעדט נאָך אַביסל פון בעל-תפילה, וואָס איז דעם ערשטן טאָג ראש-השנה הייזעריק געוואָרן.

איך טראַכט:

דער זיידע האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר ראש-השנה באַדאַרף אַ מענטש אַלעמען מוחל זיין, נישט טראָגן אין האַרצן נישט קיין כעס און נישט קיין פאַרדראָס אויף קיינעם...

איך טראָג אַ פאַרדראָס אויף מאַטעסן, הלמאי מיט עטלעכע וואָכן צוריק, פאַר גאָרנישט-און-נישט, האָט ער מיך פּלוצלונג אַ נעם גונטון, פאַרדרייט מיין קאָפּ צווישן זיינע פיס, און געוואָלט אָפּשפּיליען מיינע הויזלעך און שמייסן... האָב איך אים דעמאָלט אַ ביס געטון אין פוס. זיין כעס האָט אין אים געברענט — האָט ער מיך אַ כאַפּ געטון פאַרן קאָפּ, אַרויפגעשליידערט אויפן טיש אויף די גמרות. גע-וואָלט מיך אויפן טיש פאַנאַנדערשפּיליען... האָב איך ווילד געדריגעט מיט די פיס; גאָרנישט מיט מיין קול געגוואַלדעוועט און נישט דער-לאָזט, ער זאָל צוקומען צו מיין הוילן לייב. איז פּונקט אין יענער צייט פאַרבייגעגאַנגען נעבן אָפּענעם פענסטער דער אַלטער נחום דער גלעזער. ער איז געגאַנגען מיט אַ קעסטל גלאָז אויפן אַקסל. שויבן האָט ער אַריינגעשטעלט. אַז ער האָט דערהערט מיין געשריי — האָט ער אַריינגעקוקט אין פענסטער אַריין און אָנגעשריען אויף מאַטעסן:

„גזלן, פאַרוואָס מאַטערסטו קליינע קינדער?!” מאַטעס האָט מיך אָפּ-

געלאָזן. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש. ער האָט מיך נאָך שפּע־טער געפּאַטשט, אָבער מער נישט געפּרוווט שמייסן.

אַ גאַנצן ראש־השנה וויל איך אַרויסטרייבן דעם כּעס פון האַרצן און קען נישט. מאַטעס איז דעמאָלט געווען אַ רשע. מיך האָט ער נישט געהאַט פאַרוואָס צו שמייסן. נאָר קוקנדיק צום שטוב, ווען אַלע זענען אַזוי גוט און פרום — פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס איך טראָג אַ שנאה צו מאַטעסן. איך טראַכט, איך זאָל פאַר יום־כּיפּור צו אים צוגיין און זאָגן, אַז איך בין אויף אים נישט אין כּעס.

נאָר ערב יום־כּיפּור האָב איך געהאַט אַ גרויסן צער. מען האָט באַדאַרפט שלאָגן כּפּרות. האָט מען די הינער אַראָפּגעטריבן פון די ביימער. מען האָט געכאַפּט אַ קאַטשקע און זי געבונדן: אַלע האָבן געשלאָגן כּפּרות. איך און מיין שוועסטער בעבל האָבן אין קאָשיק אַוועקגעטראָגן אין שטעטל אַריין די עופות צום שוחט קוילענען. צום ערשטן מאָל האָב איך געזען דעם שוחט, ווי ער האַלט דעם חלף אין מויל. אַזויפיל כּפּרות וואַרטן, ער זאָל זיי קוילענען. ער האָט צייט. פּאַמעלעך נעמט ער אַ געבונדענעם האָן, צי הון, פאַרדרייט ביי דער כּפּרה די האַלז, צופּט אויס עטלעכע פעדערן אויף דעם אָרט, ווו ער טוט שפּעטער אַ כיטשל מיטן חלף, ער קוועטשט אַרויס אַביסל בלוט פון געקוילעטן האַלז און שליידערט אַוועק די געבונדענע, געקוילעטע כּפּרה, וואָס פּאַטשט מיט די פליגלען און ווערט פאַרכליניעט אין איי־גענעם בלוט.

ער האָט אונזערע כּפּרות אויך געקוילעט. געווען אַ קאַטשקע צווישן די עופות — האָט ער זי אויך געקוילעט. מיר האָבן די גע־קוילעטע עופות צוריק אַריינגעלייגט אין קאָשיק אַריין און געבראַכט אַהיים.

ווייזט נאָר אויס, דער שוחט האָט די קאַטשקע געקוילעט און נישט דערקוילעט.

— די קאַטשקע לעבט! — ווערט אַ גערודער אין הויז.

מען בינדט זי אָפּ. די קאַטשקע, מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלז, נעמט און גייט אַוועק. מען גיט איר וואַסער — טרינקט זי, און ס׳וואַסער רינט אַרויס דורכן אויפגעשניטענעם אָרט אין האַלז... אוי, וואָס פאַר אַן אומעט, וואָס פאַר אַ טרויער און וואָס פאַר אַ שטילע מורא דידאָזיקע נישט־דערקוילעטע קאַטשקע האָט אויף אונזער שטוב אָנגעוואָרפן! די גאַנצע סוכּות־טעג איז זי אומגעגאַנגען אַ נישט־דער־

קוילעטע. מען האָט געמיינט, אין איר לעבט אַ גילגול. מען האָט געפרעגט דעם רב — האָט ער אויך נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. איך האָב געזען, ווי די מאַמע וויינט אינדערשטיל יעדעס מאָל, ווען די געקוילעטע קאַטשקע קומט אין שטוב אַריין. דער זיידע שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט: אַז זינט ער לעבט, האָט ער אַזאַ זאַך נישט געזען און נישט געהערט.

די קאַטשקע האָט איבערגעלעבט איבער סוכּות. מוצאי יום-טוב איז זי אַנידערגעפאַלן אַ טויטע אַנטקעגן שטוב. מען האָט זי מקבר געווען הינטער דער שטאַל. איך האָב פאַר דעם אָרט אַ צייט מורא געהאַט.

און גערעכט איז געווען דער זיידע, וואָס האָט באַצייטנס אַרויס-געזען, אַז אַ גאַר שווערער ווינטער וועט פאַרפרי אָנקומען.

## קאַפּיטל צען

# ווינטער

אַ ווייסער ווינטער איז אָנגעקומען איבערנאַכט; פֿאַרהאַרטעוועט דעם שוואַרץ-צעיוירענעם האַרבסט און איבערגעדעקט די טונקלקייט מיט פּראָסטיקן ווייס. אין דער אייגענער נאַכט איז דער ערשטער שניי אַרויסגעפֿאַלן; געדיכט געפֿאַלן און פֿאַרדעקט אַלע לאָנקעס אַרום, די גרעבליע, די ביימער, און אַראָפּגעצויגן די הימלען אַזוי נידעריק — אַזש אָט, אָט רירן זיי אָן די פֿאַרשנייטע ביימער-שפּיצן.

דערנאָכדעם זענען שטאַרקע פֿרעסט אָנגעקומען; ווינטן זענען געקומען, וואָס האָבן איבערגעטראָגן דעם גלאַט-אָנגעשאָטענעם שניי; אָנגעטראָגן שניי-בערגלעך אַהינטער יעדן פּלויט און אַרום די קאַר-טשעס. דער ווינט האָט אָנגעהויבן אויפֿצובלאָזן אַ באַרג שניי פֿאַר דער שטוב און פֿאַרטראָגן די גרעבליע, וואָס פֿירט אין שטעטל אַריין. ווייט-קייטן זענען נענטער געוואָרן פֿאַר די אויגן, און די זון, וואָס איז פֿאַרגאַנגען ווייט, ווייט, ווו די לאָנקעס האַלטן דעם זוים פֿון הימל — איצטער פֿאַרגייט זי די זון הינטער דעם אָלשענעם וועלדל, וואָס האָט די בלעטער פֿון לאַנג שוין אַראָפּגעוואָרפֿן — דאָרטן פֿאַרגייט זי און באַלייכט די צוויי ווינטמילן אויפֿן באַרג, ווו עס וווינט מיין פֿעטער אברהם משה.

איצטער, ווען דער ווייסער שניי האָט אַריבערגעדעקט אונזער וועט אַרום, זע איך, אַז אונזער ווייס פֿערדל איז גאָרנישט אַזוי ווייס ווי איך האָב געמיינט. ווען דער טאַטע לאָזט אים אַרויס פֿון שטאַל, ער קומט אַרויס אַנטקעגן פֿענסטער פֿון שטוב — זע איך אים, אונ-זער פֿערדל, אַז אויפֿן ווייס פֿון שניי איז ער קלענער געוואָרן. ער

קוקט צו די פענסטער פון שטוב, ממש ער בעט, מען זאָל אים אַריינ־נעמען אין שטוב אַריין, ווו עס איז וואַרעמער. די הינער, די קאַטש־קעס שטייען ביי דער טיר פון מיל, און וואַרטן, מען זאָל זיי אַריינלאָזן אין שטוב. ראַמט מען טאַקע אויס דעם קאָטוך אונטערן אויוון און מען מאַכט דאָרט אַן אָרט פאַר די הינער.

מיטן אָנקומען פון ווינטער, הויבן אַלע שטובלייט אָן צו קוקן צום אויוון. דער זיידע טאַפּט אַלע מאָל דעם וואַנטאויוון, צי ער איז נאָך לעבלעך. דער ווינטער איז געקומען און האָט אונזער סטאַוו פאַרן שטוב פאַרפרוירן. ווען וואַסער קומט צו אין טייך, בלאָזט עס אויף דעם אייז. דער אייז פּלאַצט מיט אַ טעמפּן קראַך. דאָס וואַסער קוועלט דעמאָלט אַרויס דורכן צעפּלאַצטן אייז און פאַרטונקלט דעם ווייסן שניי־איבערדעק.

הינטערן שטוב, ווו דאָס וואַסער פאַלט אַראָפּ פון אונטער די רעדער — דאָרטן לאָזט נישט דער וואַסערפאַל, אַז דאָס וואַסער זאָל אינגאַנצן פאַרפרוירן ווערן. אין יענעם דורכזיכטיקן וואַסער לעבן די קאַטשקעס בייטאָג. דאָרט קוועלן זיי און האָבן הנאה; פּאַטשן מיט די פליגל און שרייען פריילעך אין ווינטער אַריין. פּאַטשן מיט די פליגל און שפּריצן מיט קלאָרן וואַסער דעם פראָסט אין פּנים אַריין.

די וואַסער־רעדער ווערן געפרוירן, ווי נאָר מען לאָזט די מיל. די רעדער שעפּן דאָס וואַסער מיט די לאָפּעטקעס, גיסן עס אַרום און אַרום; דער פראָסט שטייט ביי דער זייט און פאַרפרירט די נאַסע רעדער. דער פראָסט פרירט־אָן שיכט אויף שיכט; די רעדער ווערן גרויס און שווער — עס ווערט זיי ענג אין דער קאָריטע. דאָס וואַ־סער באַשפּריצט דעם צוגאַנג צו די רעדער; די ברעטער, די קלע־צער ווערן פראָסטיק־פאַרגלייזט. מען באַדאַרף זיין אַ בריה צוצוקומען צו די רעדער און נישט כאַפּן אַ גליטש, גלייך־אַראָפּ אונטערן מיל אויפן אייז.

פאַרשטעלט מען דעריבער פון צייט־צו־צייט די מיל און מען האַקט אַרום דעם אייז פון די רעדער. מען האַקט אַרום דעם אייז פון די זאַסטעווקעס, כדי מען זאָל זיי קענען אַרויסציען און לאָזן די מיל. מען האַקט דעם אייז מיט אַ שאַרפער האַק; דאָס אייז שפּריצט אין פּנים אַריין; שפּריצט אין די האָר אַריין און ווערט צע־שמאָלצן אויפן פּנים און האָר.

אונזער שטוב, וואָס שטייט איבערן וואַסער אינאיינעם מיט דער

מיל און איז נישט באַשיצט פון די ווינטן, וואָס בלאָזן אַרום-און-אַרום — אַז דער ווינטער קומט, איז שווער די שטוב צו דערוואַרעמען. די שויבן ווערן פאַרפרוירן. פריער קריכן פראָסטבלומען אויף די שויבן, דערנאָכדעם ווערן פון פראָסטבלומען פראָסטביימער, וועלדער גאַנצע בלייבן שטיין אויף די שויבן, דערנאָכדעם ווערן די וועלדער באַדעקט מיט אַ שניי. דעריבער הויכט איעדער איינער אָפּ אַ רעדעלע אויפן שויב, ווען ער וויל וויסן, וואָס דרויסן טוט עפּעס דער ווינטער.

איעדער פון די שטובלייט קריכט אַריין אין ווינטערדיקע, וואַרעמע מלבושים; שאָפּענע פעלצלעך און וואַטאָוויקעס; וואָלענע הענטשקעס און שווערע אָניטשעס אַרום די פיס. מען לייגט נאָך אַריין שטרוי אין די שטיוול — סע זאָל זיין וואַרעם און טרוקן.

מיטן קומען פון ווינטער, ווערן דיביימער, די קאַרטשעס, אונזער טייך, די וועלדלעך און דער הימל — אַלץ ווערט קלענער און נעענטער. דער פערד, די קו, די הינער און קאַטשקעס — זיי ווערן איינגעשרומפּן און קלענער. און אַזוי ווערן די שטוב-מענטשן איינגעשרומפּן. דער זיידע זעט מיר גאָר קליין אויס, ווען ער קומט אַרויס דרויסן אין זיין שאָפּענעם טולעפּ און דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַ פאַטשיילע. אַזוי ווערט דער טאַטע קלענער און אַזוי די קינדער. דער ווינטער דרייט איעדן צונויף, פונקט ווי דער ווינטער האָט דעם טאָג צונויפגעדרייט און קלענער געמאַכט.

צוליב דער ביטערער קעלט, וואָס דערגרייכט צו די הענט אַפילו אין די הענטשקעס; צוליב דעם, וואָס סע קומט אויס אָפּט צו נעצן די הענט אין פראָסטיקן דרויסן — דעריבער ווערן ביי די מענער פאַרן ווינטער די הענט צעפּלאַצט — אַזש בלוט טריפט פון די הענט. ערב שבת פאַרפאַרעט מען אין אַ שיסל ווייצענע קלייען אין קאָכעדיק וואַסער; אין דעם בריט מען די צעפּלאַצטע הענט און מען מאַכט זיי ווייכער. מען בריט פון די הענט אַראָפּ די שוואַרע וואָך.

דער שבת אַליין איז ווינטער אַ פאַרזאָרגטער און איינגעבויגענער. די גאַנצע משפחה זיצט אויפן וואַרעמען באַקאויון, כאָטש דעם אויבנאָן אויפן אויוון פאַרנעמט די שבתדיקע בונקע טיי, אַריבערגעדעקט מיט קישנס און פעלצן. פרייטיקצונאַכטס, גלייך נאָכן עסן — איז דער זיידע דער ערשטער, וואָס קריכט קרעכצנדיק פון

תענוג אויפֿן וואַרעמען אויוון. נאָך אים קומען די ייִנגערע. דאָרט כאַפּט מען דעם ערשטן דרימל. פֿאַרן שלאָפֿנגיין רייבט מען מיט גרויס הנאה די נאַקעטע פּלייצע אָן דער וואַנט פֿון הייסן באַקאויוון. מיך הויבט אונטער די מאַמע, אָדער דער ברודער קלמן, און מײַן יונגע פּלייצע פֿאַרנעמט אויך פֿון שבתדיקן תענוג.

שבתצונאַכטס. די קו מרוקעט אין שטאַל, בעט, מ׳זאָל איר געבן עסן און מעלקן. די מאַמע זאָגט אינדערפֿינסטער גאָט פֿון אברהם... די מענער דאַווענען מעריב. מען צינדט אָן חלבנע ליכטלעך. דער טאַטע מאַכט הבדלה: גוט-וואָך!

דורך די אַראָפּגעהויכטע פֿראָסט-רעדעלעך אויף די שויבן קוקט ווידער אַרײַן דער וואָכעדיקער ווינטער.

ווינטער אינדערפֿרי איז שווער דעם יונגן עולם צו רירן פֿון די געלעגערס, ווײַל איבערנאַכט איז אין שטוב אַרײַן דער ווינטער, און ס׳איז אים שווער אַרויסצוטרײַבן פֿון שטוב. נישטאָ בײַ קיינעם פֿון דעם יונגוואַרג קיין חשק אַרויסצוקריכן פֿון אונטער דער פּערענע. אויפֿשטיין מוז מען. מען באַדאַרף פֿאַרפּאַרען דעם צעבער פֿאַר דער בהמה. די מאַמע באַדאַרף אײַנהייצן דעם וואַנטאויוון, און קיין האָלץ איז נישטאָ. שטייט אַ מיל ווײַט פֿון ישוב; שטייט אין אַ וועלט פֿון אָלשענע ביימער, און קיין האָלץ איז בײַם מילנער אין שטוב נישטאָ. קויפֿן האָלץ אויפֿן מאַרק — איז אַ ריס אין הארצן. פֿאַרן ערגעץ אין אַ וואַלד און קויפֿן האָלץ בײַליקער — איז טאַקע צוליב דעם, וואָס אַרום-און-אַרום איז מען צווישן ביימער — האָט מען דאָס נישט געטון. די ביימער אַרום זענען שרינסקיס, דעם בייזן באַלעגופֿס.

באַדאַרף מען אַזוי האַקן יונגע ביימלעך; באַדאַרף מען אַזוי ברעכן צווײַגן — דער באַלעגוף זאָל נישט דערקענען. לקחנט מען דעריבער האָלץ אין די קאַרטשעס אַרום, פֿאַר איעדן מאָל הייצן באַזונדער.

אַז דער טאַטע וועקט — מאַכט מען כּלומרשט, אַז מען הערט נישט. מען שלאָפֿט. הייסט דער טאַטע דער מאַמען, זי זאָל די קינדער אויפֿוועקן. די מאַמע וועקט — באַדאַרף מען אויפֿשטיין. זי בעט מיט אַ רחמנות-קול. ממש טרערן הערט מען אין איר שטים. דער טאַטע האָט אויך אַרויסגעלאָזן די קו פֿון שטאַל; איז זי געקומען פֿאַר די פֿענסטער און אַרויסגעלאָזט אַן אומעטיקן ממהו...

קלמן, משה און בעבל שפּרינגען די ערשטע אַרויס פון אונטער די פּערינעס. איך, דאָס חדר־יינגל, טאָר אויך נישט ליגן שפּעט אין בעט. לויפט מען דרויסן וואַשן הענט־און־פּנים. איבערנאַכט איז די פּאָלאָמקע פאַרפרוירן געוואָרן. כדי אַרומצוּוואַשן הענט און פּנים — ברעכט מען מיט דעם פוס דורך דעם אייז. ס׳וואַסער איז בלוי און קאַלט; גייט פון דעם אַ פּאַרע. מיט נאַסע הענט און פּנים לויפט מען צוריק אין שטוב אַריין. די געפרוירענע קליאַמקע טוט אַ כאַפּ די נאַסע האַנט, די הויט פרירט צום אייזן. מיטן גראָבן האַנטוך ווישט מען הענט־און־פּנים און מען רייבט די הויט צו דערוואַרעמען. דער־נאָכדעם שפּרינגט מען אַריין אין פּעלצלעך; מען וויקלט אַרום די אויערן וואַרעמע פאַטשיילעס — נאָר די נאָז שטעקט אַרויס; אַ האַק אונטער דער פּאָלע און — טוז אין די קאַרטשעס אַריין! אין טיפן, ווייסן שניי אַריין.

די קאַרטשעס ליגן אונטער פוכיקן שניי. די צווייגן באַדעקט מיט פראָסט און אייז. האַקט מען די ביימלעך נידעריק, טיף אין שניי, מען זאָל נישט דערקענען. מען קלייבט צונויף די שפּענדלעך — קיין סימן זאָל נישט בלייבן. און מיט אַן אויסגעהאַקט ביימל, מיט קאַלטע, געפרוירענע צווייגן קומט מען אָן אין שטוב אַריין. דערווייל ווערט אין שטוב נאָך קעלטער. מען האַקט דאָס ביימל מיט דער האַק, מען ברעכט די צווייגן אויף דער קני און מען שטופּט דאָס האָלץ אין אויוון אַריין. די מאַמע הויבט אָן אָנצולייגן און פאַנאַנדערבלאָזן אַ פייער. דער נאַסער כוואָרייסט שיקעט און פּשיקעט, ביז ער הויבט אָן צו ברענען. די מאַמע שלעפּט שטרוי פון בעט אַרויס און פּאַקט אין אויוון אַריין, ביז זי האָט ווי עס איז דעם פייער אַן עצה גע־געבן. זי שטעלט צו די גרויסע טעפּ וואַסער אָנצוּוואַרעמען פאַר דער בהמה.

דערנאָכדעם הויבן אָן די מאַנסבילן דאַווענען. דער טאַטע, דער זיידע — אין טלית און תפילין. קלמן, משה — פאַרפּאַסעוועון די רצועות אַרום די נאַקעטע אָרעמס; די לינקע, נאַקעטע האַנט ווערט בלוי אָנגעצויגן. מען דאַוונט אויפן הויכן קול. מען שפּרייזט הין־און צוריק און מען זוּברעוועט דעם דאַווענען. דער דיל קרעכצט אַזש אונטער דעם דאַווענען. פון אויוון שיסן פונקען אויף דער שטוב אַרויס. איך דאַוון אויך אויף מיין קוויטשיקל.

תחילת פאַרפאַרעט מען דעם צעבער פאַר דער בהמה; ווערט

פון דער פאַרע וואַרעמער אין שטוב. שמעקט עס מיט פּלעווע און מיט צעפּאַרעטן קלאַיען. עס צופּט דער הונגער ב״ם האַרצן. דער בהמהשער מאכל וועקט אויף דעם הונגער ביים מענטשן. אָבער פריער קומט דער בהמה און דעם פערד דאָס עסן; פריער קומט די הינער און די קאַטשקעס.

די מאַמע האָט שוין אָפּגעקאָכט אַ קרופּניק. דער עולם גייט עסן. מען נעמט אַריין פון אַלמער אין מיל אַ געפּרוירענעם, ראַזעווען ברויט. אָנצוהויבן דעם לאַבן, באַדאַרף מען האָבן כוח. קלמן, בעבל און משה — זיי קאָנען שוין אויפשניידן אַזאַ געפרוירענעם לאַבן ברויט. די מאַמע גיסט איעדן אַ גרויסע שיסל קרופּניק. מען עסט מיט הילצערנע לעפל. ס׳ווערט וואַרעם אין אַלע גלידער. מען ווישט דעם שוויס פון פּנים און מען בענטשט מיט אַ מזומן.

די גרעסערע גייען צו זייער אַרבעט, און איך — די מאַמע וויקלט מיך איין אין טולעפּל; פאַרוויקלט מיר דעם קאָפּ מיט אַ פּאַטשיילע, און איך לויף צו מאַטעסן אין חדר אַריין. איך לערן גמרא. דער מוח ווערט געשאַרפט. דער חדר איז נאָך אַלץ ביי גדליהכען. ווינטער איז אין חדר נאָך ענגער. די קינדער — נאָך קלענער; מאַטעס — נאָך גרעסער. מאַטעס שלאָגט די קינדער אַ סך מער, ווי זומער. ער שטאָפּט זיי מער תורה אין קאָפּ אַריין און טיילט זיי איין מער שמיץ. אַזוי אַ גאַנצן טאָג. אַזוי אַ גאַנצע וואָך. אין חדר לויף איך אַליין. האָב הנאה פון דעם סקריפּ-סקריפּ אונטער די פיס. פאַרלויף צו אריה דעם שניידער, און רחלע גיט מיר אַ וואַרעמען, רעטשענעם הולניקל. אַרום זיבן, אַכט אין אָוונט, קומט נאָך מיר עמעצער. עס טרעפט, אַז איך בלייב אין שטעטל און שלאָף ביי מיין ברודער בנימין חיים. אַז משה קומט מיך אָפּנעמען אַהיים — איז ווי נאָר מיר קומען אַרויס פון שטעטל, הויבן מיר ביידע אָן צו לייענען קריאת-שמע, און האַלטן פייגן אין קעשענע: אַ סגולה אַנטקעגן נישט-גוטע.

אַז איך קום אַהיים, טרעף איך שוין די מיל, די שטוב און די מענטשן פאַרטון אין שווייגן. מסתמא איז בייטאָג די מיל אַ ביסל געגאַנגען. בייטאָג איז אוודאי געווען לעבעדיק אין שטוב און אַרום שטוב, אָט, ווי מען האָט לעבעדיק אינדערפרי דעם טאָג אָנגעהויבן. פאַרן טאָג האָט מען די שטוב דערוואַרעמט. איצטער, אַז איך קום אַריין, טוט מיר די וואַרעמקייט אַ שלאָג אין פּנים. אויף אַ באַנק

לעבן אויוון ליגט דער זיידע, האַלב אין דרימל און האַלב אויפדער־וואַך. דער טאַטע זיצט ביים טיש, נעבן פענסטער, אָנגעשפּאַרט אויףביידע הענט. ווער ווייסט, וואָס ער קלערט... די מאַמע, נישט ווייט פון אויוון, פליקט פעדערן. די ייִנגערע ליגן אויך נעענטער צום אויוון. אין קאָפּ גימדזשען ווינטערדיקע מחשבות.

אַז איך קום אַריין, שטייט די מאַמע אויף. זי וויקלט מיך אַרויס פון די ווינטערדיקע בגדים. זי באַדויערט, פאַרוואָס מען האַלט קינדער אַזוי שפּעט אין חדר:

— אַזאַ געשמאַקע וועטשערע איז פאַרקילט געוואָרן.

זי גיסט מיר אָן אַ שיסעלע געדיכטע פאַרפל מיט קאַרטאָפליעס; זי שעפּט פון אַ גרויסן, טשוגונענעם טאָפּ, פון סאַמע דעק — ווייל די שטובלייט האָבן שוין אַלע לאַנג אָפּגעגעסן.

— וועט אוודאי די תורה פאַראיבל האָבן, אויב מען וואָלט אים אָפּגעלאָזן אַ ביסל פריער אַהיים — מורמלט די מאַמע, אויס־בעטנדיק די בעטן.

צוביסלעך הויבט עס איטלעכן אָן ציען צו זיין געלעגער: דער זיידע — אין שלאָפבאַנק ביים פענסטער. דער טאַטע — אין אַ בעט אין דער אַנדערער קאַמער. איך מיט דער מאַמען — אין דער אַנ־דערער בעט. משה און קלמן — ביידע ביים וואַנטאויוון. בעבל — אין קאַמער אויף אַ סאָפקע. דאָס פינפערנע לעמפל דרייט עמעצער אויס. ווערט עס שטאָק־פינסטער. איטלעכער באַזונדער הערט, וואָס די נאַכט רעדט הינטערן פענסטער; הערט, ווי דאָס וואַסער רעדט אונטער דער מיל.

נישט קיין שווערע פּעפּערס זענען די שטובלייט. מען ליגט אינדערפינסטער, אין אַ וועלט פון אומרואיקן שווייגן; אין אַ וועלט פון שטילע רייד. רייד פון בוים און פויגל. רייד פון וואַסער און מילראָד. רייד פון האָן, הון, קאַטשקע און וואָראָנע. רייד פון ווינט צווישן די פאַרפרוירענע ביימער. און אָפּטמאָל, דער גערויש פון פאַר־ביילויפנדיקן צוג אויף דעם הויך־אויפגעשאָטענעם וועג. דאָס אַלץ. חלום און וואָר. אַלע אויף די געלעגערס אין דער פינסטערער שטוב. אַזוי דער זיידע מיטן בלאָנדן בערדל, וואָס ווערט שוין באַלד הונ־דערט יאָר. אַזוי דער פאַרזאָרגטער טאַטע. אַזוי די טיף־פילנדיקע מאַמע. אַזוי די אויפבליענדיקע בעבל; דער צניעותדיקער קלמן; דער וואָרצלדיקער, יונגער משה, און אַזוי — דאָס גמרא־ייִנגל.

האָט מען דעריבער אינמיטן דער נאַכט געקאָנט אָפּטמאָל הערן דעם טאַטנס צעצויגענעם: אוי–אוי–אוי — ער זיפצט אין דער נאַכט אַריין. אויף דעם ענטפערט אָפּ די מאַמע מיט אַ שטילן און אָפּגע־האַקטן זיפץ.

אַ ביינאַכטיקע וועלט, אַ סודותדיקע וועלט בליקט אַריין דורך די פאַרפרוירענע שויבן אין שטוב אַריין. עפּעס שעפּטשעט די נאַכט צו די אויף די געלעגערס.

— מאַמע, פאַרוואָס זענען די פענסטער אַזוי ווייס?

— שלאָף, מיין קינד, ס'איז נאָך ווייט צו טאָג... שלאָף, ס'איז דער פראָסט, וואָס גייט אום איבער דעם פאַרפרוירענעם טייך. מסתמא דער ווינט, וואָס בלאָזט דיכט ביי דער ערד און טרייבט דעם שניי אויפן שטוב.

אפילו די הינער אין קאָטוך אונטערן אויוון — זיי זענען אויך וואַך. מאַכן פלוצלונג אַ גערודער, ווי עמעצער, אַ פרעמדער, איז אַריין אין פאַרמאַכטן קאָטוך.

— שלאָף, שלאָף, מיין קינד, ס'איז אוודאי אַ וואַסער־שטשור, וואָס שרעקט די הינער.

און די קאַץ איז אין מיל. זי גייט אום אין דער פינסטער. די שוואַרצע קאַץ גייט אום אין דער מעל־ווייסער מיל. אירע טריט קאָן מען פאַרנעמען פון דער נאַכט אַרויס.

— שלאָף, מיין קינד...

די נאַכט איז שטאַרקער פון דער מאַמען. די נאַכט שלאָפט נישט, און לאָזט איר קינד נישט שלאָפן.

עס דערוואַכט דער זיידע:

— האַ? קינדער, צי הערט איר נישט דעם פערד קלאַפן מיטן קאָפּ אין טויער פון שטאַל?

— האַ? — ווער וועט אַרויסגיין אַ קוק טון צום שטאַל?

— האַ? — פרעגט מען פון אַן אַנדער געלעגער.

- קו–קו–ריקא–ראא...

דער האָן אין קאָטוך... ער ווייסט, ס'איז איצטער שוין האַלבע נאַכט...

## *קאַפּיטל עלף*

# מען כּשרט די מיל

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָזן וואַרעמער פון דרום-מערב זייט; אַ וואַרעם רעגעלע פאַרנעמט שוין ס׳אָרט פון שניי; ווען דער אייז האָט אָנגעהויבן צו פּלאַצן אויפן סטאַוו, און די הורבע שניי אַנטקעגן פענסטער הויבט אָן צו ווערן איינגעשרומפּן און שוואַרץ — האָבן אַלע ביי אונז דערשפּירט, אַז דער ווינטער אַרום מיל פאַלט. אויסגעקומען אַרום די פּורים-טעג, די זון שיינט העלער דורכן טאָג, וואַרעמט דעם אייז אויף די וואַסער-רעדער. די שטובלייט שפּירן די אָנקוועלעניש אונטערן אייז; פאַרשטייען דעם סוד פון אַיעדן אומבאַקאַנטן קנאַק ביינאַכט, וואָס איז געקומען פון טייך. פרילינג איז נאָענט.

אין יענע טעג זענען אַראָפּגעקומען יידן פון נאָענטן שטעטל איבערשמועסן מיט ליפּע דעם מילנער מכּח כּשרן די מיל אויף פּסח; האָבן אַגב געבראַכט צו באַווייזן אַלערליי ווייץ-פּראָבעס. די מאַנסלייט, מיט ערנסטע פּנימער, זיצן אַרום טיש; פון לייוונטענע טאָרבקעלעך, פון פּאַטשיילקעס האָט מען פאָרזיכטיק אַרויסגעוויקלט פּסחדיקן ווייץ. דער טאַטע טוט אָן די שפּאַקולן, פאַרקנייטשט ערנסט דעם שטערן. טריט-ביי-טריט קומען אונטער די קינדער נעענטער צום טיש. און די גאַנץ-פּשוטע ווייץ-קערנער, וואָס זענען געווען געראָטן אין אַלע אַנדערע ווייצן פון אַ גאַנץ יאָר, האָבן איצטער אויסגעזען אויסטערליש: יידישע ווייץ-קערנער, פאַרטראַכטע אַזעלכע.

די מאַמע דערלאַנגט אַ פינגערהוט צום טיש; מען מעסט אָפּ אַ פינגערהוט קערנער; די קערנדלעך שיט מען אויס אויפן טיש און מען קלייבט איבער אַיעדעס קערנדל באַזונדער. מען קלייבט אָפּ אָן

אַ זייט אַזעלכע קערנדלעך, וואָס ווייזן סימנים פֿון אויסוווקס — מיט וואָרצעלעך אין שפּיץ. אַזעלכע אויסגעוואַקסענע קערנער האָבן גע־וואָרפֿן אַ חשד פֿון חמץ: די תּבֿואה איז מסתּמא געווען אונטערן רעגן; דער רעגן האָט דורכגענומען די קערנער, און אַ יערעניש האָט זיי אָנגעכאַפּט. דאָס איז דער סימן פֿון אויסוווקס.

האָט מען איבערגעציילט אַ פֿינגערהוט קערנדלעך, און אויב צופֿיל ווייצן זענען אויסגעוואַקסענע — האָט מען דעמדאָזיקן ווייץ חמצדיק געמאַכט. אַזוי האָט מען דורכגעמאָסטן און אויסגעציילט אַלע ווייץ־פּראָבעס, ביז מען האָט אויסגעקליבן די סאַמע ריינע, די סאַמע טרוקענע קערנדלעך. אַגבֿ האָט מען דערבײַ אַרויסגעוויזן מבֿינות, צע־ביסן אַ קערנדל אויף צווייען און באַטראַכט די ווײַסקייט פֿון מעל אינעווייניק.

אַז מען האָט באַשטימט וואָס פֿאַר אַ ווייץ צו קויפֿן, האָט מען גענומען שמועסן פֿון כּשרן די מיל. מען האָט אָפּגעשמועסט וויפֿל פּוד ווייץ מען וועט באַדאַרפֿן היי־יאָר בייטלען; מושווה געוואָרן מיטן מקח פֿאַרן בייטלען די ווייץ. נאָך דעם אַלעמען האָט דער עולם מאַנסבילן געטרונקען לחיים. די יידן האָבן געווונטשן, אַז קיין וואַ־סער זאָל דעם פֿאַר־פּסח נישט פֿעלן, און אונזער צד ווינטשט, אַז יידן זאָלן היי־יאָר קאָנען באַקן מצות בּיד רחבה. דערבײַ מאַכן די יידן מיטן טאַטן אַ תּקיעת כּף.

די יידן אַוועגעגאַנגען — האָט דער אייז נאָך שטאַרקער גע־קנאַקט און געפּלאַצט; דער שניי פֿאַרן שטוב ווערט נאָך מער איינ־געשרומפּן. פֿאַרפּסחדיקער גערויש צווישן די ביימער איז אונז אַלע־מען וויל באַקאַנט.

און טאַקע אין קורצן זענען אָנגעקומען צו ליפּעס מיל פּויער־שע פֿורן, אָנגעלאָדן מיט זעק תּבֿואה; די זעק זענען ציטעריק איבער־געדעקט, כאָטש דרויסן שיינט די זון. טראָגט מען אַראָפּ די זעק ווייץ נישט אין מיל אַריין — די מיל איז חמצדיק דערוויל; די זעק טראָגט מען אַריין אין שטוב. יעדערער פֿון אונז איז אַ בעל־כּח. די קלענערע קינדער העלפֿן אונטערכאַפּן אַ זאַק; האַלטן אונטער די זעק, בעת די גרויסע דזשוויגען זיי אויף די פּלייצעס אין שטוב אַריין. די זעק ליגט מען אויס אין שורות אין צווייטן חדר. אויפֿן וועג אין שטוב אַריין נעמט אַ זאַק און פּלאַצט אינמיטן וועג; ווייץ רינט אַרויס אויף דער ערד — גלייך אין בלאָטע אַריין:

– חמצדיק געוואָרן!

די גאָלדיקע ווייץ־קערנער ווינקען פון דער שוואַרצער בלאָטע אַרויס, ווי זיי בעטן: „קלייבט אונז אויף, לאָזט אונז נישט חמצדיק ווערן...״

מען באַדאַרף אָנהויבן כשרן די מיל. פאָלג מיך אַ גאַנג! כאָטש כמעט יעדעס יאָר כשרט מען די מיל, פונדעסטוועגן, אַז מען באַדאַרף צוטרעטן צו דער מלאכה – ווייסט מען נישט פון וואָס פריער אָנצוהייבן. אַ קלייניקייט – גיי מאַך ריין אַ מיל; רייניק אויס ווי אַ שטויבעלע מעל, ביז עס וועט קיין סימן פון קיין חמץ נישט בלייבן. וויפל מעל שטויבט די מיל, טרייסלט אָן אין פאַרלויף פון יאָר! די קאַסטנס, ווו די זיידענע בייטלען זיפּן די מעל – דאָרטן זענען די ווענט באַהאָנגען מיט מעליקע פּאַרפל. ווו אַ שפּעלטעלע, ווו אַ לעכעלע איז פאַרן יאָר פאַרקראָכן געוואָרן מיט מעל און חמץ. פון שוועל ביזן שפּיץ בוידעם – אַלץ איז פאַרמעליקט.

באַוואָפנט מיט מעסערס, מיט גענזענע פלעדערווישן, אין צעריסענע קליידער און אַלטע שמאַטעס גייט דער עולם אין מיל אַריין. מיטאַמאָל האָט מען ביי ליפּע דעם מילנער פיינט באַקומען מעל־שטויב; מיטאַמאָל געוואָרפן אַ חשד אויף יעדן קערנדל, וואָס איז פאַרקראָכן אין אַ שפּאַרונע אַריין.

דעם ערשטן מיש געטון מיטן פלעדערוויש, דעם ערשטן סקראָבע געטון מיטן מעסער – אַ שטיקעלע ברעט ריין געוואָרן. שמעקעדיק האָלץ שיינט אַרויס. מען סקראָבעט און סקראָבעט; די מילנער אַליין ווערן אויסגעטונקט אין מעל, וואָס פּאַסט אפילו פאַר קיין מילנער אויך נישט, אָבער די מיל אַליין ווערט אַלץ ריינער און ריינער.

דאָס גרויסע געשעעניש ווירקט – נישט נאָר אויף די לעבעדיקע מענטשן, עלטערע און קינדער – אונזער געלער הונט בורטשיק איז שטאַרק פאַרחידושט, ער קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס סקראָבעט מען און סקראָבעט אין מיל אַזויפיל; ער גייט אַרום און שמעקט און לעקט און ניסט; ער וויל אויך האָבן אַ חלק אין דעם גאַנצן ענין; ער זעט, ווי די מענטשן זענען דאָסמאָל פאַרמעליקט מער ווי געווײנלעך – ווייל ער די מענטשן נאָכטון. שטשירעט ער די ציין, שמייכלט, און באַאַץ אין דעם באַרג אָנגעסקראָבעטן חמץ.

איז די שוואַרצע קאַץ מקנא בורטשיקן. כאָטש פאַרזיכטיקער פון הונט, פונדעסטוועגן קומט זי אויך אַראָפּ אין מיל, קוקט אַרויף צו די מענטשן, שמעקט אַרום אַלע ווינקעלעך, וואָס מען סקראָבעט און

רייניקט, שמעקט, און הויבט אָן צו ניסן; זי פאַרשטייט נישט, וואָס איז געוואָרן מיט די מילנער אין מיל.

קומט אַראָפּ אריה דער שניידער, וואָס נייט אַ גאַנץ יאָר פויערשע סערמיגעס. איעדן פרילינג, פאַר פסח, אויב מען כשרט נאָר די מיל, קומט ער צו אונז טון אַן איידעלע אַרבעט. ער דאַרף אויפ־נייען די זיידענע בייטלען, וואָס וועלן זיפּן דאָס פסחדיקע מעל. מען קויפט אַזאַ דורכזיכטיקן, ווייסן, שיטערן זייד. אַז מען לייגט אינצווייען צונויף דעם זייד און מען האַלט אַנטקעגן ליכט — הויבן אין אים אָן קרייזלען ריפּסענע רינגען. די געוויינלעכע אַרבעט צו שמידן די שטיי־נער, איבערקערן דעם אויבערשטן שטיין מיטן פנים אַרויף — דאָס טוט מען איצטער מיט אַ באַזונדערער כוונה. מיט שפּיציקע, שטאָ־לענע האַמערס און מיט פלאַכע האַמערס האַקט מען אויס רינעלעך אין שטיין; פּיקט מען אויס לעכעלעך אין שטיין. מאַכט׳ן די שטיי־נער שאַרף, זיי זאָלן מאָלן די פסחדיקע ווייץ מיט מער חשק.

אַ דריי טעג און דריי נעכט איז די גאַנצע מילנער־משפחה אויסגעטונקט אין חמץ, ווייל מען מאַכט פסחדיק די מיל — ביז מען הויבט אָן אַרויסצוזען אַ סוף צו דער אַרבעט. דעמאָלט הויבט מען אָן רייניקן די שטוב, צוקלייבן אין שטוב, ווייל דער יונגער רב פון שטעטל באַדאַרף קומען און זאָגן זיין וואָרט: כשר. דער טאַטע מאַכט צורעכט דעם וואָגן; פאַרריכט די דראַבינעס; לייגט אָן אין וואָגן פרישע שטרוי, און מאַכט אַ ווייך אָרט צום זיצן. די מאַמע פאַר־שפּרייט דעם שטרויענעם זיץ־אָרט מיט אַ ריינעם ליילעך. איינגעשפּאַנט דאָס ווייסע פערדל — פאָרט דער טאַטע, אָן ערנסטער און אַ פאַר־טראַכטער, ברענגען דעם רב. אין שטוב פילט מען די יום־טובדיקייט. מען האָט אין שטוב אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד; אפילו דעם טיש איבערגערוקט פון זיין אָרט. מען גלעט אויס די פאָרהענגלעך אויף די פענסטער. אַלעמענס אויגן זענען אַלע ווילע געווענדט צום פענ־סטער. אַלע ווילע גייט מען נאָך אַרויס אין מיל כאַפּן אַ קוק, באַ־טראַכטן דאָ־און־דאָרטן — נאָך אַ ויש געטון, נאָך אַ סקראָבע געטון, און געבלאָזן די שטויבעלעך, וואָס האָבן ווידער צוגעדעקט די ווענט פון מיל.

און אָט איז שוין די פור מיטן רב. אַלע אויף די פיס. די אויגן אָנגעשפּיצט ביים פענסטער; די קאַץ, דער הונט — קוקן אין פענסטער.

די פּור איז שוין ביי דער שטוב. דער טאַטע שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן און העלפט אַראָפּקריכן דעם רב, וואָס איז נאָך דערווייל אַ דיין, ווייל דער אַלטער, בלינדער רב לעבט נאָך; אים, דעם בלינדן רב, קאָן מען דאָך נישט ברענגען, ער זאָל באַטראַכטן, צי די מיל איז כּשר. דער יונגער רב איז אַ הויכער, אַן אויסגעצויגענער מיט אַ שוואַרץ, שיטער בערדל און שווערע, לאַנגע פּיאות; האָט שוואַרצע אויגן און אַ בלאַסן פּנים. דער רב שטייט אַ ווײַלע ביים וואָגן, באַ-טראַכט די מילנערשע וועלט אַרום; מיט פּאַרזיכטיקע טריט שפּרייזט ער אַריבער די שטענדיקע בלאָטקעלע פאַר דער שוועל און קומט אַריין אין שטוב. אַלע שטייען אויף די פיס; אַלע קוקן צו אים מיט יראת-הכּבוד. ער טוט אויס דעם לאַנגן, שוואַרצן אויבער-בגד און בלייבט אין זיין גלאַנציק-שוואַרצן, אַטלעסענעם סורדוט.

טראַכט מען: „ווי אַזוי וועט עס דער רב מיט אַזאַ אַטלאַסענעם, שוואַרצן בגד קריכן אין מיל אַריין, אַריינקריכן אין מעלקאַסטן אַריין?"

ער, אַפּנים, ווייסט, אַז ער גייט כּשרן אַ מיל. אפשר ווייסט ער, אַז אַ מיל קאָן מען בשום אופן נישט אָפּשטויבן אינגאַנצן פון מעל. ס'וואַרט פאַר אים צוגעגרייט אַ ריינער, אָפּגעשייערטער מעסער מיט אַ שאַרפן שפּיץ; מען דערלאַנגט אים אַ בייעם, נאָך נישט קיין גענוצטן פלעדערוויש — אַ גאַנצן געגנזענעם פליגל. מען צינדט אָן פון זיינעטוועגן אַ ליכט, און ער הויבט אָן מיט בנעימותדיקע טריט גיין אין מיל אַריין.

תּחילת קלייבט ער אויס אַריינצוקריכן אין גרויסן קאַסטן אַריין, ווו דער גרויסער בייטל וועט זיפּן די מעל. אַ הויכער קאַסטן אויף פיר שטאַרקע פיס — אַ שטוב אַ גאַנצע... ער וועט דאַרפן אַרויפ-קלעטערן. אַלע מאַנסבילן העלפן דעם רב; מען הויבט אים אונטער, פריער איין פוס, דערנאָך דערלאַנגט מען אים אַריבער די אַנדערע פוס, און צוביסלעך פאַרקריכט דער רב אינעווייניק אין קאַסטן אַריין. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דריי טעג און דריי נעכט האָט די גאַנצע מילנער-משפּחה געסקראָבעט און געווישט, פונדעסטוועגן, אַז דער רב קריכט אַריין אין קאַסטן, ווערט זיין שוואַרץ-אַטלעסענע קאַ-פּאָטע תּיכּף אויסגעשמירט אין מעל. ער שפּירט עס נישט. מיט דער ליכט אין האַנט, פאַרזיכטיק, הויבט ער אָן בודק זיין אין אַ יעדן שפּעל-טעלע, פרווט מיטן שפּיץ-מעסער, מיטן פלעדערוויש, און עס געלינגט

אים אַרויסצובאַקומען אַ קערנדל פון אַ שפּעלטעלע. דאָס קערנדל פאַלט אַראָפּ און בלייבט ליגן פאַרשעמט און שטיל. דער רב הויבט עס אויף און באַטראַכט עס, שמעקט עס, און וואָס ער טראַכט דערביי — ווייסן די אַרומיקע נישט. די אַרומיקע, אָן ווערטער, באַשולדיקט איינער דעם אַנדערן: „דו האָסט עס איבערגעלאָזט אַ קערנדל אין שפּעלטל...‟ און באַלד טאַקע האָט דער רב אויפגעדעקט אַ ווינקעלע, ווו מען האָט גאָר אינגאַנצן דורכגעלאָזן און נישט גערייניקט. ער הויבט אָן ערנסט די אַרבעט; ווי אַ גרויסער האַלצפּיקער זעט ער אויס. ער בויערט מיטן מעסער, בלאָזט, ווישט מיטן פלעדערוויש, און ס׳פאַלן פאַרטריקנטע מעלפאַרפעלעך...

ס׳ווערט נישט שיין. דריי טעג, דריי נעכט גערייניקט, און איצטער קומט דער רב און געפינט גאָר אַ גאַנצע נעסט מיט חמץ.

מען דערקענט אָבער, אַז דער רב האָט געזוכט אַ געוויסע באַפרידיקונג פאַר זיין טרחה. ווי נאָר ער האָט געפּאַקט דעם פאַרבאָרגענעם חמץ — איז ער רויק געוואָרן. צופרידן, מאַכט ער שוין מער נישט קיין גרויסן וועזן און אויבנאויפיק באַטראַכט ער ווייטער די ווענט פון קאַסטן. ער מאַכט אַ צייכן צו די מענער, וואָס שטייען דערביי, אַז ער וויל אַרויסקריכן פון קאַסטן. קומט מען אים ווידער צוהילף מיט דעם אייגענעם יראת-הכבוד — כאָטש ער איז איצט שוין נישט ענלעך אויף קיין רב: זיין אַטלעסענע זשופּיצע איז פאַרמעליקט, די יאַרמולקע איז וויס; זיינע שוואַרצע פּיאות זענען אויסגעטונקט אין מעל, און פאַרמעליקט איז זיין שוואַרץ בערדל.

ער גייט נאָך אַרויף אויפן בוידעם, ווו די שווערע מילשטיינער ליגן איבערגעקערט מיטן פּנים אַרויף. די שווערע שטיינער ליגן קאַלט און שווייגעוודיק — זיי שפּירן נישט דעם רבס דערנעענטערונג. ער אַליין ווייסט נישט, וואָס צו טון מיט זיי. אַ סקראָבע טון מיטן מעסער דעם שטיין? ס׳האָט קיין פּנים נישט. טוט ער אַ שמייכל און זאָגט צו די אַרומיקע:

— מסתמא האָט איר דאָך געזען, די שטיינער זאָלן זיין כשר?

— כשר, רבי... ווי אַלע יאָר, רבי, כשר...

נעמט דער רב אַראָפּגיין פון די טרעפּ; גיט איבער די ליכט, מעסער און פלעדערוויש — ער האָט זיינס אָפּגעטון. אַז ער קומט אַריין אין שטוב אָן אויסגעשמירטער אין מעל — שמייכלט ער און ווייסט נישט וואָס צו טון. אַלע אין שטוב רינגלען אים אַרום, מען

פוליעט פון אים דעם חמץ, מען באַרשט אים, מען טרייסלט די לאַנגע פּאָלעס פון זיין סורדוט; איצטער זעט מען וואָס פאַר אַ הויכער און בלאַסער ער איז. זיין אַטלעסענער סורדוט האָט צוריק באַקומען זיין אַטלעסענע חשיבות.

אַז דער רב אַליין האָט ריין געמאַכט די פּיאות, דאָס בערדל, מיט דער רויטער פאַטשיילע אַרומגעווישט דאָס פּנים, און נאָכדעם, ווי מען האָט מיט אַ שמאַטע אַראָפּגעווישט דאָס מעל פון זיינע שטיוול, האָט ער, ווי נאָך אַ ישוב-הדעת, אַ שמייכל-געטון און געזאָגט:

— זאָל אייך קיין וואַסער נישט פעלן היי-יאָר, און זאָלן קומען ישועות אויף יידן. כשר...

ער האָט דערנאָך גענומען אַביסל משקה, וואָס מען האָט פון זיינעטוועגן צוגעגרייט אין אַ גראַפינקעלע; האָט איידל אַ זופּ-געטון און נאָכאַמאָל געזאָגט: כשר.

האָט מען ווידער אויפגעטרייסלט און דורכגעלופטערט די שטרוי אין וואָגן; די מאַמע האָט געבראַכט אין אָרדענונג דעם פאַרשפּרייטן ליילעך איבער די שטרוי; דער טאַטע האָט געהאָלפן דעם רב אַרויפקריכן אויפן וואָגן; דער רב איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין אויף אַ גאַנץ יאָר און איבערגעלאָזט ביי אונז אין מיל בלויז איין וואָרט:

— כשר...

### *קאַפּיטל צוועלף*

## שפּע

גלייך נאָך פּורים האָט עס אָנגעהויבן צו לאָזן. דער פראָסט איז שוואַרץ געוואָרן. דער גרויסער באַרג שניי אַנטקעגן שטוב האָט אָנגעהויבן צו זינקען. אָפּצוראַמען אים איז שווער — ער איז פאַרן ווינטער פאַראייזט געוואָרן. דער טאַטע האָט מורא, טאָמער וועט דער באַרג אַנטקעגן שטוב אָנהויבן צו שמעלצן פּאַראַמאָל — וועט דאָס וואַסער שטראָמען אין מיל אַריין. אינאיינעם מיט דער פרייד, אַז דער ערב פּסח וועט זיין אַ גוטער, וועט זיין וואַסער, וועט זיין אַ סך מלאכה אין מיל, באשר מען וועט כּשרן די מיל, און די שטאָטישע מעל-קרעמער וועלן אַריינפירן אַ סך פּסחדיקע ווייץ אין מיל אַריין — איז מען פונדעסטוועגן אין שטוב אַביסל אומרויק. דער זיידע האָט אויך מורא פאַר די גרויסע שנייען, וואָס האָבן אַ גאַנצן ווינטער געשאָטן. דער זיידע איז אַ סך געלעגן אויפן באַקאויוון דעם ווינטער, און דעריבער האָט אים דער ווינטער אויסגעזען צו לאַנג.

דער זיידע האָט ליב געהאַט צו דערציילן פון מילן, וואָס וועסנע-צייט האָט זיי דער שטראָם אַוועקגעטראָגן.

— אויב ס׳וועט לאָזן ביסלעכוויז, וועט עס נישט שאַטן; נאָר טאָמער, חלילה-וחס, וועט דער שניי אַ לאָז טון מיטאַמאָל, דהיינו, עס וועט רעגענען מיט וואַרעמע רעגנס — איז אַ סכּנה.

די שטעטלשע קרעמער האָבן טאַקע אַריינגעשיקט פּסחדיקע ווייץ אין מיל אַריין; פאַרכאַפּט, איידער דער וועג ווערט קאַליע. לייגט מען אָפּ די זעק ווייץ, נישט אין דער חמצדיקער מיל, נאָר אין צווייטן חדר פון שטוב. מען לייגט זאַק-אויף-זאַק — ביז צו דער

סטעליע, איז דערוויילע גוט, פֿאַראַן אויף וואָס צו קלעטערן. אַפֿילו דער טאַטע האָט אויך הנאה פֿון דעם, וואָס די קינדער קריכן אַרויף אויף די זעק תבואה און קאָנען דערלאַנגען מיט די הענט די סטעליע.

עס זענען צוביסלעך געקומען פֿויערים פֿון אַרומיקע דערפֿער, געבראַכט ווייץ און קאָרן צו בייטלען; געלאָזן די תבואה אין מיל, ביז עס וועט אַ לאָז-טון דרויסן. איעדערער ביי אונז האָט געוואַרט אויף דער רגע, ווען דער ווינטער וועט אינגאַנצן קראַפּירן, און דער וואַרעמער רעגן וועט אַ גאָס-טון.

איך גיי נאָך אַלץ אַוועק אינדערפֿרי אין חדר אַריין און קום ביינאַכט צוריק אַהיים. איך ווייס, דאָס זענען מיינע לעצטע טעג ביי מאַטעסן. מאַטעס ווייסט שוין אויך, אַז קומענדיקן זמן וועל איך ביי אים נישט לערנען, איז ער גוט צו מיר. גאָרנישט דער אייגענער מאַטעס. איך לערן שיר-השירים, און דער ניגון קומט ביי מיר אַרויס אַזוי, גלייך ס'איז זומער דרויסן, איך גיי אַרום איבער די לאָנקעס אַרום מיל און איך זינג. אַ סך מאָל וואָרט איך גאָרנישט, מען זאָל מיך קומען אָפּנעמען ביינאַכט אַהיים. איך פֿאַרגיי אַפֿילו נישט צו צו מיין ברודער בנימין חיימען צו נעכטיקן. איך לויף אַליין אַהיים. אין וועג — לייען איך קריאת-שמע און האַלט פֿייגן אין די קעשענעס. עס קלאַפּט דאָס האַרץ, ווען איך מייד שוין אויס די לעצטע שטוב, דעם לעצטן שייער און קום אַרויס צו די ביינאַכטיקע ביימער און שוואַרצע גרעבליעס. לויף איך דעריבער מיט אַלע כחות, פֿאַל אַריין אין שטוב אַ צעוואַרעמטער, אַ פֿאַרסאָפּעטער.

איך קום אָן פּונקט, ווען עמעצער פֿון שטוב איז שוין אַן אָנגעטועגער, גרייט צו גיין מיך אָפּנעמען פֿון חדר. די מאַמע מוסרט מיך איעדעס מאָל, ווען איך קום אַליין:

— זאָלסט עס מער נישט טון, מיין קינד — בעט די מאַמע — איצטער, ווען עס הויבט אָן צו לאָזן דרויסן, טאָר מען נישט גיין אַליין ביינאַכט.

דער ווינטער האָט אויף צום אמתן געקראַפּירט. אַזאַ וואַרעמער רעגן גיסט און גיסט, כאָטש גיי נעם וואַרף אַראָפּ די בגדים און שטיי אונטערן רעגן. דער באַרג שניי אַנטקעגן שטוב האָט אָנגעהויבן צו זינקען אויף צום אמתן. פֿון אונטער אים קוועלט אַ וואַסער און ציט אין מיל אַריין. אַלע, אַלע, אַפֿילו דער זיידע, אַפֿילו איך, — דער ברודער בנימין חיים איז געקומען פֿון שטאָט, און מען ראַמט

און מען האָט דעם פאַרהאַרטעוועטן באַרג שניי אַנטקעגן שטוב. די שטעקער אייז און שניי וואַרפט מען אַראָפּ צום סטאַוו.

דאָס אייז אויפן סטאַוו איז אויך שוואַרץ געוואָרן. אָפּגעצייכנט פון ביידע זייטן ליגן שוין די טונקעלע ברעגעס. דער שניי שמעלצט, און עס קוקן אַרויס די פאַראַיאָריקע גראָבע גראָזן אַרום סטאַוו; קוקן אַרויס די נידעריקע קאַרטשעס, וואָס זענען געלעגן אַ גאַנצן ווינטער באַגראָבן אונטערן שניי. די הויכע, טונקעלע אָלשענע ביימער האָבן אַ וויג געטון די צווייגן און אַראָפּגעטרייסלט די שטיקלעך אייז און פאַרהאַרטעוועטן שניי, וואָס איז נאָך צו זיי געווען צוגעזויגן. מען האָט געזען, ווי די ביימער קוועלן אָן. אַ פרילינג-ווינט האָט זיי אויפגעוועקט — וואַרטן זיי, די וואַרעמקייט זאָל קומען און אַרויסנעמען די בלעטלעך צום גרינען.

מען האָט שוין אויפגעהאַקט דאָס אייז אַרום די זאַסטעווקעס, כּדי די וואַסערן, ווען זיי וועלן אָנקומען — זאָל מען זיי דורכלאָזן דורך די זאַסטעווקעס. מען באַטראַכט די גרעבליע ביי ביידע זייטן בריק, צי וועט זי זיין בכּוח אויסצוהאַלטן אַ גרויס וואַסער. מען זעט, ווי דאָס וואַסער אונטערן אייז קוועלט. דאָס אייז קנאַקט, ווערט צעפּלאַצט. דאָס וואַסער שיסט אַרויס אויף דרויסן און שטראָמט איבערן אייז.

עס ווערט גליטשיק אַרום שטוב. די וואַרעמע רעגנס גיסן, דעם באַרג שניי האָט מען אינגאַנצן אָפּגעראַמט פון אַרום שטוב.

- וועט זיין צופיל וואַסער דאָסמאָל... — רעדט איעדער איינער איבער אין שטוב — די מיל וועט באַדאַרפן שטיין פאַרטרונקען אַ צייט. די רעדער וועלן שטיין ביז האַלב אין וואַסער...

דאָס וואַסער איז אָנגעקומען. מען האָט אַלע זאַסטעווקעס אַרויסגעצויגן אויפן בריק — גיי דיר, וואַסער, וווּהין דו ווילסט! און דאָס וואַסער וואַקסט. קומט אָן מיט אַזאַ געוויש. אַלע, אַלע זענען דרויסן, מען האָט צוגענומען אַ מילנער, אַ שייגעץ, וואָס רעדט יידיש פּונקט ווי מיר אַלע: ער איז אַ מאַיידים אַרום די זאַסטעווקעס. ער זאָגט אויך, אַז דאָס וואַסער וועט נאָך וואַקסן און וואַקסן, און ס׳איז אַ סכּנה.

גייט מען זען, ווי האַלט עס מיט די וואַסערן אויף יענער זייט אייזנבאַן-ליניע, וואָס טיילט אָפּ אונזער מיל פון די לאָנקעס, גערטנער און שטעטל, און — אָ פּחד!... אַ ים אַ גאַנצער שטייט אויף

דער אַנדערער זייט אייזנבאַן־ליניע. די ביימער — ביזן גאַרטל אין וואַסער פאַרטרונקען. דאָס וואַסער איז אָנגעקומען און שפּאַרט דורך דער שמאָלער בריק אונטער דער אייזנבאַן־ליניע; שמאָל איז דער וועג אונטער דער בריק, שטייט דאָס וואַסער, אַ ים אַ גאַנצער צעגאָסן איבער די לאָנקעס, ביז צו די שייערן. הימל און ערד און וואַסער. אויב, חלילה, דער געוויטער וועט דורכרייסן די אייזנבאַן־ליניע — טראָגט ער אַוועק ליפּעס מיל.

בלייבט עס, מען טאָר נישט בלייבן אין מיל. שפּאַנט מען איין דאָס ווייסע פערדל, מען לייגט אַריין אין וואָגן דאָס גאַנצע בעטגע־וואַנט, די קלענערע קינדער זעצט מען אין וואָגן אַריין. מען קומט צו דער אייזנבאַן און מען בלייבט שטיין. ווייטער פאָרן קאָן מען נישט. פאַרנאַכט. עס נעמט אַ פּרעסטעלע, און דער פּחד וואַקסט. דער טאַטע שרייט אַריבער צום שטעטל — ענטפערט מען פון דאָרטן. עס קומען צו אונז אויסגעשרייען פון יענער זייט וואַסער. אין שטעטל ווייסט מען, אַז ליפּע דער מילנער איז אין סכנה, נאָר ראַטעווען קומט קיינער נישט. די נאַכט פאַלט צו. מיר הערן נאָך אַלץ קולות פונדערווייטנס. מען שרייט צו אונז. און מיר — אַלע מאָל ענטפערט אַן אַנדערער. אַפילו איך שריי: געוואַלד, ראַטעוועט...

אַ גאַנצע נאַכט ביי דער אייזנבאַן־ליניע. איבערנאַכט איז דאָס וואַסער אָפּגעפאַלן, איז מען אינדערפרי צוריקגעקומען אין מיל אַריין. ס'וואַסער פאַלט טאַקע אויפצומאמתן אָפּ. כאָטש די רעדער שטייען פאַרטרונקען ביז העלפט אין וואַסער — איז קיין דאגה נישט מער.

נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, ס'וואַסער איז נאָך מער אָפּגעפאַלן, און מען קען שוין אַוועקלאָזן די רעדער. די מיל איז איבערגעצאַמט אינגמיטן מיט אַ גרויסער פאַרהאַנג. איין העלפט איז כשר. דאָרטן בייטלט מען פסחדיקע ווייץ. און איין ראָד דרייט די חמצדיקע שטיינער.

עס הייבן אָן צו קומען פויערים פון די אַרומיקע דערפער. אַרום שטוב — פורן — אַ גאַנצער יאַריד. מען קאָן נישט אָפּפאַרטיקן אַלע־מען פאַראַמאָל; בלייבן פויערים וואַרטן, בלייבן ביי אונז אויף אַ טאָג, אויף צוויי און אַמאָל — אויף דריי. אַלע אין שטוב זענען פאַרנומען אַרום מיל. קלמן איז דער פסחדיקער מילנער, דער טאַטע און משה — זיי זענען חמצדיקע מילנער. דער זיידע גייט אויך אַרום אַ פאַרפולעטער אין מעל, דער קאָזיריק פון היטל פאַרדרייט

אויף אַהינטער און ער זינגט זיין רויטן ניגון. אַלע רעדער קלאַפּן. די גאַנצע שטוב ציטערט. דאָס וואַסער פון אונטערביידע רעדער, דאָס וואַסער פון די אָפענע זאַסטעווקעס—אַלץ רוישט אונטערן שטוב. די זון וואַרעמט, און אויף די לאָנקעס דאָ־און־דאָרטן, קוקט פון אונ־טער דעם צעשמאָלצענעם שניי אַרויס דאָס פּאַראַיאָרעדיקע גראָז, שוואַרץ און קראַנק.

די פויערים, וואָס באַדאַרפן וואַרטן אויף זייער צעמאָלענער תבואה — זיי האָבן ביי דער מאַמען געקריגן אַ גרויסן טשוגונענעם טאָפּ און מען קאָכט פּאַרפל. איעדער פויער, וועמענס ווייץ מען האָט שוין אָפּגעביילט, לאָזט איבער מעל פאַר די פויערים, וואָס באַדאַרפן נאָך וואַרטן. זיצן די פויערים אויף דרערד, אַרום דעם גרויסן טאָפּ, מען שעפּט מיט הילצערנע לעפל די פּאַרפל, מען עסט און מען שפּייט און מען דערציילט מעשיות דערביי. דער זיידע דערציילט מעשיות פון אַמאָל, פון יענע גוטע צייטן, ווען פאַר אַ רובל האָט מען געקאָנט איינקויפן אַ פולן וואָגן הינער און פאַר אַ דרייערל האָט מען געקאָנט קויפן דעם פיינסטן אָגער...

— יאָ, שלעכטע צייטן אָנגעקומען — כליאָבען די פויערים די פּאַרפל — דער צאַרעלע טאַטעלע ליגט שווער אויף זיין פאָלק...

קומט אַריין פון מיל אונזער מילנער, וואָס קאָן רעדן יידיש, זאָגט צו אונזערע אויף יידיש, אַז באַלד וועט ער באַווייזן אַ קונץ:

— ווער פון אייך וויל, איך זאָל באַווייזן אַ גרויסע קונץ? — זאָגט ער צו די פויערים, אַרום טאָפּ פּאַרפל — איך וועל איינעם פון אייך אונטערלייגן צען הינערשע אייער אונטערן היטל, אונטער אַ פעלצענער היטל איז נאָך בעסער. דערנאָכדעם וועל איך אַרומגיין אַרום־און־אַרום, רופן: ציפּ־ציפּ, הינדעלעך — זעקס מאָל וועל איך אַרומגיין — וועלן פון אונטערן היטל אַרויסקומען צען הינדעלעך!

— טשעקאַווע, טייוול איינער — מאַכט איין פויער.

— טשעקאַווע, זאָל ער, דער ממזר, באַווייזן, וואָס ער קאָן — מאַכט אַ צווייטער.

— איך בין אַ בעלן אויסצופּרווון, צי דאָס איז נישט קיין כשוף — זאָגט אַ דריטער.

— אַוודאי איז ער אַ שוואַרץ יאָר, רעדט זשידאָווסקי, ווי זיי אַלע דאָ...

— ליפּעכע, פאַרקויף מיר זעקס אייער, איך וויל אים אויספּרווון,

דעם טייוול; זאָל ער באַווייזן זיין טרייפענע קונץ!

אַזוי זאָגט אַ פּויער, אַ מיטליאָריקער, וואָס איז אַביסל שווער־געוואָרן עסנדיק פּאַרפל. ער גייט אין אַ פּעלצענער סוויטענע און פּעלצענער היטל מיט דריי שפּיצן.

די מאַמע ברענגט אַריין זעקס אייער. מען לייגט די אייער אונטער דעם בראַוון פּויער אונטער זיין שאָפּענער היטל. אונזער מילנער הייסט אַלעמען שטיין פּונדערווייטנס אין אַ רעדל, בעת ער וועט גיין אַרום־און־אַרום און רופן: ציפּ־ציפּ, הינדעלעך. אין שטוב ווערט אַ געדרודער. ווער עס קריכט אַרויף אויף אַ בענקל, ווער אויפן שלאָפבאַנק — מען וואַרט אויף דעם גרויסן נס. דער פּויער האַלט צו זיין היטל מיט ביידע הענט, די אייער זאָלן נישט אַרויספאַלן. זיינע אויגן שפּאַרן אים אַרויס פון קאָפּ, און זיין פּנים איז רויט אָנגעשטרענגט. אפּנים, ער האָט מורא.

דער מילנער גייט אַרום אים; קוקט צו דער סטעליע. מיט פאַרגלייזטע אויגן און מיט אַזאַ סודותדיקן מורמלען רופט ער: ציפּ־ציפּ, הינדעלעך. זעקס מאָל אַזוי. ווען עס קומט צום זיבעטן מאָל — טוט ער מיט ביידע הענט אַ כמאַל דעם פּויער אין דער פּעלצענער היטל אויפן קאָפּ און צעברעכט אַלע זעקס אייער.

אַ געלעכטער, אַ געפּילדער. די געלכלעך און די ווייסלעך רינען פון אונטער דער פּעלצענער היטל איבערן פּנים גלייך אונטערן קאָלנער אַרונטער. דער פּויער וויל זיין אין כעס און קאָן נישט.

— יעזוס מאַריאַ!...

די פּויערים, ממש זיי פּלאַצן פאַר געלעכטער.

אַזוי גייען אַוועק די לאַנגע אָוונטן. שווערער ווערט עס שפּעטער אינדערנאַכט. ווען נאַכט־נאָך־נאַכט עס גייט די מיל, און מען הויבט אָן פאַלן פון די פיס, באשר די אַרבעט איז שוין איבער די כוחות. מען האָרעוועט טאָג־און־נאַכט. דער טאַטע, קלמן גייען אַרום מיט רויטע, נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן. מען האָפט — אָט־אָט וועט דער פסח קומען, וועט מען אפשר קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די אַרבעט וואַקסט. וואַסער פעלט נישט. איך אַליין ווער אויך אַ שטיקל מילנער. מען שיקט מיך אַ קוק טון, צי גייט נישט אויס פון קויש. מען שיקט מיך שוין, איך זאָל אַריינגיסן אייל אין די פאַנעווקעס אַריין, ווו עס ליגן די שטאָלענע אַקסלעך פון די רעדער. איך קאָן שוין רעדן מיט די גוים אויף גויש.

איין גוי פרעגט, פאַרוואָס האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן פּרץ, וואָס דאָס מיינט: פעפער; נעבכאַי וואָלט מען דיר אַ נאָמען געגעבן קאַרש, אָדער אַגרעס, וואָס איז זיס? אַלע אין שטוב קוועלן, און דער זיידע זאָגט: זיין אייניקל פּרץ וועט זיין אַ ראַבין. אַ רב, הייסט עס. פאַר אַ רב פּאַסט נישט אַזאַ נאָמען, ווי אַגרעס, אָדער קאַרש. קוקן מיך אָן די גוים, שאָקלען מיט די קעפּ און שמוצערן מיט די ליפּן. איין פויער הויבט מיך אויף און זאָגט: ער וועט נישט זיין קיין שטאַרקער ראַבין; ער וועט נישט זיין אַזוי שטאַרק, ווי דער פּאָפּ. אַ פּאָפּ איז פעט, און אַ ראַבין, כאַ־כאַ־כאַ – אַ ראַבין איז ווי אַ טרוקן שפּענדל.

די מאַמע מיטן טאַטן זענען אַוועקגעגאַנגען צו חנה־בער דעם שניט־קרעמער, אָנגענומען פאַר די קינדער ציץ און קאָרט. אַזאַ שמע־קעדיקן, אַזאַ קנאַקעדיקן קאָרט האָט מען אָנגענומען פאַר מיר און פאַר משהן אויף קאַפּטנס. איך גיי אינאיינעם מיט משהן צו מאָטיע דעם שניידער, וואָס וווינט אין קיילעכדיקן מאַרק; ער נעמט פון אונז אַ מאָס, זאָגט־צו דער מאַמען, צו מאַכן די בגדימלעך אויף יום־טוב.

– ווען אפילו מיר וועט אויסקומען נישט צו דערשלאָפן, וועל איך פאַר פּרצן מאַכן דעם קאַפּטן אויף פּסח – זאָגט מאָטיע דער שניידער.

אין צייט פון די גרויסע וואַסערן, זענען אָנגעקומען אַנטקעגן שטראָם ביז צו אונזער מיל אַזעלכע אויסטערלישע, גרויסע פיש, וואָס ביי אונז אין טייך האָט מען זיי קיינמאָל נישט געזען. און גרינג איז זיי צו כאַפּן, ממש זיי קריכן אין די הענט אַריין.

– פיש איז אַ גוטער סימן, – זאָגט דער זיידע, – פיש, אַז זיי קומען פון ווייטן, איז דאָס אַוודאי אַ גוטער סימן. די אייניקלעך אונטערגעוואַקסן — אַוודאי אַ גוטער סימן... וואָלט מען נאָר רעכטן כריין קריגן אויף פּסח, טאָקע דעם אמתן מרור. וואָלסט, פּרץ, אַ קוק טון הינטערן שטאַל, גרויסע בלעטער זענען דאָרטן געוואַקסן, כריין־בלעטער, אפשר וועסטו דאָרט עפּעס געפינען אין דער ערד...

מען האָט ערב־פּסח די שטוב פּסחדיק געמאַכט. געסקראָבעט, געראָמט; אַרויפגעצויגן אויף דער שטוב אַ פּסחדיקע הויט; כאָטש די מיל האָט אַריינגעשטויבט אין שטוב אַריין געגוג חמץ. מען האָט מצה געבאַקן אין שטעטל — איז די מצה געראָטן, ווי גאָר קיינמאָל נישט.

דער טאַטע האָפט, נאָך פסח וועט ער קענען באַצאָלן דעם באַלעגוף אַלץ, וואָס אים קומט פאַרן יאָר, און עס וועט נאָך בלייבן אויף צו קויפן אַ מעלקעדיקע קו.

עס האָט געקענט זיין אַרום-און-אַרום אַ פריילעכער פסח, ווען נישט מאָטיע דער שניידער, וואָס האָט געהאַט אַ סך בגדים צו נייען — ער האָט פאַר די שטעטישע קינדער יאָ געמאַכט די בגדים אויף פסח: פאַר ליפע דעם מילנערס קינדער — האָט ער אָפּגעלייגט אויף נאָך פסח. דאגהט די מאַמע מיט טרערן אין די אויגן:

— נישט באַשערט איז איר, אַז מיט אַלץ זאָל עס גיין, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

די מאַמע טרייסט מיך: איבעראַיאָר, מע וועט דערלעבן, מיין קינד...

דאָס איז געווען דער איינציקער צער. ווייטער איז אַלץ געגאַנגען כשורה. אַפילו די ווערבע האָט לכבוד פסח אָנגעהויבן אַרויסצוּוויקלען גרינע בלעטלעך און האָט דעם קאָפּ אַריבערגעבויגן צום אָפּענעם וואַסער אַנטקעגן שטוב.

*קאַפּיטל דרייצן*

## זלמן שרייבער

חול־המועד־פּסח האָט מאָטיע שניידער אָפּגעבראַכט מיין נייעם קאַפּטן. די מאַמע האָט אים געמוסרט, פאַרוואָס ער האָט מער אָפּשיי פאַר די שטעטלשע גבירים און יחסנים. מאָטיע דער שניידער האָט צוגעזאָגט: איבעראַיאָר פּסח, אויב ליפּע דער מילנער וועט אים געבן נייע בגדים פאַר די קינדער, וועט ער זיי פּאַרטיק מאַכן צוויי וואָכן פאַר פּסח.

דער יום־טוב איז געווען אַ פריילעכער. מיר איז געווען גאָר אָן אַ שיעור גוט אויפן האַרצן, ווייל דער טאַטע האָט שוין גערעדט מיט דעם אַלטן זלמן שרייבער. נאָך פּסח ווער איך זיין תּלמיד. זלמן דער שרייבער שלאָגט נישט די תּלמידים. ער לערנט אויך די תּלמידים אויס שרייבן. זלמן דער שרייבער איז נישט קיין קלעשטשעלער. פון ערגעצן איז ער אָנגעקומען, געוואָרן צו דער עלטער אַ מלמד. מען רופט אים זלמן שרייבער, ווייל ער קאָן שרייבן פּראָשעניעס, און ווייסט, ווי אַזוי אָנצושרייבן אַן אַדרעס, ווען מען באַדאַרף אַ בריוו שיקן אין אַן אַנדער לאַנד. דערצו איז ער אַ למדן און אַ גוטהאַר־ציקער מענטש.

אין די יום־טוב־טעג האָב איך דעם טאַטן געטון צוליב. איך בין געגאַנגען צו די שטעטלשע מזרח־לייט, זיי זאָלן מיך פאַרהערן. דער טאַטע, וואָס איז געשטאַנען דערביי ביים פאַרהערן, האָט פון מיר קיין בזיונות נישט געהאַט.

— גוט טוט איר, ר׳ ליפּע, וואָס איר גיט אים אָפּ צו אַ גרע־סערן מלמד. ביי מאַטעסן האָט ער שוין נישט, וואָס צו לערנען — האָט אַ פאַרהערער דעם טאַטן געזאָגט.

ביי מאַטעסן האָב איך פונדעסטוועגן אַ סך געלערנט. זיין שטרענגקייט האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם. מאַטעס האָט מיך גע־מאַכט פאַר אַ שווייגעוודיקן יינגל. זיין שלאָגן און שמייסן האָב איך פיינט געהאַט. ווייל ער איז געווען אַ שטרענגער, דעריבער האָט מיר אַלץ, וואָס איך האָב ביי אים געלערנט, אויסגעזען שטרענג. מאַטעס אַליין איז קיינמאָל ביים לערנען נישט געזעסן. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַרום-און-אַרום טיש, הינטער די קינדערשע פּלייצעס. ער האָט געהאַט אַן אויג אויף אַ יעדן תּלמיד, צי ער קוקט אַריין אין ספר, בעת אַן אַנדער תּלמיד זאָגט פון ספר.

זיין שטרענגקייט איז געווען צוגעפּאַסט צום לימוד גמרא, ווען ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין די גרויסע עוולה, אויב עמעצנס אַן אָקס האָט אַ בוכטשע געטון מיט די הערנער יענעמס אַ קו. מען האָט אויך געלערנט אין דער גמרא, ווי אַזוי צו באַשטראָפן אַ גנב... אפילו אין חומש, לערנענדיק אין ספר ויקרא די דינים פון קרבנות ברענגען; אָדער אַלע שטראָף-רייד, וואָס משה האָט געזאָגט צום פאָלק ישראל אין דער מדבר — דעמאָלט, ווען מאַטעס האָט געפּאַטשט די קינדער, האָט עס געפּאַסט צום ענין. דערפאַר האָט מאַטעסעס שטרענג־קייט נישט געפּאַסט, ווען ער האָט מיט אַ ניגון פאַרטייטשט שיר־השירים, אָדער מגילת-רות. אַ פּאַטש און אַ קניפּ האָט נישט געפּאַסט צום ענין. שמייסן, פליקן די האָר און אויערן, אויב אַ תּלמיד האָט נישט אַזוי גוט אויסגעטייטשט דעם: „אני חבצלת השרון שושנת העמקים״ — איך בין די רויז פון שרון און די לילינע פון די טאָלן... דעמאָלט האָט מאַטעס צעטומלט דעם מוח.

אין תּנ״ך האָב איך ליב געהאַט די פּשוטע מעשיות און דער־ציילונגען. אַ שווערער באַרג-אַרויף איז פאַר מיר געווען, ווען מען איז צוגעקומען צו די נביאים. דעם נביא ישעיה האָט מען געלערנט צום ערשטן. ביי מאַטעסן איז ישעיה אויסגעקומען אַזאַ שטרענגער, ווי מאַטעס אַליין. בשעת ישעיה האָט אָנגעהויבן שעלטן די טעכטער פון ירושלים פאַר זייער אויסגעלאַסנקייט — ווערט מאַטעס דעמאָלט נאָך העכער, זיין פּנים אָנגעצונדענער, און פּעטש פליען אויף רעכטס און לינקס. אויף מיר איז אָנגעפאַלן דעמאָלט אַ פּחד. צייט און ווייט־קייט איז פאַר אונז, קינדער, געווען אומבאַקאַנט. מיר, קינדער, האָבן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז דעם בית-המקדש האָבן פאַרברענט די שוואַלבן און שפּינען, וואָס האָבן אויף אים געטראָגן פייער. דעריבער האָבן

מיר, קינדער, געדודפט די שוואַלבן און געדודפט די שפינען.

ביי מגילת-איכה, אויב מאַטעס האָט געפּאַטשט און טרערן האָבן געפלאָסן פון די אויגן – האָט אויסגעוויזן, ווי די טרערן קומען צו-ליבן חורבן בית-המקדש. מאַטעס אַליין געהער גאָרנישט צו דער צייט און נישט צו דער ערד. ווען ער האָט גערעדט פון טיטוס-הרשע, וואָס האָט חרוב געמאַכט ירושלים, און בשעת-מעשה אַ נעם געטון אַ תּלמיד, פאַרדרייט אים דעם קאָפּ צווישן זיינע פיס און אַריינגעשמיסן מיט דעם דריי-לאָקשענעם קאַנטשיק – האָב איך געטראַכט: מאַטעס מוז זיין אַ קרוב פון טיטוס-הרשע.

קיין וווּנדער נישט, וואָס ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שוויי-גער; וואָס ער האָט פון מיר פאַריאָגט יעדן חשק אַ שטיף צו טון דרויסן. אַז כ'בין געקומען אין שטעטל, אַריינגעקומען אין בית-המדרש, אפילו אין חדר – בין איך מיט מיינע קינדערשע געדאַנקען און גע-פילן אומגעגאַנגען ביי דער וואַנט.

דעריבער, אַנקומענדיק צו ז׳מן שרייבער, וואָס האָט געהאַט זיין חדר אין אַ זוניקער שטוב, איז מיר מיטאַמאָל די גאַנצע וועלט אַרום ליכטיק געוואָרן. דער היפּוך פון מאַטעסן, איז זלמן שרייבער געווען אַ נידעריקער, מיט אַ גרוי בערדל, מיט גוטע, גוטע, בלויע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער די שפּאַקולן. ער האָט געהאַט ביי אַ צען תּלמידים, שוין גרעסערע קינדער. איך בין ווי-דער געווען דער קלענסטער און דער ייִנגסטער. זלמן שרייבער האָט שוין געהאַט אַ טבע צו זיצן ביים טיש צווישן די תּלמידים. פאַר די תּלמידים איז ער געווען אַ חבר; צומאָל – אַ זיידע מיט איי-ניקלעך.

פונדעסטוועגן האָט זלמן שרייבער אויך געהאַט אַ דינעם שטעקל, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל אַ קלאַפּ געטון אַ תּלמיד איבער דער פּליי-צע, יעמאָלט, ווען מען האָט אים אַרויסגעבראַכט פון געדולד. געווען איין תּלמיד, וואָס האָט אומישנע ליב געהאַט דעם רבין צו דערגיין די יאָרן. האָט געהאַט אַ טבע אַנצושפּאַרן דעם קאָפּ אויף ביידע הענט, נישט צו דערלאָזן דעם חבר ביים זייט אַריינצוקוקן אין ספר אַריין. האָט אים זלמן שרייבער געבעטן מיט גוטן אַראָפּצונעמען די הענט און זיצן גלייך, ווי אַ מענטש — האָט דער תּלמיד נישט גע-פאָלגט. זלמן שרייבער נעמט אים אַראָפּ די הענט פון ספר – דער תּלמיד לייגט זיי אַרויף צוריק. אונז אַלעמען איז אַ חרפּה. מיר

אַליין איז אַ חידוש, פון וואַנען דער רבי האָט אַזויפיל געדולד. אַזעלכס האָט מיט דעם אייגענעם תּלמיד געטראָפן כּמעט איין מאָל אַ וואָך; אין אים איז אַריין עפּעס אַ נישט-גוטער, כּדי צו פאַרביטערן אונזער אַלטן רבין. זענען מיר אַלע דעמאָלט געווען אויף דער זייט פון זלמן שרייבער.

ביי אים האָט מען געלערנט גמרא און תּנ"ך. ביי אים האָב איך אַלצדינג אַ סך בעסער פאַרשטאַנען, ווי ביי מאַטעסן. ביי אים איז געווען צייט צו לערנען און צייט אַרויסצוגיין דרויסן און שטיפן. דעמאָלט הויב איך אָן צום ערשטן מאָל הנאה האָבן פון דעם דרויסן אַרום חדר. די קינדער זענען שטיפערס, זיי ציען מיך אויך אַריין. די ערשטע צייט בין איך פול מיט פּחד. שפּעטער באַמערק איך, ווי זלמן שרייבער שטייט אין פענסטער, גיט אַכטונג, ווי די קינדער שטיפן דרויסן, שפּרינגען, טאַנצן, און אויף זיין פּנים איז אויסגעגאָסן אַ צופרידנקייט. כאָטש נישט מיטאַמאָל האָב איך געפועלט אין האַרצן צו זיין אַזוי פריי אַרום חדר, ווי די אַנדערע קינדער, פונדעסטוועגן האָב איך אָנגעהויבן צו לערנען ביי איין תּלמיד, ווי אַזוי אַריבערצוּוואַרפן אַ שטיינדל איבער אַ הויכן בוים. געלערנט אַלערליי שפּילן מיט שטעקלעך, שפּילן אין לויפעניש און כאַפּעניש. איך בין געוואָרן שטאַרקער.

איין מאָל אַ וואָך, פרייטיק, האָט זלמן שרייבער געלערנט די קינדער שרייבן. תּחילת האָט ער געלערנט שרייבן מיט קרייד אויפן פּוסבענקעלע. די קינדער זענען אַלע געזעסן אין אַ קרייז אויפן דיל אַרום פּוסבענקעלע. זלמן שרייבער האָט מיט געצוקטע אותיות אָנגעשריבן דעם אלף-בית, און די קינדער האָבן דערנאָך מיט אַ שטיקל קרייד נאָכגעשריבן. איך האָב זיין כּתב גרינג איבערגענומען. אויף דער צווייטער וואָך האָב איך שוין געקאָנט אויפשרייבן מיין אייגענעם נאָמען.

דעריבער איז דאָס געווען מיין ערשטער זומער, וואָס דער גאַנג אינדערפרי פון דער מיל אין חדר אַריין, און פאַרנאַכט — פון חדר צוריק אַהיים, איז געוואָרן די צייט פון מיין פאַנאַנדערבליען און וואַקסן. אין מיין גאַנג האָב איך שוין מער נישט קיין באַגלייטער, סיידן עמעצער באַדאַרף סיי-ווי גיין אין שטעטל אַריין. פון דער צייט, וואָס איך הויב אָן גיין צו זלמן שרייבער, ווער איך אַ סך שטאַרקער. האָב נישט מער קיין מורא פאַר אַן אומבאַקאַנטן. אַפילו

צו די גויים, וואָס איך באַגעגן אויפן וועג, קוק איך אָן מורא. איך וויל שוין אַליין אַ תירוץ צו קאָנען פאַרפירן אַ שמועס מיט די נישט־יידישע קינדער, וואָס איך באַגעגן אויפן וועג. זיי קוקן אַריין אין מיין ספר אַריין, וואָס איך טראָג; קוקן מיט חידוש צו די טשעקאַווע אותיות. אפילו דער באַלעבאָס פון מיל, דער אַלטער שרינסקי, שטעלט מיך אָפּ און רעדט עפּעס צו מיר. איך פאַרשטיי: ער וויל וויסן, ווי לאַנג זענען יידן געווען קנעכט ביי פּרעהן אין מצרים. ער ווייסט, אַז יידן האָבן אין דער מדבר געגעסן מן, דעריבער עסן איצטער יידן קוגל איעדן שבת.

— דו האָסט עפּעס ליב קוגל? — פרעגט ער מיך און לאַכט אין בוזים אַריין — ביסט שוין, פערטשיק, אַ גרויסער בחור, זאָלסטו נישט האָקן די יונגע ביימלעך אַרום מיל; און לאָז נישט אַריין די בהמה צו מיר אויף די לאָנקעס... יאָ, יאָ — קלאַפּט ער מיר אין פּלייצע, — דו וועסט שוין נישט זיין קיין מילנער, ווי דיין טאַטע...

פּרייטיק, גייענדיק פון חדר, האָב איך אַ סך צייט. אויפן וועג צו מיין ברודער בנימין חיים, וואָס וווינט נישט ווייט פון דער שטאָטישער, גבירישער מיל — דעמאָלט גיי איך שטיל צו דער בריק פון „בן־יחידס" מיל. איך באַטראַכט דעם סטאַוו. דאָס איז דער איי־גענער טייך, וואָס גייט פון „בן־יחידס" מיל אַוועק צו אונזער מיל. פונדעסטוועגן זעט מיר דער פרעמדער סטאַוו אויס גאָר אַנדערש. אַ שטאָטישער טייך. די מיל אַליין איז אַרומגעבויט. מען זעט די רעדער נישט אַרויס. ווינטער ווערן זיי נישט פאַרפרוירן. אַ גבירישע מיל... דער סטאַוו אַליין איז אַ ברוגזער; גאָרנישט ווי אונזערער, וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט גרינע ווערבעס. דאָס אייגענע וואַסער, און פאָרט נישט דאָס אייגענע. דאָ געהער דאָס וואַסער צום „בן־יחיד", דער זון פון גביר משה פאָדבילייער — איז דאָס וואַסער פול מיט גאווה. ערשט דעמאָלט, ווען דאָס וואַסער גייט דורך אונטער דעם „בן־יחידס" רע־דער, גייט אַוועק צווישן באַביימערטע ברעגעס, דורך לאָנקעס, גייט־דורך אונטערן בריק פון אייזנבאַן; דעמאָלט, ווען עס דערגרייכט צו אונזער בריק — ווערט דאָס וואַסער מיר באַקאַנט.

איך פּרוּוו אַמאָל, ווען קיינער זעט נישט, אַ טרונק טון פון „בן־יחידס" טייך. איך שעפּ אָן מיט ביידע הענט און טרינק. און מיר דאַכט, ס'וואַסער דאָ האָט אַן אַנדער טעם. דאָס וואַסער שמעקט מיט בלאָטע און מיט פיש. כאָטש מען זאָגט, אַז אין „בן־יחידס" מיל קאָן

מען מאַכן שענערע מעל, ווי ביי ליפען אין מיל, דעריבער ביטלען ביי אים די שטעטלשע מעל־קרעמער זייער ווייץ — פונדעסטוועגן גיי איך אַוועק פון „בן־יחידס" מיל און בין צופרידן, וואָס מיין היים איז אין ליפּעס מיל. איך וואָלט נישט געוואָלט לעבן דאָ אין דער גרויסער שטוב; האָבן פאַר אַ טאַטן דעם „בן־יחיד", וואָס גייט כסדר אַרום אין אַ שוואַרצן סורדוט, אין אַ זיידענער, שוואַרצער יאַרמולקע. קיינמאָל איז ער נישט פאַרמעליקט, ווייל ער האַלט שטענדיק אַ מילנער, וואָס טוט די מלאכה אין מיל.

איך באַהאַלט אין מויל דעם טעם פון וואַסער, וואָס איך האָב פאַרזוכט ביים „בן־יחיד" אין טייך. ווען איך קום אַריבער די אייזנבאַן־ליניע, קום נעענטער צו אונזער סטאַוו; קום צום גראָבן, וואָס לויפט אַריין אין סטאַוו — האָב איך דאָרטן ביים ראַנד צוויי שטיינער ליגן. מיינע שטיינער. אויף זיי קני איך, בויג אַראָפּ דעם קאָפּ; ס'וואַסער איז אַזוי קלאָר — איך זע מיין גאַנצן פּנים — אפילו די מענטשעלעך אין די אויגן זע איך אַרויס. איך לייג צו מיינע ליפּן צו די ליפּן, וואָס אין מיין וואַסער. איך טרינק און טרינק, און פיל אין וואַסער אַלע טעמים.

גייענדיק אַהיים, ביי דער אייזנבאַן־ליניע, ווו עס איז אָנגעשאָטן ריינער, געלער זאַמד, דאָרטן בלייב איך אַ ווייל. מיטן פינגער שרייב איך אָן אויפן זאַמד דעם גאַנצן אלף־בית. איך מאַך נאָך זלמן שרייבערס געצוקטע אותיות, שרייב אָן אַ סך מאָל מיין נאָמען. אַ ווייל באַטראַכט איך מיין כתב, דערנאָכדעם פאַרשאַר איך ווידער דעם זאַמד, די אותיות זאָלן אויפן זאַמד נישט בלייבן — מען זאָל אויף די אותיות נישט טרעטן.

גייענדיק אַהיים, האָב איך צייט אָפּצוגייגן אָן אַ זייט, אין די קאַרטשעס אַריין, באַטראַכטן, וואָס פאַר אַ ביימלעך עס זענען צוגעקומען; וואָס פאַר אַ קאַרטשעס פון פאַראַיאָרעדיקע ווייַנפּערלעך האָבן היינטיקן פרילינג געבליט. איך פאַרקוק אין די פייגלשע נעסטן. אויב קליינע פייגעלעך — גיב איך זיי טרינקען פון מיין מויל. איך געפין שטיינדלעך ביי דער אייזנבאַן און פרוּוו אַריבערוואַרפן איבער די העכסטעביימער. איך קאָן שוין אַזוי אַ שליידער טון אַ שטיינדל אויפן וואַסער, דאָס שטיינדל זאָל — גליטש־גליטש, מיט אַ וואַסערשפּריץ לויפן איבער דער אויבערפלאַך פון וואַסער. פון דעם אַלע-

מען האָב איך הנאה, ווייל עס קומט צו מיר אינאיינעם מיטן לער־
נען ביי זלמן שרייבער.

איך טראַכט:

— עס וואָלט נאָך גוט געווען, ווען איך ווער אַ שטאַרקער, ווי די עלטערע ברידער, איך זאָל קאָנען טראָגן שווערע זעק תבואה; איך זאָל קאָנען אויפהויבן אַליין די שטיינער און זיי שמידן...

ווייל כאָטש איך לערן תורה אין שטעטל — האָב איך איצטער אַ סך מער ליב די מיל, ווו נאָך אַ טאָג לערנען אין חדר געפין איך מיין היים און מיין וועלט.

## קאַפּיטל פערצן

# זומער-קווייטן

אַ זינגעוודיקער זומער שטייט איצטער פאַר מיינע אויגן. אין אים לויפט אום אַ באָרוועסער מיט פאַרשאַרצטע הייזלעך אַן אַכט-יאָריק ייִנגל, גאַפט פאַרחידושט, קוקנדיק אויף דער שיינער וועלט אַרום. אַ גרויסער זומער איז דאָס געווען. באַשר אַלעמען איז גוט געווען אויפן האַרצן.

ערשטנס האָט דער טאַטע געדונגען אַ פיין שטיקל גאָרטן ביי איינעם פון די באַלעגופים, וואָס איז געלעגן אויפן וועג פון מיל אין שטעטל אַריין. האָט די מאַמע אין גאָרטן פאַרזעצט קאַרטאָפליעס, בעבלעך, מערעלעך, בוראַקעס, ברוקוועס — אפילו אוגערקעס האָט די מאַמע פאַרזעצט.

איז דעריבער, אַיעדעס מאָל לויפנדיק אין חדר, בין איך גאָר אָן מורא אַריבער דעם פלויט, ווו אונזער גאָרטן איז געווען, און באַטראַכט אַלע שפּראָצונגען, וואָס קריכן פון דער ערד. האָב געציילט אַיעדן קאַרטאָפליע-קארטש, אַיעדן מער, אָדער בוריקל, וואָס האָט שוין אַ בלעטל אַרויסגעשטעקט פון דער ערד.

דערנאָכדעם האָט דער טאַטע געדונגען אַ שטיקל לאָנקע, צווישן די לאָנקעס אַרום מיל. אין אַ נאַסער געגנט איז דאָס געווען. דאָס גראָז איז געוואַקסן הויך. אוודאי וועט מען די לאָנקע קאָשען, אַליין טריקענען, צונויפשאַרן קאַפּיצעס, און שפּעטער טראָגן פון לאָנקע צו דער שטאַל אויף דער פלייצע גרויסע בינט שמעקעדיקע היי. מיט דעם היי וועט מען פאַרלייגן דעם גרויסן בוידעם איבער דער שטאַל. וועט זיין גוט צו שלאָפן אין די קאַפּיצעס אויף דער לאָנקע; דערנאָכדעם וועט זיין ווויל צו שלאָפן אויפן בוידעם אין די שמעקעדיקע, טרוקענע היי.

דערצו האָט נאָך דער טאַטע געבראַכט צו פּירן פון מאַרק אויף אַ שטריקל אַ רויטע קו מיט אַ ווייסן פּינטל אויפן שטערן. אַ ביסטרע קו איז דאָס געווען, וואָס האָט געפּרווט אַ וואָרף טון מיטן קאָפּ, שרעקן מיט די הערנער. אָבער זי האָט געגעבן אַ סך מילך. די מאַמע האָט פון איר געהאַט אַ סך נחת, כאָטש די קו האָט געהאַט אַ טבע צו אַנטלויפן צוריק אין דאָרף אַריין, ווו עס האָט געוווינט איר ערשטער באַלעבאָס. אַ פּאָר מאָל האָט מען באַדאַרפט פאָרן נאָך איר. אָפטע רעגנס זענען געגאַנגען; מלאכה איז געווען אין מיל. דעריבער איז די מיל געגאַנגען איעדן טאָג צו עטלעכע שעה. דאָס וואַסער האָט פריילעך געפּאַטשט אונטער די רעדער.

אַלע ביימער אַנטקעגן שטוב, אַלע ביימער אויפן סטאַוו און ביי די ראַנדן פון טייך זענען געדיכט באַדעקט מיט בלעטער. אויף די אָלשענע ביימער — געזונטע צווייגן, פעטע בלעטער. די פיש אין סטאַוו שפּרינגען אַנטקעגן דער זון; שרעקן די קאַטשקעס, וואָס שווימען דערביי אויפן סטאַוו. די קאַטשקעס זוכן, שטייענדיק אויפן קאָפּ, מיטן וויידל אַרויס אויף־אַרויף — אַזוי זוכן די קאַטשקעס מיט די שנאָבלען אין וואַסער. ביי דער מאַמען זענען געראָטן הינדעלעך און קאַטשקעלעך. אונטער איעדער קוואָקע איז געווען אַ געראַטעניש. נישט מער, וואָס די ערשטע צייט, בשעת די הינדעלעך זענען געווען קליי־נינקע, האָט מען געהאַט צרות פון די וואָראָנעס, וואָס האָבן זייערע נעסטן אויף די הויכע ביימער איבערן סטאַוו. די וואָראָנעס האָבן גע־האַט אַ שלעכטע טבע צו כאַפּן דער מאַמעס הינדעלעך און טראָגן אין די נעסטן פאַר זייער קליינוואַרג.

— איר וואָלט, קינדערלעך, אַראָפּוואַרפן די וואָראָנישע נעסטן; אַנישט וועט קיין איין קורטשיקל נישט בלייבן.

בין איך שוין אַרויף אויף אַ הויכן בוים איבערן סטאַוו. בין שוין געווען אַ גוטער קלעטערער אויף די ביימער. האָב געטון, ווי די מאַמע האָט געהייסן. נאָר אין איין נעסט האָב איך געפונען אייעלעך וואָראָנישע — האָב איך זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע. קריכנ־דיק בוים־אַראָפּ, האָב איך זיי צעקוועטשט און אַ פאַרשעמטער גע־גאַנגען אַהיים.

אַ חוץ דעם, וואָס אַלץ אַרום איז אַזוי שיין געוואַקסן; קיין דאגות זענען נישט געווען אין שטוב — איז אַרום אונזער מיל מער היים געוואָרן צוליב דעם, וואָס די קליינע קינדער זענען מיטאַמאָל

גרויס געוואָרן. דער שעמעוודיקער קלמן, דער שעמעוודיקער און פרומער — ער איז אַ גרויסער בחור שוין. עס ווערט נאָר אומעטיק־לעך, בעת מען רעדט פון דעם, וואָס קלמן וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום באַדאַרפן גיין צום פּריזיוו. ער איז געטריי אין שטוב. „ער איז די גוטסקייט אַליין" — זאָגט אויף אים די מאַמע.

איך גיי דאָך צו זלמן שרייבער. איך האָב שוין אַ טינטער מיט טינט. געקויפט גלייכע בויגנס פּאַפּיר, זיי צונויפגענייט, אָפּגעווירעט — ווהין איך שרייב אַריין נישט נאָר דעם אַלף־בית — שורות גאַנצע שרייב איך שוין, וואָס זלמן שרייבער שרייבט־אויף פון אויבן. צום ערשטן מאָל ביי אונז אין שטוב אַ טינטער מיט טינט, מיט אַ הענטל און פּענע.

מיין ברודער משה איז שוין אַ גאַנצער בחור געוואָרן. ער פּאַר־שטייט צו זיין אַליין אין מיל. מיט אים איז גאָר קיין דאגה נישט. דער טאַטע, די מאַמע — ביידע האָבן פון אים נחת.

און מיין שוועסטער בעבל — מיטאַמאָל איז זי אויסגעוואַקסן מיין שוועסטער בעבל. קיינער האָט עס גאָרנישט געזען, ווי אירע קאַשטאַנען־צעפּ זענען געדיכט און שיין געוואָרן. אירע אויגן — פולע, גרויע און קלוגע. די מאַמע קוועלט אָן פון איר. „ווי אַ שיינער זו־מערקווייט איז בעבל" — זאָגט אויף איר די מאַמע. בעבל האָט טאַ־קע ליב קווייטן. זי קלייבט זיי אויף די לאָנקעס. זי קלייבט די נישט־פאַרגעס־מיך בלימעלעך; זי קלייבט זיי און פלעכט פון זיי אויס קרענצעלעך; זי לייגט די קרענצלעך אין שיסלען וואַסער און שטעלט זיי אויס אויף דער קאָמאָדע אין קאַמער. בעבל האָט געבראַכט וואַ־זאָניקלעך און אַוועקגעשטעלט אויפן פענסטער. די וואַזאָניקלעך בליען, פוקסלעך—וואָס בליען מיט רויטע, אַראָפּגעהאָנגענע גלעקלעך. אַ האָרנ־דיקן קאַקטוס האָט זי פון ערגעץ געבראַכט, וואַקסן זיינע הערנער און ווערן גרעסער. אַז עמעצער צעשניידט אַ פינגער און עס בלו־טיקט, קוועטשט מען אַרויס אַביסעלע זאַפט פון דעם קאַקטוס און מען באַשמירט די וווּנד. איעדן פרייטיק, ווי נאָר מען באַקט אָפּ חלות — הויבט אָן בעבל צו שייערן די שטוב — גיט שיינען די ברעטער פון דעם דיל. דערנאָכדעם ברענגט זי גרינעם פלישניק פון סטאַוו, צעשפרייט אים און שיט אָן אויפן דיל, שמעקט עס אין שטוב אַ מחיה.

בעבל האָט חברטעס, שטעטלשע מיידלעך, וואָס קומען אַראָפּ

צו איר שבת בייטאָג. אינאיינעם מיט די מיידלעך זינגט מען אַלערליי לידער. אויף דער לאָנקע, הינטער דער שטוב, טאַנצט מען אַלערליי טענץ. מען טאַנצט דעם לאַנסיי; מען טאַנצט אַ קאַדריל. מען טאַנצט זאַלבע-פערט; זאַלבע-אַכט און זאַלבע-צוועלף. בעבל פירט אָן מיט די טענץ. זי זינגט אויס די טענץ, און איר שטים קלינגט העכער אַרויס פון צווישן די מיידלשע שטימען. אַזוי אַ גאַנצן זומער. אַזוי שבת נאָך שבת.

דער טאַטע איז זעלטן ווען אין כעס. שטענדיק שמעקט ער „שערעשעווסקעס" טאַבאַק, וואָס קאָסט זעקס גראָשן אַ פּעקעלע. דעם זומער האָט ער אָנגעהויבן צו שמעקן „דארמאנס" טאַבאַק, וואָס קאָסט אַכט גראָשן אַ פּעקעלע. דאַרומעך, אַיעדעס מאָל, ווען ער נעמט אַ שמעק טאַבאַק פון פּעקעלע, פינקלען זיינע בלויע אויגן. זייער אָפט גיט ער מיר אַ קאָפּיקע, אָדער אַ דרייער, איך זאָל עפּעס קויפן אין שטעטל.

די מאַמע רעדט איבער: עס וואָלט גוט געווען, ווען זי קען אַריבערלויפן קיין מילייטשיטש, געווירע ווערן, וואָס דער זיידע ר' יוסל איצל און די באָבע פּעשע-רייזל מאַכן. דאָס זענען דאָך אירע טאַטע-מאַמע. עס קומט איר אַ פאַרב אין פּנים, ווי ביי אַ קליין מיידעלע, ווען זי רעדט פון מילייטשיטש איר שטעטל, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און ווו איר טאַטע-מאַמע לעבן. איך אַליין וואָלט אויך געוואָלט נאָך אַמאָל זען מיין זיידן ר' יוסל איצל, וואָס האָט אַזאַ הויכן שטערן מיט אַ גרויער באָרד צעטיילט אויף צוויי שפּיצן. איצטער האָב איך פאַר אים קיין מורא נישט. זאָל ער מיך פאַרהערן, וואָס ער וויל — ער וועט אוודאי זיין צופרידן מיט זיין אייניקל.

— אפשר, גאָט וועט געבן, נאָך שניטצייט, וועט ער אַליין אַרי-בערקומען. מען באַדאַרף אים באַפוילן, ער זאָל אַריבערקומען, וואָלט ער געהאַט אַ סך נחת פון דער שטוב.

אַזוי רעדט די מאַמע.

דער זיידע יהושע איז נאָך אַלץ דער אייגענער. כמעט אַיעדן טאָג גייט ער אין שטעטל אַריין דאַווענען. ער פאַרפעלט אַמאָל אַ טאָג אין מיטנוואָך, אָבער ער פאַרפעלט נישט די שבתים. אַז ער גייט מיט דער גרעבליע — איז ער נאָך ווי אַ בוים צווישן ביימער, כאָטש מיטן זיידן האָט געטראָפן אַזאַ זאַך, וואָס ער קאָן בשום אופן

נישט פאַרשטיין. ער גאַפט און ווייסט אַליין נישט מיט וואָס דאָס צו דערקלערן:

אינמיטן העלן טאָג איז ביים זיידן פון דער שורה אויבערשטע ציינער, פון סאַמע פאָרנט — אַ צאָן אַרויסגעפאַלן. אַפריער איז דער דער צאָן לויז געוואָרן און אומגעריכט איז ער אַרויסגעקראָכן. אַ לאַנגער צאָן אַזאַ; האָט דעם זיידן נישט ווי געטאָן.

דער זיידע האָט דעם צאָן אַנידערגעלייגט אויפן וואַזאָניקל אויפן פענסטער. ווען עמעצער איז צו אונז געקומען אין שטוב אַריין, אַ ייד, צי אַ גוי — האָט דער זיידע דעם צאָן באַוויזן און געשמייכלט מיט די ליפּן:

— האָט איר געזען, אַזאַ זאַך זאָל פאַרלויפן...

פונדעסטוועגן האָט נאָך אַלץ דער זיידע יהושע ליב צו זינגען זיין רויטן ניגון, זיין געלן און זיין ראָבן ניגון. די אַלע ניגונים האָט ער געהאַט פון אויבן-אויף, כאָטש אַ צאָן איז אים אַרויסגעפאַלן פון סאַמע פאָרנט. נחת פון אייניקלעך האָט ער דאָך געהאַט. אָט אַזוי האָט אים דאָס האַרץ געזאָגט.

יענעם זומער האָב איך צום ערשטן מאָל הנאה געהאַט פון דער ערד און אירע זומערדיקע ריחות. כאָטש אונזער געדונגענע לאַנקע האָט אַ באַקאַנטער גוי געקאָשעט — האָבן מיר אַליין דאָס היי געטריקנט, געגראַבעט, צונויפגעשאַרט אין קאָפּיצעס. ווען דאָס היי איז טרוקן געווען, האָבן אַלע געטראָגן די בינט דורך די בלאָטעס צו דער שטאָל. אויסגעקומען צו קריכן ביז איבער די קני אין טאָרפישן גרונט, איז דער ריח פון דער ערד יעמאָלט געשמאַק געווען. דער ריח פון געטריקנטן היי האָט געשיכּורט, און ווען מען האָט דעם בוידעם איבער דער שטאָל ביז צו די קראָקוועס אָנגעשטאָפּט מיט היי—האָט עס דעם היי-ריח געטראָגן אין שטוב אַריין, האָט עס פון יעדן אייניקן ביי אונז אין שטוב געשמעקט מיט היי.

דערנאָכדעם איז אָנגעשטאַנען דאָס גערעטעניש ביי אונז אין געדונגענעם גאָרטן. ווי נאָר די קאַרטאָפליעס האָבן גענומען בליען, האָט מען שוין אונטער די קאַרטשעס געקאָנט אָנטאַפּן יונגע קאַרטאָפליעס. מען האָט געקאָנט אַרויסציִען אַ מערעלע פון דער ערד און פון דעם הנאה האָבן. די מאַמע שטשיפּעט אָן בוראַק-בלעטער, באָטשווענע און קאָכט געשמאַקע באָרשטשן. יעמאָלט האָב איך געזען, ווי די ערד גיט אַרויס איעדן פון אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט: זי גיט דעם יידן, ווי

דעם נישט-יידן צוגלייך. ווייל אונזער גאָרטן איז געווען אַרומגערינגלט אַרום-און-אַרום מיט נישט-יידישע גערטנער — האָב איך דעריבער זעגען מיט מיינע אויגן ווי די ערד איז צו אַלעמען גוט. אַיעדער איינער, וואָס פאַרזעצט אין איר — שפּראָצט צו אים צוריק אַרויס פון דער ערד דאָס פאַרזעצטע מיט אַ גרויסן צולאָג.

אין יענעם זומער האָב איך גאָר אומגעריכט געהאַט אַ גרויסע שרעק, ווען איך בין איינער אַליין פאַרלאָפן אין דער סאַמע נאַכט אַריין, און אַ שטורעמווינט איז מיר געקומען באַגעגענען; ווען דונערן און בליצן זענען אויף מיר אַנטשטאַנען.

זומער פאַרנאַכט איז דאָס געווען. כמאַרעס זענען אָנגעלאָפן פון אַלע זייטן און פאַרנומען גאָר דעם גאַנצן הימל. פלוצלונג איז נאַכט געוואָרן. אַ ווינט איז אָנגעקומען און אַ ריס געטון דעם טויער פון שטאַל, אויפגעעפנט, און די ניי-געקויפטע, רויטע קו מיט דעם ווייסן פינטל אויפן שטערן, וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו אַנטלויפן צוריק אין איר דאָרף אַריין — איז אַרויסגעלאָפן פון שטאַל, אַ שטריק איז נאָכגעהאַנגען פון אירע הערנער. די אויגן אירע האָבן ממש געברענט.

אַרויס פון שטאַל — איז די קו אַוועק צו דער געעפנטער בריק איבערן טייך; אַוועק פייל-פון-בויגן אויף די לאָנקעס.

— פרצל, יאָג זי און כאַפּ זי פאַרן שטריק! — האָט די מאַמע צו מיר אַ געשריי געטון.

קיינער איז דערביי נישט געווען. פייל-פון-בויגן בין איך אַוועק נאָך דער רויטער קו. איך יאָג, און זי אַנטלויפט. אָט איז זי אַרי-בערגעשפּרונגען איבער אַ גאַנץ הויכן פּלויט; אַריין ביזן בויך אין בלאָטע, אַרויסגעשפּרונגען און לויפט ווייטער. אָט האַלט איך זי ביי דער שטריק; איז זי שטאַרקער פון מיר; געשווינדער פון מיר; זי שליי-דערט מיך אום און שלעפּט מיך אַ שטיק איבער די בלאָטעס. זי פאַלט ווידער אַריין אין אַ זומפּ, איך אַליין שלעפּ זי פאַרן ווידל, העלף איר אַרויסקריכן... זי קריכט טאַקע אַרויס, און — טוז וווהין די אויגן טראָגן. אַז איך כאַפּ זי נאָך אַמאָל פאַר דער שטריק — טוט זי אַ טרייסל מיטן קאָפּ, אַ פּאָך מיט די הערנער, אַ גלאָץ צו מיר מיט אַ פּאָר פייערדיקע אויגן און אַנטלויפט ווייטער

איך הער, די מאַמע שרייט:

— פרצל, קום אַהיים! לאָז די בהמה און קום אַהיים — אַ ה יי ם...

אָבער עס טראָגט מיך נאָך דער קו, גלייך אַ נישט-גוטער וואָלט

מיך געטריבן. אַט איז שוין גאָר פינסטער אַרום. די קו איז שוין פֿאַרפֿאַלן אין דער פינסטערניש, עס הויבט אָן צו בליצן און דונערן, און אַ בליץ טוט פּלוצלונג אַ שניט איבער מיין קאָפּ — אַזש אַ רויטע היץ האָט אָנגעגרירט מיין פּנים. איך פאַל אַנידער אין טיפֿן, נאַסן גראָז און קוק אין דער נאַכט אַריין. ווו בין איך? ווו איז די מיל? עס דונערט. די נאַכט אַליין שרייט. לאַכט מיט אירע דונערן איבער מיין קאָפּ, און איך זיץ אין גראָז, און ווייס נישט, אין וואָס פֿאַר אַ זייט אונזער מיל איז.

אַ רעגן טוט אַ פליוך אַראָפּ, אין אַ קורצער ווײַלע ווער איך דורכגעווייקט ביזן לייב; אַט ווערט פֿון מיר אַליין אַ טייך. די בליצן פּאַסעווען דעם הימל; פּאַסעווען די פינסטערע נאַכט. איצטער ברענט שוין דער הימל אַרום-און-אַרום. די דונערן צעברעקלען די נאַכט אויף שטיק-שטיקלעך. די נאַכט אַליין איז איצטער נישט איינע — אַ סך, אַ סך נעכט לויפֿן דאָ אום איבער די לאָנקעס. זיי לויפֿן אַרום מיר. אַיעדע איינע רירט אָן מיינע פֿאַרנעצטע האָר. אַיעדע איינע שעפּטשעט עפּעס מיר אין די אויערן אַריין.

איך הויב אָן צו הערן קולות. בעבל שרייט און רופֿט. דער טאַטע רופֿט. די מאַמע, משה... אַלעמענס קולות קומען צו מיר פֿון איין זייט. אַז איך קוק אַהין, פֿון וואַנען די קולות קומען — זע איך אַרויס אַ פֿייערל.

די בליצן זענען שוין ווייט, ווייט אַוועק. די דונערן זענען אויך ווייט ערגעץ ביים ברעג הימל. קוים וואָס מען דערהערט זיי. עס טריפֿט נאָר אַזאַ שפּריי-רעגן; ער איז וואַרעמער פֿון דעם פֿריערדיקן שלאַקס-רעגן.

איך שטיי-אויף אַ פֿאַרטאַיעטער פֿון טיפֿן גראָז אַרויס, און הויב אָן צו שטעלן פֿיס; הויב אָן צו לויפֿן, ווי נאָר איך קאָן. די פֿייערלעך אָנטקעגן בלינקען, בלינקען און ווערן מיר נעענטער. איך לויף אַריין אין אַ זומפּ; שפּרינג אַרויס און לויף ווידער אַהיים. די וואָלקנס זענען ערגעץ פֿאַרשוווּמען. אָן אויסגעשטערנטער, טיף-בלויער הימל איבערן קאָפּ. איצטער איז שוין די מיל גאָר נאָענט. פֿונדעסטוועגן לויף איך, און איך פֿיל — אַ פּאָרע זעצט פֿון מיינע נאַסע בגדים. איך קום אָן צו דער שטוב — אַלע זענען דרויסן. מען גלאָצט אין דער נאַכט אַריין.

איעדער איינער כאַפּט מיך אין די אָרעמס. איעדער איינער טאַפּט מיך אַרום, צי איך בין גאַנץ געבליבן.

— אַ כפּרה די בהמה, אַבי דו ביסט געקומען אַ לעבעדיקער אַהיים — בלאָזט מיך די מאַמע אָפּ.

אין שטוב איז אַ שמחה, וואָס איך בין אַ לעבעדיקער געקו־מען. מען גיט מיר אָנצוטון טרוקענע בגדים. מיר דאַכט, איך בין פון אַ ווייטער וועלט געקומען צולויפן. ווייט, ווייט, ביי דער נאַכט אַליין בין איך געווען צוגאַסט. עס האָט מיר אויסגעוויזן, ווי די בהמה האָט עס מיך אויף אַזאַ אופן אַרויסגענאַרט פון מיין היים.

ווען דער טאַטע האָט צוריקגעבראַכט די קו אין אַ פּאָר טעג אַרום — ער האָט זי טאַקע צוריקגעבראַכט פון איר אייגענעם דאָרף, וווהין זי איז יענע נאַכט אַנטלאָפן געוואָרן — האָב איך אויף איר געקוקט מיט חשד. האָבן פון אירע אויגן פרעמדע פייערלעך צו מיר געבלינקט.

ווי נאָר מען האָט דעם בוידעם אָנגעלאָדן מיט פרישע היי — בין איך, מיין ברודער משה און קלמן אַוועק אַהין שלאָפן ביינאַכט. דעם אייגענעם זומער טאַקע, אויפן בוידעם ליגנדיק, האָב איך ביי־נאַכט געהערט, ווי די מאַמע וויינט אויפן הויכן קול; שרייט פון גרויסע יסורים. האָט מיר אויסגעדאַכט, אַז פון שלאָף הער איך דאָס.

נאָר אינדערפרי שוין, הער איך מיין ברודער משה, וואָס איז שוין פון לאַנג געווען דרויסן, ער שרייט־אַרויף צו מיר אויפן בוידעם:

— גיבער, פּרץ, די מאַמע האָט געהאַט אַ מיידל!

בין איך פאַר שמחה, אין איין העמדל, אַראָפּגעשפּרונגען פון בוידעם. אַראָפּגעשפּרונגען און גאַנץ געבליבן.

דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן מיין שוועסטער שרה. ס'איז גע־ווען אַ צולאָג צום שיינעם, זינגעוודיקן זומער...

*קאַפּיטל פופצן*

## איך זוך גאָט

איך זע: אין חדר צווישן די תּלמידים זענען פאַראַנען שלעכ־טע חברים, וואָס ווילן מיך אַראָפּפירן פון גלייכן וועג. ביים גוטן זלמן שרייבער אין חדר זענען זיי געווען. צוליב זיין גוטסקייט האָבן שלעכטע תּלמידים אינדערשטיל געקאָנט טון, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

ביי מאַטעסן האָבן אַלע קינדער געוואָלט קאָנען לערנען, ווייל מאַטעס האָט געשלאָגן און געשמיסן. אויב אַ יינגל האָט געהאַט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, ווי מאַטעס האָט עס אָנגערופן — האָט ער געהייסן טאַטע־מאַמע, מען זאָל אַזאַ יינגל מאַכן פאַר אַ בעל־מלאכה.

זלמן שרייבער האָט שטענדיק געוואָלט אויספירן ביי די תּלמידים מיט גוטע רייד. אמת, זלמן שרייבער האָט אַ נוסן־שטעקעלע געהאַלטן ביים לערנען. ער האָט אָפטמאָל מיטן שטעקל אַ קלאַפּ געטון אַ יינגל איבער דער פּלייצע — איז דאָס נישט געווען קיין שטאַרקער קלאַפּ. דע־ריבער איז ביי אים אין חדר געווען גוט פאַר די צעלאָזענע קינדער; גוט געווען פאַר די, וואָס האָבן אָפּגענאַרט טאַטע־מאַמע און אָפּגע־נאַרט דעם רבין אין חדר.

דער תּלמיד, וואָס האָט ליב געהאַט אָפּצוטון דעם רבין אַלער־ליי צולהכעיסן — האָט אויך ליב געהאַט אָנצורעדן די קינדער, זיי לאָזן אים אונטערהעלפן אין זיינע פּלענער.

אַזוי האָט ער אַמאָל גענומען זלמן שרייבערס שטעקעלע, בשעת דער רבי איז נישט געווען אין חדר, מיט אַ שאַרף מעסערל האָט ער אין דעם שטעקעלע קונציק איינגעשניטן רעדעלעך אַרום־און־אַרום; דין איינגעשניטן, נישט צו דערקענען. דערנאָכדעם, ווען דער רבי איז אַריינגעקומען, איז שוין געווען אָפּגערעדט — אַ יינגל זאָל מאַכן

ביים טיש מיאוסע שטיק, נישט ווע͏לן אַריינקוקן אין ספר אַריין, כּדי דער רבי זאָל אים דערלאַנגען מיטן שטעקל איבער דער פּלייצע. אַזוי איז טאַקי געווען. ווען זלמן שרייבער האָט דעם נישט-פאָלגעוודיקן תּלמיד דערלאַנגט מיטן שטעקל איבער דער פּלייצע — איז דאָס שטעקל צעקרישלט געוואָרן און צעפלויגן איבערן גאַנצן חדר.

איז דאָס דווקא דעם רבין געפעלן געווען. ער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן וויץ און גוטמוטיק געלאַכט. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ יינגל ס'האָט אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל, האָט ער אים געבעטן, ער זאָל פאַר אים קריגן אַן אַנדער שטעקל, באשר ער קאָן אָן קיין שטעקל נישט זיין קיין מלמד. די תּלמידים האָבן אים געבראַכט עטלעכע שטעקלעך, ער זאָל אויסקלייבן דעם בעסטן.

אַביסל שפּעטער האָבן צוויי נישט פאָלגעוודיקע תּלמידים צוגעקלערט אַן אַנדער שפּיצל. געווען דאָנערשטיק, ווען אַ תּלמיד באַדאַרף אַליין זאָגן די גמרא; ווען דער תּלמיד באַדאַרף וויסן וואָס ער זאָגט. אַפילו זלמן שרייבער איז געווען דאָנערשטיק שטרענג מיט זיינע תּלמידים.

האָט מען גענומען און אונטערגעלייגט שערבלעך פון אַ צעבראָכענעם, ליימענעם טאָפּ, אונטערן קאַפּטן ביים עקשנותדיקן תּלמיד. די שערבלעך האָט מען אויסגעלייגט אויף זיין פּלייצע אונטערן קאַפּטן. ווען ס'איז געקומען זיין צייט צו זאָגן די גמרא, נעמט דער תּלמיד און בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ, קוקט אונטערן טיש.

— פאַרוואָס זאָגסטו נישט? — פרעגט זלמן שרייבער.

ענטפערט נישט דער תּלמיד און קוקט אונטערן טיש.

ווערט שוין זלמן שרייבער אָן זיין געדולד, נעמט און דערלאַנגט דעם תּלמיד מיטן שטעקל איבער דער איינגעבויגענער פּלייצע, האָט ער פּונקט אָנגעטראָפן אויף די שערבלעך, וואָס האָבן אַ קנאַק געטאָן פּונקט ווי ער וואָלט מיטן שטעקל דעם יינגל אַ ביין צעבראָכן.

— געוואַלד, אַ ביין! געוואַלד, אַ ביין האָט מען מיר צעבראָכן...— האָט דער תּלמיד גענומען מאַכן קולות.

זלמן שרייבער איז געוואָרן ווייס ווי די וואַנט; אַ צעשראָקענער איז ער צוגעלאָפן צום יינגל, אים געגלעט און געטאַפּט די פּלייצע. דעמאָלט האָבן די קינדער אַלע מיטאַמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דער געשלאָגענער יינגל האָט אויסגעטאָן זיין קאַפּטן, און די שערבלעך זענען אַרויסגעפאַלן.

מיך האָט עס געצויגן צו שטיין אָן אַ זייט, ווּאָס די קינדער האָבן פאַרטראַכט זאַכן, וואָס מיר איז נישט געווען געפעלן. איך האָב ליב געהאַט די שעה פרייטיק, ווען זלמן שרייבער האָט מיר אויס־געשריבן די שורה אויבן אין העפט; איך האָב געזען ווי ער צוקט אויס די אותיות. איך האָב געוואָלט שרייבן די אותיות פונקט ווי ער טוט עס.

און דווקא ביים שרייבן איז געווען אַ תלמיד, וואָס האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ פליג, אָפּטונקען זי אין טינטער, דערנאָכדעם זי אַרויסלאָזן קריכן אויפן פּאַפּיר — זעען ווי די פליג שרייבט מיט די פיסלעך אויפן ווייסן פּאַפּיר. דער אייגענער תלמיד האָט געקענט אָוועקרייטן אויף אַ חזיר, ווען אַ חזיר האָט פאַרבלאָנדזשעט הינטערן חדר.

מען האָט געלערנט גמרא, מסכתא גיטין. כאָטש איך האָב דאָ־נערשטיק געוווסט דעם שיעור כמעט אויפּאויסנווייניק — איז מיר פונדעסטוועגן אין דער גמרא געווען אַ פרעמדע וועלט. אַלע ענינים, ווי אַזוי מען באַדאַרף שרייבן אַ גט, ווען אַ מאַן גט זיין ווייב — זיי האָב איך יאָ פאַרשטאַנען און נישט פאַרשטאַנען. דווקא דעמאָלט, ווען איך האָב געלערנט בבא מציעא, בבא קמא; ווען איך האָב דאָרט געלערנט די ענינים פון אומגערעכטיקייט אין האַנדל; אומגע־רעכטיקייט און שטראָף פאַר גזלה און גנבה — דאָרטן איז מיר דאָס לערנען מער געווען צוגעפּאַסט צו מיין קינדישן שכל. לערנענדיק גמרא, בין איך נישט געווען אין מיין וועלט. כאָטש די גמרא, רש״י, תוספות — זיי האָבן געשאַרפט מיין קינדערשן מוח.

כאָטש נישט אַזוי פשוט איז געווען פאַר מיר דער תנ״ך — האָב איך אים באַנומען. אפילו דעם נביא ישעיה האָב איך באַגריפן, ווען ער רעדט מיט צאָרן צו גאָט און צו מענטשן. זיינע שאַרפע ווערטער, וואָס זענען געווענדט צום הימל און צו דער ערד, האָבן שטענדיק אָפּגעקלונגען אין מיינע אויערן. אַ סך האָב איך אויסגע־לערנט אויף אויסנווייניק פון די נביאים. איך האָב שוין פאַר דער צייט געלערנט אַלע מגילות. די געדאַנקען פון ספר קהלת האָבן גע־מאַכט, איך זאָל פאַרקריכן אין די קאַרטשעס, פאַרקריכן אין די הויכע גראָזן, כלומרשט זוכן פאַרשפּעטיקטע וויינפּערלעך — אָבער אין אמתן האָב איך אין פאַרבאָרגעניש געטראַכט איבער די שווערע מחשבות פון קהלת:

— ווער קאָן דען וויסן, צי די נשמה פון מענטשן גייט־אַרויף צום הימל, און די נשמה פון דער בהמה נידערט צו דער ערד? אַז דער סוף פון דער בהמה, איז דער סוף פון דעם מענטש...

איך וויל געפינען דאָס אָרט, ווו גאָט האָט ליב אַרומצו־שפּאַצירן. אַמאָל זע איך אים אומגיין איבער אונזערע לאָנקעס, בעת די זון האַלט ביי שקיעה. אַמאָל זע איך אים צווישן די הויכע, טונ־קעלע אָלשענעביימער, בשעת אַ ווינט צעוויגט זיי.

מיר האָבן שוין אויך געלערנט דעם ספר תהילים, ווו דוד־המלך רעדט צו גאָט, ווי צו זיין גלייכן; קלאָגט פאַר אים אויס זיין האַרץ, און איז מודה פאַר אים אויף זיינע זינד. טראַכט איך דערי־בער פון מיינע אייגענע זינד. איך טו דאָס, ווען איך בין אַליין. איך טו דאָס, ווען איך בין וואַך אויפן געלעגער. זומער, ווען איך גיי פון חדר אַהיים אַיעדן פאַרנאַכט, זענען שוין איצטער מיינע טריט נישט קיין געאיילטע, ווי אין די ערשטע צייטן. איך מאַך אומישנע אַזוי, דער וועג זאָל געדויערן לענגער. איך כאַפּ אויפן וועג אַ זשאַ־בע, איך האַלט זי אין מיינע הענט אַזוי פאַרזיכטיק, איך זאָל זי נישט צודריקן. די זשאַבע האָט מורא. איך פיל, ווי דאָס הערצל ביי דער זשאַבע קלאַפּט, קלאַפּט. איך זע, ווי אונטערן האַלז ציטערט עס ביי איר. מיר דוכט: די זשאַבע רעדט צו מיר מיט אַזאַ שטים, וואָס איך קאָן נישט דערהערן. די זשאַבע קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין; אין מיינע אויגן אַריין — זי רעדט צו מיר, און איך פאַרשטיי נישט.

איך לערן אין תהילים: יום ליום יביע אומר ולילה ללילה יחוה דעת... דער רבי פאַרטייטשט: טאָג צו טאָג טוט שפּרעכן און זאָגן; נאַכט צו נאַכט טוט רעדן מיט פיל וויסן...

אוודאי רעדט דער טאָג. איין טאָג דערציילט דעם אַנדערן, וואָס ער האָט געזען אויף דער זינדיקער ערד. איין נאַכט דערציילט דער אַנדערער, וואָס דער מענטש האָט געזינדיקט אין דער באַהעל־טעניש פון דער נאַכט. צי באַדאַרף איך דען האָבן אַ סך, כּדי צו וויסן, אַז די נאַכט קאָן רעדן? צי פאַרנעם איך דען נישט, ליגנדיק אויפן געלעגער ביינאַכט, וואָס די נאַכט רעדט אַזוינס? איך ווייס: אונזער טייך ווערט פאַרנאַכט כּלומרשט איבערגעצויגן מיט אַזאַ טוי; ביינאַכט נעמט ער און פאַרקריכט צווישן די הויכע גראָזן, צווישן טראָסטענעס און קעמפּעס — ביינאַכט גאָר זוכן די וואַסערן אַן ערטל,

ווי דורכצוּרייסן די גרעבליעס און אַנטלויפן צום גרעסערן טייך, וואָס וואַרט ערגעץ ווייט אויף די וואַסערן פון אונזער טייך.

איך זע דאָך, ווי אַלע אין אונזער שטוב האָבן פּחד פאַר דעם פאַרקלערטן סטאַוו, ווען ער איז איינגעוויקלט אין דער נאַכט. אפילו מיין שוועסטער בעבל, וואָס קאָן קריכן ביזן האַלז אין וואַסער, כדי צו באַקומען די ווייסע וואַסער-ליליעס אויף אונזער סטאַוו, אפילו זי, אויב זי דאַרף ביינאַכט אָנשעפּן וואַסער, האָט זי אַביסל מורא. דע־ריבער האָב איך מורא צו קריכן אין סטאַוו אַריין כאַפּן פיש. איך האָב אפילו מורא אַראָפּלאָזן מיינע נאַקעטע פיס אין וואַסער אַריין ביים ברעג סטאַוו, ווו דאָס וואַסער איז פאַרשאָטנט און פאַרטאַיעט.

כאָטש איך האָב דאָס שטעטל נישט גאָר אינגאַנצן ליב, פונ-דעסטוועגן געפעלט מיר, וואָס זומערלעב איעדן שבת האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן צו ציען צו ליפּעס מיל. שולדיק איז בעבל אין דעם. זינט מיידלעך קומען אַראָפּ יעדן שבת נאָכן עסן אויסצוזינגען און אויס-צוטאַנצן פאַר דער שטוב זייערע געזאַנגען און זייערע טענץ — זינט דע-מאָלט האָבן די מאַמעס פון די מיידלעך אויך אָנגעהויבן אַראָפּצוקו-מען צו ליפּעס מיל שבת נאָכן עסן. קומען מאַמעס און פאַרנעמען יינגערע קינדער, וואָס זאָלן נאָכטראָגן די פּאַטשיילקעס, באשר דער-וואַקסענע מענטשן טאָרן נישט טראָגן אום שבת. און אַז מאַמעס פון די מיידלעך קומען — קומען שוין טאַטעס אויך; קומען צו שפּאַצירן צו ליפּעס מיל. מיט זיי – קלענערע יינגלעך, וואָס טראָגן נאָך פאַר די טאַטעס די נאָז-פּאַטשיילקעס און טאַבעק-פּושקעלעך.

האָט די מאַמע איעדעס מאָל, ווען זי האָט געבאַקן ברויט, אָפּ-געשפּאָרט אַ גרעסערע שטיק טייג פאַר אַ קוואַסניק. מען האָט די דייזשע פול אָנגעגאָסן מיט וואַסער, אַהין אַריינגעוואָרפן דעם אויס-געבאַקענעם קוואַסניק, וואָס האָט אין עטלעכע טעג אָנגעהויבן צו יערן. אין דייזשע איז געוואָרן אַ מחיהדיקער ברויט-קוואַס. האָבן שוין די ווייבער און די מאַנסבילן געוווּסט, אַז ביי ליפּען אין שטוב, ביי דער טיר, שטייט אַ דייזשע מיט דעם גאָר שאַרפן קוואַס. איז מען אַריינגעקומען, געזאָגט גוט-שבת און געטרונקען קוואַס פון דער גרויסער, קופּערנער קוואָרט מיט צוויי אויערן. פאַרן שבת האָט דאָס שטעטל אויסגעטרונקען ביי ליפּע דעם מילנער די גאַנצע דיי-זשע מיט קוואַס.

האָט שוין די מאַמע דעריבער יעדן פרייטיק געבאַקן קיכלעך

כדי זי זאָל האָבן מיט וואָס מכבד צו זיין די קליינע קינדער, וואָס זענען געקומען מיט די מאַמעס און מיט די טאַטעס. זענען די ווייבער געזעסן אויפן גראָז פאַרן שטוב אונטער אַ ווערבע-בוים. האָט מען שוין געקאָנט הערן, ווי אַ יידענע רעדט צו דער מאַמען:

— איר האָט דאָך קיין עין־הרע נחת פון אייערע קינדער. מען רעדט דאָך פון אייערע קינדער אין גאַנצן שטעטל. גינציקע קינדער. געטרייע און שטילע קינדער. אַז מען וועט דערלעבן, וועט נאָך זען אַ זון אַ רב ביי ליפע דעם מילנער.

דער טאַטע איז נישט צופרידן, וואָס דאָס שטעטל קומט צו אונז אַראָפּ שבת. ס'איז דער איינציקער טאָג, ווען מען קאָן האָבן אמתע שלווה. דער איינציקער טאָג, ווען מען קאָן הנאה האָבן פון דרויסן; הנאה האָבן שווייגעוודיק. נעמען און קומען אַראָפּ שטעטלשע יידענעס, און עס ווערט אַרום שטוב אַזויפיל רייד.

— וואָס בעבעט מען אַזויפיל? וואָס רעדט מען און מען באַרעדט אַזויפיל?

דעריבער, ווען דאָס שטעטעלע קומט אַראָפּ און הויבט אָן צו טרינקען קוואָס פון דער דייזשע, נעמט דער טאַטע און ווערט ערגעץ פאַרפאַלן. ער גייט פלומרשט אַוועק זען, צי דער פערד אויף דער לאָנקע איז גוט געפּענטעט; צי עס וועט נאָך זיין גראָז איבער יום-טובים...

דעם זיידן געפעלט עס אויך נישט. ער, וואָס האָט אַזוי ליב זיינע ניגונים; ער, וואָס האָט צו יעדן ניגון אַ באַזונדערן נאָמען; ער, וואָס האָט ליב צו זינגען און פּאַטשן מיט די הענט, ווי אַ זינגעוודיק קינד—נעמט ער גאָר איינמאָל, סוף זומער, שבת, ווען דרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן און בעבל מיט די מיידלעך זענען אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, און זאַלבע-אַכט, פיר אַנטקעגן פיר, געזונגען, געטאַנצט אַזוי בנעימותדיק — נעמט דער זיידע, וואָס האָט דעמאָלט געדרימלט אויפן באַקאויוון אין קאַמער — קריכט ער אַראָפּ, פאַרנעמט די בייטש, וואָס איז געלעגן אויפן אויוון און טרייבט די מיידלעך פון שטוב:

— חצופות, אַרויס פון שטוב!.. אַן עבירה צו טאַנצן אין אַ יידישער שטוב...

בעבל האָט געוויינט. עטלעכע שבתים זענען די מיידלעך נישט געקומען. אומעטיק געוואָרן אָן זייערע טענץ.

דער טאַטע האָט גערעדט פֿון דעם, אַז פּרץ וועט דעם קומענ-דיקן יום כּיפּור פֿאַסטן. אויב נישט אַ גאַנצן טאָג — איז כאָטש אַ האַלבן טאָג. די מאַמע האָט, ווי דער שטייגער, אויפגעוויזן דעם טאַטן, אַז דער רבונו של עולם באַדאַרף נישט, קליינע קינדער זאָלן פֿאַסטן.

ווען מען האָט באַדאַרפֿט אויפשטיין פֿאַרטאָג, גיין אין בית-המדרש אַריין צו סליחות — בין איך שוין דאָסמאָל אַליין אויפגע-שטאַנען. נישט אַזוי צוליבן סליחות-זאָגן, ווי צוליב דעם גיין פֿאַרטאָג אין שטעטל אַריין. דעמאָלט זענען מיר אַלע געגאַנגען. אויסער בעבל, וואָס איז געבליבן אין שטוב מיט דער קליינער שוועסטערל. אַ קאַל-טער פֿאַרטאָג געווען, אַ ווייס פּרעסטל איז געלעגן אויפֿן גראָז. דער זיידע, דער טאַטע, קלמן, משה, די מאַמע און איך — אַלע זענען מיר געגאַנגען אין דעם קאַלטן פֿאַרטאָג, און קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט, כּדי נישט איבערצורייסן די שטילקייט פֿון פֿאַר-טאָג. אַלץ איז נאָך געווען איינגעוויקלט אין שלאָף. די לבנה איז שוין געווען ווייט אויף דער אַנדערער זייט וועלדל, פֿאַרנויגט צו מערב. אין מזרח איז נאָך געווען שטיל. אין די גוישע גאַסן איז נאָך אויך געלעגן נאַכט אויף די שייערן, פּלויטן, גערטנער און שטי-בער.

נאָר ווי מען איז אָנגעקומען צום קיילעכדיקן מאַרק, אַרומגע-רינגלט מיט יידישע הייזער — האָט דער באַגינען אָנגעהויבן צו דער-וואַכן. אין אַ סך פֿענסטערלעך האָט עס געפֿינקלט. טירן האָבן גע-קלאַפּט, מענטשן זענען אַרויס פֿון די הייזער, געצויגן דורכן פֿינסטערן מאַרק, צו דער בית-המדרש-גאַס.

די מאַמע האָט פֿאַרנומען יעדן שאָרך:

— הערסט, פּרצל, דאָרטן גייט אַן אַלטער מאַן. הערסט זיינע דראָבנע טריט?... און דאָרטן גייט אַ געזונטער, באַיאָרטער מענטש. הערסט ווי ער שטעלט טריט, איינס-צוויי, איינס-צוויי. און דאָרטן הערסטו — צווייערליי טריט... דאָס גייט אַ טאַטע מיט אַ יונג קינד. שווערע טריט און גרינגע טריט. פּאַמעלעכע, שווערע טריט און גיכע גרינגע טריט. הערסט, די קינדערשע טריט — ווי די טריט פֿון אַן אַלטן מאַן... הא, ווי דער פֿאַרטאָג לעבט! גוט איז אין אַזאַ פֿאַר-טאָג. טוט מיר הנאה, וואָס דו גייסט מיט. גוט צו זיין אויף אין אַזאַ פֿאַרטאָג...

ראש-השנה האָב איך שוין געדאַוונט מיט די גרויסע צוגלייך.

נעזאָגט מחזור, ווי די גרויסע. יום-כיפּור בין איך נישט געלעגן אין בית-המדרש אונטער דער באַנק אין היי, לעבן די אָנגעזאָקנטע פּיס פון די טאַטעס, ווו נאָר ייִנגלעך זענען געלעגן און געגעסן פליגעלעך, פּאָלקעלעך און פּופּקעס פון די כפרות — ניין. דעם יום-כיפּור האָב איך אַ האַלבן טאָג געפאַסט און אַ גאַנצן טאָג געזאָגט פון מחזור. בעת די דאַוונערס האָבן געשלאָגן מיט די פויסטן אין האַרצן, גע-זאָגט: על חטא שחטאנו — האָב איך געשלאָגן מיטן פויסט אין האַרצן און געטראַכט פון מיינע זינד.

פונדעסטוועגן האָב איך מער הנאה געהאַט פון דעם יום-טוב סוכּות, ווען קלמן און משה האָבן געבויט אַ סוכּה. זיי האָבן געקלאַפּט די טשוועקעס אין די ברעטער אַריין, און איך האָב צוגעהאַלטן דאָס ברעט זאָל שטיין גלייך. שפּעטער איז מען געקראָכן אין די קאַרטשעס, אָנגעהאַקט סכך צו באַדעקן די סוכּה. שפּעטער בין איך געגאַנגען מיט בעבלען אין וואַלד, און געבראַכט גאַנצע בינטן רויטן האָראָפּ און באַהאָנגען די סוכּה פון אינעווייניק. געבראַכט גרינעם אאיר פון אי-בערן סטאַוו און אָנגעשטעקט אין סכך אַריין. געבראַכט פון דער אייזנבאַן געלן זאַמד און אָנגעשאָטן אין סוכּה.

די מאַמע, מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט, איז אַלעמאָל אַרויס-געקומען דרויסן און געקליבן נחת פון אירע קינדער.

*קאַפּיטל זעכצן*

## אומעטיקע מעשיות

מיין שוועסטער בעבל זאָגט מיר מוסר, פאַרוואָס איך בין אַ שעמעוודיקער: פאַרוואָס איך בין נישט קיין שטיפער, ווי אַנדערע קינדער.

דאָס איז אמת. קיין סך חברים צווישן די חדר-קינדער האָב איך נישט. אויף דעם וועג, וואָס פירט פון מיל אין חדר, גיי איך כמעט שטענדיק אַליין. איך וואַקס צו זיין אַליין. אין בית-המדרש קוק איך אַרויף צו די עלטערע יידן. ווייל פאַר די קינדערשע יאָרן האָב איך צופיל געלערנט. דער קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט גמרא.

אין תנ"ך האָב איך געלערנט: אַז יידן האָבן אַמאָל געהאַט אַ לאַנד. רשעים-פעלקער האָבן די יידן פון לאַנד פאַרטריבן, דעם בית-המקדש חרוב געמאַכט; די יידן פאַרטריבן אין גלות. ביי די נביאים האָב איך געלערנט: אַז די יידישע אומה איז זינדיק. אין גמרא האָב איך געלערנט אַלערליי דינים, וואָס אַ ייד מוז וויסן און אָפּהיטן. אַזאַ קליין יינגל ווי איך לערנט שוין וועגן גאָר גרויסע זינד, פאַר וועלכע מען האָט אַמאָל ביי יידן פאַרשטיינט, פאַרברענט, דערהרגעט, אָדער דערשטיקט. אין האַרצן בין איך מיט דעם נישט מסכים. מיר זענען ליב די ערטער אין תנ"ך, דער עיקר אין תהילים און אויך אין דער גמרא — ווו אַ מענטש רעדט צו גאָט. רעדט צו אים, ווי צו זיינס אַ גלייכן. דער מענטש קאָן בעטן גאָט, קאָן אים ליבן און אויך צו אים האָבן טענות.

ווען איך בין אַליין ערגעץ אין די קאַרטשעס, אויף דער לאַנ-קע, ווען איך גיב אַכטונג אויף אונזער פערד; פרייטיק, שבת, ווען

איך בין אינדערהיים — גיי איך טאַקי אַרום אַ פּאַרקלערטער, פּאַרי וואָס מיין שוועסטער בעבל זאָגט מיר מוסר.

זלמן שרייבער האָט מיר אויסגעלערנט שרייבן אויפצומאמתן. פּאַר דער צייט איז געקומען עפּעס אַ פרעמדער מענטש אין שטעטל, וואָס לערנט מיידלעך שרייבן בריוולעך — האָט מען אים אויף איין מאָל אַ וואָך פאַרבעטן צו אונז. בעבל, משה און קלמן לערנען ביי אים ווי צו שרייבן און אָנשרייבן אַ בריוול. איצטער איז שוין ביי אונז אין שטוב פאַראַנען גענוג טינט און פּאַפּיר. עס ציט מיך אויך אָנצושרייבן אַ בריוולדיקן געדאַנק. כאָטש ביי אונז איז נישט געווען צו וועמען צו שרייבן אַ בריוו אויפצומאמתן. מיר האָבן קיין בריוו פון ערגעץ נישט דערהאַלטן, און פון אונז האָט מען אויך צו קיינעם נישט געשריבן. איז דעריבער נישט געווען צוליב וועמען אַרויסצו־ברענגען אויפן פּאַפּיר די שיינע געדאַנקען...

איך באַמערק, ווי אונזערע קוקן שוין אָפּטער אויף דער באַן, וואָס לויפט פאַרביי נישט ווייט פון אונזער מיל. צוויי פּאַסאַזשיר־צוגן, איינער באַגינען, און דער אַנדערער ביינאַכט — זיי לויפן פון צפון צו דרום. איינער בייטאָג און דער אַנדערער נאָך האַלבער נאַכט — זיי לויפן פון דרום צו צפון. איעדעס מאָל, ווען אַ צוג קומט אָן צו אונזער געגנט — גיט ער אַ פייף. מיר היטן שוין אָפּ איעדן צוג. ער רופט צומאָל אַרויס אַזאַ בענקעניש, אַזאַ קלעמעניש. ווען מען זעט מענטשן, וואָס קוקן אַרויס פון די פענסטער, דאַכט צומאָל, די מענטשן אין די וואַגאָנעס קוקן אַרויס צו ליבעס מיל.

— מסתמא וועסטו אַמאָל באַדאַרפן פאָרן מיט אַזאַ באַן — אוודאי, אויב גאָט וועט געבן...

אַזוי זאָגט די מאַמע נאָך אַ שטילשווייגן, ווען אַ צוג לייפט פאַרביי. דער טאַטע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שווייגט. ער זאָגט גאָרנישט. אָבער איך ווייס, ער קלערט אויך דאָס אייגענע. אַ פּאָר מאָל איז שוין געקומען צו־רייד וועגן דעם, ווי מען וועט, אויב גאָט וועט לאָזן לעבן, פּרצן באַדאַרפן אַוועקשיקן אינערגעצן צו אַ גרעסערן מלמד.

עס איז שוין אויך געקומען די צייט פאַר מיר אַ קלער צו טאָן: פאַרוואָס איז דער טאַטע שטענדיק אומעטיק? פאַרוואָס לאַכט ער אַזוי זעלטן? איך ווייס, ער האָט די קינדער אַזוי ליב ווי די מאַמע, נאָר ער ווייזט עס נישט אַרויס.

איך האָב אָפטמאָל געהערט אין שטוב מעשיות פון דעם, וואָס עס איז אַמאָל פאַרלאָפן מיטן טאַטן, ווען ער איז נאָך געווען יונג. פון דידאָזיקע מעשיות וויל איך אַרויסגעפינען די סיבה, פאַרוואָס דער טאַטע איז אומעטיק.

געהערט האָב איך די מעשיות פון דער מאַמען דערציילן; געהערט זיי פון זיידן, און געהערט פון טאַטן אַליין:

איינמאָל, נישט אין קלעשטשעל איז דאָס געווען, נאָר אַרום וויסאָקע, ווו דער טאַטע האָט געהאַלטן ווינטמילן, וואָס ער האָט געדונגען ביי אַ פּריץ. דעמאָלט איז נאָך מיין מאַמע נישט געווען זיין ווייב. אין יענער צייט האָבן די פּאָליאַקן געוואָלט אַראָפּוואַרפן די רוסישע יאָך; האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסן אויפשטאַנד. האָט דער צאַר אַראָפּגעשיקט קאָזאַקן אין דער געגנט, ווו דער טאַטע האָט געלעבט, צו באַשטראָפן די פּאָליאַקן. די קאָזאַקן האָבן געצונדן, גע־ברענט און חרוב געמאַכט איעדן הויף, ווו דער פּריץ איז געווען אַ פּאָליאַק. מיין טאַטנס פּריץ איז אויך געווען אַ פּאָליאַק.

פרילינג איז דאָס געווען, דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען אין הויף אַריין עפּעס בעטן ביים פּריץ. זענען דערווייל אָנגעקומען אַ מחנה קאָזאַקן צורייטן אויף פערד; מיט ביקסן אויף דער פּלייצע און פּיקעס ביי דער זייט, געקומען און אָנגעהויבן שיסן אויפן הויף. אין הויף איז געווען אַ ברויז, ווו מען מאַכט בראָנפן. איז דער טאַטע אַריינגעלאָפן אין ברויז אַריין, אינאיינעם מיט דעם מייסטער פון ברויז איז ער אַראָפּ אין קעלער. אין אַ פינסטערן ווינקל, איי־נער צום אַנדערן געטוליעט, האָבן זיי געהערט, ווי די קוילן פייפן אויפדרויסן; געהערט, ווי קוילן שניידן דורך די שויבן פון קעלער; מיט אַ געפייף זוכן די קוילן עמעצן אין קעלער.

פּלוצלונג האָט אַ קויל געטראָפן דעם מייסטער פון ברויז; געטראָפן אים אין סאַמע מויל אַריין, און אַזוי־וי ער איז געווען איינגעטוליעט אין טאַטן — האָט דאָס הייסע בלוט דורך זיין מויל געשטראָמט אויפן טאַטנס פּנים, אויף די בגדים און דורכגעווייקט זיין גאַנץ לייב.

דרויסן איז שטיל געוואָרן. קיין שיסעריי האָט מען מער נישט געהערט. נאָר פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן צו ברענען דער בנין, אין וועלכן מיין טאַטע איז געלעגן אַן אויסגעווייקטער אין בלוט. די קאָזאַקן האָבן דעם בנין אונטערגעצונדן. דער טאַטע הערט ווי דאָס

פייער קנאַקט און כאַפּט אַרום דעם בנין פון אַלע זייטן; דער רויך שפּאַרט אין קעלער אַריין; ער קאָן שוין מער די היץ נישט איבער־טראָגן — איז ער אַרויס דרויסן. דרויסן איז קיינער נישטאָ. האָט ער אָנגעהויבן לויפן אַהיים.

שוין אַרויסגייענדיק פון הויף, אויפן סאַמע וועג, זעט ער דעם פּריץ, — אַ יונגער מיט אַ בלאָנדער באָרד — אין איין העמד ליגט ער אין אַ קאַלוזשע בלוט. ליגט ביים וועג. דער פּריץ ווינקט מיט איין פינגער צום טאַטן, ער זאָל צו אים צוגיין.

ווי דער טאַטע איז צו אים צוגעגאַנגען, אַראָפּגעבויגט צו אים אַן אויער, הערן, וואָס ער וועט אים זאָגן — ווי מיטאַמאָל, ווי פון אונטער דער ערד, איז אויסגעוואַקסן אַ קאָזאַק אויף אַ ווייסן פערד, די שאַרפע פּיקע אינדערהויך, גרייט דורכצושטעכן דעם טאַטן.

איז דער טאַטע געפאַלן צו דער ערד, געבעטן דעם קאָזאַק, ער זאָל אים לאָזן לעבן. באשר ער איז דאָ נאָר אַ דורכגייער. דער קאָזאַק האָט מיט דער פּיקע דורכגעשטאָכן דעם פּריץ, און דעם טאַטן האָט ער געהייסן גיין.

אַביסל שפּעטער, טאַקע אין יענע צייטן, האָט דער טאַטע געלעבט אין אַ דאָרף. איין ייד איז ער געווען צווישן אַלע נישט־יידן, פּויערים. האָט מען דעמאָלט אָפּגעוואַרט אַ ליקוי־חמה. די זון האָט באַדאַרפט אינגאַנצן פאַרשטעלט ווערן. זומער איז דאָס געווען. איז אויף די דאָרף־מענטשן אָנגעפאַלן אַ פּחד. אַ קלייניקייט, די זון וועט אינגאַנצן פאַרשטעלט ווערן, און ס׳וועט ווערן נאַכט אינמיטן טאָג.

אַזוי איז דאָס געווען: אינמיטן העלן טאָג איז די זון אינגאַנצן פאַרדעקט געוואָרן. שטערן האָבן געפינקלט אין הימל, ווי ביינאַכט. די קי און די אָקסן אין פעלד זענען אומרויק געוואָרן, צעשראָקענע און צעווילדעוועטע געלאָפן פון פעלד אַהיים, אין דאָרף אַריין. איין אָקס האָט מיט די הערנער איינגעבראָכן דעם פּלויט פאַרן טאַטנס שטוב.

האָבן די פּויערים באַקלערט: אויב דער אָקס האָט מיט די הערנער צעבראָכן דעם פּלויט ביים יידן, איז אַ סימן, אַז דער ייד איז שולדיק אין דעם, וואָס אינמיטן העלן טאָג איז געוואָרן נאַכט.

האָבן די פּויערים דעם טאַטן אַרויסגענומען פון שטוב; מיט העלצער און שטיינער האָבן זיי אים צעפּלעטט דעם קאָפּ. האָבן אים

שיער אויף טויט נישט דערהרגעט. אַ לאַנגע צייט איז ער דעמאָלט געלעגן קראַנק.

און אין יענער געגנט, אין יענע מילן, איז ביי מיין טאַטן געווען אַ זון יעקב מרדכי. אַ גרויסער למדן, שוין אַ חתן-בחור. גע-ווען זיין שטייגער גיין לערנען אין וויסאָקע, אין בית-המדרש. גאַנץ אָפּט איז ער געגאַנגען צופוס ביינאַכט אין דאָרף אַריין, אַהיים. פאַר פסח איז דאָס געווען. דער שניי האָט שוין געלאָזן. יעקב מרדכי איז שפּעט אַרויסגעגאַנגען פון בית-המדרש, און קומענדיק הינטערן שטאָט, האַלב וועג צו דערהיים געבליבן, פון ביידע זייטן וועג האָבן אָנטקעגן דער לבנה געבלישטשעט די וואַסערן פון די צעשמאָלצענע שנייען — אַזוי ווי ער שפּרייזט מיטן וועג אַהיים — קומט אים פּלוצלונג אַרויס אַנטקעגן ביי דער זייט וועג אַ באַקאַנטער פויער פון דאָרף. קאָזיריק — הייסט דער פויער; גייט-מיט אַנטקעגן ביי דער זייט וועג. וואָלט עס נישט אויסגעמאַכט, אָבער יעקב מרדכי ווייסט, אַז דער פויער קאָזיריק איז מיט אַ וואָך צוריק געשטאָרבן.

נעמט יעקב מרדכי לויפן — דער פויער לויפט מיט ביי דער זייט וועג! אַוודאי איז דאָס געווען יעקב מרדכיס שאָטן, וואָס די לבנה האָט אויסגעצויגן ביי דער זייט וועג. אָבער אַ טויט-שרעק איז אויף אים אָנגעפאַלן... איז ער אַזוי געלאָפן פון טויטן פויער, ביז ער איז דערלאָפן צום שטוב. ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב נישט-טויט, נישט-לעבעדיק. און טאַקע באַלד נאָך דעם איז ער קראַנק געוואָרן. שפּעטער איז ער געשטאָרבן. לאַנג האָט דער טאַטע געטרויערט נאָך זיין זון יעקב מרדכי...

פון אים האָט מיר שוין די מאַמע דערציילט. דאָס האָט טאַקע געטראָפן שפּעטער, ווען דער טאַטע איז געוואָרן אַן אלמן, זיין ערשטע ווייב איז געשטאָרבן, און ער האָט חתונה געהאַט מיט מיין מאַמע. ביי מיין מאַמען אויף די הענט איז יעקב מרדכי אויסגעגאַנגען. זי האָט ליב געהאַט צו דערציילן, וואָס פאַר אַ למדן ער איז געווען, און ווי אַזוי מען האָט אים אין שטאָט ליב געהאַט.

— דער טאַטע זאָגט — האָט די מאַמע מיר איינמאָל, צוואָגנדיק, דערציילט — דו, מיין קינד, וועסט איצטער פאַרנעמען יעקב מרדכיס אָרט: דו וועסט זיין אַ רב. אוודאי, מיין קינד, וואָלט ער געווען אַ גרויסער רב, ווען אויף אים באַפאַלט נישט אַזאַ בייזענע שרעק.

און די מאַמע — נאָכדעם ווי מיין שוועסטערל שרה איז גע-

בוירן געוואָרן — זענען שוין ביי איר מער קיין קינדער נישט גע-שטאָרבן. אָבער מיין מאַמע האָט געבוירן עלף קינדער, און נאָר פיר זענען איר געבליבן.

פיר קינדער האָט זי געהאַט מיט איר ערשטן מאַן — זענען זיי אַלע געשטאָרבן. ווייל די קינדער האָבן ביי זיי נישט געוואָלט לעבן — איז געבליבן, זי זאָל נעמען אַ גט. איצטער לערן איך גמרא — מסכתא גיטין. און איך האָב אויך געקלערט לערנענדיק, ווי אַזוי דער ערשטער מאַן האָט מיין מאַמען געגעבן אַ גט. די מאַמע האָט מיר אַמאָל דערציילט, ווי זי האָט גאָר יונגערהייט די אויגן אויסגעקלאָגט, ווען איינס נאָכן אַנדערן זענען ביי איר פיר קינדער געשטאָרבן.

פון די זיבן קינדער, וואָס זענען ביי איר געבוירן געוואָרן פאַר דער צייט, וואָס זי האָט געהאַט מיין טאַטן פאַר אַ מאַן — זענען בלויז דריי געשטאָרבן. אַלע — שוין גאַנץ-אונטערגעוואַקסענע געווען, ווען זיי זענען אָוועקגעקומען. דעריבער איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס מיין מאַמע האָט אַזוי געציטערט איבער די קינדער. אַפילו די קינדער, וואָס דער טאַטע האָט צו איר געבראַכט פון זיין ערשטער ווייב, זענען ביי איר געווען טייער — ווי אייגענע.

די גרעסטע שרעק איז אויף איר אָנגעפאַלן, ווען ביי אַ קינד איז אין האַלז פאַרלייגט געוואָרן. כמעט אַלע קינדער, וואָס זענען געשטאָרבן — זענען אָוועקגעקומען פון שקאַרלאַטינע. די קינדער, וואָס זענען לעבן געבליבן — זענען אויך אַלע מיט דערדאָזיקער קרענק געלעגן.

ווי נאָר אַ קינד האָט געמאַכט אַ קרומען פנים — האָט די מאַ-מע גענומען אַרומטאַפּן דעם האַלז ביים קינד:

— האָסט, מיין קינד, זאַוועלקעס... קום אַהער, וועל איך דיך אויפהייבן אויף אַ האַנטוך און אָפּקוועטשן די זאַוועלקעס...

דעמאָלט איז די מאַמע אַרויפגעקראָכן אויפן טיש, מיט אַ האַנ-טוך אַרום קינדס האַלז, אונטער דער גאָמבע — האָט זי דאָס קינד דריי מאָל אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזן. דער האַנטוך האָט אַזוי-אַרום אָפּגעקוועטשט דעם פאַרלייגטן האַלז. ווען די קינדער זענען אונטער-געוואָקסן, כאָטש איר איז שווער געווען — איז זי פונדעסטוועגן גע-קראָכן אויפן טיש און מיט אַלע כוחות געהויבן אויפן האַנטוך די קינדער.

געווען נאָך אַ סגולה: שטיין מיטן פנים אין קוימען ביים באַק-

אויוון, אַריינשטעקן דעם גראָבן פינגער אין מויל, מיטן פינגער אונ-טערשפאַרן דעם גומען און דריי מאָל אַריינהויכן אין קוימען אַריין. דערנאָכדעם האָט די מאַמע אָנגעשאָטן הייסן אַש אין אַ וואָלענעם זאָק; איינגעריבן דעם האַלז ביים קינד מיט זייף און מיט דעם וואַ-רעמען, וואָלענעם זאָק אַרומגעבונדן דעם האַלז.

בעת מעשה האָט זי מתפלל געווען:

— מיר, רבונו של עולם, זאָל זיין פאַר מיין קינד... נאָר מיך זאָלסטו באַשטראָפן פאַר מיין קינד...

איז דעריבער ביי איר געווען די פרייד אויסגעמישט מיט זאָרג, ווען עמעצער האָט אַרויפגעבראַכט אויף די ליפּן: — אַוודאי וועט מען באַדאַרפן איה״ש זוכן פאַר פרצן אַ מלמד ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט.

די ווייטע שטאָט בריסק האָט מען דערמאָנט. איך, אַ קליין יינגל, און מען רעדט גאָר, מיך צו שיקן קיין בריסק. אמת, אין בריסק לעבט מיין עלטערע שוועסטער פרישקע, מיין טאַטנס עלטסטע טאָכטער.

האָב איך דעריבער אויך געקוקט אויף די באַנען, וואָס לויפן פאַרביי; לויפן פון צפון צו דרום — לויפן פון ביאַליסטאָק קיין בריסק.

אין יענער צייט איז ווידער צו אונז געקומען דער פעטער אברהם טומענער; דער פעטער, וואָס קאָן אַליין אויסטרינקען אַ בונ-קע טיי. איצטער איז שוין ביי אונז אין שטוב געווען אַ געלער סאַ-מאָוואַר — האָט מען אים לכבוד דעם פעטער אָנגעשטעלט.

דער פעטער האָט מיטגעבראַכט אַ מיידעלע אין מיינע יאָרן — האָט דעם אייגענעם נאָמען, וואָס מיין מאַמע: שיינע רופט מען זי. אַ שוואַרצינקע איז זי; און קאָן שוין גאָר שיין שרייבן. האָט נאָך אַ שענערן כתב פון מיר. אירער אַ זיידע, איר טאַטנס טאַטע, וואָס וווינט ביי זיי — ער האָט עס אַזאַ שיינעם כתב. ער לערנט זי שרייבן, האָט זי איבערגענומען זיינע געצוקטע אותיות. — פּרוּוון מיר ביידע שרייבן — ווער עס קאָן שענער.

בעת דער פעטער האָט פּאַמעלעכקע געזופּט דעם טיי, בין איך מיט שיינען געזעסן אָן אַ זייט. איך האָב איר באַוויזן מיין העפט, ווי אַזוי איך שרייב. האָט זי מיר באַוויזן, וואָס זי קאָן; איז מיר איר כתב געפעלן געווען בעסער. זי האָט אָנגעשריבן מיין נאָמען —

פּרץ, און האָט דעם לאַנגן צאַדיק אויסגעצוקט אַ סך שענער פון מיר...

בלייבט דעריבער, אַז פּרץ זאָל אַמאָל אַריבערקומען צום פּע-טער צוגאַסט. דער פּעטער זאָגט, אַז אפשר וואָלט גלייכער געווען, איך זאָל לערנען אין וויסאָקע. דאָרטן זענען אויך פאַראַן בעסערע מלמדים, ווי אין קלעשטשעל. וועט עס זיין נעענטער צום דאָרף טומע-נע, וווּ מיין פּעטער וווינט.

— יאָ, יאָ, אַז מען לעבט, דערלעבט מען — זאָגט דער פּע-טער — דערלעבט מען אויסצוהאָדעווען קינדער און שיקן זיי אינ-דערפרעמד.

איז פון דעם אי פריילעך, אי טרויעריק. מען שווייגט אַ סך נאָכדעם, ווי דער פּעטער זאָגט עס, ווייל די מאַמע באַהאַלט נישט די טרערן, וואָס פאַלן בשעת-מעשה פון אירע אויגן.

*קאַפּיטל זיבעצן*

## צו בעבלען קומט אַ חתן

זינט מען האָט אין שטוב אָנגעהויבן רעדן פון מיין נסיעה קיין בריסק צו אַ גרעסערן מלמד, בין איך געוואָרן שווייגעוודיקער. האָב זייער אָפט געשפּירט אַ קלעמעניש; טרערן האָבן געקוואָלן אין די אויגן.

קיין ווערטער האָב איך נישט פאַר מיין בענקעניש. צוליב וואָס אַוועק פונדערהיים? ווי אַזוי וועל איך קאָנען מיט מיר פאַרנעמען אין וועג דעם טלאפּא-טלאפּא — דעם לעבעדיקן קלאַפּן פון מיל? ווי אַזוי וועל איך איבערלאָזן דעם טייך, וואָס נאָר פון זיין וואַסער איז מיר דער טרונק זיס? ווי אַזוי וועל איך קאָנען לעבן ווייט פון מיין היים, נישט זעען מער די ביימער פאַר דער מיל איעדן אינדערפרי, ווען איך עפן אויף די אויגן און קוק אין פענסטער?

איעדן זומער גיי איך אום באָרוועס; אפילו ווינטער איז דער שניי נישט אַזוי קאַלט צו מיין פּנים און הענט. אונזערע פרעסט זענען מיר באַקאַנטע פרעסט; ווי אונזערע זומער-רעגנס — זענען מיר נאָענטע און באַקאַנטע רעגנס. אומעטום, וווּ איך גיי, אין די קאַרטשעס, צי אַרום סטאַוו, דערקען איך די יונגע ביימעלעך, וואָס זענען מיט מיר אינאיינעם געוואַקסן. מיין וועג פון מיל אין חדר אַריין — איז מיינער אַן אויסגעטראָטענער. זומער, נאָך אַ רעגן, ווען די שוואַרצע ערד איז ווייך, און איך צייכן אָפּ מיינע באָרוועסע טריט אין דער ווייכער ערד — דערקען איך זיי שפּעטער אַ לאַנגע צייט. איך דערקען אפילו די גרעזעלעך, וואָס שפּראָצן אַרויס פון מיינע טריט. די גרעזעלעך דערקענען מיך; זיי קוקן אַרויס פון מיינע טריט, איך זאָל זיי דערקענען:

— זעסט, פון דיינע טריט זענען מיר אַרויסגעוואַקסן.

יענעם ווינטער, פאַר מיין פאָרן קיין בריסק, איז אין שטוב שוין געווען אַ סך אַנדערש, ווי מיט אַ ווינטער פריער. מען איז נישט געגאַנגען אַזוי פרי שלאָפן. פון חדר אַהיים — בין איך געגאַנגען אַליין. כאָטש איך האָב נאָך געהאַט מורא; ס'האַרץ האָט כסדר געקלאַפּט, ווי נאָר איך האָב אויסגעמיטן די גויישקע הייזער, און אָנגעקומען צו די גרעבליעס — אָבער די מורא איז שוין געווען אַן אַנדערע. איך האָב מיט איר געהאַלטן מלחמה. איעדן אינדערפרי, גייענדיק אין חדר אַריין, האָב איך אויפגעזוכט איעדן שטיין, אָדער אַרויסגעשטאַרצטן וואָרצל, וואָס מיט אַ נאַכט פריער בין איך איבער דעם געשטרויכלט געוואָרן און פאַר פחד גענומען לויפן. איך האָב די שטרויכלונגען אויפגעזוכט און געזען, אַז מיין נעכטיקע מורא איז געווען הוילע נאַרישקייט.

קומענדיק פון חדר אַהיים, האָב איך געפונען אַלעמען וואַך. אין שטוב, ביים אויוון, איז צוגעקומען אַ געפלאָכטענע וויג, וואָס איז געהאָנגען אויף פיר שטריקלעך פון באַלקן. די מאַמע זיצט ביים אויוון, וויגט מיט דער פוס די קליינע שרהלע, און פליקט פעדערן. בעבל און משה זיצן ביים טיש און שפילן אין דאַמקעס. די קעסטלעך אָפּגעווירעט אויף אַ ווייסן פאַפּיר; פאַר דאַמקעס דינען ווייסע און שוואַרצע בעבלעך. דער טאַטע זיצט אַנטקעגן אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער האַנט און שווייגעוודיק קוקט ער נאָך, ווי די בעבלעך גייען אום איבערן פאַפּיר. אָפטמאָל, קומענדיק אַהיים, טרעף איך בעבלען און משהן, זיצנדיק ביים טיש, מיט כוונה שרייבן זיי בריוולעך פון אַ בריוונשטעלער.

יענעם ווינטער איז זייער אָפט צו אונז געקומען צוגאַסט פון שטעטל אַ שוואַרצהנעוודיקער יונג, וואָס האָט געאַרבעט ביי מיין ברודער בנימין-חיים — שמואל פאַרבער האָט ער געהייסן, און אַ פאַרבער איז ער טאַקע געווען. דעריבער זענען זיינע הענט געווען אָפט אָפּגעפאַרבט בלוי אָדער רויט. ער האָט געקאָנט פיין שרייבן בריוולעך, מיט אַלערליי בריוולדיקע געדאַנקען. איז מען שוין געזעסן ביים טיש, און אַלע אינאיינעם האָבן באַוויזן בריהשאַפט אויסצוצאַצקען שענער אותיות. מען האָט דעם פינפערנעם וואַנט-לעמפּל איבערגעביטן אויף אַן אַכטערנעם; בעבל האָט איעדן פאַרנאַכט געפוצט דעם לאָמפּ — איז טאַקע דעריבער געוואָרן ליכטיקער אין שטוב. דער זיידע

איז גאַנץ אָפט אַראָפּגעקראָכן פון אויוון, בשעת אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן צו רודערן.

האָט דעריבער געטראָפן, ווען איך בין אָנגעקומען אַהיים פון חדר, לויפנדיק, אַנטלויפנדיק פון פראָסט, וואָס האָט מיך נאָכגעיאָגט לענגאויס דער גרעבליע, ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטוב אַריין — האָט מיר אין פּנים אַ שלאָג געטון אַ ליבע וואַרעמקייט. ווייל דער בחור, וואָס איז געוואָרן אַן אַריינגייער צו אונז, און וואָס איז גע־ווען אַ פּאַרבער — האָט אויך געקאָנט זיין אַ מוליער. האָט ער אונ־זער וואַנט-אויוון איבערגעמאַכט. אַריינגעפּאַסט אין אים אַ פּליטע... האָט מען שוין געקאָנט נעמען אינמיטן דער העלער הויט, ווען אויפן הארצן איז געווען גוט — אָנרייבן קאַרטאָפליעס און באַקן לאַטקעס אויף דער פּליטע.

דער שוואַרצהנעוודיקער יונג האָט געבראַכט צו אונז אַלערליי לידער מיט ווערטער, און האָט אויסגעלערנט בעבלען און משהן. האָט מען אָנגעהויבן צו זינגען אין שטוב ניגונים מיט ווערטער. איז צום זיידנס רויטן און ראָבן ניגון צוגעקומען: „אין סאָכע ליגט מזל און ברכה", אָדער: „ווען זע איך עס דורך די שויבן, וואָס פליען-אָן, ווי טויבן?..." דערציילט האָט שמואל פּאַרבער, אַז די לידער האָט פּאַרפּאַסט אַ מענטש, וואָס הייסט: אליקום צונזער, אָדער אליקום בדכן. די מאַמע האָט אויך ברייט אויפגעעפנט אירע אויגן, הערט די זייע לידער, וואָס הילכן איבער דער גאַנצער שטוב. אפילו דער טאַטע הויבט אויף העכער דעם קאָפּ, בעת מען זינגט: „אין סאָכע ליגט מזל און ברכה..." אים טוט הנאה, ווען איך קען די דאָזיקע לידער מיט־זינגען.

איך האָב עפּעס אונטערגעהערט: ער, דער פּרעמדער, וועט ווערן בעבלס חתן. וועט זי מיט אים אַוועקגיין. טראַכט איך: ווי אַזוי וועט עס בעבל קאָנען אינגאַנצן פון אונז אַוועקגיין? וואָס וועט פון דער שטוב ווערן אָן בעבלען?

מען רעדט אויך, אַז איבעראַיאָר הערבסט וועט קלמן באַדאַרפן שטיין צום פּריזיוו. האָט מען מורא, טאָמער נעמט מען און מען גיט אים אָפּ פאַר אַ סאָלדאַט. זע איך דעריבער קלמנען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. ער דאַוונט נאָך לענגער; פּאַסט אָפטער מאָנטיק און דאָנערשטיק; זאָגט תהילים מיט אַזאַ ווייַנענדיקן ניגון.

איז מיר דעריבער אין יענע ווינטערנעכט צומאָל טרויעריק,

כאָטש ביי אונז איז אָפט פריילעכער. טרעפט דעריבער, איך קום אַהיים בשעת דער עולם אין שטוב זינגט, נאָכדעם ווי איך עס אָפּ וועטשערע — נעם איך אַראָפּ פון פּאָליצע מיין גמרא און קוק אַריין; נעם אַראָפּ דעם תנ״ך און קוק אַריין צו די נביאים. אינדערהיים נאָר ווערט מיר די גמרא אַ פריינט, אינדערהיים נאָר וויל איך פאַרנעמען די רייד פון די נביאים. איך האָב ליב דעם נביא ירמיה. איך האָב ליב אויפצומישן דאָס אָרט, ווו ער זאָגט: געבענטשט איז דער מענטש, וואָס אין גאָט איז זיין בטחון; ער וועט זיין ווי דער בוים, וואָס איז געפלאַנצט ביי אַ גרויס וואַסער, וואָס צו די וואַסערן שיקט ער די וואָרצלען און האָט נישט קיין מורא פאַר דער היץ, וואָס קומט; זיינע בלעטער זענען גרין...

— ווייסט איר וואָס, קינדערלעך — זאָגט די מאַמע — ס׳איז אַ פינסטערע נאַכט, די לבנה איז נישטאָ, וואָלט גוט געווען, ווען איר פּאַטשאַפּעט טרוקענע האָלץ, וואָלט איך ראַשטשיניען אַ ברויט.

דאָ הויב איך אויף די אויגן. איצטער איז שוין מיין צייט אויך, איך זאָל אַמאָל צופרידנשטעלן דער מאַמען. האָלץ אויף ברויט-באַקן באַדאַרף זיין, — אמתע האָלץ — נישט קיין אָלשענע צווייגן. אַזאַ האָלץ קאָן מען פּאַטשאַפּען מיט איינשטעלעניש: ווייט, ווייט, ביי דער אייזנבאַן, ליגן אין אַ קאַסטער איינגעלייגט אַלטע שוועלן, וואָס מען האָט אַרויסגעצויגן פון אונטער די רעלסן, בשעת מען האָט נייע, געזונטע שוועלן אַרונטערגעלייגט. דעמבענע שוועלן זענען עס — שווערע ווי אייזן. איין מענטש קאָן אַזאַ שוועל נישט טראָגן. און ס׳איז ווייט.

— קומט, לאָמיר אַלע גיין! — זאָגט דער פרעמדער — קום דו, פרץ אויך...

און אָנשטאָט גיין שלאָפן — קריכט מען אַריין אין פּעלצלעך, אין וואַטעווקעס; טוז אין דער קאַלטער, פינסטערער נאַכט אַריין! דורך די פּאַרשנייטע, אייזיקע לאַנקעס טרעט דער פרעמדער, און מיט אים בעבל, משה און איך. מען פאַלט ביזן בויך אין שניי און מען גייט ווייטער. ווינטערדיקער כח כאַפּט מיך אַרום נאָכדעם, ווי איך בין אַ מידער געקומען פון חדר, נאָך אַ גאַנצן טאָג לערנען אין פאַרדומפּענעם חדר.

שטילער, שטילער, אָט איז מען שוין ביי דער אייזנבאַן. כאָטש קיינעם נישט צו זען — אָבער ביימער זענען עדות; וואָלקנס ציען

אונטערן הימל און זענען עדות; דער שניי אונטער די פיס איז אוודאי אַן עדות. טיף אין שניי בלייבן אונזערע טריט, און איך טראַכט פון דידאָזיקע טריט, וואָס וועלן לאַנג בלייבן הינטער אונז.

אָבער די הענט האָבן שוין אונטערן שניי אויפגעזוכט דעם געזינטסטן, דעמבענעם שוועל. „די שוועלן געהערן צו דער מלוכה; די מלוכה וועט זיי שפּעטער פאַרברענען... דאָס איז נישט קיין גנבה... אַזוי רעדט איינער צום אַנדערן, כּדי עס זאָל זיין גרינגער צו טראָגן דעם שוועל.

דער שוועל איז אָנגעלאָדן ביי דרייען אויף די אַקסלען, און איך, דער פערטער — האַלט אונטער מיט די הענט. איך מיין, אַז איך העלף. אַ צעוואַרעמטער לויף איך נאָך די גרויסע אין טיפן שניי.

אַזוי קומט מען אָן מיטן דעמבענעם שוועל אין שטוב אַריין.

„אַ שרעק, וואָס פאַר אַ משא דאָס איז!" — פּרוּווט דער טאַטע דעם שוועל אַ ריר טון. דער זיידע איז אויך אַראָפּגעקומען פון אויוון און טורקעט דעם שוועל מיטן פוס, איז אויך מסכּים, אַז אַ גרויס בריה-שאַפט האָט מען באַדאַרפט באַווייזן פון אַזאַ ווייט אים אַריבערצו-דזשוויגען. און טאַקע באַלד נעמט מען אַריין די זעג. רייטנדיק אויף דעם שוועל, דער זיידע פון איין זייט און דער טאַטע פון דער אַנ-דערער זייט, קאַטעוועט בעבל מיטן פרעמדן דעם דעמב, און עס שמעקט מיט עסיק פון דעמבענעם האָלץ.

— אַוודאי מאַכט מען דאָך אויף דער וועלט עסיק פון דעמבענע קאָרע — מאַכט דער זיידע.

דעם שלאָף האָט מען אינגאַנצן פאַרטריבן פון שטוב. אַוועק דער שלאָף פון ליפּעס מיל. „אין סאָכע ליגט מזל און ברכה..." מען שטעלט אָן דעם סאַמאָוואַר, און דער פרעמדער יונג דערציילט מעשׂיות פון אַנדערע שטעט, דערציילט פון דער שטאָט סעמיאַטיטש, פון וואַנען ער קומט, און ווו עס שטייען נאָך גרעסערע מילן ווי אונזערע. דאָרטן איז טאַקע דער טייך נוריץ, וווהין אונזער טייך פאַלט אַריין...

אַזוי נאַכט נאָך נאַכט. גרינגער איז דער ווינטער. דער פראָסט שטשימעט נישט אַזוי שטאַרק. דעריבער רוישט שטאַרקער די באַן, ווען זי לויפט פאַרביי. דעריבער זעט מיר אויס, אַז אונזערע ביימער, די שטאַרקע, הויכע, טונקעלע, אָלשענע ביימער, וויגן זייערע קעפּ ברייטער און ווייטער—אַזש בוים-מיט-בוים פלעכטן זייערע אויבערשטע צווייגן אינאייגנעם.

דעם ערב־פסח האָט מען מיר ווידער אָנגענומען קאָרט אויף אַ קאַפּטן. מאָטיע דער שניידער האָט צוגעזאָגט צו מאַכן אויף פּסח און האָט געהאַלטן וואָרט. די מאַמע, ביים מאָס־נעמען האָט אים געזאָגט, אַז אין דעם נייעם קאַפּטן וועל איך שוין פאָרן אינדערפרעמד; וועל פאָרן קיין בריסק. האָט דעריבער מאָטיע צוויי מאָל גענומען די מאָס, האָט אָנגעטאַפּט ווי געהעריק איז, ווו מיין פּלייצע איז און ווו מיין בויך איז; גענומען אַ מאָס — לאַנג גענוג אויף אויפצווואַקסן.

— אויב פאַר בריסק, באַדאַרף מען שוין באַווייזן, ווי מ׳גייט ביי אונז אין קלעשטשעל — האָט מיר מאָטיע דער שניידער וואַרעם געקלאַפּט אין פּלייצע.

דעם פּסח אין בית־המדרש האָבן שוין געוווּסט אַלע מיינע חברים, סיי פון מאַטעסן און סיי פון זלמן שרייבער, אַז איך וועל נאָך פּסח אַוועקפאָרן קיין בריסק. חברים האָבן מיך אָנגעקוקט מיט פאַרבענקטע אויגן. אין אמתן איז מיר אינדערהיים דער פּסח נישט איינגעגאַנגען. ווען איך האָב ביים סדר געפרעגט די פיר קשיות, האָבן די שטובלייט צופיל גענויגט דעם אויער צו מיין זייט; האָבן אַלע צופיל געקוקט אויף מיר.

—איך פאַרהאָף צו גאָט, אַז דו וועסט איבעראַיאָר אין דער צייט ווידער זיצן מיט אונז אַלעמען ביים טיש — האָט די מאַמע טרויעריק אַרויסגערעדט.

מיין אַוועקפאָרן איז געווען אויסגעמישט מיט אַ סך פרייד און מיט נאָך מער טרויער. ביי אַ וואָך נאָך פּסח איז דאָס אויסגעקומען, ווען דער וועג איז שוין געווען צוגעטריקנט. אַ גאַנצן טאָג האָט מיך די מאַמע געגרייט אין וועג אַריין. אַלע מאָל אויפגעבונדן דאָס פּעקעלע, אין אַ ווייסער פאַטשיילקע איינגעוויקלט, און נאָך עפּעס אַריינגעלייגט. טרערן האָב איך באַמערקט אין די אויגן ביי די עלטערע אין שטוב. אפילו דער טאַטע האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, בשעת איך האָב געקושט די מזוזה פאַרן אַרויסגיין פון שטוב. שווער איז מיר געווען צו קוקן אין די אויגן פון די שטוב־לייט. אַ גרויס רחמנות איז מיר געווען אויפן זיידן יהושע, וואָס האָט דאָסמאָל מיר אויסגעזען אַ סך קלענער; אפשר דערפאַר, ווייל איך בין אַביסל אויסגעוואַקסן.

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען, אַז בעבל איז אַ גרויסע

משה איז גאָר אַ פיינער בחור; קלמן איז נאָך אַלץ אַזוי שעמעוודיק — אפילו איצטער קוקט ער צו דער ערד.

קיין בריסק בין איך נישט געפאָרן מיט דער באַן. קיין בריסק בין איך געפאָרן מיט אַ פור, אַ פרעמדע פור, וואָס האָט פאַרנאַכט באַדאַרפט אָפּפאָרן פון שטעטל קיין בריסק. קלמן האָט מיט מיר באַדאַרפט מיטפאָרן, באַגלייטן מיך קיין בריסק, און איבערגעבן מיך אין די הענט פון דער עלטסטער שוועסטער.

איז מען מיט מיר געגאַנגען אין שטעטל אַריין צופוס. דער זיידע האָט מיר געוווּנשן: איך זאָל נישט פאַרגעסן אָן דער היים, און געדענקען זיינע ניגונים. ער אַליין איז געבליבן אינדערהיים. בעבל האָט מיך לאַנג געקושט אין פנים; אויסגעקושט איעדן ווינקעלע פון פנים. אירע גרויסע, גרויע אויגן האָבן געגאָסן מיט טרערן, און אַרום מויל איז געווען אַ ברייטע פאַרוווּנדערונג — כאָטש זי האָט געשמייכלט. זי איז געבליבן מיט דער יינגסטער שוועסטער אין שטוב. דער טאַטע, די מאַמע און משה זענען מיטגעגאַנגען אין שטעטל אַריין.

איז דאָס געווען אַ שטילער גאַנג. מען האָט געהערט דעם געמורמל פון די טייכלעך אין די קאָרטשעס ביי דער זייט וועג. מען האָט געהערט דאָס קוואַקען פון די קאַטשקעס, וואָס האָבן מיטן סטאַוו געצויגן אַהיים. מען האָט געהערט דעם סאָלאָוויי, וואָס האָט באַזונגען דעם פרילינג פאַרנאַכט. אָבער די אַלע, וואָס זענען איצטער געגאַנגען מיטן וועג, וואָס פירט פון ליפּעס מיל אין שטעטל אַריין — זיי האָבן געשוויגן. אַמאָל האָט עס אַ טרער אַראָפּגעטריפט פון דער מאַמעס אויגן, און אַמאָל האָבן טרערן־טראָפּן אַרויסגעקוואָלן פון מיינע אויגן.

קיינמאָל האָט מיך דער פאַרנאַכט נישט געהאַלטן אַזוי אַרומגענומען מיט זיינע ראָזע און גרינע אָרעמס ווי דעמאָלט. איך האָב געשפּירט, ווי די ביימער הינטער מיר שעפּטשען עפּעס אין דער שטיל. געשפּירט, ווי דער סטאַוו זאָגט עפּעס דעם גרינעם אייר, וואָס שפּראָצט שוין ביי זיינע ראַנדן. קומענדיק אין ערשטער יידישער גאַס, בין איך פאַרגאַנגען צום אריה דעם שניידער און געזאָגט מיין זייגעזונט. רחלע די קאַשעמאַכערקע האָט געוויינט. און מיין מאַמע האָט מיטגעוויינט.

די פור, וואָס האָט מיך באַדאַרפט פירן קיין בריסק, איז שוין

געווען אַן אָנגעלאָדענע: אַ גרויסער, דראַבינעאַסטער וואָגן, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר רויטע פערד, איז געווען אָנגעלאָדן מיט הינער, קאַטש־קעס, גענז, קעלבער און זעק קאַרטאָפליעס. צווישן צוויי קעלבער האָט מען מיך אַריינגעזעצט, מיר זאָל זיין ווייך און וואַרעם, באַשר מען וועט פאָרן אַ גאַנצע נאַכט. די פור איז געווען אַרומגערינגלט מיט נאָך טאַטעס און מאַמעס, וואָס זענען געקומען זען, ווי פּרץ לי־פּעס פאָרט אַוועק קיין בריסק.

ווען די פור האָט גערירט, האָבן אין מיר אַלע טרערן־קוואַלן גערירט. איך האָב געשלונגען די טרערן, ווי דאָס וואַסער פון אונזער טייך. האָב געזען, ווי די טרערן וואַשן מיין מאַמעס פּנים.

דער טאַטע האָט זיין פּנים אָפּגעווענדט אין אַ זייט; משה האָט מיט די הענט געווישט די אויגן, ער זאָל מיך נאָך קאָנען זען פון־דערווייטנס.

*קאַפּיטל אַכצן*

# אין בריסק

אַ מענטשעלע איז אָנגעקומען קיין בריסק; אַ מענטשעלע, מיטן נאָמען פּרץ ליפּעס; אים גייט אין עלפטן יאָר. געקומען קיין בריסק לערנען תורה. אָנגעקומען אין אַ דראַבינקעסטן וואָגן, צווישן צוויי רויטע קעלבער און צוויי שטעטלשע ווייבער, איינגעוויקלטע אין שווערע פאַטשיילעס, כאָטש ס'איז שוין געווען וואַרעם. מיין ברודער קלמן איז געזעסן ביי דער זייט, די פיס אַראָפּגעהאָנגען פון די דראַבענעס, און דער פורמאַן, אַן אומבאַקאַנטער, גאָרנישט קיין קלעשטשעלער, וואָס האָט געפּאָכט מיט אַ רימענער בייטש איבער די רוקנס פון די צוויי פאַרשוויצטע פערד.

געלע זאַמדן אַרום דער שטאָט בריסק, ברייטע, זאַמדיקע גאַסן מיט נידעריקע שטיבער פון ביידע זייטן גאַס, און אַ סך יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט קליינע און גרויסע דענקע-היטעלעך אויפן קאָפּ. אַ ברייט-צעשאָטענע שטאָט אויף די געלע זאַמדן. די זון וואַרעמט. געווען אַרום האַלבן טאָג, ווען מ'איז אַריבערגעפאָרן אַ סך אייזנבאַן-רעלסן, נישט ווייט פון אַ גרויסן וואָקזאַל. אין וועג באַגעגנט נאָך פורן; לאַנגע, נידעריקע וועגענער; הויכע, טיפע וועגענער; רויטע פערד, שוואַרצע און ווייסע פערד — אונזער געשפּאַן אינאיינעם מיט זיי. אַזוי גאַס-איין, גאַס-אויס. אויפן וועג פרעגט מען: „ווו איז אַזאַ און אַזאַ גאַס? ווו איז אַזאַ און אַזאַ שטוב, ווו עס וווינט הערשל דער באָנדער און זיין ווייב פרישקע?"

כאָטש אַזאַ ברייטע שטאָט בריסק; גאָר אָן אַ סוף גאַסן און געסלעך – פונדעסטוועגן, אַז מען פרעגט אַ יידן, ענטפערט ער. אַן

אַנדער ייד דערקענט, אַז דאָס פּאָרט אַ ייִנגל קיין בריסק לערנען תּורה. מײַנע פּיאהלעך דערציילן עס; מײַן שמאָל פּנימל זאָגט אויס דעם סוד.

אָנגעקומען צו דער שוועסטער פרישקע. אַן אַלט שטיבל, וואָס האָט נאָך אַ בוידעם־שטיבל. אויפן בוידעם־שטיבל לעבט מײַן שוועסטער פרישקע. זי האָט דורכן פענסטערל דערקענט — געסט זענען אָנגעקומען! איז זי אַראָפּגעלאָפן באַגעגענען. זי קושט, ווי אַ שוועסטער, אין ביידע באַקן; סײַ קלמנען און סײַ פּרצן. מײַן שוועסטערס מאַן, הערשל באַנדער, איז טאַקע אַ באַנדער, וואָס שלאָגט אָן רייפן אויף פעסלעך. דרויסן פאַרן שטוב ליגן אָנגעוואָרפן אַ סך רייפן און אַ סך פעסלעך. אַ נידעריקער ייד, מיט אַ ברייטער, געלער באָרד און ברייטע, האַרטע הענט — דאָס איז מײַן שוואָגער הערשל באַנדער. אים האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. צוויי ייִנגלעך קליינע — זיי זע איך אויך צום ערשטן מאָל.

מען קוקט איינער דעם אַנדערן אָן, און מען רעדט צוביסלעך.

— ווי איז דאָס געווען דער וועג? — פרעגט מײַן שוועסטערס מאַן.

— אַ גאַנץ גוטער וועג געווען — דערציילט פּאַמעלעך קלמן — דאַנקען גאָט, אַ גוטער וועג געווען. מער נישט, אין וועג אויפן שאָסיי, בײַנאַכט איז דאָס געווען — איז דער וואָגן אַראָפּ פון וועג. דער וואָגן איז געפאַלן מיט די רעדער אַרויף, און פּרץ און די קעלבער אונטערן וואָגן — יאָ, זענען אַרײַנגעפאַלן אין נאַסן גראָבן אַרײַן...

דערקענט טאַקע מײַן שוועסטער פרישקע, אַז פּרץ איז אין בלאָטע אויסגעשמירט. מען לאַכט און מען דאַנקט גאָט פאַרן נס. מען וואָלט אפשר באַדאַרפט גומל בענטשן; חלילה געקענט זײַן אַ גרויס אומגליק.

אָט אַזוי בין איך שוין בײַ מײַן שוועסטער אין בריסק. באַלד הויבט מען אָן צו רעדן פון מלמד:

— יאָ, אַ גרויסער מלמד, — זאָגט די שוועסטער, — גערעדט מיט אים. וועט נעמען צוועלף רובל אַ זמן. אַ מלמד, וואָס שמט. מען וועט איבערבייסן, וועט מען קאָנען אַריבערגיין צוג׳אים; וווינט די אַנדערע גאַס.

די שוועסטער פרישקע איז אַ רעדעוודיקע. זי איז אַביסל נישט געראָטן אין אונזערע. זי איז קאָסאָקע, נידעריק געוואַקסן, נאָר וועןׅ

זי רעדט – דוכט מיר, דער טאַטע רעדט, צי טאַקע קלמן, אָדער בנימין חיים רעדן.

– דאָ וועסטו שלאָפן, פּרץ, – זאָגט די שוועסטער, אָנווייזנדיק מיר אַ סאָפקע אונטער דער אויסגעבויגענער וואַנט פון בוידעמשטיבל – עס וועט אים חלילה גאָרנישט פעלן; וועל אים האַלטן טייער, ווי אַן אייגן קינד. צו עסן וועט אים נישט פעלן; זאָל ער נאָר זיין געזונט און וועלן לערנען.

דער שוואָגער הערשל, ער האַלט די אויגן צו דער ערד און הערט וואָס פרישקע רעדט. טוט פּלוצלינג אַ שמייכל אין דער געלער באָרד אַריין און פרעגט:

– טאַקע נישטאָ שוין פאר אים קיין מלמדים אין קלעשטשעל?

– געבליבט איז דער אויבערשטער, נישטאָ קיין מלמד פאַר אים אין קלעשטשעל — זאָגט קלמן, אויך מיט די אויגן צו דער ערד.

בריסקער בייגל זענען אַנדערש ווי קלעשטשעלער. קלעשטשעלער זענען דינע, גלאַטע מיט גרויסע לעכער. בריסקער בייגל זענען גראָבע, געדרייטע פון עטלעכע פלעכטלעך. מיט אַזעלכע בייגל האָט מיך די שוועסטער מכבד געווען. בריסק באַקט נאָך געשמאַקע פּלעצל מיט אָנגעבראָקטע ציבעלע פון אויבן – אויך מיט פּלעצל האָט מיך די שוועסטער מכבד געווען.

נישט געווען קיין איבעריקע צייט צו באַטראַכטן מיין שוועסטערס שטוב. נישט געווען פון וואָס אַנדערש צו רעדן, ווי פון מיין תורה-לערנען. חלילה, אַ טאָג פאַרשפּעטיקן, וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה. איז מען טאַקע באַלד נאָכן איבערכאַפּן אַ קאַפּעלע אויסרוען, זאַלבעדריט, די שוועסטער, קלמן און איך, אַוועק צום גרויסן מלמד, וואָס וועט מיט מיר לערנען תורה – באשר אין קלעשטשעל זענען שוין די מלמדים צו קליין.

אָבער פאַרוואָס געדענק איך אַלערליי געשעענישן, וואָס זענען פאַרלאָפן אין מיינע קינדערשע יאָרן נאָך דעמאָלט, ווען איך בין געווען אַ ברעקעלע ביי דער ערד; ווען מיינע קינדערשע טריט האָבן געמאָסטן די ווייטקייטן אַרום אונזער מיל, און אַזאַ גרויסע געשעעניש אין מיין לעבן, ווי פאָרן קיין בריסק לערנען, בעת איך בין שוין געווען אַן עלף-יאָריקער ייד; אַזויפיל גמרא געהאַט אין קאָפּ; אין אַזויפיל תורה שוין אויסגעווייקט און צום ערשטן מאָל געקומען אין

אַזאַ גרויסער שטאָט ווי בריסק, כּדי צו לערנען תּורה ביי אַ בריסקער מלמד — נעם איך גאָר און פאַרגעס, ווי מיין מלמד האָט געהייסן און אויסגעזען; פאַרגעס דעם חדר און די תּלמידים; פאַרגעס אפילו די מסכתא, וואָס איך האָב ביים בריסקער מלמד געלערנט?

איז דאָס מסתּמא דערפאַר, וואָס נישט דער בריסקער מלמד איז געווען אין מיין לעבן דאָס געשעעניש — נאָר בריסק אַליין. נישט אַזוי דאָס קומען קיין בריסק — ווי דאָס אָוועקפאָרן פון מיין היים אין ליפּעס מיל, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן, אונטערגעוואַקסן און אינאיינעם מיט די ווייַנפּערלעך און מאַלינע-ביימלעך געווען איינגעפלאַנצט אין דעם נאַסן, שוואַרצן, מיט מאָך-באַדעקטן גרונט...

עפּעס געדענק איך, אַז די תּלמידים זענען געווען אַ סך גרעסער פון מיר. דער רבי — אַן אומרויקער און נישט מיט קיין קלאָרן דיבור, וואָס איז אומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער איבערן חדר. אַרום חדר זענען געווען שמאָלע און ברייטע, נישטגעברוקירטע, זאַמדיקע גאַסן, געדיכט-באַוווינטע מיט יידן.

איך געדענק דווקא די אָרעמע, אָפּגעריסענע בריסקער ווייבער, און פאַרהונגערטע, אָפּגעריסענע, פאַרשמייעטע בריסקער קינדערלעך. ביי מיר לעבט אין דמיון דער מענטשן-געשריי, וואָס דאָס לעבן גופא האָט געהאַט אין די זאַמדיקע גאַסן; געדענק די שווערע לאַסטוועגענער, יידישע באַלעגאָלעס, און אַ סך זעק משא אויף די וועגענער, און אַ לאַנגע בייטש, וואָס קנאַקט שטענדיק איבער די רוקנס פון פאַרמאַטערטע פערד, וואָס שלעפּן די לאַסטוועגענער דורך בריסקער געזעמדן.

נאָך אינדערהיים האָט מען דערציילט פון אַ גרויסן טייך מוכאוויץ, וואָס אין בריסק. אַ טייך, וואָס אויף אים זענען קיין מילן נישטאָ, באשר דער שטראָם איז אַ צו שטאַרקער — ער וואָלט אַ מיל, ווי אַ שפּענדל אָוועקגעטראָגן. אויף אים טרייבט מען פּליטן; גאַנצע וועלדער צונויפגעבונדענע טרייבט מען אויף זיין שטראָם אין ווייטע לענדער.

איך האָב אויך געוווּסט, אַז אין בריסק איז פאַראַן אַ גרויסער רב, אפשר דער גרעסטער אויף גאָר דער וועלט — ר׳ יוסף בער איז זיין נאָמען. און אין בריסק זענען פאַראַן אַזויפיל בתּי-מדרשים, ווי אַזויפיל, אַזויפיל ישיבה-בחורים לערנען. אין בריסק רופט מען זיי נישט ישיבה-בחורים — נאָר אָרעמע-בחורים...

בין איך דע־יבער אַליין, שטילערהייט אַוועק אַהין, ווו עס גייט זיין וועג דער גרויסער טייך מוכאַוויץ. גרינג געווען צו געפינען דעם וועג. ווייל בריסקט טרינק וואַסער פון טייך; וואַסערפירער פירן ס׳וואַסער פונאַנדער אין גרויסע, בייכיקע פעסער, און פאַרקויפן עס עמערווייז צו די בריסקער הייזער. פונוואַנען די וואַסערפירער זענען אָנגעקומען — אַהין בין איך פאַרטייטערהייט, מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ, געגאַנגען. די ערשטע וואָך מיינע אין בריסק איז דאָס געווען. אָנהויב זומער, פאַרנאַכט איז דאָס געווען.

האָט דער גרויסער טייך מוכאַוויץ מיט זיינע נידעריקע ברעגעס געמאַכט, איך זאָל דערשפירן, פריער אַ היץ און דערנאָכדעם אַ פרעסטל אין אַלע מיינע גלידער. ס׳גרויסע וואַסער האָט מיט אַ ברייטגעעפנטער וואַסער-אויג אַ קוק געטון אויף מיר. אַזאַ שטרענגער קוק איז דאָס געווען; אַזאַ ברוגזער קוק איז דאָס געווען. און תיכף איז מיר געקומען פאַרן רעיון מיין אייגענער טייך, וואָס שטענדיק, שטענדיק האָב איך פון אים געטרונקען, און מיין פנים, מיין גאַנץ לייב געוואַשן.

שטייען דאָ-און-דאָרטןביימער ביי די ברעגעס פון גרויסן מוכאַוויץ. מען זעט, די ביימער האָבן פחד פאַרן שטראָם. די ביימער ביים ברעג זעען, ווי אויפן מוכאַוויץ שווימען גאַנצע וועלדער געבונדענע פליטן. אַ דובאָוויק קירעוועט דעם פליט, קירעוועט אים מיט אַ לאַנגן רודער, און שווימט פאַרביי די ביימער, וואָס וואַקסן ביים ברעג.

איך זיץ ביים ברעג, די פיס אונטער זיך, און הער, ווי מיין אייגענער טייך רעדט צו מיר: „גענומען און מיך איבערגעלאָזן איצטער, ווען אַזוי שיין איז נעבן מיינע ברעגעס. טשערעמכע בליט; די ווערבע גרינט; די טונקל-שטאַמיקע אָלשענעס האָבן שוין אויף די צווייגן פעטע, רונדע בלעטלעך... אָט באַלד וואָלסטו שוין געקאָנט נעמען אַ בלעטל, אַנידערלייגן אויפן פויסטרערלע, אַ פאַטש טון מיט דער אַנדערער האַנט אין בלעטל און אויסשיסן...״

קוקנדיק צום ברוגזן מוכאַוויץ, הער איך דעם: טלאַפּאַ-טלאַפּאַ, דאָס פריילעכע קלאַפּן פון אונזער מיל. זינגעוודיק רוישט דאָס וואַסער אונטער די וואַסער-רעדער. קוואַק-קוואַק-קוואַק! — -- — שרייען די קאַטשקעס אויפן סטאַוו... די קוקופקע מאַכט: קו-קו, קו, קו-קו...

דער פאַרנאַכט ענטפערט אָפּ פון אַן אַנדער זייט. פון די קאַרטשעס הינטער דער מיל ענטפערט דער פאַרנאַכט: קוו-קוו, קוו, קוו-קוו — — —

נישט ווייט פון אָרט, ווו איך זיץ, קומען אַן איינס נאָכן אַנדערן די וואַסערפירער, פאָרן אַריין אין מוכאַוויץ אַריין. דאָס וואַסער ביי די פערד ביז צום בויך. ביי איבער די רעדער דאָס וואַסער. די פערד פּאָכן מיט די ווידלען און שפּריצן מיט וואַסער. די וואַסערפירער שטייען אויפן וואָגן, שעפּן דאָס וואַסער פון טייך מיט אַן עמער-שעפּ אויף אַ לאַנגן שטעקן, גיסן עס אין פאַס אַריין. זיי שעפּן דאָס וואַסער ביי די פערד אונטער די פיס. אומריין-וואַסער גיסן זיי אין די פעסער אַריין.

ווו מיר גמרא? ווו מיר תנ"ך? ווו מיר אַ בריסקער מלמד? ווען מיר נייע חברים? און וואָס איז גמרא, אויב דאָס האַרץ גלוסט גאָר צו די באַהעלטענישן הינטער אַ בוים, אויף וועלכן אַ האָלץ-פּיקער פּיקט און זוכט ווערימלעך אונטער דער קאָרע? אויב דאָס האַרץ באַדאַרף גאָר אַ באַהעלטעניש הינטער אַ בוים, אויף וועלכן דער סאָלאָוויי באַזינגט דעם פאַרנאַכט? איך בין געגאַנגען צו משה מרדכין, צו מאַטעסן און צו זלמן שוייבער, ביי זיי האָב איך געלערנט — וואָס איך האָב געלערנט. איינאיינעס מיטן לערנען האָב איך געטראָטן דעם שטעג פון שטעטל אַהיים. איינאיינעם מיטן טרעטן דעם שטעג, האָב איך פאַרשטאַנען דעם ווינט, וואָס האָט געבלאָזן צווישן די ביימער. מיט די ביימער ביי ביידע זייטן וועג בין איך געוואַקסן. פריער געפּויזעט אויף אַלע פיר. שפּעטער — אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. גאָר שיין איז געווען דער וועג איבער אונזער בריק ביי דער מיל, וואָס האָט אַריבערגעפירט צו אַ שמאָלן גראָבן מיט קילבלעכע וואַסער, וואָס איז אָנגעקומען פון אַ פאַרבאָרגענער קרעניצע. גוט געווען צו וואַרפן שטיינדלעך אין יענעם גראָבן, שרעקן די קליינע פישעלעך, וואָס זענען פון טייך געקומען אין גראָבן אַריין.

דער גרויסער מוכאַוויץ רעדט אויך צו מיר. זיין שפּראַך פאַרשטיי איך נישט. דער גרויסער בריסקער טייך קוקט צו מיר פרעמד, ווי די מענטשן די גרויסשטעטישע, וואָס איך זע זיי אומשמאיען אין די זאַמדיקע, נישטברוקירטע גאַסן.

אינדערשטיל בין איך אַוועק צו דער גרויסער בריסקער שול און ביי מנחה דאָרטן געזען דעם גרעסטן רב אויף דער וועלט — דעם רב ר' יוסף בער... האָט אַזאַ גרויסן קאָפּ און ברייטן שטערן.

האָט שוואַרץ-גרויע האָר מיט אַ אויף-צווייען צעשפּיצטע, נישט קיין גרויסע באָרד. און האָט צוויי שוואַרצע אויגן, וואָס ברענען און לע- כערן דורך, ווען זיי וואַרפן אויף עמעצן אַ בליק. ער איז אומגע- גאַנגען אויף-און-אָפּ אין דער פאַרנאַכטיקער שול, די הענט אויף הינטן פאַרלייגט און געקוקט אויף אַראָפּ. איז ער גאָר נאָענט צוגע- קומען צו מיר און אויף מיר אַ קוק געטאָן — איז מיר קאַלט גע- וואָרן. פאַרוואָס לעכערן אַזוי דורך זיינע אויגן? קוקט עס אַזוי שאַרף אַרויס פון זיינע אויגן די תורה?

דער טאַטע וויל, איך זאָל זיין אַ רב. און ווי קען איך עס זיין אַ רב ווי ר׳ יוסף בער? צי בין איך דען מיט עפּעס אין אים געראָטן? איז ער דען אַמאָל געווען אַזאַ קליין ייִנגל ווי איך? איז ער טאַקע געוואַקסן אין בריסק, אין דערדאָזיקער זאַמדיקער שטאָט צווישן אַזויפיל אָרעמע און הונגעריקע יידן? צווישן אַזויפיל שוואַכע מענטשן אַזעלכע?

פון די בתּי מדרשים אַרום שול שאַלן אַרויס קולות. יונגע בחורים ביי דער גמרא. אוי, זינגען זיי! זייערע געזאַנגען נישטערן אַפּריער אין אַלע ווינקלען פון בית המדרש, איידער זיי קומען אַרויס דרויסן דורך די אָפענע טיר און פענסטער. זייער געזאַנג צענעמט מיך. טרערן קוועלן מיר אין די אויגן. זיי לערנען אַליין. איעדערער פון זיין אייגענער גמרא. איעדערער ביי זיין סטענדער און זיין ספר. האָבן נישט קיין מלמדים. האָבן נישט קיין חברים. כאָטש ווי זיי — אַ, ווען איך קען זיין! כאָטש ווי זיי, ווען איך קען האָבן אַליין מיין סטענדער, מיין גמרא און מיין ווינקל ערגעץ אין אַ בית- המדרש...

אַזוי צו זיין באַדאַרף איך ווערן אַ ישיבה בחור. באַדאַרף איך אָנהויבן עסן טעג. אָנהויבן שלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק. נישט עסן ביי אַ שוועסטער. נישט שלאָפן ביי אַ שוועסטער. ווי שטייט עס אין פּרק אבות? „פּת במלח תאכל: ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן..." ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן; וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען און אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן — דעמאָלט וועסטו קע- נען לערנען תורה. דעמאָלט וועסטו ראוי זיין צו קענען לערנען תורה.

בריסק און ליפּעס מיל. צווישן בריסק און ליפּעס מיל איז אַ ווייטקייט אַזאַ, וואָס איך קאָן זי נישט באַנעמען. קומען-אויף טעג און פאַרגייען. גייט-אויף די זון און פאַרגייט, און אַ קוקופּקע מאַכט קו-

קו, קו, קוקו, און הערט צום ווידערקול, וואָס ענטפערט איר אָפּ פון ערגעצן... וואָס טו איך אין בריסק? איך בענק. אַהיים? איך ווייס אַליין נישט, וווהין איך בענק. אַרויס פון מיין היימישער וועלט ביי ליפּעס מיל און נישט געקומען צו אַן אַנדער וועלט — כאָטש אין בריסק בין איך.

און ווייל מיין גאַנץ לעבן איז אַפּנים איבערגעבליבן ביי ליפּעס מיל, דעריבער געדענק איך איצטער נישט, נישט מיין בריסקער רבין, נישט מיינע חברים אין חדר, און נישט די תורה, וואָס איך האָב דעמאָלט אין בריסק געלערנט.

מער נישט איין זאַך געדענק איך, וואָס איך האָב דערגאַנגען דעמאָלט אין בריסק: כ'האָב באַוויזן צו קייען גלאָז. אמתע גלאָז.

און געווען איז דאָס דעמאָלט, ווען איך בין געשטאַנען דער-ביי, געקוקט ווי יינגלעך באַווייזן קונצן. איינער קאָן שטיין אויפן קאָפּ. דער אַנדערער קאָן צערייסן אַ גראָב שטריקל מיט די הענט. איינער קאָן אַננעמען אַ מויל קעראָסין, אָנצינדן אַ פּאַפּיר און אַ שפּראָץ טון מיטן מויל קעראָסין אויפן אָנגעצונדענעם פּאַפּיר — אַז דאָס פייער זאָל אַ בליץ טון מיט אַ פלאַם. און אַ דריטער קאָן גיין אויף שטאָלצן, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט.

נעם איך און טו אַ זאָג:

— איך קאָן באַווייזן אַ קונץ. איך וועל צעקייען גלאָז און נישט מאַכן קיין בלוט אין מויל...

און טאַקע באַלד האָב איך אויפגעהויבן אַ שטיקל גלאָז, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד — גלאָז פון אַ צעבראָכן פלעשל — האָב עס אַריינגעלייגט אין מויל און מיט מיינע שאַרפע ציין צעגראַמזשעט. די קינדער האָבן געגאַפט, פאַרקרימט דאָס פּנים, קוקנדיק, ווי איך גראַמזשע גלאָז. און איך — גאָרנישט — אויסגעשפּיגן די שטיקלעך צעקייטע גלאָז און גאָרנישט-קיין טראָפּן בלוט נישט אויסגעשפּיגן.

— ווי קאָנסטו עס? — גאַפן די קינדער.

— איך בין אַ מילנער; אַזוי מאָלן די שטיינער ביי אונז אין מיל...

אַזוי ענטפער איך, און ס'פלאַמען מיינע באַקן.

אַהיים האָט עס מיך געצויגן; אַהיים האָב איך גאָר אָן אַ שיעור געבענקט. סוף-זומער האָט מען מיך געבראַכט צו דער באַן, צום גרויסן בריסקער וואָקזאַל; אַריינגעזעצט אין וואַגאָן און געהייסן אַרונטערקריכן אונטערן באַנק, דער קאָנדוקטאָר זאָל מיך נישט כאַפּן.

מיט אַ העמד אין אַ פּאַטשיילקע איינגעבונדן בין איך געקומען צו־
ריק אַהיים.

געווען סוף־זומער, ווען די הינער, די הענער האָבן שוין גע־
קוקט צו די שפּיצן ביימער, געפלויגן אויף די ביימער נעכטיקן,
באשר אין שטעטל האָט מען שוין געבלאָזן שופר.

## *קאַפּיטל ניינצן*

# יחידות און מענות צו גאָט

אַז איך בין געקומען פון בריסק אַ פּאָר וואָכן פאַר ראש השנה, האָט דער טאַטע געוואָלט, איך זאָל גיין אַלע טאָג אין שטעטל אַריין, אין בית־המדרש אַליין לערנען; נישט צו פאַרגעסן וואָס איך האָב אין בריסק געלערנט.

און איך? מיר איז שווער איבערצוּלאָזן מיין היים אויף אַ רגע. אַ זומערלאַנג נישט געווען אינדערהיים. אַוועק פון מיל, ווען דער אָרום האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו גרינען. די ערשטע געלע לאָטאָטש־בלומען האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן די גראָזן אויף די נאַסערע ערטער אָרום שטוב. איצטער — דער זומער איז שוין באַלד אַוועק. אַלצדינג איז אָרום דער מיל געוואַקסן אָן מיר. די ביימער פאַרן שטוב — איך שפּיר, זיי זאָגן מיר מוסר, הלמאי איך האָב גענומען און זיי אַוועקגעלאָזן אויף אַ גאַנצן זומער.

די יונגע עופות אָרום שטוב, געווען גאָר פּיצעלעך, נאָכגעלאָפן דער קוואָקע און געפּישטשעט: קפּי־קפּי־קפּי, און איצטער — די הענער קרייען שוין. די הינער, ברוינע, ווייסע, מיט רויטע קעמעלעך און רויטע לעפּעלעך. דוכט מיר, די ווערבעס אַנטקעגן פענסטער האָבן אָפּגענייגט מער צום סטאַוו צו, קוקן אין סטאַוו אַריין מער ווי צו דער שטוב.

די שטוב־מענטשן קוקן אויף מיר אַביסל אַנדערש. די מאַמע פּרוווט טרעפן וואָס איך וויל עסן. אַ קלייניקייט — בריסק... דאָרטן האָט מען מיר געגעבן בעסער צו עסן. כאָטש די מאַמע זעט איין, אַז איך בין געקומען אַ סך מאָגערער, ווי איך בין אַוועקגעפאָרן.

איך וויל דעם טאַטן נישט אָנטון קיין צער. אַוודאי וואָלט איך חעלן זיין אין מיל, אַרומגיין אַרום די רעדער, באַטראַכטן די שטיינער; באַטראַכטן איעדעס ווינקעלע און טאַקע אַרויסקומען פון מיל אויסגעטונקט אין מעל. ווייל דער ריח פון צעמאָלענע קערנער איז נאָך אַלץ מיר שטאַרק ליב. אָבער דער טאַטע וויל, איך זאָל גיין אין בית-המדרש אַריין.

די מאַמע זאָגט צו מיר:

— פּרצל, מיין קינד, טו דעם טאַטן צוליב און גיי אין בית-המדרש אַריין. זיי דיר דאַרטן אַ פּאָר שעה; דערנאָכדעם קום צולויפן אַהיים.

מיך פּאַרדריסט, פּאַרוואָס די קינדער אין שטוב קוקן אויף מיר אַביסל אַנדערש, גלייך ווי איך וואָלט מיטאַמאָל געוואָרן אַ גרויסער, גלייך ווי איך וואָלט גאָר דאָ מיט זיי נישט געוואַקסן. אַפילו די שוועסטער בעבל קוקט מיך אָן, קוקט מיך אָן און זאָגט גאָרנישט. דער ברודער משה האָט אויך נישט מער וואָס מיר צו זאָגן. איך, פּאַרקערט, פרעג אויס פון אַלצדינג. איך קריך אויפן שטאָל-בוידעם, האָב הנאה פון די טרוקענע היי, וואָס מען האָט אָנגעגרייט אויפן ווינטער.

אין שטוב איז אַ דאגה: קלמן באַדאַרף נאָך סכּות שטיין צום פּריזיוו. האָט מען מורא, ער וועט באַדאַרפן גיין דינען דעם קייסער. שלעכט וועט אים זיין אין דינסט, באשר ער וועט נישט עסן קיין טרפות. דאגהט מען. קלמן אַליין גייט אַרום מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

און דער זיידע — איז ער טאַקע פּאַר דער צייט, וואָס איך בין געוועזן אין בריסק, אזוי געעלטערט געוואָרן? ער איז נישט גרוי, אָבער דין און שמאָל און אַביסל געבויגן; איז ווי אַ בוים, וואָס האָט אָנגעהויבן צו טריקענען.

— אַ גרויסע שטאָט מיט יידן בריסק, אייניקל מיינס; גוט צו שטאַרבן צווישן אַ סך יידן...

דאָס האָט מיך גאָר אומעטיק געמאַכט.

בין איך טאַקע אַוועק אין בית המדרש; אָבער פּאַמעלעך בין איך געגאַנגען. קיין מלמד וואַרט נישט אויף מיר. נישט אין חדר בין איך דאָסמאָל געגאַנגען. בין איך דעריבער אַראָפּ פון גרעבליע, אַוועק אין די קאַרטשעס זוכן, צי איז נאָך פּאַרבליבן פון זומער

אַוועלכע ס׳איז יאַגעדע — בין שטענדיק געווען אַ בריה אויסצוגעפי־
נען דאָס לעצטע ווײַנפּערל, אָדער מאַלינע. האָב איצטער אויך געפו־
נען פּאַרטריקנטע, אײַנגעשרומפּענע ווײַנפּערלעך און סמאַראָדינעס.
האָבן צולאַנג געוואַרט אויף מיר.

געווען אַרום מיל און אויפן וועג אין שטעטל אַרײַן ערטלעך
אַזעלכע, וואָס שטענדיק האָב איך געגלוסט אָפּנייגן צו זיי. געווען
פּאַרבאָרגענע קרעניצעס, אַרומגעשטעלטע מיט קאַרטשעס און הויכע
גראָזן, פּונוואַנען דאָס וואַסער האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ טונקל־בלוי־
ען און קלאָרען אויג, ווו אויפן גרונט זענען אומגעקראָכן אַלערליי
וואַסער־זשוקעס און גרינע זשאַבעס. טרינקען האָב איך מורא געהאַט
פון די קרעניצעס, אָבער קוקן אין קרעניצע, אָנקוקן מײַן אייגענעם
פּנים האָב איך ליב געהאַט.

איצטער, פון בריסק קומענדיק, אויפן וועג אין בית־המדרש
אַרײַן, האָב איך אָפּגענייגט פון גרעבליע, פאַרקראָכן אין די קאַר־
טשעס, געבליבן אַליין ביי אַזאַ קרעניצע, האָב אַרײַנגעקוקט אין וואַ־
סערגלאַט און געזען מײַן בלאַסן פּנים — אַ שמאָל פּנים מיט שטי־
לע אויגן.

— צי איז דאָס דער בריסקער פרץ, צי דער פרץ פון ליפּעס
מיל, וואָס האָט אויפן וואַסערגלאַט איבערגעלאָזן זײַן פּנים?

אַ יידיש קינד באַדאַרף לערנען תּורה. אַוודאי באַדאַרף עס
לערנען תּורה. דער טאַטע מיינט, אויב איך וועל איצטער בלייבן
אינדערהיים איבער יום־טובים, וועל איך פאַרגעסן אַלץ וואָס איך
האָב געלערנט. און צי קאָן איך אים דערציילן, אַז דאָס וואָס איך
האָב געלערנט — פאַרגעס איך נישט? איך באַדאַרף נאָר אויף אַ ווײַ־
לע אויפהערן לערנען, כּדי איך זאָל בעסער געדענקען.

אוודאי וואָלט מיר איצטער גוט געווען, ווען דער טאַטע פאַר־
שטייט עס און נעמט און טוט צו מיר אַ זאָג:

- גענוג דיר, פרץ, תּורה געלערנט אין בריסק; גענוג געווען
צווישן פרעמדע מענטשן אין אַזאַ גרויסער שטאָט — איצטער ביסטו
געקומען אַהיים, וואַרף אַראָפּ די שטיוועלעך, וואָס דו האָסט אָנגעטון
צוליב בריסק, און וואָס קוועטשן דיר די פיס; אַ באָרוועסער לויף
אַרויס איבער די לאָנקעס, לויף אַוועק אין וועלדל אַרײַן — דאָרטן
וועסטו נאָך געפינען דעם רויטן האַראָפּ; גאַנצע בינט, ווי פאַרגלי־
ווערטע שטיקער בלוט אויף די ביימער מיט די לאַנגע בלעטלעך..

ברענג דעם האַראָפּ אַהיים, ווען מען אים אויפהענגען איבער די פּענסטער אין שטוב.

מאַלע-וואָס איך וואָלט שוין געטון אין מיל, ווען דאָס זאָגט צו מיר דער טאַטע! איך וואָלט אפשר גאָר באַווייזן אַ קונץ און גע-שמידט די שטיינער, ווען משה און קלמן הויבן זיי מיר אויף פונ-מיינעטוועגן. אפשר וואָלט איך גאָר אַריין אין טייך און געכאַפּט פיש. איך וואָלט אפשר אָנגעהויבן באַצייטנס זוכן טרוקענע האָלץ אין די קאַרטשעס, דאָס האָלץ געשלעפּט אַהיים – געגרייט האָלץ פאַר ווינטער.

וויל דער טאַטע, איך זאָל גיין אין בית-המדרש. גיי איך שוין דעריבער אַזוי — דער וועג זאָל זיין אַ לאַנגער. גיי דורכן קיילעכ-דיקן מאַרק פון שטעטל, גלייך ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדער. גיי מיר מיט פאַמעלעכע טריט.

איך קום אין בית-המדרש אַריין – נעם איך נישט די גמרא. איך קלויב מיר אויס אַ ספר פון תנ״ך, וואָס איך האָב נאָך נישט געלערנט. דעם ספר איוב האָב איך נאָך נישט געלערנט. אַ שווערער ספר. איך זוך דעם טייטש פון די שווערע ווערטער אין רש״י. גאָר פון אָנהויב ווערט דערציילט אַ מעשה מיט אַ מענטשן אַזאַ ערלעכן, וואָס איז געווען אין לאַנד עוץ; איוב האָט געהייסן דער דאָזיקער מענטש. געווען איז ער גאָטספאָרכטיק און איז געגאַנגען אין דרך-הישר. האָט דער שטן אָנגערעדט גאָט, ער זאָל איובן אויספרווון און אים אָנטון גרויסע צרות. גאָט האָט געפאָלגט דעם שטן. גאָט האָט איובס הויז פאַרברענט; זיינע קינדער דערהרגעט און איובס לייב באַ-שאָטן מיט אַלערליי קרעץ...

האָט איוב דעריבער גאָר אָן מורא אָנגעהויבן צו לעסטערן גאָט. געמוסרט גאָט: אַז ער איז אַ שלעכטער גאָט – באשר ער האָט מער דרך-ארץ פאַר די רשעים... די ערשאַפט אויף דער ערד האָט ער איבערגעגעבן אין די הענט פון רשעים...

בלייב איך פון דער דאָזיקער מעשה זיצן אַ צעטומלטער. באַלד קומען אָן ימים-נוראים, און איך, וואָס איז אויך מיט עפּעס נישט צופרידן, נעם גאָר און געפין אויס: אַ מענטש איז געווען מיטן נאָ-מען איוב, וואָס האָט גאָר אינגאַנצן פאַר גאָט נישט געהאַט קיין מורא. איוב, אָנשטאָט קלאָגן פאַר גאָט – נעמט ער גאָר און רעכנט

אים אויס אַלע עוולות, וואָס ער באַגייט אַנטקעגן דעם גערעכטיקן מענטשן.

בריסק קומט מיר אַלע ווײַלע פאַרן רעיון. מיר איז נאָך נישט קלאָר, וואָס בריסק האָט מיט מיר געטון. איך באַגרייף נישט, פאַר-וואָס איך האָב געפונען מײַן היים און דעם גאַנצן אַרום אין בענקע-ניש אײַנגעוויקלט, און מײַן ביסל רייד, וואָס איך האָב פאַרמאָגט אין מיר, איז ערגעץ אין מיר צערונען געוואָרן. מיר קומען פאַרן רעיון די בריסקער בתי-מדרשים, די בחורים, וואָס שטייען דאָרט בײַ די סטענדערס און לערנען גמרא מיט אַזאַ זיסן געזאַנג — זיי זענען דאָך אויך נישט קיין בריסקער; זענען אויך מסתמא קליינווייז אַוועק פון דער היים. טאַטעס האָבן געוואָלט, די קינדער זאָלן אַוועק אין פרעמדע שטעט לערנען תורה.

איך באַטראַכט דעם קלעשטשעלער בית-המדרש. איך וויל אים פאַרגלייכן מיט די בריסקער בתי-מדרשים. איך קלער: פאַרוואָס וואָלט איך נישט געקאָנט זיצן אין קלעשטשעלער בית-המדרש, לערנען גאַנ-צענע טעג און בײַנאַכט גיין אַהיים? איצטער איז פאַר מיר נישטאָ קיין מלמד אין קלעשטשעל — קאָן איך דאָך אַליין זיצן און לערנען. צוליב וואָס שיקט מען מיך אין ווײַטע, פרעמדע שטעט?

איך באַטראַכט די ספרים אין קלעשטשעלער בית-המדרש. אַ סך גמרות, אַ סך מפרשים. איך נעם אַרויס אַ ווילנער גמרא, אַזאַ גרויסע— זי פאַרשטעלט מיך פון האַרצן ביז צום נאָז, ווען איך עפן זי אויף. גלײַך ווי צום ערשטן מאָל וואָלט איך אין דער דאָזיקער גמרא אַרײַנ-געקוקט. ניין, איך בין שוין נישט מער קיין קליין ייִנגל, כאָטש די ווילנער גמרא איז צו גרויס...

קומט אַרײַן אין בית-המדרש מאַטעס דער מלמד; ער דערקענט מיך. קומט צו און גיט מיר אָפּ שלום-עליכם; אַט, ווי מען גיט אָפּ אַן עלטערן, דערוואַקסענעם אורח, וואָס קומט צומאָל אין בית-המדרש אַרײַן. דערנאָכדעם טוט ער מיר אַזאַ ווייכן קניפּ אין באַק; זײַן פּנים, ביז אין באָרד אַרײַן, שמייכלט צופרידן:

— איך האָב דיך פאַר אַ מענטשן געמאַכט — קנײַפּט ער מיר די אַנדערע באַק — איך ווייס, אַז דו ווילסט לערנען; האָב תחילת דעם טאַטן דײַנעם געזאָגט, ער זאָל דיך לאָזן לערנען.

— ווער איז ער דער מאַטעס? — טו איך אַ קלער — האָט ער עס מיך אַמאָל געקנײַפּט אויף צום אמתן? האָט ער עס מיך גע-

וואָלט שמייסן, און ווען ער האָט מיין קאָפּ פאַרדרייט צווישן זיינע פיס – האָב איך אים אַ ביס געטון אין פוס? איז דאָס דער איי-גענער מאַטעס? רעדט ער איצטער צו מיר, ווי צו זיין גלייכן?

— ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן; וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, און אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן... געדענקסט עס? ביי מיר האָסטו עס געלערנט. איצטער ווייסטו שוין דעם אמתן טייטש דערפון.

דאָס זאָגט מיר מאַטעס. ער קוקט מיר נאָך שווייגעוודיק אָן אַ אַ ווײַלע, און ער גייט אַרויס פון בית-המדרש.

מיט די אייגענע פּאַמעלעכע טריט, וואָס איך בין געגאַנגען אין בית-המדרש אַריין, בין איך געגאַנגען פון בית-המדרש צוריק אַהיים. נישטאָ מער דער חשק אַ לאָף צו טון. אין בריסק האָב איך דאָס אַ סך מאָל געטון; און דאָ, אין אייגענעם שטעטל, דורך מיינע אייגענע גאַסן, מיט דער אייגענער גרעבליע, וואָס פירט צום מיל — די פיס זענען ביי מיר, ווי געבונדענע; גלייך ווי עמעצער וואָלט מיר פּסדר איינראָמען אין אויער אַריין: דאָס טאָר מען נישט. לויפן איז אַן עבירה. קלעטערן אויף די ביימער — איז נישט רעכט. אומגיין באָר-וועס — אויך נישט רעכט מער.

איוב האָט געשאָלטן גאָט; איוב האָט גאָר פאַר אַם קיין מורא נישט געהאַט. ווען אַ רבי לערנט מיט מיר איוב, וואָלט ער עס פאַר-טייטשט, ווי מען טייטשט שיר-השירים. אַלצדינג איז נישט מער, ווי אַ משל. דער נמשל איז די תורה און פאָלק ישראל. איוב איז אויך מסתמא אַ משל און נישט מער. אָבער איוב שעלט דאָך דעם טאָג פון זיין געבוירן ווערן...

עס איז פאַר ראש-השנה. וועל באַלד באַדאַרפן שטיין נעבן טאַטן, אַזויפיל זאָגן, אַזויפיל זאָגן פון מחזור, אפשר נאָך מער ווי פאַראַיאָרן. ווײַנען, ווי איך האָב געוויינט פאַראַיאָרן ביי די תפילות, וועל איך מער נישט. איך טראַכט: ווען דער טאַטע ווייס, אַז אין בריסק וועל איך ווערן נישט אַזוי פרום, ווי ער וויל...

און עס קומט מיר אויפן זינען, ווי פאַראַיאָרן ראש השנה, ווען מען איז געקומען פון בית המדרש פון דאַווענען, האָט פּלוצלונג די מאַמע גענומען און אַ זאָג געטאָן:

— איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס מען האָט אָנגעגעבן אַזויפיל תפילות צו זאָגן; תפילות, וואָס איך באַדאַרף זיי גאָרנישט. איך בעט

פאַר זאַכן, וואָס איך באַדאַרף נישט. איך אַליין וואָלט שוין געוווּסט וואָס צו בעטן ביי גאָט; האָב איך מורא — סיי ווי הערט ער נישט, וואָס מען בעט ביי אים...

איך געדענק, ווי דער טאַטע האָט אויף איר געקוקט מיט חידוש און האָט נישט געוווּסט, וואָס איר צו זאָגן דערויף. אַלע אין שטוב האָבן בשעת-מעשה געשוויגן. איצטער טראַכט איך, די מאַמע איז גע-ווען גערעכט. זי ווייסט גאָרנישט אַפילו, אַז איך האָב אין ספר איוב בפירוש געזען, ווי גאָט האָט מער אַפשיי פאַר דעם רשע, ווי פאַר דעם צדיק.

גייענדיק אַהיים בין איך פאַרקראָכן אין די קאַרטשעס אַריין. בין געבליבן צווישן די געדיכטע קאַרטשעס. באַטראַכט די הויכע ביי-מער אַרום. ביינאַכט פאַלט שוין דער קאַלטער טוי, און אַ סך בלע-טער זענען געל געוואָרן אויף דיביימער. די גרינע בלעטער האָבן שוין נישט די קלעפּעדיקייט, ווי אין אָנהויב זומער. די גראָזן זענען אויך פאַרגעלבט.

אָט איז אַ זשאַבע אַרויסגעשפּרונגען פון פרישן מאָך אַרויס. אַ גרין-ברוינלעכע זשאַבע. איך כאַפּ זי, נעם זי אין מיינע ביידע הענט; מאַך, איר זאָל נישט זיין ענג אין מיינע הענט. זי שטעקט אַרויס דאָס קעפּל דורך דעם רערל, וואָס איך לאָז אָפן צווישן ביידע הענט. זי קוקט מיר אין די אויגן, און דאָס העלזעלע אירס ציטערט. כ׳הער ווי ס׳הארץ קלאַפּט ביי דער זשאַבע. קינדער אין חדר האָבן גע-שמועסט, אַז זשאַבעס זענען פאַרשאָלטענע מענטשן; פאַר גרויסע זינד זענען זיי פאַרשאָלטן געוואָרן צו זיין זשאַבעס; צו באַדאַרפן לעבן אויף דער יבשה און אין וואַסער.

— ווייסטו, זשאַבע, אַז דאָ בין איך געבוירן געוואָרן? דאָ בין איך אויסגעוואַקסן; בין שוין אין בריסק געווען און איצטער בין איך געקומען אַהער; ווייסט, זשאַבע, איך האָב ליב די אַלע בלאָטעס פונקט ווי דו; מיר איז געשמאַק דער ריח פון דער מאָכיקער ערד, און איך האָב ליב, ווען מיינע באָרוועסע פיס זינקען דאָ אין דער ווייכער ערד, וואָס איז מיט מאָך און גראָז באַדעקט. ווייסט, אַז באַלד וועט זיין ראש-השנה? קאָנסט דאַווענען צו גאָט? האָסט מורא פאַר גאָט?

די זשאַבע שפּאַרט מיט די הינטערשטע פיסלעך, וויל אַרויס-שפּרינגען פון מיינע הענט. זי קוקט מיך אָן און שפּאַרט מיט די

הינטערשטע פיס; איז ווי אַ קליין קינד, וואָס קאָן נאָך נישט רעדן, און פאַרשטייט שוין אָפּצושאַרן אָן אַ זייט אַ זאַך, וואָס עס וויל נישט האָבן גאָר נאָענט.

איך וואַרף די זשאַבע אַריבער איבער אַ געדיכטן קאַרטש, זי זאָל ערגעץ אַריינפאַלן צווישן גראָז און בלעטער, איך זאָל זי מער נישט זען. וואָרום איר בליק איז אַ מענטשלעכער בליק. זי האָט מיך מיט די אויגן געשטראָפט.

איך קריך אַרויס פון די קאַרטשעס, באַשטים אין האַרצן, איך זאָל ימים-נוראים נאָך זיין פרימער ווי פאַראַיאָרן. יום-כיפור וועל איך שוין פאַסטן אַ גאַנצן טאָג, ווען אַפילו די מאַמע וועט מיר הייסן אָנבייסן ביים אויסנעמען די תורה. ווייל צו שטאַרק קלעמט מיר אין האַרצן—מיין לעבן איז מיר פאַרבענקט. ווען איך טראַכט פון בריסק—קומען מיר טרערן אין די אויגן. נישט דערפאַר, וואָס איך בענק צו־ריק קיין בריסק, אדרבה, איך וועל נאָך יום-טובים בעטן, מען זאָל מיך לאָזן בלייבן אינדערהיים.

אָבער דאָס, וואָס מיין היים האָט פון מיר אָפּגעווענדט דעם גוטן פנים — דאָס אַליין דערוועקט טרערן אין מיינע אויגן. דאָס אַליין, וואָס דער זומער איז אַוועק, און איך האָב נישט געזען, ווי אַרום היים זענען אָנגעקומען פייגל און געבויט זייערע נעסטן; האָב אַפילו נישט געזען, ווען די באָטשאַנעס זענען אַוועקגעפלויגן; האָב אַפילו נישט געזען, ווי מען האָט די לאָנקעס געקאָשעט, ווי די וואַ־סערקווייטן אויפן סטאַוו האָבן אָפּגעבליט — דאָס אַליין האָט אויפגע־עפנט אַן אָרט אין האַרצן, ווו עס האָט שטאַרק וויי געטון.

די מאַמע האָט עס אין מיר דערקענט און האָט באַצייטנס גע־רעדט הויך געגוג, אַלע אין שטוב זאָלן הערן:

— מער לאָז איך אים נישט אין בריסק. זאָל ער נאָך זיין אין שטוב. נעמען און פאַרשיקן אינדערפרעמד אַזאַ יונג קינד — האָט גאָט אַליין נישט געהייסן.

ס'איז געווען פאַרנאַכט, די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין. ווייסע שפינוועבסן, אין גאַנצע מאָטן, האָבן געצויגן מיטן ווינט הע־כער איבער די ביימער, וואָס האָבן אַריבערגענייגט די קעפ צו דער פאַרגייענדיקער זון. אַ גרויס בענקעניש האָט מיך געצויגן ביי אַלע גלידער. איך האָב געזען, ווי אַ פרעמדע וועלט, אַ ווייטע וועלט שטרעקט אויס די הענט און רייסט מיך פון מיין היים, וואָס

הייסט ליפּעס מיל. דאָס האָב איך דערשפּירט קומענדיק פון בריסק. צו יונג בין איך געווען, איך זאָל עס קאָנען באַנעמען אָן קלעמעניש.

איך האָב ימים-נוראים פרום געדאַוונט, ביי די תּפילות ביטער געוויינט. נישט צוליב מיינע זינד האָב איך פרום געדאַוונט; און אויך נישט צוליב דער מורא פאַר גאָט האָט געקלעמט מיין קינדערש האַרץ.

*קאַפּיטל צוואַנציק*

## דער אַלטער קאַרשנבוים און דער ווייַדע

ווי דער קילער, גרויער טוי, וואָס האָט נאָך זונפאַרגאַנג אָנגעהויבן צו ציען פון טייך אַנטקעגן די פענסטער און געקילט דעם וואַרעמע זומער-אָוונט; ווי די זון, וואָס איז באַגינען אויפגעגאַנגען און אויסגעזויגן דעם קילן טוי, פון דער טיף אַרויסגערופן די פישעלעך, זיי זאָלן אַרויסקומען צום וואַסערשפּיגל — אַזוי זענען פון לעבן גופא אַרויסגעקוואָלן זאָרגן און טרויערן; אַזוי איז פון טרויער אַרויס צומאָל די זון, אויפגעגאַנגען און געבוירן פרייד אין אונזער אַליין-וועלט.

די ווייטע רוימען אַרום ליפּעס מיל, מיין היים, האָבן גערופן צו דערווייטערונג. די שטוב, צעטיילט אין צוויי לענגלעכע חדרים, איז, אַפּנים, ענג געוואָרן פאַר די נאַטירלעכע פריידן, וואָס זענען געקומען מיט קינדערשן וווקס. די מאַמע האָט אַרום די קינדער געאיניעט, ווי אַ הון אַרום הינדעלעך; דער טאַטע האָט קערנדלעך געזוכט. ביי די הינדעלעך האָבן פעדערלעך, האַרטע און לאַנגע געניי מען שפּראָצן פון די פליגעלעך אַרויס.

האָט דעריבער אָפּט אויסגעזען, אַז די היים ציט קאָפּ-און-האַלז, שטייט אויף די שפּיץ פינגער און קוקט אַריבער צו דער אייזנבאַן; קוקט אַריבער צו די נישט-געזעענע וועגן, וואָס ליגן ווייט, ווייט, אויף דער אַנדערער זייט לאָנקעס און זומפּן; אויף דער אַנדערער זייט וועלדער און געזעמדן. דעם אָנהייב האָט כמעט דאָס יינגסטע קינד געמאַכט, פאָרנדיק קיין בריסק לערנען תורה. כאָטש דאָס קינד איז ווידער אינדערהיים—דערמאָנט עס אַזוי אָפּט אין אַנדערע שטעט.

כאָטש נישט קיין ווייטערע שטעט, אָבער ווייט געננוג, מען זאָל בלויז ביים אָוועקפאָרן אָנהייבן לעבן אין דמיון ביי טאַטע-מאַמע, ברידער און שוועסטער; אַליין בלויז אין דמיון פאַרטראָגן דעם גאַנצן אַרום: דעם ריח פון טייך און גראָזן; דעם ריח פון מיל און געמאָלענע קערנער; דעם אָנבליק פון די טונקלשטאַמיקע, גלייכע, פעסטע מיט רונדגרינע בלעטער אויף געזונטע צווייגן — די אָלשענע ביימער; און די געבויגענע, הויכע און ריטלדיקע, פאַרוויינטע ווערבעס, גע-בויגענע איבערן סטאַוו אַנטקעגן די פענסטער פון מיין היים.

די דאגות זענען אויפגעקומען אַזוי שטיל, ווי דער טוי קומט-אויף זומער פאַרנאַכט נאָך אַ הייסן טאָג און פאַרדעקט די רויקייט פון טייך. פריידן זענען געוואָרן פאַרשוווּנדן מיט די לעצטע זומער-דיקע ליכטפלעקן אויף דעם שוין-געלבלעכן גראָז.

גאָר צומערשטן האָט דאָס לעבן אומגעריכט פאַרטרערט מיין שוועסטער בעבלס אויגן, ווען נאָך גאָר יונג איז צו איר די ליבע אַרויסגעקומען פון צווישן היימישע לאָנקעס און איז פלוצלינג אין אָסיען-חושך דערשטיקט געוואָרן.

דאָס איז געווען, ווען איר חתן, צו וועמען זי איז גאָר יונג פאַרקנסט געוואָרן, איז אָוועק אויף פיר יאָר צייט דינען דעם קייסער. דעריבער איז געזאַנג אויף אַ צייט פאַרשוויגן געוואָרן פון שטוב. דעריבער זענען שוין נישט געקומען אַזוי אָפט שטאָטישע מיידלעך שבת בייטאָג צו טאַנצן אויפן גראָז הינטערן שטוב; טאַנצן אַנטקעגן סטאַוו און פענסטער פאַרן שטוב — דעם קאַדריל, דעם לאַנסיי, מאַ-זורקע, פאָלקע און קאָזאַצקע-טענץ.

דערנאָכדעם איז דער ברודער קלמן אַוועק דינען דעם קייסער. דאָס איז געווען אַ צולאָג צו די דאגות, ווייל מען האָט מורא גע-האַט, אַז צוליב זיין פרומקייט וועט ער פון הונגער שטאַרבן.

דער ברודער משה האָט אָפטער און אָפטער אָנגעהויבן צו דערמאָנען, אַז אינדערהיים איז פאַר אים נישט קיין תּכלית מער; וויל ער דעריבער אַוועקפאָרן אינערגעץ לערנען אַ מלאכה, וואָס זאָל זיין מער תּכלית ווי מילנער.

דער טאַטע איז געפאָרן אינערגעצן מיט דער פור, פירן משא, צו פאַרדינען אַ ביסל מיטן פערד, בשעת די מיל שטייט ליידיק — האָט ער אויסגעלונקען אַ פוס, און מען האָט אים געבראַכט צופירן און אויף די הענט אַראָפּגעטראָגן אין שטוב אַריין.

זענען דעריבער טרויערדיקע אויפגעגאַנגען די באַגינענס; אומ־רואיקער, חושכדיקער די נעכט; זענען שוין דעריבער אינאיינעם געווען אויסגעמישט — פרילינג, זומער, האַרבסט אוןווינטער. זענען דעריבער די זומערטעג ערגעץ צעקראָכן געוואָרן; זענען טעג אַוועקגעקראָכן אין שטעטל אַריין און פון שטעטל צוריק אין מיל אַריין.

האָט מען דעריבער באַמערקט, אַז אויף דער מאַמעס יוגנטלעכן פּנים זענען מיטאַמאָל קנייטשן איינגעקאַרבט געוואָרן. האָט מען דעריבער געקענט טרעפן דעם טאַטן — אַ פאַרטראַכטן, קוקנדיק צו דער אייזנבאַן, בשעת אַ צוג לויפט פאַרביי.

אַ שטיק פריידיקייט איז אַרומגעלאָפן און געפלאַפּלט אין שטוב און אַרום שטוב — דאָס איז געווען דאָס ייִנגסטע שוועסטערל שרהלע, וואָס האָט ווי אַלע קינדער קינדוויז באַדאַרפט האָבן, אַז צען פּאָר אויגן זאָלן אויף איר אַכטונג געבן, זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין טייך אַריין. דערפאַר צאָלט אָבער די מאַמע מיט אָפּטע קאַפּווייטיקן, מיט אָפּטע ציינווייטיקן. ווייל נאָך שרהלעס געבוירן ווערן, ווערט דער מאַמעס אויסזען פאַרוועלקט. נאָר די אויגן ווערן ביי איר פולער און טיפער. זי ליידט פון שטאַרקן ציינווייטיק און קיין צאָן־רופא איז פאַר מיילן נישטאָ. שטאָפּט זי אָן דעם קראַנקן צאָן מיט שמעקטאַבאַק; אַזוי בלייבט די צאַרטע מאַמע ליגן פאַרטויבט און דערשלאָגן, ביז דער צאָנווייטיק פאַרשטומט, און די מאַמע — ווי אַן אָסיען־בלעטל, געל און אויסגעלאָשן, שטייט אויף צו באַגעגענען אירע שטובעדיקע זאָרגן.

איך גיי אין חדר אַריין. אין שטעטל איז צוגעקומען אַ נייער מלמד. אַ שטעטלשער יחסן; אַ יורד און למדן — איז געוואָרן מלמד פאַר עלטערע קינדער. צו אים גיי איך איעדן טאָג לערנען. קיינער פירט מיך נישט. קיינער באַדאַרף מיך ביינאַכט נישט אָפּנעמען. זינט בריסק, האָב איך בייגעקומען די מורא, וואָס האָט געלויערט ביינאַכט אויפן וועג פון שטעטל אין מיל אַריין. זינט בריסק, ווו איך האָב געזען דעם גרויסן טייך מוכאַוויץ, האָב איך נישט מער קיין מורא פאַר די טיפענישן פון אונזער טייך. ווייל איך האָב שוין אין מיין בוזים אַן אייגענע וועלט; אייגענע סודות וועגן גאָט און וועלט; וועגן לעבן און טויט; וועגן דער וועלט און יענער וועלט. בפרט אינדערהיים האָט מען מיך שוין באַטראַכט פאַר אַ גרויסן. סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע האָבן פון מיר געקענט פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך,

וואָס ביז גאָר נישט לאַנג איז דאָס געווען די עובדה פון די גרע־סערע. די מאַמע האָט מיר געקענט הייסן ברענגען אַ שווערע ברע־מיע האָלץ אין שטוב. דער טאַטע האָט געקענט הייסן גיין פאַרשטעלן די מיל, אָדער לאָזן די מיל. איך קען שוין אויף מיין פּלייצע טראָגן אַ פּאָר פּוד תבואה; אַרויפטראָגן אויפן מיל־בוידעם און שיטן אין קויש אַריין.

דער טאַטע האָט שוין געקאָנט זאָגן:

— וועסט גיין, פּרץ, כאַפּן דעם פערד און ברענגען אַהיים.

דאָס האָט געמיינט, כאַפּן אַ פערדל, וואָס האָט אַ טבע צו בייסן, אַראָפּוואַרפן פון רוקן אַראָפּ, ווען מען האָט געפּרוווט אויף אים רייטן. אַ ווייס פערדל געווען און מיט אַ סך משוגעתן. האָט ער מיך טאַקע אַ פּאָר מאָל אַראָפּגעשליידערט פון רוקן, ווען איך בין אויף אים אַרויפגעשפּרונגען. האָט מיך איין מאָל נאָכגעיאָגט און מיט די ציין אַראָפּגעכאַפּט מיין היטל פון קאָפּ, ווען ליגנדיק מיר אַ ביס טון אין קאָפּ.

איך באַמערק: דער טאַטע האָט מער קיין מורא נישט, די אַר־בעט מיינע ביי דער מיל וועט פאַרטומלען די תורה אין קאָפּ. מיינע נוצלעכע הענט זענען אים געפעלן געווען. מען האָט מיר נישט באַ־דאַרפט דערמאָנען, אַז איך באַדאַרף גיין אין חדר אַריין. דער טאַטע האָט געוווּסט, אַז סיי ווי וועט מען מיך אינגאַנצן אָפּנעמען פון מלמדים און אַוועקשיקן לערנען אַליין. געווען אַ פּשרה מצד דעם טאַטן און דער מאַמען, מיך צו האַלטן אינדערהיים, באַשר אינדער־היים איז אומעטיק געוואָרן. ווייל מיין אַוועק פונדערהיים האָט נישט געקאָנט מער פאַרמיטן ווערן — האָט אפילו דער טאַטע אַליין גע־וואָלט, אַז ביז בר־מצווה ווערן, זאָל איך בלייבן אינדערהיים, לער־נען ביים מלמד, וואָס איז אַ שטעטלשער יחסן.

דער שטעטלשער יחסן איז געווען אַ גוטער מלמד. האָט די קינ־דער נישט געשלאָגן. ס'האָט אים נישט געאַרט, צי מען לערנט, צי נישט. האָט עטלעכע מאָל אין טאָג געכאַפּט אַ דרימל, בעת די קינ־דער האָבן איבערגעקערט דעם חדר־הויף. האָט דערציילט אַלערליי מעשיות פון מדרש און אגדות; דערציילט אַלערליי פאָלקס־מעשיות פון פאַרצייטן. מיט דעם האָט ער די קינדער צוגעבונדן צום טיש, בעת זיי זענען געווען אין חדר; בעת ער האָט נישט געדרימלט. אין די ווינטער־אָוונטן האָט ער מער מעשיות דערציילט, ווי גמרא

געלערנט. איך טראַכט פון יענעם מלמד, ווי פון מיין לעצטן און בעסטן מלמד, וואָס האָט ביי מיר געוועקט מיין דמיון. ער האָט די גמרא אויך זייער פשוט און שכלדיק געגעבן צו פאַרשטיין.

אויף אַ ווײַלע האָט ווידער די פרייד אָנגעקלאַפּט ביי ליפּע דעם מילנער אין טיר: קלמן, וואָס האָט אָפּגעדינט ניין חדשים דעם קייסער, האָט געצויגן אַ זשרעביע, אַ גורל הייסט עס, ווי ס'איז גע־ווען דער שטייגער אין זעלנעריי, צו ציען גורלות נאָכן ערשטן יאָר אָפּדינען. קלמן האָט אַרויסגעצויגן דעם מזלדיקן גורל. אַ שטיק פאַר יום־טוב איז ער אָנגעקומען. געקומען אַן אויסגעמאַטערטער און צע־שראָקענער. געקומען אַן עלטערגעוואָרענער, באשר אין זעלנעריי האָט מען אים מיט געוואַלד געשטאָפּט חזיר אין מויל אַריין; באשר מען האָט אים נישט געלאָזט דאַוונען און לייגן תפילין; מען האָט אים דאָרטן געצופּט זיין יונג, בלאָנד בערדל.

קלמן איז געקומען צוריק אַהיים, און איז פאָרט נישט געקומען אינגאַנצן. ער האָט אויך פאַרזוכט די ווייטע וועלט. ער האָט געזען שטעט און שטעטלעך, ווען ער איז געגאַנגען אויף מאַנעווורעס. האָט ער שוין דעריבער, פונקט ווי משה, נאָר אַ סך שטילער ווי משה, אַרויסגעזאָגט: אַז אין מיל איז נישט קיין תכלית מער. וואָלט גוט געווען אַ זוך צו טון אַ תכלית אַ ביסל אָן אַ זייט, אַ ביסל ווייטער פון מיל.

ביים עלטסטן ברודער, בנימין חיים, וואָס איז אין שטעטל גע־ווען פאַרבער — ביי אים איז אַ קינד געלייִמט געוואָרן; דערנאָכדעם איז די מאַמע פון די קינדער, חיה רבקה, געשטאָרבן. האָט עס אויף אונזער שטוב אַ בלאָז געטון מיט אַ דינעם, שטעכעדיקן טרויער. יתומים־אייניקלעך אין שטאָט. האָט שוין די מאַמע באַדאַרפט גיין גע־וואָר־ווערן צו די יתומים־אייניקלעך.

ווינטער, זומער, און ווידער ווינטער...

איך האָב שוין איינמאָל דערציילט, ווי ביי אונז הינטער דער שטאָל איז געוואַקסן אַן אַלטער קאַרשנבוים. דער איינציקער קאַרשנבוים. אַ ביסל אָן אַ זייט איז געוואַקסן אַ יונג פלוימענביימעלע.

דער קאַרשנבוים איז אַ צווילינג־בוים געווען; נידעריק צו דער ערד איז דער צווילינג געווען פאַרייניקט. אַן אַלטער בוים. איך האָב אויף אים געקאָנט אַרויפקלעטערן, ווען נאָך פיר־פינף יאָר אַלט. גרינג געווען אויף אים צו קלעטערן. מער נישט, וואָס דאָרט, ווו דער בוים

איז געווען פאַרצווײפֿלינגט, האָב איך זייער אָפּט אַרײנגעשפּאַרט מײַן פּוס און געוויינט, עמעצער זאָל מיר העלפֿן די פּוס אַרויסנעמען. פֿאַר מײַן צײַט האָבן שוין קיין סך קאַרשן אויפֿן בוים נישט געראָטן. געטראָפֿן אַמאָל, וואָס אַ דריי קערשעלעך, פֿריער גרין, דערנאָכדעם פֿאַררויטלט, האָבן אַרויסגעבליקט פֿון צווישן זײַנע שיטער-באַבלעטערטע צווייגן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט איין העלפֿט בוים אָנגעהויבן צו טריקענען. אַ סך טרוקענע צווייגן האָט דער ווינט איינציקווייז אָפּגעבראָכן. געבליבן אַ האַלבער בוים טרוקן אָן בלעטער. נישט געווען קיין חשק צו ברעכן די טרוקענע צווייגן. נישט געווען קיין חשק אָפּצוזעגן זײַן פֿאַרטריקנטע העלפֿט.

איז מיר געווען אַ שאָד, וואָס שטענדיק, קוקנדיק אויפֿן קאַרשנבוים, איז מיר געקומען אויפֿן זינען דער זיידע יהושע, וואָס איז שוין אַלט געווען הונדערט און דריי יאָר. כאָטש אַ בלאָנדער — איז ער דאָך אַ זקן. כאָטש נאָך גאָר אַ יונגער — האָט ער פֿאַרט אַזוי מורא פֿאַרן ווינטער. זײַנע ניגונים זענען אײַנגעשטילט געוואָרן.

מיך בעט ער אַמאָל:

— זינג מיר, אייניקל מיינס, דעם ראַבן ניגון..

ער האָט הנאה, וואָס איך זינג דעם ראַבן ניגון אַזוי גוט. נאָר דעם ראַבן ניגון בעט ער מיך זינגען. ווײַל דער ראַבער ניגון איז אַ ווייטער ניגון; שטיל-שטיל באַדאַרף מען אים אָנהויבן — דאַי-דאַי, דאַי-דאַי-דאַי-דאַי... אוי, דאַי-דאַי-דאַי, דאַי-דאַי-דאַיאים... אַ ווייטער ניגון, וואָס ווערט נעענטער, ווען מען זינגט אים איבער אַמאָל פֿינף. אַלעמאָל וואַרעמער און ברענענדיקער; צוטופּענדיק מיט די פּיס און טאַקע פֿליאַסקענדיק מיט די הענט...

אמת, אויסער אָן אויבערשטן, מיטלסטן צאָן, וואָס איז אים אַרויסגעפֿאַלן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, זענען אים מער קיין ציין נישט אַרויסגעפֿאַלן, — פֿונדעסטוועגן זענען די טעג פֿון זײַן לעבן סוף-זומערדיקע, פֿאַרנאַכטיקע און פֿאַרכמאַרעטע. מיטן קומען פֿון פֿרילינג, גייט פֿון אים גאָר אינגאַנצן דער פֿראָסט נישט אָפּ; ציט עס אים שבת, אפֿילו אינמיטן תמוז, צום וואַרעמען באַקאויוון. שלאָפֿט ער שבתצונאַכטס אויפֿן וואַרעמען באַקאויוון.

עס טרעפֿט, אין זיידן בליט-אויף אַ פֿאַרבאָרגענער כח, ווי אויפֿן אַלטן קאַרשנבוים בליט-אויף אַ צווייג, פֿון וואַנען שפּעטער קוקט אַרויס אַ קערשעלע. גלוסט נאָך דער זיידע צו נעמען די האַק

און האַקן דינע צווייגעלעך, מאַכן אַ שיין, אָרנטלעך קאַסטערל. גלויסט ער נאָך צו זיצן אין וואָגן, און מיט דער בייטש אַ פּאָך טון איבערן רוקן פון ווייסן פערדל.

ס׳פערדל ווייסט, ווער עס זיצט אין וואָגן. האָט נישט קיין מורא פאַרן זיידן. ס׳פערדל ווייסט, ביי וועמען אין האַנט עס איז די בייטש.

— איי דו, הונטע איינער — מאַכט דער זיידע צום פערדל — מיינסט, איך קאָן שוין נישט האַלטן די בייטש אין האַנט? איי דו, הונטע איינער...

דער וועג פון מיל אין שטעטל אַריין ווערט פאַרן זיידן צו-ביסלעך לענגער אויסגעצויגן. ממילא ווערט שוין שווערער צו גיין אַלע טאָג אינדערוואָכן אין שטעטל אַריין דאַוונען. עס ווערט אים שווערער אפילו צו גיין אין בית-המדרש אַריין שבת דאַוונען. ער גיט איבער דעם חשק די שטובלייט צו בלייבן אין שטוב, באַשר די גרעבליע איז בלאָטיק; באַשר מען קאָן אָפּטמאָל אינדערהיים אויך מתפלל זיין.

און אַזוי שלאָפט שוין דער זיידע אַ ביסעלע שפּעטער. זיין געלעגער אויפן שלאָפבאַנק, אין שטוב ביי די פענסטער, וואָס קומען אַרויס צום סטאַוו און צו די ווערבעס. ס׳ווערט אים זיסער דאָס גע-לעגער. ווען דער דרויסן ווינקט צו אים, שטייט דער זיידע אויף פון געלעגער — אָבער ווייט פון שטוב גייט ער נישט אַוועק, כאָטש ער טראָגט נאָך אַלץ העלצעלעך אין שטוב אַריין.

גאַנץ אָפט פאַרקוקט ער צו דער פּאָליצע ספרים איבער די פענסטער:

— וועסט מיר, פרצל, אַראָפּנעמען דעם חומש.

— וועסט מיר, פרצל, אַראָפּנעמען דעם אַלטן סידור, וואָס מיט די אויסגעריסענע בלעטער פון פאָרנט.

אין אַלטן סידור, ווו דעם זיידנס אויגן, סיי אין שפּאַקולן, סיי אָן שפּאַקולן, האָבן אַ סך, אַ סך יאָרעלעך געלופּטערט די אותיות — איז דער תהילים מיט גרויסע אותיות אויף געל-געוואָרענע בלעטער. צו יענע אותיות ציט עס אים. כאָטש ער קען תהילים אויף אויסנ-ווייניק — ציט עס אים צו די גרויסע אותיות אויף די געל-געוואָ-רענע בלעטער.

אַ גרויער, שבתדיקער ווינטערטאָג.

— וועט שוין, מסתמא, היינט די זון נישט אויפגיין — רעדט

דער זיידע פון געלעגער צו דער שטוב אַרויס, ווען דער שבת-אינ-דערפרי איז מיט פּאַמעלעכע טריט אַריין אין שטוב און אַ טאַפּ גע-טון דעם קאַלטן אויוון.

— וואָלט געווען אַ יושר, מען זאָל עמעצן רופן איינהייצן דעם וואַנטאויוון — זאָגט ווידער דער זיידע, ליגנדיק אויפן שלאָפבאַנק, באַ-טראַכטנדיק די שטובלייט מיט גרויסן אומעט און טונקעלן פּחד אין די אויגן.

די מאַמע נעמט אַראָפּ פון באַקאויוון די בונקע טיי, מאַכט פאַרן זיידן אַ וואַרעמע, זיסע גלאָז טיי, טוט אין גלאָז אַריין מאַלי-נאָוון סאָק. דער זיידע טוט פון אירע הענט אַ זופּ; טוט אַ צווייטן זופּ — מער וויל ער נישט...

— אַ נאַרישע וועלט — זאָגט ער, ווענדנדיק די אויגן צום גרויען דרויסן.

— אַפּנים אַ מענטש ווערט נישט צעשאָטן — זאָגט ער מיט אַ שמייכל.

זיין זון, מיין טאַטע, שטייט נעבן אים. די מאַמע, אַלע זיינע אייניקלעך נעמען פון אים די אויגן נישט אַראָפּ. ער באַטראַכט די שטובמענטשן, וואָס שטייען אַרום זיין געלעגער. די בליקן בלאָנדזשען פון ווינקל צו ווינקל. ער קוקט צום פּאָלאָפּ און באַמערקט אַ שפּינ-וועבס אין ווינקל אַנטקעגן אים...

טשיקאַווע, ביז איצטער נישט באַמערקט דעם שפּינוועבס דאָרטן... הע, אַ שפּין אין שפּינוועבס; ביז איצטער גאָרנישט באַ-מערקט.

— קינדער וואַקסן אונטער, און אין שטוב ווערט ענג — זאָגט ער ווידער, אויף די אייניקלעך קוקנדיק — דו, משה, וועסט קיין זעלנער נישט זיין... וועל שוין זען, דו זאָלסט נישט גיין דינען.

אָט אַזוי, גאַר מיטאַמאָל, האָט ער גענומען און איבערגעשראָקן משהן, וואָס כאַפּט אַזש ווישן די טרערן, פאַר דער צייט אָנגעקוואָ-לענע אין זיינע אויגן.

דערנאָכדעם איז דער זיידע יהושע אויף אַ פּאָר שעה אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. צוגעמאַכט די אויגן, רויק געשלאָפן, מיט אַ סך פרידן איבערן פּנים.

האָבן די שטובלייט איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט. האָבן די שטובלייט יאָ פאַרשטאַנען און נישט פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע מאַכט

הכנות אָוועקצוגיין פון אונזער שטוב; אַוועקצוגיין פון דער שלאָף-באַנק, ווו ער איז אַזויפיל יאָרן געשלאָפן.

— ער שלאָפט צום לעצטן מאָל אויף דעם דאָזיקן געלעגער — האָט דער גרויער פאַרנאַכט געשעפטשעט אין דעם פירשייבלדיקן פענסטער, נעבן וועלכן דער זיידע איז געשלאָפן.

איידער דער שבת איז אַוועק, האָט דער זיידע ווידער געעפנט זיינע אויגן; טרויעריקע בליקן; האַלבפאַרגליווערטע בליקן זענען אומגעגאַנגען פון קינד צו קינד, וואָס זענען געשטאַנען בלאַסע אַרום זיין געלעגער.

דערנאָכדעם האָט דער זיידע דעם פנים אָפּגעקערט פון פענסטער, אַרויסגעקוקט צו די געפרוירענע און געבויגענע ווערבע-ביימער ביים סטאַוו, וואָס האָבן צו אים געוויגט די צווייגן.

דערנאָכדעם האָט דער זיידע אויסגעצויגן אַלע זיינע גלידער; אַ שטילן זיפץ געטון און צוגעמאַכט די אויגן אויף אייביק.

*קאַפּיטל איינאונצוואַנציק*

## איך ווער בר-מצווה

דעם זומער האָבן מיר געהאַט געסט. פעטערס און מומעס זענען אַראָפּגעקומען געוויר ווערן וואָס מען מאַכט:

גאָר צום ערשטן איז געקומען פון אָרלע דער פעטער משה ליינעווער און מיט אים די מומע בלומע רחל; די איינציקע שוועסטער דעם טאַטנס — ווי דער טאַטע איז געווען איר איינציקער ברודער. כאָטש דער זיידע יהושע האָט געלעבט איבער הונדערט יאָר, פונדעסטוועגן האָט ער מער ווי די צוויי קינדער נישט געהאַט.

ווייל דאָס איז געווען זייער ערשטער באַזוך זינט דער זיידע איז געשטאָרבן, דעריבער, ווי נאָר אַריבער די שוועל, ווי נאָר דער טאַטע האָט די מומען דערזען — האָט זי ביידן אַרומגעכאַפּט אַ טיפער טרויער. די טרער האָבן זיי, ווי קליינע קינדער, אַרויסגעפירט פון אייגענעם רשות. ביידע צוזאַמענגעבראָכן, כאָטש נישט קיין יונגע מענטשן, האָבן זיי אַ צייט נישט געקאָנט אויפהייבן דעם קאָפּ; געבויגן זענען זיי געזעסן אַ גאָר לאַנגע צייט, ווי ס'האָט דעמאָלט אין דער שווערער שטילקייט אויסגעוויזן, און האָבן געשלוכצט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף.

דער פעטער משה ליינעווער, אַט דער ל״ו-ניק מיט די שווערע ברעמער און לאַנגער, ברוינער און שוין גרוילעכער באָרד — ער איז אויך געזעסן אַ געבויגענער. זיינע אויגן האָט מען פון אונטער די ברעמען נישט אַרויסגעזען. אַזוי זענען געווען אונטערטעניק דעם טרויער אַלע שטובלייט; אַיעדער אין זיין ווינקל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

די מאַמע האָט די ערשטע איבערגעריסן די שטילקייט און טרוי־
ער מיט עטלעכע טרייסטווערטער:

— ער איז געווען אַ צדיק, און ווי אַ צדיק איז ער אויסגע־
גאַנגען. ווי אַ קינד איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. הלוואי זאָלן מיר צו
זיינע יאָרן דערלעבן; אַזוי אָרנטלעך, נישט אָנרירנדיק קיין פליג
אויף דער וואַנט, רויק שטאַרבן.

האָבן די שטובלייט אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט צו דער
מאַמען, וואָס אָפּזאָגנדיק די פשוטע רייד, איז איר אייגענער פנים
געלייטערט געוואָרן. דאָס בלוט איז איר געקומען אין ביידע באַקן
אַריין, און פון די אויגן האָט אַ לויטערער פייער געשטראַלט.

מען האָט נאָך גערעדט פון דעם, ווי די שטוב איז ליידיק גע־
וואָרן, זינט דער זיידע איז אַוועק זיין אייביקן וועג. צוביסלעך איז
מען איבערגעגאַנגען צום געזונט פון אייגענע, קינדער און נאָענטע
קרובים. ביי אַלעמען אויפן פנים האָט מען דערקענט די דערלייכ־
טערונג — ביז דער שמועס האָט דערגרייכט מיין אַוועקפאָרן ערגעץ
לערנען.

— קיין מלמדים פאַר אים אין קלעשטשעל נישטאָ. די צייט,
וואָס ער גייט אין שטעטל אַריין צום מלמד, איז אַרויסגעוואָרפן.

דאָס האָט דער טאַטע געזאָגט.

האָט דער פעטער אויפגעהויבן די ברעמען צו מיין זייט און
געזאָגט:

— אָרלע וואָלט פאַר אים גוט געווען; איצטער, ווען מען
וווינט שוין אַליין אין אָרלע.

— אַוודאי וועל איך אויף אים אַכטונג געבן, ווי אויף אַן אייגן
קינד — האָט צוגעגעבן די מומע.

דער פעטער, וואָס איז געווען אַ פאַכטער ערגעץ אַרום אָרלע
און געפירט מילך אין שטאָט אַריין אַיעדן טאָג — האָט דעם לעצטן
יאָר איבערגעצויגן קיין אָרלע גופא. דאָס האָט ביים טאַטן אויסגענו־
מען; אים איז געפעלן געוואָרן אָרלע. די מאַמע האָט אויסגעפונען,
אַז אָרלע איז דערווייל צו ווייט. פערצן וויאָרסט פון אונזער שטעטל...
יאָ, אָרלע ליגט עפּעס צו ווייט.

געזען האָט מען, אַז דער מאַמען איז נאָך אַלץ נישט ניחא מיין
אַוועקפאָרן פונדערהיים:

— מילא, מען וועט באַדאַרפן אַ ישוב האָבן ביז יום־טובים־צייט;

אפשר, זאָל מען נאָר דערלעבן געזונטערהייט — אַזוי האָט זי גערעדט אינדערשטיל.

אַ ביסל שפּעטער, דעם אייגענעם זומער, איז אַראָפּגעקומען דער פעטער אברהם טומענער, וואָס האָט געהאַלטן אַ געדונגענע פּאַסעסיע אַרום וויסאָקע-ליטאָווסק. ער האָט שוין אַ קירצערע טונקעלע באָרד און קירצערע פּיאות. ווי דער שטייגער, ברענגט ער מיט, ווען ער קומט, קעזלעך, פּוטער, וואָס די מומע שרה, דער מאַמעס יינגסטע שוועסטער, שיקט. ווי דער שטייגער, שטעלט מען תיכּף אָן פאַר אים דעם סאַמאָוואַר, און ער, גלאָז-נאָך-גלאָז, זופּט אויס אַ סאַמאָוואַר טיי.

— אַוודאי וועט דאָך פּרץ שוין פאָרן אינגיכן ערגעץ לערנען אין אַ פרעמדער שטאָט — הויבט דער פעטער אָן, קוקנדיק אויף מיר מיט אַ סך הנאה — וואָלט ער אפשר פאָרן קיין וויסאָקע לערנען. כמעט אַלע וואָך בין איך אין וויסאָקע, וועל איך אים זען; וועל אים אַמאָל אַריבערנעמען צו אונז אין טומענע אויף שבת. שיינדל האָט געוואָלט מיטפאָרן אַהער, זי זאָגט, זי וויל זען פּרצן. זי וויל זען, ווי פּרץ שרייבט, זי אַליין שרייבט אַזוי שיין, ווי דער זיידע.

— אַ ביסל צו ווייט וויסאָקע — זאָגט דער טאַטע — גאַנצע דריי מייל, איינאונצוואַנציק וויאָרסט; ווען קומט דען אויס צו זיין אין וויסאָקע?

— מיט דער באַן פאָרט מען איין אין אַ האַלבער שעה; קאָסט אינגאַנצן אַכטאונצוואַנציק גראָשן — טענהט דער פעטער.

אַ ביסל שפּעטער איז אַראָפּגעקומען צו אונז צום ערשטן מאָל דער פעטער יואל טאַלווינער פון סעמיאַטיטש; דער מאַן פון מיין מאַמעס יינגערער שוועסטער חיה פייגע. ער איז געווען אַ גרויסער גאַסט. אַ הויכער ייד מיט אַ בלאָנד בערדל, צוויי לאַנגע, ווי גרייצערס, אויסגעדרייטע פּיאות; אין ווייסע זאָקן און פּאַנטאָפל איז ער געגאַנגען. געווען אַ חסיד און בעל-מנגן.

און היות ווי אין סעמיאַטיטש איז נאָך דעמאָלט קיין באַן נישט געגאַנגען, האָט דער פעטער יואל טאַלווינער נאָך קיינמאָל קיין באַן נישט געזען. ער איז אָנגעקומען צו אונז אין אָוונט מיט אַ געדונגענער פור. דער ערשטער פּאַסאַזשיר-צוג איז דורכגעלאָפן פאַרביי אונזער מיל פון ביאַליסטאָק קיין בריסק, זעקס אינדערפרי.

איז דער פעטער אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, כּדי נישט צו פאַרשלאָפן די באַן. מיר אַלע זענען לכּבוד אים אויפגעשטאַנען מיט צוויי שעה פריער, געטשאַטעוועט דעם צוג, וואָס באַדאַרף אָפּריער

אַ פּייף געבן, אַרויסקומענדיק פון אַ וואַלד אַרויס. דער פעטער איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אויגן און אויערן. ער איז געשטאַנען דרויסן, געקוקט צום אייזנבאַן-אויפשיט און כסדר צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער און צוגעהערט צום ווייטן גערויש. מיט זיין אָנגעשטרענגטקייט האָט ער אויף אונז אַלעמען געווירקט, גלייך ווי מיר אַלע וואָלטן צום ערשטן מאָל איצטער באַדאַרפט זען אַ באַן דורכלויפן.

אַז דער גערויש פון אָנקומענדיקן צוג איז געווען שוין גאָר נאָענט — האָט עס דעם פעטער געצויגן צום הימל. ער איז געוואָרן אפשר מיט אַ קאָפּ העכער; אויף די שפּיץ-פינגער איז ער געשטאַנען מיט אַן אָפענעם מויל און פאַריסן בערדל. אַז דער פּאַסאַזשיר-צוג איז דורכגעלאָפן — האָט ער געמאַכט אַ ברכה אויף דעם גרויסן וווּנדער, וואָס ער האָט איצטער געזען.

דערדאָזיקער פעטער האָט געראָטן, מען זאָל פרצן שיקן לערנען קיין סעמיאַטיטש; באשר דאָרטן איז טאַקע די מומע חיה פייגע; באשר סעמיאַטיטש איז אַ שטאָט פון גאָלע למדנים.

אָבער סעמיאַטיטש איז געווען גאָר ווייט, שוין צו ווייט: גאַנצע זיבנאונצוואַנציק וויאָרסט. אַהין איז מען פון אונז קיינמאָל נישט געפאָרן. די מומע חיה פייגע האָט מען טאַקע ביי אונז דעריבער קיינמאָל נישט געזען. ביים טאַטן אין דמיון איז סעמיאַטיטש געלעגן אַ סך, אַ סך ווייטער, ווי ווויסאָקע.

שוין טיף אין זומער, איז אַראָפּגעקומען פון מעלייטשיטש דער פעטער אברהם הערש — דער מאַן פון מיין מאַמעס יינגסטער שוועסטער בראָשע. דער פעטער אברהם הערש אַליין איז געווען אַלע יאָרן אַ „מענטש” ביי וואַלד-סוחרים; איז אַלע יאָרן געווען אַ וואַלדמענטש. ער האָט אַלע יאָרן באַטראַכט וועלדער, באַטראַכט ביימער אין די וועלדער -- איז ער דעריבער געווען אַ דינער, אַ גלייכער מיט אַ פּיצל בלאָנד בערדל און בלוי-בלויע אויגן. ער איז קיינמאָל נישט געזעסן. שטענדיק, דער קאָפּ פריי אויף-אַרויף און מיט אַ שמייכל אין די אויגן. אַ יונגע, גלייכע סאָסנע — דאָס איז געווען מיין פעטער אברהם-הערש.

ער איז געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ער האָט אונטערגעגעבן חשק, מען זאָל פרצן שיקן גאָר קיין מעלייטשיטש. ערשטנס לעבט אין מעלייטשיטש דער זיידע ר׳ יוסל איצל און די באָבע פעשע רייזל— טאַקע דער מאַמעס טאַטע-מאַמע, ביז הונדערט-און-צוואַנציק יאָר. דער

זיידע אַליין פאַרמאָגט נאָך פאַר מיר אַביסל תורה, און ער, דער פע־טער, די מומע בראָשע — וואָס איז שייך, מעלייטשיטש! נאָר קיין מעלייטשיטש. נישט אַנדערש, נאָך יום־טובים זאָל מען פרצן אַריבער־ברענגען קיין מעלייטשיטש.

איז דער מאַמען געקומען די פאַרב אין פנים אַריין. זי איז געוועזן גליקלעך, — איבערגליקלעך, וואָס דער וועג מיינער וועט פירן אין איר געבוירנשטאָט. זי האָט גלייך מסכים געווען.

— איה״ש, נאָך יום־טובים, וועל איך אים אַליין אַריבערברענ־גען; וועל אים דאָרטן ביי מיינע אַמאָליקע חברטעס באַשטעלן טעג... פאַרוואָס איז דאָס מיר פריער נישט איינגעפאַלן, אַז נאָר קיין מעליי־טשיטש זאָל מען אים שיקן?

אויף אַ גאָר פשוטן אופן איז געבוירן געוואָרן אַ שטאָט פאַר מיינעטוועגן; יאָ־אינדערפרעמד און נישט־אינדערפרעמד. פאַר דער מאַ־מען האָט אויסגעזען, גלייך ווי דורך אַ צופאַל איז זי דערגאַנגען, אַז איר טאַטע־מאַמע זענען ביים לעבן אין איר אמתער געבוירנשטאָט. האָט מען דעריבער מיטן געדאַנק אָנגעהויבן מאַכן הכנות מיך צו שיקן קיין מעלייטשיטש.

אָפגערעדט געוואָרן, איך זאָל בלייבן ביז איבער יום־טובים אינ־דערהיים. פיר טעג אין כסליו ווער איך דרייצן יאָר; הויב אָן לייגן תפילין מיט אַ חודש פריער, ווי דער דין איז, הייסט עס — פיר טעג אין חשוון ווער איך בר־מצוה. דעמאָלט איז די ריכטיקע צייט צו פאַרלאָזן די היים.

האָט דער טאַטע באַצייטנס פאַר מיר געקויפט ביי אַ מוכר־ספרימניק אַ פאָר גרויסע, גענוצטע תפילין. כ׳האָב מיר באַצייטנס גע־לערנט תפילין לייגן. איז דעריבער מיין קאָפּ פאַרטראָגן געוואָרן פון מיין שטעטל. האָב איך צוביסלעך פאַרנאַכלעסיקט דעם חדר. דעם טאַטן האָט עס נישט געאַרט. ער האָט מסכים געווען מיט דער מאַ־מען: „זאָל שוין דאָס קינד זיין נעענטער צו דער שטוב...״

מען האָט מיר נאָכגעגעבן. דער טאַטע האָט דער מאַמען צוליב געטון, און גוטמוטיקט געקוקט, ווי פרץ גייט אַרום פוסט־און־פּאַס אי־בער די לאָנקעס; ער גייט אין די קאַרטשעס קלייבן מאַלינעס פאַר דער מאַמעסוועגן, באשר די מאַמע וויל פרעגלען מאַלינעס, ברענגען דער באָבען אַ מתנה מאַלינאָווען סאָק, הלוואי זאָל מען נישט באַ־דאַרפן...

בר-מצוה ווערן איז נישט גאָר קיין קלייניקייט געווען אין יענע צייטן, אין יענע ערטער, ווו אמונה איז געוואַקסן ביי דער ערד נידעריק, ווי דער גרינער גראָז; און פונקט ווי דעם גרינעם גראָז — האָט מען גאָט געזען אומגיין ביי דער זייט, אַכטונג-צו-געבן אויפן מענטשנס טריט און מעשים. ביז בר-מצוה איז אַ יינגל אין רשות פון טאַטע-מאַמע. זינדיקט ער — פאַלט עס אויף די פּלייצעס פון טאַטע-מאַמע. האָט אַ יינגל נישט קיין שטאַרק מורא פאַר שטראָף, כּל-זמן ער איז אין רשות פון טאַטע-מאַמע. כאָטש איך האָב נישט אויס-געזען קיין גרויסער זינדיקער אין מיינע אויגן — איז מיר פּאָרט גרינגער געווען אַ שטיף צו טון, גלויבנדיק, אַז גאָט וועט מיך נישט באַשטראָפן.

דעם לעצטן שבעה-עשר בתּמוז, פאַר בר-מצוה, און תּשעה-באב דעם אייגענעם זומער, האָט די מאַמע מיר אינדערשטיל געגעבן אָפּ-צופאַסטן. אמת, אַ האַלבן טאָג האָב איך אָפּגעפאַסט. די מאַמע, האָט ווי דער שטייגער, געזאָגט: „עס, מיין קינד, אויף מיר די עבירה; זאָל נאָר דער טאַטע נישט זען, ווי דו עסט...״

די לעצטע טעג אין חדר זענען מיר געווען אַ משא. נישט גע-ווען מער ליב צו זיצן צווישן נאָך חברים און הערן, ווי זיי זאָגן די גמרא אַיעדערער אויף זיין אופן. נישט ליב געווען צו פאַרברענ-גען גאַנצענע טעג מיט אַזעלכע תּלמידים, וואָס האָבן נאָכגעזוכט עצות, ווי אַזוי דעם רבין אָפּצונאַרן. מיין וועג איז שוין געווען אַן אָנגעצייכנטער: אַליין גיין. אַליין לערנען. אַליין אָנהויבן נישטערן אין דעם גרויסן באַרג ספרים, וואָס הייסט — דער תּלמוד מיט זיינע מפרשים; אַליין אָנהויבן גרונטעווען דעם ים-התּלמוד. עסן טעג; זיבן טעג אַ וואָך — ביי זיבן אַנדערע באַלעבאַטים. ווי אַזוי וועל איך עס טון? ווי אַזוי וועל איך קאָנען עסן ביי אַ פרעמדן טיש. אַיעדן טאָג ביי אַן אַנדער טיש? איך בין געוואַקסן אַ שעמעוודיקער. אַזוי ווי אַלע ביי אונז אין שטוב. נישט ליב געווען צו נעמען עפּעס פון יענעמס האַנט. נישט געווען גאָר ליב אַריינצוקומען צו יענעם אין שטוב אַריין.

זאָט דאָך די מאַמע אַזוי אָפט אינדערשטיל מתפּלל געווען:

– טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, רבונו-של-עולם, אַבי נאָר היט מיך אויס, איך זאָל חלילה נישט באַדאַרפן אָנקומען צו לייטן.

אָבער תּורה לערנען — ווי קאָן מען דען אַנדערש? ווי קאָן

צס אַ בחור ווערן אַ מענטש אינדערפרעמד, אויב טאַטע-מאַמע שיקן פונדערהיים אויף קעסט? ס'קאָן טאַקע נישט געמאָלט זיין...
דער וועג איז געווען פאַר דעם טאַטן קלאָר: פרץ וועט איה"ש זיין אַ רב. פאַר דער מאַמען איז מיין וועג גאָר אינגאַנצן נישט גע-ווען קלאָר. איין זאַך האָט זי נאָר געוווסט: אינדערהיים בלייבן איז פאַר מיר קיין תכלית נישט; וועל איך סוף-כל-סוף באַדאַרפן ווערן מילנער. אינדערפרעמד, האָט זי געהערט, ווייט פון טאַטע-מאַמע, כאָטש קינדער ווערן אויסגעריסן צווישן ווילד-פרעמדע מענטשן — קומט פון זיי שפּעטער אַרויס אַ ברכה פאַר גאָט און פאַר לייטן.
איז איר שטאַרק געפעלן געווען, איך זאָל פון איצטער אָן זיין ביי דער זייט פון זיידן, ר' יוסל איצל. זי האָט שטאַרק געהאַלטן פון איר טאַטן. געגלויבט אין זיין חכמה; געגלויבט אין זיין פירונג; באַ-רעכטיקט זיין אָרעמקייט, און אויך דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין קיין רב.
— איה"ש, נאָך יום-טובים, מיין קינד, וועל איך אַליין דיך אַוועקפירן צום זיידן. מיר וועלן גיין צופוס, מיין קינד. פאַמעלעכקע וועלן מיר גיין. אויסקלייבן אַ שיינעם טאָג — וועט מען באַגינען אַרויסגיין. מיט אַ פור דויערט דריי שעה — וועלן מיר איה"ש פאַרן טאָג דערגיין. וועט זיין אַ שיינער וועג. וואָרום אַזויפיל יאָרן נישט געווען אינדערהיים — וועלן מיר טאַקע נאָר גיין צופוס.
ווי ביי אַ יונג מיידעלע האָט איר פּנים געשיינט, ווען זי האָט געמאָלן דעם וועג קיין מעלייטשיטש, וואָס זי וועט מיט מיר מאַכן צופוס.
אַזוי זענען אַריבער די יום-טובים. אַליין האָב איך געדאַווענט. אַליין מיט מיינע מחשבות. אויף מיר וואַרטן שוין אַ פּאָר שווערע תפילין. אויף מיר וואַרט דער וועג, וואָס איך וועל אָנהויבן צופוס ביי דער זייט פון דער מאַמען. פרייד און שרעק —ביידע האָבן גע-רודערט מיין געמיט. פרייד און שרעק און אַ טיפע בענקעניש, וואָס האָט אָן אויפהער גענאָגט אַיעדן גליד, ווען איך בין אומגעגאַנגען אין דער געגנט אַרום מיל און געזעגן, ווי דער זומער גייט אַוועק. כאָטש נישט דער לעצטער זומער אונטער די פּאַרוויינטע ווערבע-ביי-מער; כאָטש נישט צום לעצטן מאָל רוישט מיין לעבן אין וואַסער-שטראָם אונטער די מיל-רעדער.
אָבער דער לעצטער זומער אין רשות פון טאַטע-מאַמע...

*קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק*

## צופֿוס קיין מעלייטשיטש

דער שווערער, קאַלטער, פּראָסטיקער טוי, וואָס איז פֿון נאָך האַלבער נאַכט אָן געלעגן אויף די האַרבסטיקע לאָנקעס, איז אַוועקגעשווומען אַנטקעגן דער וואַרעמער, לויטערער זון, וואָס איז אַ יונגע און פֿאַרבענקטע אַרויסגעקומען פֿון הינטער די אָנבלעטערדיקע אָלשענע ביימער, אַנטקעגן ליפּעס מיל. דער סטאַוו איז געלעגן אַן אָנגעצונדענער און רויק געהאַלטן די אָפּשפּיגלונג פֿון די באַוואַקסענע ברעגעס. נאָכן בלעטערפֿאַל — זענען די רוימען אָפּענער געוואָרן, און ליפּעס מיל, מיין היים און געבוירן־אָרט, איז געווען אָפֿן צו אַלע פֿיר ווינקלען פֿון דער ברייטער אָפּגעזוימערטער געגנט.

פֿאַר דער שטוב איז געווען פֿאַרזאַמלט דאָס גאַנצע הויזגעזינד. איטלעכער, פֿון אַלט ביז יונג, האָט ווי צום ערשטן מאָל באַטראַכט די גרינגעלביקע לאָנקעס, וואָס זענען אין מערב־זייט פֿאַרלאָפֿן ביז צום הימלראַנד. בלויז דאָ־און־דאָרטן האָט אַרויסגעקוקט אַ טונקלקייט פֿון אַ ווייטן בוים; אָדער אינאיינעם צונויפֿגענומענע וועלדלעך און נידעריקע קאַרטשעס.

ליפּע דער מילנער, מיין טאַטע; קלמן, משה, בעבל און די ייִנגסטע פֿינפֿיאָריקע שרהלע — איטלעכער האָט מיט די אויגן געזוכט דעם פֿאַסיסן שטעג איבער די נאַסע לאָנקעס, וואָס זאָל פֿאַרגרינגערן און פֿאַרקירצן דעם וועג צום ברייטן שליאַך, וואָס פֿירט קיין מעלייטשיטש.

ווען מ'זאָל ציען אין שטעטל אַריין און פֿונדאָרטן צום גאָשטשיניעץ — וועט דער וועג אויסקומען מיט דריי וויאָרסט לענגער; ווען מען זאָל אַרויס איבער די בלאָטעס צו די ווינטמילן, לעבן

וועלכע דער הויפּטשליאַך ציט פֿאַרביי – קען מען איינשפּאָרן אַ גאַנצן וויאָרסט; נאָר, אַז מ׳זאָל שניידן גלייך, גלייך צום מערב-הימל, אַהין וווּ זומער פֿאַרגייט די זון – קען מען אַרויסקומען צום דאָרף פּראָהאָבי, זעקס וויאָרסט פֿון אונזער מיל – בלייבט בלויז פֿון דאָרטן זעקס וויאָרסט קיין מעלייטשיטש. און דערצו ווײַנט דאָך אין פּראָהאָבי אורטשע פּראָהאָביער, וואָלט מען געקענט צו אים אַרײַנגיין און אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אָבער דאָס איז געווען דער אומבאַקאַנטסטער וועג. ווײַל אַהין, קיין פּראָהאָבי איז גאָר פֿון אונז קיין וועג נישט געווען. מער נישט, דאָרטן ווו זומער פֿאַרגייט די זון – אויב אַהין זאָל מען ציען מיט די לאָנקעס; מיט די בלאָטעס – וועט מען שוין גלייך אַרויסקומען קיין פּראָהאָבי און אויסמיידן דאָס שטעטל.

אַז מען האָט גוט אויסגעפּרוווט מיט די אויגן אַלע שטעגן, וואָס ליגן אַהינטער יענע און יענע קאַרטשעס; שטעגן פֿון טשערע-דעס און זייער פּאַסטוך; שטעגן פֿון באָרוועסע צופּוסגייער, וואָס זוכן אַ קירצערן וועג – אַז מען האָט זיי אַלע באַצייכנט מיט דער האַנט אין דער בלויער לופֿט און ס׳איז טאַקע געבליבן, מ׳זאָל ציען צום דאָרף פּראָהאָבי – איז אַלעמענס אויגן געפֿאַלן אויף די צוויי וואַנדערער, וואָס וועלן באַלד באַדאַרפֿן באָרוועסע אַוועק איבער די האַרבסטיקע לאָנקעס צום אָרט, וווּ די זון פֿאַרגייט זומער און פֿון דאָרטן – צום זאַמדיקן גאָשטשיניץ, וואָס וועט פֿירן קיין מעלייטשיטש.

די מאַמע שיינע מיט איר בר-מצוה בחורל פּרץ האָבן עס באַלד, באַלד באַדאַרפֿט אַרויס אין וועג. נישטאָ קיין סך צייט אָנצו-ווירן, באשר פֿאַרן טאָג באַדאַרף מען אָנציען קיין מעלייטשיטש. דער טאָג איז שוין אַ סך קירצער. און ווײַל ס׳האָט געהייסן, אַז די מאַמע גייט מיט מיר קיין מעלייטשיטש צו אירע טאַטע-מאַמע, צום זיידן ר׳ יוסל איצל און באָבע פּעשע רייזל – האָט מען דעריבער פֿאַרגעסן צו טראַכטן, וואָס מיט דעמדאָזיקן וועג איבער די לאָנקעס און בלאָטעס הויבט איצטער אויף צום אמתן אָן דאָס בר-מצוה בחורל זיין לאַנגן, אומבאַקאַנטן וועג, וואָס וועט אים אַרויספֿירן פֿון אַ לעבן צווישן ביימער און לאָנקעס אין אַ לעבן אַריין – איינגע-וואַקסן אין די בית-המדרשדיקע ד׳ אמות.

דער לויטערער פֿרימאָרגן, דער שיינער, געשענקטער האַרבסט-פֿרימאָרגן – ער האָט געמאַכט, אַז ביי די אַלע פֿאַרזאַמלטע דרויסן,

זאָל אָנשטאָט טרויער, בענקעניש — גאָר אַן אומגעריכטע און ציטעריקע אויפרעגונג אַרויסשיינען פון פנים.

אויסגעטון באָרוועס, מיט מיינע נייע שטיוועלעך צונויפגעבונדן ביי די אויערן, אַריבערגעוואָרפן אויפן לינקן אַקסל, אויפן רעכטן אַקסל אויף אַ שטעקל איז געהאָנגען אַ פעקל, אין אַ געקווייטלטער פאַטשיילע איינגעבונדן אַ ביסל וועש, אַ פאָר תפילין און אַ ווינטערמאַנטעלע מיט אַ שוואַרצן, באַראַשקענעם קאָלנער; ביי דער זייט — די מאַמע, באָרוועס. אירע שיך צונויפגעבונדן און אויפן לינקן אַקסל אַריבערגעוואָרפן; אויפן רעכטן אַקסל — אַ פעקל אויף אַ שטעקן, ווו צווישן אַנדערע מתנות פאַר זיידע־באָבע־וועגן, איז געווען אַ פלאַש מאַלינע־סאָק, אַליין געפרעגלטע — אַזוי זענען מיר ביידע אַריבער דעם ערשטן גראָבן פאַרן שטוב; אַוועק מיט די לאָנקעסביים ראַנד פון אונזער אייגענעם טייך. הינטערוויילעכטס, אַז מען האָט געקוקט, האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט געזען די איבערגעבליבענע פון ליפעס הויזגעזינד, וואָס זענען אין אַ קופקעלע ענג געשטאַנען, נאָכגעקוקט די צוויי וואַנדערער, וואָס זענען שוין איבער אַ פלויט אַריבערגעקראָכן און טיאָפקען מיט אַ שוואַרץ־אויסגעטראָטענעם שטעג פון בהמה און פאַסטוך, וואָס בראַדזשען דאָ אום נאָכדעם, ווי מען האָט די לאָנקעס צום לעצטן מאָל געקאָשעט. ס'איז געווען שפעט אין האַרבסט. כאָטש די זון האָט פון אינדערפרי געשיינט, האָט זי נאָך נישט געהאַט גענוג צעוואַרעמט די פייכטע לאָנקעס. ווען דער באָרוועסער טראָט איז געזונקען אין נאַסן טאָרף, האָט ער דאָרט געשפירט די פאַרבאָרגענע אייזיקייט, וואָס האָט צום ווינטער אַרויסגעקוקט.

אַ צייט האָבן מיר ביידע געשוויגן. ערשט איצטער האָט עס אָנגעהויבן צונויפקוועטשן אין האַלז און גליען אין די באַקן. ערשט איצטער האָט עס אָנגעהויבן צו פאַרנעבלען די אויגן, און די ברייטע, גרין־געלע געגנט איז אויך געווזן פאַרקלעמט. אַ שעה דריי פאַר האַלבן טאָג. די זון איז הינטער אונז; אונזערע פנימער זענען אין שאָטן. כ'האָב געוואָלט, די מאַמע זאָל וואָס־פריער אָנהויבן צו רעדן, כדי פון מיר אַוועקנעמען די מידקייט, וואָס איז מיר פלוצלונג באַפאַלן, ווי נאָר די ווייט האָט אויסגעשפרייט די אָרעמס פאַר אונז.

האָב איך באַמערקט דער מאַמעס אומרויקע אַ ביסל צעשראָקענע פיס, אָפגעדעקט ביז צו די קני; אירע אויגן זענען געווענדט צו דער מערבדיקער ווייטקייט — אַ צעשראָקנקייט אין אירע אויגן. איר גאַנץ ווען איז אַהין געווענדט — אָט ווי דער פויגל, וואָס

לאָזט איבער די ערד און ציט צום ראַנד פון הימל. אירע באַקן — מידע, בלאַסע; ס'פּנים — לענגער און דינער, ווי איך בין עס געוווינט געווען צו זען. ווי פון אַ ווינט אונטערגעכאַפּט, האָט איר צאַרטער גוף געשטרעבט צו מערב, לאָזנדיק ליפּעס מיל אַהינטער, ווו אין אַ קופּקעלע דרויסן זענען נאָך אַלץ געשטאַנען ליפּע דער מילנער, קלמן, בעבל, משה און די קליינע שרהלע — נאָכגעקוקט די צוויי וואַנדערער, וואָס זענען אַלץ קלענער און קלענער געוואָרן אין דער ווייט; וואָס האָבן אויסגעזען ווי צוויי קאַרטשעס אויסגעוואָרצלטע, וואָס זענען אַוועק צום אָרט, ווו די זון פאַרגייט זומער.

די מאַמע האָט אַ טיפן זיפץ געטון; מיט אַ פאַרזאָרגטקייט אין פּנים, האָט זי אַ פרעג געטון.

— אויב דו ביסט מיד, מיין קינד, וועלן מיר איצטער דאָ אויפן גרינעם און טרוקענעם בערגעלע אַ ווײַלע זיצן.

נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, איז זי אַליין געבליבן זיצן אויף אַ טרוקענעם און געל־באַוואַקסענעם בערגעלע, און האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. איך האָב באַמערקט, ווי סיי איר מידקייט און סיי מיינע שטאַמט נישט פון צופוסגיין. מיר זענען נאָך דערווײַלע גאָר נישט ווייט פאַרגאַנגען. שולדיק איז די איבערלעבונג ביים פאַרלאָזן די שטוב; אַוודאי איז די מאַמע וואַך געווען די לעצטע נעכט, איידער זי האָט איר קינד אַוועקגעפירט פונדערהיים. איך בין אויך וואַך געווען. האָט עס איצטער אָנגעוואָרפן אַ מידקייט אויף אונז ביידן.

די מאַמע האָט מיך איצטער ווי צום ערשטן מאָל באַטראַכט; האָט מיט דער האַנט אָפּגעווישט דעם שווייס פון מיין שטערן; אַראָפּגענומען מיין היטל און געגלעט די האָר אויף מיין קאָפּ. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט:

— אַוודאי, מיין קינד, וואָלט מען געקאָנט געוועזט פאָרן מיט אַ פור. וואָלט גרינגער געווען, ווען מ'פאָרט מיט אַ פור. נאָר איך פאַרהאָף, אַז מיר וועלן נאָך היינט אָנקומען קיין מעלײַטשיטש. זעסט, פּרצל, ווי קליין עס זעט אויס אונזער מיל פונדערווײַטנס?

איך האָב אויף דעם נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. מיר איז גוט געווען דער גאַנג צופוס; כאָטש דער מאַמען, ווי איך זע, איז דאָס שווער. איך האָב נישט באַנומען דער מאַמעס אויפרעגונג.

זי האָט ווייטער גערעדט:

— אַזוי זיצט מען, מיין קינד, אויף אַן אָרט, ווי אַ וואָרעם אין כריין. קיין צייט נישט געווען אפילו געוווּיר ווערן אין מעליי-

טשיטש; שוין באַלד אפשר מער ווי צען יאָר, זינט איך בין דאָרט' געווען. זע, מיין קינד, ס'אַראַ ברייטע וועלט עס ליגט דאָ פאַר אונדז; גאָר קיין סוף נישטאָ צו דער ווייטקייט. אַזויפיל שוין אָפּגעגאַנגען, און צום ברעג פון הימל איז אַלץ די אייגענע ווייטקייט. עפּעס אַ מידקייט איז מיר באַפאַלן... איצטער קאָן מען שוין גיין.

אַ ראָזע פאַרב איז אָנגעשטאַנען אין אירע באַקן; אַ ראָזע פאַרב, אַרומגערינגלט מיט אַן אויסגעלאָשענער בלאַסקייט און אָפּגעצערטקייט.

מען איז אויפגעשטאַנען און ווייטער געגאַנגען; אויסגעמיטן לאַפּינסקיס מיל, וואָס איז געשטאַנען אויף אונזער טייך; בראָדזשענידיק ביז איבער די קני, איבערגעשניטן אַ גאַנץ טיפן גראָבן, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אַ רויטלעכער זומפּיקייט. ווו-נישט-ווו האָט מען איבערגעשראָקן אַ פויגל, וואָס איז געזעסן באַהאַלטן צווישן די גרודעס. דער פויגל האָט געפּאַטשט מיט די פליגל, אַוועק און פאַרשוווּנדן אין רויקן פרימאָרגן.

— מיך האָט עס אויך, מיין קינד, אין דער יוגנט געריסן אין דער ווייטער וועלט אַריין. האָט מען נישט קיין פליגל, היניעט מען אָפּ דאָס ביסל יאָרן. אַוודאי האָט עס געקאָנט זיין אַנדערש. זע איך דאָך, ווי מיר איז באַשערט צו זען, ווי אַ קינד מיינס קריכט אַרויס פון דער בלאָטע אין דער פרייער וועלט אַריין. איך פאַרהאָף, דיר וועט זיין גוט אויף דער פרעמד.

מען איז אַרויסגעקומען צו אַ האַרטן סמוג; אַ שטאַרק-אָפּגעגריזשעטער. ס'האָט געשטאָכן אין די באָרוועסע טריט. אַן אומבאַקאַנטע געגנט מיט אַזעלכע האַרטע, טרוקענע און שטעכיקע גראָז. שורות געננז האָבן אינדערוויַיט געצייכנט ווייסע שורות אויפן סמוג. מיט גענזענע פעדערן האָט דאָס לייכטע, קילע מזרח-ווינטעלע געשפּילט. דער סמוג איז לענגאויס איבערגעצאַמט מיט אַ שיטערן פּלויט פון דרייזשערדעס; אַנטקעגן מערב זענען געווען אָפּגעצייכנט געל-ברוינע שטרויענע דעכער. געווען נאָך אַ פּאָר וויאָרסט צום דאָרף פּראָהאָבי. האָט די מאַמע פאַרגעשלאָגן, מ'זאָל ווידער אַ ביסל זיצן הינטערן פּלויט, כדי מ'זאָל נישט באַדאַרפן צו לאַנג זיצן ביי אורטשע פּראָהאָביער.

— אין אמתן וואָלט איך נישט געוואָלט פאַרגיין אין ערגעצן. נאָר צו אורטשען וועט מען מוזן אַריין אויף אַ ווײַלע.

אורטשע פּראָהאָביער האָט געהערט צו ליפּעס מקורבים. כאָטש מיר זענען קיינמאָל נישט געווען ביי אים, אָבער אורטשע, אַ יאָ־דערדיקער ישובניק, מיט אַ ברייטער, געלער באָרד, ווען ער איז גע־גאַנגען קיין קלעשטשעל — איז ער געגאַנגען מיט די בלאָטעס אַ באָרוועסער, ווי מיר טוען עס איצטער. קומענדיק צו ליפּעס מיל, האָט ער, ווי דער שטייגער, געוואַשן די פיס אין אונזער טייך, אָנגעטון די שטיוול, אַריין צו אונז אין שטוב און געזאָגט גוטמאָרגן. אוודאי האָט מען איצטער נישט געטאָרט אויסמיידן זיין שטוב. נאָר איבער־בייסן ביי אים האָט די מאַמע נישט געוואָלט.

איז מען ווידער געבליבן זיצן הינטערן פּלויט. די מאַמע האָט אַרויסגענומען פון איר פּעקל ראַזעווון ברויט מיט זויערע אוגערקעס. מען האָט „געוואַשן" די הענט, אָפּרייבנדיק זיי אין גראָז און פאַר־טראַכטערהייט געשטאַרקט דאָס האַרץ. אַ האָז איז פונערגעץ איבער־געצן געלאָפן. האָט אומגעריכט אונז באַמערקט זיצנדיק הינטערן פּלויט — איז ער אַ ווײַלע אַ פּריטשמעלעטער געבליבן שטיין אַנט־קעגן אונז גאָר נאָענט, געשאָקלט מיט אַן אויער און פּלוצלינג פאַרקע־רעוועט אַהין, פונוואַנען ער איז געקומען.

די מאַמע האָט אַ לאַך געטון:

— פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען האָט עס מורא; געקאָנט געווען צוקומען. וואָלט מען אים געגעבן אַ שטיקל ברויט.

ווען די מאַמע איז פון צובייס אַביסל געשטאַרקט געוואָרן, איז זי געוואָרן באַרעדעוודיק. זי האָט מיר דערציילט, ווי שווער ס'איז איר געווען צו גטן איר ערשטן מאַן. „וואָס האָט מען געקאָנט טון און מאַכן, אויב קינדער זענען געקומען און אַוועקגעגאַנגען? אין אַ קורצער צייט זענען פיר קינדער געקומען און אַלע אַוועקגעקומען"... זי וואָלט נאָך ווען אַמאָל זיין אין מעזעריטש, ווו איר ערשטער מאַן לעבט. זי וואָלט נאָך אַפילו וועלן זיין אין סעמיאַטיטש, ווו איר שווסטער לעבט. זי האָט מיר אויך דערציילט פון טאַטנס זון יעקב מרדכי, אין וועמען איך בין אַזוי שטאַרק געראָטן און וואָס איז פאַר שרעק געשטאָרבן.

— גוט, מיין קינד, וואָס דו וועסט איצטער זיין מיטן זיידן. וועסט נישט זיין דורכויס אויפדערפרעמד. ער וועט דיך ליב האָבן; איך וויס, ער וועט דיך ליב האָבן.

ביי אורטשען אין שטוב איז מען לאַנג נישט געזעסן. אורטשע

איז אין שטוב נישט געווען. אורטשיכע אַליין, אַ שווערע, מילכיקע יידענע און אַ טאָכטער אין איר גערעטן – זיי האָבן אונז מיט אַן אוי און מיט אַן איי-איי-איי-איי באַוווּנדערט אונזער צופוסגיין.

– אַזש קיין מעליטשיטש צופוס... אַז מען האָט נחת פון קינדער, איי-איי-איי-איי – קאָן מען שוין אויף פליגל אויך פליען, איי-איי-איי-איי...

דאָרפישע הינט האָבן אונז אַרויסגעבאַגלייט ווייט הינטערן דאָרף. פאַר די הינט זענען די צווי באַרוועסע וואַנדערער געווען אַ בייז ווונדער. די הינט האָבן מיך אויפגעמונטערט. און ווי אין די גוטע צייטן, האָב איך זיי געוויזן דעם וועג צוריק אין דאָרף אַריין. ס׳האָט געהייסן, אַ העלפט וועג אָפּגעשניטן. פון איצטער אָן איז שוין געווען דער ברייטער, זאַמדיקער גאָשטשיניעץ. דאָ-און-דאָרטן – סאָסנאָווע ביימער – אַ חידוש פאַר אונזביידן. קיין איין סאָסנע איז נישט געווען אין אונזער געגנט אַרום מיל.

– ווי די סאָסנעס שמעקן! פונקט, ווי אין מעלייטשיטש. וועסט זען, מיין קינד, וואָס פאַר אַ וואַלד מעלייטשיטש האָט. לעבן סאַמע שטעטל איז דער וואַלד. איך פאַרהאָף, מיין קינד, דו וועסט גיין אין וואַלד אַריין, פונקט ווי איך האָב דאָס ליב געהאַט צו טון.

מיטן זאַמדיקן וועג איז דער גאַנג שווערער געוואָרן. דער מהלך האָט אויסגעזען אַ ווייטער. אַ פרישע מידקייט איז אונז באַפאַלן און האָט ביי אונז ביידן די רייד צוגענומען. דער זאַמד איז געווען וואַרעם, און ס׳איז נישט געווען אַזוי גוט אין אים צו טרעטן מיט באָרוועסע פיס, ווי איבער די נאַסע לאָנקעס. וואָס נעענטער צו מעלייטשיטש זענען דער מאַמעס אויגן אָפּענער געוואָרן. איר אויסזען, איר פנים איז יינגער געוואָרן, אַ גאַנצן באַרג יאָרן האָט זי אַפּנים פון פלייצע אַראָפּגעוואָרפן, ווען נעענטער קומענדיק צו איר געבוירנשטעטל.

– מיר וועלן באַדאַרפן, מיין קינד, הינטערן שטעטל זוכן און געפינען אַ וואַסערל, אָפּצוואַשן די פיס. מ׳עט באַדאַרפן אָנטאָן שיך און זאָקן.

אַזאַ וואַסערל האָבן מיר טאַקע געפונען; די מאַמע האָט עס נאָך געדענקט פון אירע קינדערשע יאָרן. האָט מען די פיס געוואַשן, דאָס פנים געוואַשן — די ביינער אויסגעגלייכט. די מאַמע האָט מיר איבערגעענטפערט איר אויפרעגונג. איך האָב מיטאַמאָל דערשפירט, אַז מיר איז הייס.

מען האָט אָנגעטון שיך־און־זאָקן, גרייט ווייטער צו גיין — האָט די מאַמע געזאָגט:

— איך זע, דיר איז הייס, מיין קינד; מיר איז אויך מיטאמאָל זייער הייס געוואָרן... דאָס איז דאָך שוין מעלייטשיטש, מיין קינד; טאָ לאָמיר דאָ אויפן שטיין נאָך אַ ביסל זיצן. איך דערקען דעם דאָזיקן שטיין. אַהער בין איך מיידלווייז מיט די מיידלעך אַרויסקומען שפּאַצירן. אויף דעם שטיין פלעגן מיר זיצן...

און אַזוי, אויפן שטיין זיצנדיק, האָט די מאַמע מיך צוגעדריקט צו איר ברוסט. איך האָב געהערט, ווי שטאַרק עס קלאַפּט איר האַרץ. אַזוי האָט מיין האַרץ געקלאַפּט.

די זון האָט שוין אַראָפּגענייגט צו מערב, און די שאָטנס פון מעלייטשיטשער שטיבער האָבן געצויגן צו אונזער זייט. שווער געווען אויפצושטיין פון אָרט. ביידע זענען מיר געבליבן צוגעוואַקסן צום שטיין. איך, קוקנדיק צו דער פרעמד; און די מאַמע — צו איר געבוירנשטאָט, וווּ איר יוגנט האָט אויפגעבליט.

### קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

## קינדעריאָרן באַגעגענען די מאַמע

דער מאַמעס אויפרעגונג איז איבערגעגאַנגען צו מיר; ווי אויף אַלע מיינע אָדערן וואָלטן הייסע ווינטן געשפּילט, אַזוי איז מיר געווען. דער שטיין אונטער מיר האָט געגליט. דאָס שטעטל מעלייטשיטש און דער געדיכטער, סאָסנאָווער וואַלד ביי דער זייט האָבן צו אונז אָפּגעקוקט. שווער געווען אויפצושטיין.

די מאַמע איז נאָך נישט אַלט; קיין פערציק יאָר נאָך נישט אַלט. אָבער פון צווישן איר ערשטן פאַרלאָזן איר געבוירנשטעטל, ביז דעם איצטיקן צוריקקער, האָט זי ביי דער האַנט געפירט שווערע יאָרעלעך; זיבן קינדער אין דער ערד פאַר דער צייט באַגראָבן. נישט איין מאָל האָב איך פון אירע ליפּן אַראָפּגעלייענט: „פאַרשפּילט די יאָרעלעך; ווי די אָסיען-בלעטער זענען זיי פון בוים אין בלאָטע אַריינגעפאַלן.״

די זון איז אַריבער דעם סאָסנאָוון וואַלד, וואָס איז לינקס צוגעפאַלן צום שטעטל און אָנגעצונדן די ביימער-שפּיצן. אַ קיל מזרח-ווינטל האָט געצויגן דיכט ביי דער האַרבסטיקער ערד, און האָט דערמאָנט, אַז ס׳וואָלט געווען אַ יושר, מען זאָל דערזען מעלייטשיטש אויף אַן אמתן.

די מאַמע האָט אַ שוידער געטון מיט איר גאַנצן צאַרטן גוף; די אויגן האָבן ווי פון אונטער אַ נעבל אַרויסגעשטראַלט:

— האַ, מיין קינד, אָט דאָס איז ער, דער סאָסנאָווער וואַלד, וו אין בין נאָך קינדווייז אומגעלאָפן צווישן די ביימער. אַ סך ביימער האָט מען, אַפּנים, פאַר דער צייט אויסגעהאַקט. אַפּנים, דער

וואַלד איז אויך אַביסל געעלטערט געוואָרן. ווי לאַנג איז דאָס דען געווען? ווי נעכטן איז דאָס געווען; און איצטער פיר איך דיך קיין מעלייטשיטש. זומערלעב איז גאָר קיין גלייכן נישטאָ צו דעם דאָזיקן וואַלד. אַ געזונטער וואַלד. זומער קומען קראַנקע אַהער און ווערן געזונט.

מען האָט אַרומגעטרייסלט דעם שטויב פון די מלבושים. שיך־און־זאָקן האָט מען שוין געהאַט אָנגעטון. די מאַמע האָט פון פעקל אַרויסגענומען מיין וואַרעמען שוואַרצן מאַנטעלע, מיטן שוואַרצן, באַראַשקענעם קאָלנער; האָט אויסגעגלעט די קנייטשן, און געהייסן מיר אָנטון. זי האָט פאַריכט אירע געדיכטע, טונקלברוינע האָר; פאַריכט דאָס טיכל אויפן קאָפּ און די פאַטשיילע אויף די אַקסלען. די פעקלעך אין האַנט, די שטעקלעך אָוועקגעוואָרפן, און מיט אַ סך געמאַכטער מונטערקייט, האָט זי געווענדט די טריט און פנים צום שטעטל. איך האָב מיר געטוליעט צו איר זייט. די טריט זענען געווען אומרויקע און צעשראָקענע.

— טשעקאַווע, צי איך וועל עמעצן פון מיינע אַמאָליקע חברטעס באַגעגענען אין גאַס, און צי וועט מען מיך נאָך דערקענען... יאָ, טשעקאַווע, ווי אַזוי דאָס שטעטל וועט איצטער אויסזען אין מיינע אויגן.

איך האָב מיר דערמאָנט אין מגילת רות, בעת נעמי מיט איר יונגער שנור רות האָבן נאָך אַ שורה יאָרן ווידערגעקערט קיין בית־לחם, און ווי נעמי האָט אירע אַלטע באַקאַנטע דערקענט; דיאָ לטע באַקאַנטע האָבן זי דערקענט און געשמוצערט מיט די ליפּן: „איז דאָס נעמי?"

ווי נאָר מיר זענען אַריינגעקומען אין דער הויפּטגאַס, פון ביידע זייטן מיט נידעריקע שטיבער, טייל מיט שטרוי געדעקט און מיט אַ שיטערן ברוק אין זאַמדיקן גרונט — איז אונז אָנגעקומען אַנטקעגן אַ מיטליעריקע יידענע מיט אַ ליידיקן עמער. וואָסער איז זי אַפּנים געגאַנגען שעפּן צום ברונעם. די יידענע איז באַלד דאָס בלוט געקומען אין פנים אַריין, דערזעענדיק אונז מיט די פעקלעך. די מאַמע האָט מיך ביי דער האַנט געפּירט. דער מאַמען האָט עס אויך, גלייך ווי עמעצער וואָלט איר דערלאַנגט איבער די פיס און די פיס איבערגעבראָכן. ביידע זענען געבליבן פאַרגאַפט. די יידענע האָט אַרויסגעלאָזן איר לערן עמער, און די מאַמע האָט אויף דר'ערד אַראָפּגעלאָזן

דאָס פּעקל. מען איז איינס דעם אַנדערן אויפן האַלז געפאַלן. מען האָט געוויינט און געלאַכט. ביי ביידן האָט אין די אויגן און אין פּנים די מיידלשקייט אויפגעבליט.

— דאָס איז דאָך שיינע פּעשע-רייזלס... כ׳וועל עס נישט אויס-האַלטן...

— זעסט, פּרצל, דאָס איז דאָך מיין חברטע; אינאיינעם פלעגן מיר זומער אַלע פּאַרנאַכט אין וואַלד אַריין גיין. זעסט, דאָס איז מיין ייִנגסטער זון פּרץ, נאָך דער מומע פּערל, זאָל זיין אין גן-עדן. צום זיידן פיר איך אים.

האָט די פרעמדע ייִדענע מיך אָנגעקוקט; איר בלאָנדער פּנים איז אָנגעפילט געוואָרן מיט מוטערלעכער צאַרטקייט. זי האָט מיך אַרומגענומען און מיך אַ קוש געטון:

— אַזאַ בלייכער איז ער ביי דיר, שיינע. מען דערציילט דאָך, אַז דו לעבסט אין אַ וואַסערמיל — צי איז דען, חלילה, נישטאָ וואָס צו עסן אין אַ וואַסערמיל?

— אַזאַ פּאַראַדע שוין — האָט די מאַמע געגלעט מיין פּנים — ווען מען זאָל אים אַפילו מיט לעקעכלעך קאָרמענען, וועט ער שוין אויך האָבן אַ בלייכן פּנים.

— יאָ, יאָ, אַלע זענט איר דאָך... ווי ביסטו און ווי איז בראָ-שע... אוי, ווען דיין טאַטע און די מאַמע וואָלטן עס וויסן, אַז איר זענט שוין דאָ!

די מאַמע איז מונטערער געוואָרן; אויפגעוואַכט און פול מיט פרישן כח און גרייטקייט אין דער פרעמדערס אָנגעזיכט — איז זי אויפסניי געבוירן געוואָרן.

— ער וועט דאָך מסתמא דאָ לערנען ביי אונז אין בית-המדרש, טעג עסן — האָט די ייִדענע ווייטער געזאָגט — זאָל ער ביי מיר האָבן דעם ערשטן טאָג. שבת זאָ, ער ביי מיר עסן, וועט זיין אַ נחת צו האָבן אים אויף אַ טאָג ביי מיר אין שטוב. וועל עס אָנזאָגן היינט מיין מאַן.

— אַוודאי וועט ער אי״ה באַדאַרפן עסן טעג. שבת וועט אים דער זיידע זיינער וועלן האָבן.

— טאָ זאָל זיין פרייטיק; מיך אַרט נישט וואָס פאַר אַ טאָג; זאָל טאַקע זיין פרייטיק...

אַזוי בין איך באַזאָרגט געוואָרן מיט אַ פרייטיק גלייך ביים

אַריינקומען אין שטעטל אַריין. דער מאַמען האָט עס מיט גאָר דער דער וואַרעמקייט אָנגעפילט. לענגאויס דער גאַס האָבן מיר געשפּרייזט אויפן וועג צום זיידן. גאָר נישט די אייגענע מאַמע איז דאָס געווען. שוין געווען טונקעלעך. יידן האָבן געצויגן מיט פאַוואָלעדיקע טריט אין בית־המדרש אַריין צו מנחה־מעריב, ווען מיר זענען אָנגעקומען צו אַ נידעריקער, לענגלעכער שטוב, מיט אַ גאָרטן הינטערן שטוב, וווּ קרויט־קעפּ האָבן אַרויסגעגרינט פון פאַרנאַכט אַרויס.

די מאַמע האָט, ווי אַ קליין מיידעלע, אַ לאָף געטון, וועץ שוין נעענטער צום שטוב. ווייזט אויס, אין שטוב האָט מען פון טאָג־אויף־טאָג אויסגעקוקט די אויגן. ביים זיידן האָט מען געוווּסט, אַז מיר באַדאַרפן אָנקומען. די מאַמע האָט באַפוילן מיט מעליייטשיטשער, וואָס זענען מאָנטיק געקומען פון מאַרק־טאָג קיין קלעשטשעל. זי האָט באַפוילן צום זיידן, אַז די טעג וועט מען אַראָפּקומען.

דער זיידע, וואָס האָט געהאַט עטלעכע דערוואַקסענע תּלמידים אין שטוב אַרום טיש — ער האָט די תּלמידים תּיכּף אַוועקגעשיקט אַהיים. די באָבע, אַזאַ דראָבנינקע, ווי אַ קנויל גוטסקייט, איז זי געלאָפן פון ווינקל צו ווינקל, נישט געוווּסט, ווי אַזוי אויפצונעמען די געסט. זי האָט איר טאָכטער געכאַפּט אין די אָרעמס; זי האָט דאָס אייניקל געוואָלט אַרויפכאַפּן אויף די הענט, און ס׳איז אָנגעקומען שווער. דער זיידע האָט פאַרשאַרצט זיין יאַרמולקע, און כ׳האָב איצטער דערזען זיין הויכן, ליכטיקן שטערן. זיינע צוויי שפּיצן פון דער גרויער באָרד האָבן געפּאָכט אין לופטן.

— אַן איינפאַל גאָר צופוס צו קומען... קריגט מען שוין גאָר קיין פור נישט קיין מעלייטשיטש? און פאַרוואָס האָט מען געזאָלעוועט דאָס אייגענע פערדל איינצושפּאַנען?

טאַקע שווער געווען צו דערקלערן, הלמאי מען איז צופוס געגאַנגען אַזאַ מהלך רב.

— איך וואָלט עס בשום אופן נישט באַוויזן — האָט די באָבע מיך אַרומגעטאַפּט — נעמען אַזאַ עופהלע און פירן עס צופוס. מ׳באַדאַרף דאָך לויפן בראָשען אָנזאָגן, אַז שיינדל און פרץ זענען געקומען.

דערווייל איז דורך דער אָפענער טיר אַריין אַ ווייסע ציג מיט אַ לאַנגער ציגענער באָרד; אַ ווייל האָט זי באַטראַכט די געסט, שאָקלענדיק מיט דער באָרד; האָט אַ ווייל באַנומען די אומגעריכטע

אויפרעגונג אין שטוב, און האָט אַגב באַמערקט אויפן בעט אַן אויסגעוועלגערטע בלאַט לאָקשן — איז זי מיט די פּאָדערשטע פיס אַרויף אויף דער בעט, געכאַפּט מיט די ציינער די בלאַט לאָקשן און אַנטלאָפן דרויסן.

— אוי, נישט געדאַכט זאָל זי ווערן! יוסל איצל, זי האָט דאָך ווידער די לאָקשן אַראָפּגעכאַפּט... לויף, כאַפּ זי, אפשר וועסטו נאָך די לאָקשן אָפּראַטעווען...

דער זיידע האָט האַרציק געלאַכט; מיר האָבן מיט אים מיטגעלאַכט. ער האָט דער ציג נישט נאָכגעיאָגט.

די באָבע האָט אַרויסגעאײַלט דרויסן און איז צוריקגעקומען מיט ליידיקן. זי האָט אָנגעמסרט אויפן זיידן:

— די ציג פאַרצאַפּט מיר דאָס בלוט, און ער האָט הנאה פון דעם. אַ נאַשערקע אַ ציג. ווי נאָר איך וועלגער אויס לאָקשן, איז מיט צען אויגן נישט אויפצוהיטן, און ער האָט הנאה פון דעם...

די באָבע האָט דרויסן דורך עמעצן באַפוילן צו דער מומע בראָשע, אַז שיינדל איז אָנגעקומען. די מומע בראָשע, נאָך אַ דראָבּנערע ווי די מאַמע, מיט נאָך אַ שמעלערן פּנים ווי די מאַמע מיינע — איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין, און ווי אַ ציג אַרויפגעשפּרונגען דער מאַמען אויפן האַלז. ביי טאַטע-מאַמע אין שטוב, נאָך דעם, ווי מען האָט אַ יאָר צען איינס דאָס אַנדערע נישט געזען — איז מען ווידער אין קליינע מיידעלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן. ס׳איז מיר אַ פרייד געווען צו זען די מאַמע אַזאַ ביי אירע אייגענע וואָרצלען; זען זי אין שאָטן פון די ווענט, צווישן וועלכע זי איז געוואַקסן.

בשעת די ווייבער האָבן אויסגעגאָסן זייערע געמיטער, אָמאָל דורך טרערן און אַמאָל דורך געלעכטער, דערמאָנענדיק ניי-געבוירענע און פריש-געשטאָרבענע; בשעת שטילשווייגן האָט פאַרנומען ס׳אָרט פון געלעכטער, און פרייד-אויסגעשרייען האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון זיפצן און באַדויערן — דעמאָלט האָט דער זיידע ביים ברעג טיש, נעבן די לאַנגע פאַליצעס ספרים, באַטראַכט זיין אייניקל, וואָס איז צו אים קיין מעלייטשיטש צופוס אַראָפּגעקומען.

וועסט דאָך קיין מלמד נישט באַדאַרפן, — האָט ער מיר געגלעט מיין באַק, - מען שמועסט, דו קאָנסט שוין אַליין באַשטיין דיין

שטעטל. הייסט עס, וועסט אין בית-המדרש לערנען, וועט דיר גוט זיין אין מעלייטשיטש, אויב דו וועסט נאָר זיין אַ מתמיד.

מיינע אויגן זענען אומגעגאַנגען צווישן די ספרים אין די פּאָליצעס. כ'האָב געזען, אַז נישט נאָר מיט גמרות זענען די פּאָליצעס אָנגעשטעלט. שטייען ספרים, וואָס זענען פול מיט שווערע ענינים; כ'האָב אָפּטמאָל אין אַזעלכע ספרים אַריינגעקוקט און שווער געווען מיר דערוויל צום גרונט דערגיין. חידושט מיך צו זען ביים זיידן דעם „מורה-נבוכים" פון רמב"ם.

די מאַמע האָט דערציילט, ווי זי האָט באַגעגנט איר חברטע אין גאַס, און ווי זי, די חברטע, וויל נישט אַנדערש, אַז פרץ זאָל ביי איר עסן שבת אָדער פרייטיק. די באָבע און די מומע בראָשע האָבן דערפון גאָרנישט געוואָלט הערן.

— סטייטש, אין מעלייטשיטש וועט ער עסן טעג? ביי מיר וועט ער עסן — האָט די מומע בראָשע באַשטאַנען אויף אירס.

— ביי מיר וועט ער זיין און עסן — האָט די באָבע נישט געוואָלט נאָכגעבן.

דער זיידע האָט פּאַוואָליע פאַנאַנדערגעוויקלט דעם ענין טעג-עסן. ער האָט דערציילט פון דעם „פּת במלח תאכל..." טעג עסן מיינט נישט בעטלען; מיינט נישט אָנקומען צו לייטן. אין דעם איז קיין שום בזיון נישטאָ. אַדרבה, די תורה פאַרלאַנגט עס: „וויל מען תורה לערנען לשמה — באַדאַרף מען נישט לעבן אין רחבות". האָט דאָך די מאַמע זיינע נישט באַדאַרפט אים ברענגען קיין מעלייטשיטש. אינדערהיים פעלט אים נישט צו עסן; אין קלעשטשעל איז אויך פאַראַנען אַ בית-המדרש מיט ספרים. האָט זי אים געבראַכט אַהער, איז דאָס דערפאַר, וואָס נאָר אויפדערפרעמד ווערט פון אַ קינד אַ לייט. איז טאַקע נאָר טעג עסן; טאַקע נאָר אין בית-המדרש שלאָפן.

די מאַמע האָט געשוויגן. מיט איר שווייגן האָט זי מסכּים געווען מיטן זיידן, און ווען רייד זי האָט אַזוי שטאַרק געגלויבט.

— ביים זיידן, און פונדעסטוועגן אויף דער פרעמד — האָב איך געטראַכט — גערעכט איז טאַקע דער זיידע. נישט צום זיידן — קיין מעלייטשיטש האָט דאָך מיך די מאַמע געבראַכט.

— אין דער פרעמד איז די בעסטע היים — האָט דער זיידע ווידער געזאָגט. — וואָס מיר היים? וואָס מיר זיידע-באָבע? פעטערס,

מומעס... שבת וועט ער זיין ביי מיר; פרייטיק, ביי דיר, בראָשע, און פינף טעג — ביי לייטן.

ס'איז אָנגעשטאַנען אַ שטילשוויגן. מיר האָט אויסגעוויזן, אַז דעם זיידנס שטוב, מיין מאַמעס געבוירן-אָרט, געהער אויך צום נאָענטן און וויטן אויפדערפרעמד.

*קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק*

# אויפדערמרעמד

מיין זיידע ר׳ יוסל איצל איז מיין חבר נישט געוואָרן. ער איז געווען דער היפּוך פון מיין זיידן יהושע, ביי וועמען אויף די קני איך בין אָפט געזעסן און געהאָלפן אים אויסזינגען זיינע ניגונים.

דער זיידע ר׳ יוסל איצל איז געווען אַ גלייכער, שטייפער תּלמיד-חכם מיט אַ דין שמייכעלע אַרום זיין מויל. פון דער וועלט האָט ער שטאַרק נישט געהאַלטן. צו קיין לייטן האָט ער נישט גע-וואָלט אָנקומען. צו קיין אייגענע קינדער אויך נישט. ער האָט גע-לערנט מיט אַ עטלעכע גרעסערע יינגלעך תּורה. תּנ״ך האָט ער פאַר-טייטשט מיט אַ קלאָרן שכל. גמרא האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין מיט פּשוטקייט. ער אַליין האָט מיר אויסגעזעען ווי אַ לעבעדיקער, שטייף-איינגעבונדענער ספר, וואָס גייט אום מיט געמאָסטענע טריט.

די דראָבנע באָבעלע, פּעשע רייזל, האָט אָפּטמאָל געהאַט אויס-צושטיין פון זיידנס „ריר מיך נישט אָן״. טאַקע צוליב דער ציג, וואָס ער האָט פיינט געהאַט, זי זאָל קומען אין שטוב אַריין, כאָטש די ציג האָט געגעבן פיר גלעזער מילך אַ טאָג. אים האָט עס גע-שטופּט צום לאַכן, ווען די ווייסע ציג איז אַריינגעקומען און געטרייסלט מיט דער באָרד. אים איז נישט אָנגעגאַנגען, אויב די ציג איז אַריין אין שטוב און אַרויסגעכאַפּט פון מולטער אַ פאַרקנעט שטיקל טייג, אָדער אויסגעוועלגערטע לאָקשן. ער איז געווען אַ ציכטיקער. כאָטש ער האָט געשמעקט טאַבאַק, פונדעסטוועגן איז ביי אים די ווייסע, אויף צווייען צעשפּיצטע באָרד, געווען אָן טאַבאַק-שפּורן. ווער ווייסט, אפשר האָט מיין מאַמע אירע ספיקות, איר נישט גאָר גרויסע פרומ-

קייט געירשנט פון אים, פון איר פּאָטער. אין בית־המדרש האָט עס אים נישט געצויגן צו די מזרח־לייט; האָט געדאַוונט אָן אַ באַזונדערן אָנשטעל. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטעכווערטל, ווען אים איז נישט געפעלן געווען עפּעס אין דער שטעטלשער הנהגה.

מעגלעך, דער זיידע האָט קיין באַזונדערן תכלית נישט אַרויס־געזען אין מיין ווערן אַ קלויזניק, אַ באַנק־קוועטשער. ער האָט מיט מער ליבשאַפט דערמאָנט די זין, די אייניקלעך, וואָס זענען געווען יגיע־כפּימניקעס.

מיין טעג־עסן איז געווען אַ נאַטירלעכער ענין. די מאַמע, וואָס איז אין אַ פּאָר טעג אַרום צוריקגעפאָרן מיט אַ פור קיין קלעשטשעל — זי האָט שוין אַ פּאָר טעג פאַר מיר אַליין באַזאָרגט. דער זיידע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן שמש פון בית־המדרש, אַ ייד אַ חסיד מיט שוואַרצע, לאַנגע, געקרייזלטע פּיאות, שוואַרצער באָרד און שוואַרצע, הייסע אויגן — ער איז געווען גוט צו מיר. ער האָט מיר אָנגעוויזן דעם ווינקל אין בית־המדרש, ווו איך קען מאַכן מיין לערן־אָרט. ער האָט באַשטעלט נאָך פיר טעג, וואָס מיר האָט געפעלט. און ער האָט מיר אויך אָנגעבאָטן אַ שטעלע פאַר זעקס גראָשן אַ וואָך.

— היות ווי פאַרן טאָג שלעפּן די דאַווענער און לערנער אַרויס אַ סך ספרים פון די פּאָליצעס, לאָזן די ספרים איבער צעשליידערט איבער אַלע טישן און סטענדערס, דעריבער, אַיעדן ביינאַכט, נאָכדעם ווי דער עולם גייט אײַנגאַנצן אַוועק פון בית־המדרש, זאָל איך די ספרים צונויפנעמען און אַוועקשטעלן אַיעדן ספר אויף זיין אָרט.

מיר איז דאָס געווען געפעלן. איך האָב די שטעלע אָנגענומען, נישט אַזוי צוליב די זעקס גראָשן אַ וואָך, ווי צוליב דער אַרבעט צו האַלטן אין אַ סדר די הונדערטער ספרים, ש״סן פון אַלערליי גרויס, לענג און איינבונד. איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט אַיעדן ספר צו באַטראַכטן און אַריינקוקן אין אים איידער איך האָב אים אַריינגעשטעלט אין פּאָליצע אַריין. איך האָב די ספרים געהאַלטן אין בעסטן סדר, און מיינע זעקס גראָשן אַ וואָך כשר פאַרדינט. אַיעדן פרייטיק האָט מיר דער שמש באַצאָלט מיינע שכירות און אַ גלעט געטון מיין באַק מיט ליבשאַפט. אין בית־המדרש האָב איך מיין ווינקל געהאַט נעענטער צום אויוון.

איך האָב אָנגעהויבן לעבן אַליין מיט מיין אייגענעם שטיל־שווייגן. די אַרומיקע וועלט אין בית־המדרש האָט מיר אויסגעזען אַ

צו יאָרידלדיקע. אינדערהיים, ווען איך בין געגאַנגען מיט די עלטערע אין בית-המדרש, אַריין דאַוונען — האָב איך דאָך געהאַט אַ חוצן בית-המדרש מיין היים. קיינער פון אונזערע האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט דאָס שטעטל און אירע מענטשן. אַלע אונזעריקע האָבן גע-מיינט, אַז אין שטעטל איז צו-טומלדיק. אַיעדער איינער פון אונז, וואָס איז מאָנטיק געגאַנגען אין מאַרק אַריין, איז געקומען אַהיים אַ פאַרמאַטערטער.

— איבעראַכטאָג מאָנטיק, ווען מען זאָל מיר זאָגן, אַז אליהו הנביא וואַרט אויף מיר מיט אַ גרויס געווינס — גיי איך נישט אין מאַרק אַריין.

דאָס איז געווען דער מאַמעס שטייגער צו זאָגן מאָנטיק פאַר-נאַכט, קומענדיק אַ מידע אַהיים. אינדערהיים האָט יעדערער געפונען זיין שלווה. דאָרטן האָב איך אויך געפונען מיין שלווה.

איצטער, ווען דער בית-המדרש איז געוואָרן מיין היים; ווען אין מיין זיידנס הויז האָב איך, ווייזט אויס, קיין צווייטע היים נישט געפונען — האָב איך פון מיין ווינקל, מיט נאָך גאָר יונגע אויגן, באַטראַכט די וועלט, וואָס קומט דריי מאָל אַ טאָג דאַוונען. דעם הו-האַ, וואָס די דאַוונערס ברענגען אַריין אין בית-המדרש אַריין אַיעדן אינדערפרי און אַיעדן פאַרנאַכט צו מנחה-מעריב — מאַרק און יאַריד האָט מען אָנגעטראָגן אין בית-המדרש אַריין. אַ צעטראָגענער איז דער ייד אָנגעקומען, אין איילעניש אַרויסגעצויגן אַ ספר פון פאָליצע, אַריינגעקוקט אין איילעניש, אַ זונג געטון אַ ניגונדל, אָנכאַפנדיק אַ מאמר פון דער גמרא — מיך האָט עס איינגעשרומפן. ווי נאָר דער עולם איז אָנגעקומען אין בית-המדרש אַריין — בין איך אַראָפּ צום אויוון, וואָס ביי דער טיר. מיר איז געוואָרן דערווידער צו זען, ווי דער עולם בלעטערט אין בהלה די גרויסע בלעטער פון דער גמרא. דעריבער האָב איך ביים אויוון שטענדיק אַריינגעקוקט אין תנ"ך אַריין.

פונדעסטוועגן האָב איך נאָכגעקוקט צוויי מענטשן מיט אַ באַ-זונדערער כוונה. דאָס איז געווען דער אַלטער מעלייטשיטשער רב מיט זיין לאַנגער, שניי-ווייסער, זויבערער באָרד, וואָס האָט צוגעדעקט זיין ברוסט. זיין ווייכער בליק פון די בלויע אויגן; זיינע שטילע טריט ביים אַריינקומען — מיר האָט אויסגעוויזן, אַז די ספרים אין די פאָליצעס באַמערקן זיין שטילן אָנקומען, אַ געמורמל קומט אַרויס

פון צווישן די ספרים, ווען ער קומט אַריין. געבליבן מיר זיין געשטאַלט אין דמיון.

און אַזוי אויך איז מיר אין דמיון געבליבן דאָס געשטאַלט פון זיין איידעם, אַ וואָלאָזשינער ישיבה־בחור מיט אַ בלאַס־דורכזיכטיקן פּנים און בלוי־שוואַרץ דין בערדל אַרום זיין לענגלעכן פּנים, מיט שוואַרצע, פאַרטראַכטע אויגן. אויף אים האָט שוין דעמאָלט געוואַרט מעלייטשישטשער כסא־הרבנות. ער האָט שוין דעמאָלט געשריבן אין „המליץ", און זיין פען־נאָמען איז געווען: „אחד הרבנים המרגישים". דאָס איז דער שפּעטער באַרימטער רב צווישן אַלע רבנים פון זיין צייט, מיט זיין הויכער מאָראַל.

סיי דער רב און סיי דער איידעם, ביידע האָבן צו מיר געקוקט מיט אַ סך ליבשאַפט. דער אַלטער רב האָט מיר אָפּגעגעבן שלום־עליכם. עס האָט מיך אויף אַ ווײַלע צעטומלט. דער איידעם האָט מיר אַ פּאָר מאָל מיט ליבשאַפט אָנגעקלאַפּט אין פּלייצע און אַ פּאָר מאָל, גאָרנישט זאָגנדיק, געגלעט מיינע באַקן.

אָבער געפילט האָב איך, ווי אַ יונגביימעלע, וואָס מען האָט עס מיט די וואָרצלען אַרויסגעשלעפּט פון דער ערד. אַ סך וואָרצלען זענען אַרויס גאַנץ, און אַ סך האָבן געפּלאַצט ביים ציען פון דער ערד; אָפּגעריסענע זענען זיי געבליבן אין דער ערד. זיי טוט עס וויי. ערגעץ־ווו האָט מיר וויי־געטון אין מיין אַליין־זיין. איך בין אין מיינע אויגן קלענער געוואָרן. אַ קליין יידעלע צווישן אַ סך גרויסע, אומרויקע יידן, וואָס קומען אָן אין געצאייל אין בית־המדרש אַריין דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג.

און וואָס איז מכח טעג עסן? אַיעדן טאָג אין אַן אַנדער שטוב? נישט גוט געווען. אַיעדן טאָג אַריבערטרעטן אַ פרעמדע שוועל און וואַרטן, די שטובלייט זאָלן מיך באַמערקן, ענטפערן אויף מיין גוטמאָרגן צי גוטנאָוונט – עס האָט ביי מיר נישט געהייסן עסן ביי יענעם. האָב געפילט, ווי איך בין אַ יונגער אָרעמאַן, וואָס קומט בעטן אַ מאָלצייט ביי אַ פרעמדן טיש. ס'איז מיר די ערשטע צייט שווער געווען צו עפענען ס'מויל, נעמען אַ לעפל, שעפּן פון טעלער דאָס געקעכץ און טראָגן צום מויל. איין טאָג, שבת – האָב איך געגעסן ביים זיידן, פרייטיק – ביי דער מומען, די איבעריקע פינף טעג פון דער וואָך – ביי ווילד־פרעמדע מענטשן. פאַרשיידן זענען געווען די

הייזער און די מענטשן, די טאַטעס און די מאַמעס אין די הייזער, ווי איך האָב געגעסן.

געווען איין הויז, ווו די מאַמע האָט כמעט אָפּגעוואַרט ביי דער שוועל דעם ישיבה-בחור; זאָט פּאַר אים צוגעגרייט וואַסער צו וואַשן די הענט, און דער טיש איז געווען געגרייט, ווי פּאַר אַ חשובן גאַסט. מיט ליבשאַפט און פרומקייט האָט זי געטראָגן דעם טעלער געקעכץ צום טיש און שפּעטער פאַנדערוויינטנס אַכטונג געגעבן, צי דער ישיבה-בחור האָט הנאה פון עסן. קינדערלעך אין שטוב, וואָס האָבן שוין אָפּגעגעסן, זענען געשטאַנען נעבן דער מאַמען און האָבן אויך געקוקט מיט חידוש, ווי דאָס פרעמדע יינגל עסט ביי זיי אין שטוב. אין אַזאַ שטוב האָט געטראָפן נאָכן עסן, ביים אַרויסגיין, האָט די אייגענע מאַמע אַריינגעלייגט דעם ישיבה-בחור אַ פּאָר גראָשן אין האַנט, ער זאָל עפּעס קויפן בייטאָג, טאָמער וועט „ציען אין הארצן״. דעם טאַטן פון שטוב האָט מען קיינמאָל נישט געזען ביים עסן. אַ מאַמע — און מיט מאַמעשער גוטסקייט איז די שטוב געווען פול אין דער צייט, ווען דער פרעמדער האָט די שוועל אַריבערגעטרעטן.

און געווען איז אַ שטוב, ווו ביים אַריבערטרעטן די שוועל — האָט באַגעגנט אַן אומעט. די גרויע ווענט האָבן אַ קוק-געטון און געמוסרט, הלמאי מען קומט נישטגעבעטענערהייט. קינדער שטיפן און באַמערקן נישט דאָס פרעמדע יינגל, וואָס איז ישיבה-בחור, און וואָלט נאָך אויך חשק געהאַט אַ שטיפּ צו טון... ווען די תורה זאָל נישט אַראָפּוועגן דעם קאָפּ צו דער ערד. דאָס עסן דערלאַנגט מען צום טיש, ווי צוגעוואָרפן; כאָטש אַ מאַמע, אָדער עלטערע טאָכטער דערלאַנגט עס — דעם טיש פאַרשפּרייט מען נישט. דער טיש איז נישט ריין. דער טעלער, די לעפל — נישט געוואַשן. אַוועקגעשטעלט ס'עסן אויפן טיש און אַוועק — אפילו נישט באַוויזן מער ס'פּנים; ביז איך, שלינגענדיק דאָס עסן מיט טרערן, וואָס וואַרגן אין האַלז, איבערלאָזנדיק האַלב אין טעלער, שטיי אויף, זאָג אַ גוטן טאָג דער שטוב און גיי אַרויס.

געווען אויך אַ שטוב, ווו דער טאַטע האָט אַליין אַכטונג געגעבן, מען זאָל דעם ישיבה-בחור געבן גוט צו עסן. אים געפעלט נישט דעם ישיבה-בחורס בלאַסע באַקן. אַ בחור, ווען ער לערנט אפילו תורה, באַדאַרף אויך האָבן כח.

— פאַרוואָס זעסטו נישט, דער ישיבה-בחור זאָל אויסזען אַביסל

בעסער? — האָט דער באַלעבאָס געקאָנט אַ זאָג טון צו דער באַלע־באָסטע, און מיך קלאַפּנדיק אין פּלייצע, האָט ער באַפוילן: — עס, עס, וועסטו האָבן כח צו לערנען תורה. לאָז נישט איבער אין טע־לער, וועסטו האָבן כח.

ס'איז נישט געווען אַ געפּיל פון חרפה, וואָס האָט גורם געווען, דאָס עסן זאָל ווערגן; נישט דאָס געפּיל פון חרפה האָט געווירקט, די לעפל זאָל ציטערן ביי מיר אין האַנט. אין אַ וועלט אַ גאָר פרעמ־דער בין איך אַריין; נישט געוווּסט און נישט באַגריפן איר אָנהייב און איר סוף. פּונקט, ווי דער טייך אונזערער האָט געהאַט זיין איי־גענע בעט און פון איר האָט ער נישט געקאָנט צו ווייט אַוועק אַפילו אין פרילינג, ווען די בעט איז ענג געוואָרן פאַר די אָנקומענדיקע שטראָמען — אַזוי, אַפּנים, איז מיין לעבן אַוועק אין אַ באַשטימטער ריכטונג גאָר פון די יונגע יאָרן אָן. נישט מיין טאַטע האָט דעם וועג געצייכנט. ס'אידישע לעבן, וואָס איז פון איין פאַרנעפּלטן ווינקל אַרויס און אין צווייטן אַריין; די וועגן, וואָס פריערדיקע דורות האָבן אויסגעטראָטן — אויף זיי בין איך, ווי אַ סך אַנדערע פון מיין גלייכן, געוואָרן אַרויפגעשטויסן.

„הזהרו בבני עניים כי מהם תצא תורה".

זייט אָפּגעהיט מיט די קינדער פון אָרעמעלייט, וואָרום פון זיי קומט די תורה אַרויס. דאָס איז גוט געמיינט געוואָרן.

איך האָב נישט אָפּגעשטאַמט פון אַן אָרעמער שטוב, ווייל ביי אונז האָט מען קיין השגה נישט געהאַט פון עשירות. אין מיר האָט געפעלט דער קבצנישער דרך. ס'איז מיר געווען גלייך, ווי איך וואָלט פאַראָרעמט געוואָרן; ביים איבערטרעטן אַ פרעמדע שוועל איעדן טאָג, ווו איך האָב באַדאַרפט קריגן מיין מאָלצייט — צומאָל אַפילו בעסע־רע ווי אינדערהיים — האָב איך פונדעסטוועגן געשפּירט, ווי איך ווער אָרעמער, קלענער און איינגעשרומפּן.

די ערשטע צייט איז מיר געווען אין פרעמדן בית־המדרש אומהיימלעך, כאָטש דער בית־המדרש האָט באַדאַרפט ווערן מיין נייע היים, מיין אמתע היים אויף די ווייטערדיקע יאָרן. עס האָט נאָך באַדאַרפט די בענקעניש אין מיר גראָבן און נאָגן, דערגרייכן צו פאַרבאָרגענע קוואַלן, אויפדעקן פאַרבאָרגענע כחות, וואָס דורך זיי זאָל איך געשטאַרקט ווערן צו קענען לעבן אַ ניי לעבן אין בית־

המדרש. ווי דער געריש איז אַן אַנדערער און די שטילקייט אויך אַן אַנדערע. נישט די שטילקייט, וואָס אין דער נאַטור.

האָב געדאַרפט ווערן צוגעוווינט צו דער יאָרצייט-ליכט, וואָס האָט אַזוי אָפט געברענט אויפן באַלעמער, צי ביים עמוד. האָב גע- דאַרפט גובר זיין די שאָטנס, וואָס זענען צו מיר אַרויסגעקראָכן פון די ווינקלען. ווי נאָר איך בין געבליבן אַליין אין בית-המדרש, אין די רעגנדיקע און ווינטיקע האַרבסט-נעכט. איך האָב באַדאַרפט פאַר- טרייבן פון האַרצן דעם פחד פאַר דעם נייעם לעבן, וואָס איך האָב באַגעגנט נאָך גאָר אין די קינדערשע יאָרן.

פאַר די אויגן זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט די הונדערטער ספרים אין די פּאָליצעס, וואָס צו זיי באַדאַרף איך קומען פאָרזיכטיק, ווי צו אַן אומבאַקאַנטן קוואַל, פונוואַנען איך באַדאַרף טרינקען חכמה און וויסן.

און נישט איינמאָל, קומענדיק אין בית-המדרש פון מיין פאַר- שעמטן מאָלצייט, בין איך געשטאַנען פאַר די פּאָליצעס ספרים; גע- וואָרט און געגאַפט, טאָמער וועט וועלכער ס׳איז ספר אָנהויבן צו רעדן צו מיר מיט אַ מענטשלעכן לשון און מענטשלעכער שטים; אָנהויבן צו רעדן מיטן לשון פון די פייגל אַרום אונזער מיל; מיטן לשון פון אונזער וואַסער אונטער די מיל-רעדער...

*קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק*

# די ערשטע נאַכט אַליין אין בית-המדרש

די באָבע איז געווען קעגן דעם, איך זאָל שלאָפן אין בית-המדרש. מיין געלעגער, כאָטש ביי דער באָבען אין שטוב, וואָס איז געווען אויסגעבעט אויף אַ ברעט פון שלאָפבאַנק, אַוועקגעלייגט אויף צוויי שטולן — דער דאָזיקער געלעגער איז מיר נישט געווען היימיש, זינט איך בין אַוועק פון דער היים. האָט עס מיך שוין גאָר איינגאַנצן געצויגן אין בית-המדרש אַריין.

— צי אויף דער האַרטער באַנק וועסטו שלאָפן איינער אַליין אין בית-המדרש?

האָט די באָבע געקוועטשט מיט די פּלייצעס, קוקנדיק אויפן זיידן, וואָס האָט געשמייכלט.

דער זיידע האָט עס אָפּנים גוט פאַרשטאַנען. כאָטש זיינס אַן אייניקל — בין איך נישט געקומען צו אים צוגאַסט. קיין מעלייטשיטש בין איך געקומען, ווי אַ ישיבה-בחור; אַליין-לערנען — מיינט אויך שלאָפן אין בית-המדרש.

איך בין צום גרעסטן טייל געווען אַליין אין בית-המדרש. קיין אַנדערע, פרעמדע בחורים האָבן דעם ווינטער נישט געלערנט אין מעלייטשיטש, אַ חוץ שטעטלדיקע יידן, למדנים, וואָס זעגען פאַרלאָפן אין בית-המדרש אַריין ביי טאָג אַריינקוקן אין אַ ספר אַריין. פונדעסטוועגן בין איך נישט זאַט געוואָרן מיט מיין אַליין-זיין. ס׳האָט געצויגן צו יחידות, וואָס מען האָט געקאָנט דערגרייכן נאָר אין די לאַנגע ווינטער-נעכט. אַליין מיט די פּאַליצעס ספרים; אַליין מיט די לאָמפּן און הענגלייכטער; אַליין מיט דעם גרויסן שאָפּקע-זייגער, און

מיט דעם שטענדיקן טריף־טראַש פון די טראַפּנס, וואָס האָבן אָן־אויפ־הער געטריפט פון האַנטפאַס ביי דער טיר.

יידן האָבן אויף מיר די ערשטע צייט געקוקט. פאַרוואָרפן אַ פאָר ווערטער, אויסגעפרעגט, פון וואַנען איך בין. מזרח־יידן קוקן צו מיר מיט אַ שטיקעלע גאווה. די פשוטע יידן ביים אויוון — מיט פאָ־טערלעכער ליבשאַפט. מיך האָט עס געצויגן צו די דאָזיקע פשוטע יידן, וואָס זענען אין משך פון דער וואָך אין איילעניש אַריין אין בית־המדרש, אַריינגעכאַפּט דעם דאַוונען; און שבת בייטאָג אַריינגע־זונגען טרויעריק אין די בלעטלעך תהלים אַריין. צוויי באַזונדערע, אָפּגעשיידטע וועלטן, האָב איך איצטער נעענטער ווי שטענדיק געזען אין די ווענט פון בית־המדרש. נעענטער זענען מיר געווען די שוס־טערס, שניידערס, קאַוואַליעס, רימערס, באַלעגאַלעס — אַט די אַלע, מיט שווערע הענט, גרויסע שטיוואַליעס און מגושמדיקע פּנימער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם גרויסן וואַנטאויוון אין בית־המדרש, אין די שעהן פון צווישן מנחה־מעריב. אין זייערע שמועסן איז געווען אַן אָפּקלאַנג פון מיין היים; זייערע תנועות — באַקאַנטע מיר פונדערהיים.

אין בית־המדרש אַריין איז דער נייגעריקער געקומען אָנשטעלן אַן אויער צו די אויסטערלישע שמועסן, וואָס זענען באַפליגלטע אַרויסגעקוואָלן פון הינטערן אויוון. דעם שמועס האָט מען אָנגעטון פליגל, און הנאה געהאַט צו זען, ווי וואָר ווערט אין חלום פאַר־וואַנדלט; ווי דאָס אַלטעגלעכע ווערט ממש אויף חידושים:

— פש־פש, איין קליינינקייט! — האָט מען געשמוצערט מיט די ליפּן.

מיין מהות איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם מענטשן־קנויל, וואָס אַרום וואַרעמען אויוון. כאָטש אין ספר די אויגן — האָט פונדעסטוועגן דאָס אויער פאַרנומען ווערטער, ווערטער רויע און צאַרטע; ווערטער, ווי שישקעס, וואָס קינדער פלעגן איינס דעם אַנ־דערן אַרום תשעה־באב אין די האָר אַריינשטעקן, און ווערטער — פול מיט קינדישקייט און קינדערשן גלויבן.

איז מיר דעריבער ליב געוואָרן דאָס אָרט ביים אויוון. איך זאָל ביינאַכט קענען שלאָפן, אָדער וואַך זיין אַליין ביים אויוון. די באַנק איז דאָך אַזאַ פריינטלעכע; אַן אויסגעריבענע פון שטענדיקן רייבן זי מיט די האַרטע געזעסן; ליכטן די סאָסנע־אָדערן אַרויס פון באַנק. פאַרוואָס טאַקע נישט שלאָפן אַליי דאָ און זיין דער ערשטער אויפ־צושטיין און באַגעגענען דעם באַגינען?

איך האָב אויך אָנגעהויבן צו דערקענען מוטערלעכע בליקן, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען דורך די גראַטעס פון דער ווייבערשער שול. מאַמעס האָבן דורך די גראַטעס פון צווייטן שטאָק אוודאי מקנא געווען אַזאַ לערנער. און אפשר האָבן די מאַמעס באַדויערט, פאַר-וואָס, אַ קינד נאָך, נעמט מען און מען שיקט עס אַוועק אויפדער-פרעמד.

די ערשטע נאַכט, וואָס איך בין איבערגעבליבן אין בית-המדרש נעכטיקן, איז געווען אַ דאָנערשטיק. אַ משמר-נאַכט, ווען ישיבה-בחורים, אָדער גלאַט אַזוי יידן, לערנער, בלייבן אין בית-המדרש אויף אַ גאַנצער נאַכט. בין איך דווקא יענע נאַכט געבליבן אַליין מיט אַ גרויסער, וועקסענער יאָרצייט-ליכט, וואָס האָט געברענט ביים עמוד. ס׳איז אַן ערשטע נאַכט געווען, וואָס האָט אָנגעצייכנט דעם אָנהייב פון אַ סך, גאָר אַ סך נעכט אַזעלכע, ווען מען האָט פון די אויגן דעם שלאָף אַרויסגעקוועטשט; מיט אַן אָנגעצונדענער וואַכקייט געניִשטערט צווישן די שורות פון ים-התלמוד. אַנדערש גאָר האָט געקלונגען די אייגענע שטים אין אַזאַ נאַכט; אַנדערש גאָר האָבן אָפּ-געהילכט די אייגענע טריט; מיט אַ טיפער כוונה האָט געטיק-טיקט דער שאַפּקע-זייגער; אַ פאַרטראַכטער איז געווען דער לאַנגער זייגער-אומרו אין זיין הין-און-הער.

פון קופּערנעם האַנטפאַס ביים טיר האָט טריף-טראָפּ געטריפט דאָס וואַסער אין קופּערנעם בעקן אונטן. ס׳טריפן פון וואַסער האָט מיין דמיון פאַרבונדן מיטן שטענדיקן וואַסער-גערויש אונטער מיין היים, און עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז ס׳וואַסער פון האַנטפאַס פירט אַ ווייטן שמועס מיטן וואַסער פון אונזער סטאַוו, דערציילט פון פּרץ ליפּעס, וואָס גייט דאָ אום איינער אַליין צווישן די שאַטנס, וואָס די וועקסענע יאָרצייטליכט ציט אַרויס פון די טישן, באַלעמער און פון די מעשענע הענגלייכטער און הענגלאָמפּן.

איך האָב דערוויל קיין נייע מסכתא נישט אויסגעקליבן צום לערנען. איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט, אַפּריער אַליין דורכגיין אַלץ וואָס איך האָב אין פאַרלויף פון די יאָרן געלערנט ביי מלמדים; אי-בערוועגן, איבערמעסטן אַלץ, וואָס איך האָב געקריגן צו פאַרשטיין מיט דער הילף פון אַ מלמד.

איך האָב אויסגעקליבן די שווערע מסכתא בבא בתרא. און כאָטש איך האָב זי געוווּסט כמעט אויף אויסנווייניק, לערנענדיק ביי

מיינע פריערדיקע מלמדים — האָט די שווערע גמרא איצטער, ביי מיין אַליין-לערנען, אויף מיר אַ קוק-געטון, ווי אויף אַ שנעק, וואָס האָט די חוצפה צו נעמען און ווערן אַליין דער באַלעבאָס איבער זיינע אייגענע טעג און נעכט.

אין ערשטן דאָנערשטיק ביינאַכט, אין צייט, וואָס מיין נאָך נישט-געהיפּטער ניגון האָט אָנגעהויבן זוכן אַ וועג צום דרויסן דורך די פאַרפרוירענע, ווינטערדיקע שויבן — האָב איך אויפגעמישט דף י׳. אַ בייכיקער עמוד — אגדות, געדאַנקען וועגן צדקה געבן, געדאַנקען וועגן מענטש און וועלט.

און אין נאָמען פון ר׳ יהודה ווערט אַזוי געזאָגט:

...צען האַרט-עקשנותדיקע זאַכן זענען אויף דער וועלט באַשאַפן געוואָרן: דער פעלזנבאַרג איז האַרט און שטאַרק — אייזן קאָן אים ביייקומען. אייזן איז האַרט — פייער מאַכט אים ווייך. פייער איז שטאַרק — וואַסער לעשט אים אויס. וואַסערן זענען שטאַרק — וואָלקן קאָנען זיי פאַרטראָגן. וואָלקן זענען שטאַרק — דער ווינט צעטרייבט זיי. דער ווינט איז שטאַרק — דער גוף פון מענטשן האַלט אים אין זיך איין. דער גוף איז שטאַרק — אָבער פחד צעברעכט אים. פחד איז שטאַרק — ווייַן וועפּט אים אויס. וויין איז שטאַרק — דער שלאָף ניכטערט פון אים אויס. אָבער טויט איז שטאַרקער פון דעם אַלע־מען. און צדקה איז מציל פון טויט. ווייל דער חכם זאָגט אין משלי:

— צדקה תציל ממות...

וואָס נאָך באַדאַרף ס׳קינדערשע האַרץ צווישן די שאָטנס, איי־נער אַליין אין אַ ווינטערנאַכט, ארום האַלבע נאַכט? וואָס איז איצ־טער די וועלט אויף יענער זייט בית-המדרש? ס׳גאַנצע שטעטל שלאָפט. בלויז דעם דרייצן-יאָריקן פּרץ ליפּעס נעמט קיין שלאָף נישט... דער באַרג איז שטאַרק — אייזן באַצווינגט אים. אַלץ, אַלץ קאָן מען ביי־קומען, נאָר דעם טויט נישט...

מיר איז שווער צו באַנעמען דעם צוזאָג, אַז צדקה איז מציל פון טויט...

טריף-טראָפּ, טריף-טראָפּ... ס׳טריפט ס׳וואַסער פון האַנטפאַס און שלעפּט פאָרט אַוועק די מחשבות אַהין, צום היימישן טייך, וואָס וויב טערט איצטער אונטערן אייז. איך הער, ווי ס׳וואַסער קוועלט אונטער אייז, און דאָס אייז קנאַקט און פּלאַצט. דאָס וואַסער לעבט אונטער אייז. דאָס פּלאַצן פון אייז האָט מיך שטענדיק געוועקט פון שלאָף

דאָס פּלאַצן פון אייז האָט מיר שטענדיק דערציילט פונם וואַסער־כח, בשעת עס קוועלט. קינדווייז האָב איך פאַרן פאַרבאָרגענעם וואַסער אונטערן אייז מער פּחד געהאַט, ווי פאַרן אָפענעם סטאַוו זומערצייט. און איצטער — דאָס טריפן פון האַנטפאַס באַאומרויקט מיך. איך בין זיכער, ווען איך וועל מיך איצטער איינגורען ביים וואַרעמען וואַנטאויוון, וועט מיך סיי־ווי דער טריף־טראָפּ פון טריפנדיקן וואַסער צווינגען וואַך צו זיין.

— צי מוז טאַקע אַ האַנטפאַס טריפן?

איך גיי צום האַנטפאַס און וויל אָפּשטעלן דעם טריף־טראָפּ. ס'העלפט נישט. אַ האַלבער האַנטפאַס מיט וואַסער. און טראָפּנווייז וועט עס איבערנאַכט נישט אויסטריפן. נעמען און אַרויסלאָזן דאָס וואַסער אינגאַנצן — דאָס איז נישט שכלדיק; אינדערפרי וועט דער אונטער־שמש באַדאַרפן דזשוויגען אין קעלט וואַסער פון ברונעם, אָנצופילן דעם האַנטפאַס.

— שלום־מאַכן מיטן טריף־טראָפּ!

אַזוי באַפעלט מיין וואַכער מוח.

איך הויב אָן לערנען אויפן הויכן קול. מיין דין קולכל באַגעגנט אַ ווידערקול, וואָס זינגט מיר נאָך פון דער ווייבערשער שול אויבן. דאָרטן איז איצט קיינער נישטאָ, פונדעסטוועגן ענטפערט אָפּ אַ ווידערקול. עס ענטפערט מיר אַ שענערע שטים. מיינע און פאָרט נישט מיינע.

טראַכט עמעצער איצטער פון מיר אינדערהיים? שלאָפן דאָרטן אַלע איצטער רויק, ווי דעמאָלט, בעת איך בין נאָך געשלאָפן ביי דער מאַמען אין בעט, און זי האָט מיין וואַכקייט דערהערט ביינאַכט און האָט מיך באַרויקט? איך וויל נישט נאָכגעבן, אַז אַ פּחד רינגלט מיך אַרום; אַ פּחד, וואָס פילט איצטער אָן דעם גאַנצן חלל פון גרויסן בית־המדרש. אַפילו די ווייבערשע שול אויבן — אַפילו דאָרטן איז מיין ווידערקול פאַראַן, וואָס ענטפערט אָפּ, ווען איך וויג מיר, וויג מיר ביי דער גמרא בבא בתרא דף י'... און דוכט מיר, איך באַנעם: אַז טויט און שלאָף זענען צוויי לייבלעכע ברידער. שלאָף ניכטערט אויס; און טויט?

וואָס קומט אַרויס, ווען איך האָב אַפילו מורא? צי וועל איך אַוועק פון בית־המדרש צוריק צום זיידן, קלאַפּן אין טיר און בעטן: „לאָזט מיך אַריין, ווארום איך האָב מורא?" דאָס וועל איך געוויס

נישט טון. איך מוז די מורא גובר זיין. ס׳איז דאָך קיין דרך נישט צו פאַרלאָזן דעם בית־המדרש און גיין שלאָפן אויף ווייכע געלעגערס. די האַרטע באַנק וועט מיך מקרב זיין, ווען איך וועל זי מקרב זיין. און דער האַרטער, אָבער וואַרעמער אויוון — וויפל קאַלטע, טרוקענע הענט האָבן אים געגלעט און דערוואַרעמט געוואָרן... וויפל ווייטיק־דיקע, מידע פּלייצעס האָט ער געלינדערט ברעכעניש, ציטעניש...

איך זיץ ביים גרויסן, מגושמדיקן, וואַרעמען אויוון. אַזויפיל מענטשלעכקייט אין אים. אַ הויכער איז ער, אַ ברייטער — אַ ברייט־פּלייציקער. ווען איך צי מיך אויס מיט מיין גאַנצער לענג אויף דער באַנק — פאַרנעמט מיין לענג קוים אַ העלפט פון זיין ברייט. ס׳איז נאָך האַלבע נאַכט. אפשר וועל איך אַנטשלאָפן ווערן. איך לייג אונ־טער אַן אַלטן טלית צוקאָפּנס, איך לייג מיר אַוועק אין אָנטון און באַהאַלט מיין גרייס אונטער מייןווינטער מאַנטעלע מיטן שוואַרצן, באַראַשקענעם קאַלנער. איך נורע מיך אונטער אים, וויל, מיין גוף זאָל וואָס ווינציקער אָרט פאַרנעמען.

איך פאַרמאַך די אויגן. איך מעסט מיטן דמיון די גרייס פון בית־המדרש. מיט פאַרמאַכטע אויגן זע איך אַרויס זיין חלל, ווו איין וואַקסענע יאָרצייט־ליכט ברענט. אַ וועלט אַזאַ גרויסע. מיט טישן, מיט סטענדערס, מיט בענק און פאָליצעס ספרים. אַ האַלבנאַכטיקע וועלט, ווו נאָר איין ליכט ברענט; ס׳פייער קנאַקט און שיסט מיט פונקען, און דאָס וואַסער פון האַנטפאַס טריפט: טריף־טראַפּ, טריף־טראַפּ. און דער שאַפּקע־זייגער טיקט־טיקט, און יעדע שעה — בים־באם! קלינגט ער אויס די שעה... צוועלף שוין לאַנג אויסגעקלונגען. באַלד וועט קומען אַן איינאונאיינציקער בים! איינס אַ זייגער.

ס׳וואָלט נישט שלעכט געווען דאָס גאַנצע אַליין־זיין, ווען נישט דאָס אייגענע געשטאַלט, וואָס ווערט פאַרטאָפּלט; איין פּרץ ליפּעס ליגט אַן איינגענורעטער אויף דער האַרטער באַנק ביים וואַרעמען אויוון, און דער אַנדערער — דער אַנדערער פּרץ איז אומעטום. דער אַנדערער פּרץ איז שוין אַ היפּש ביסל מאָל געווען ביי ליפּעס מיל. געוואָלט דאָרטן געפינען אַ רו־אָרט; געוואָלט געפינען אַן ערטל צום שלאָפן אין די פיר ווענט פון דער שמאָלער שטוב, און געפונען... אַלע געלעגערס זענען פאַרנומען. ממש ענג געוואָרן די שטוב פאַר פּרץ ליפּעס ביי ליפּעס אין שטוב. אַ גאַנצן בית־המדרש באַדאַרף ער

האָבן פּאַר זיין דרייצן־יאָריקן גוף. דער גאַנצער וואַנטאויוון פּאַר אים אַליין.

— קיין תּכלית נישט אונטערן מאַנטל איינגעצנורעט. קיין תּכלית נישט צו ווערן קלענער און קלענער — אַזש די באַנק, דער אויוון, ביידע לאַכן שוין פון דיר. שטיי אויף! טו אַ טרייסל די ביינער. גיי טאַקע צום האַנטפּאַס, וואַש אויס מיט קאַלט וואַסער דיינע אויגן, דיין גאַנצן פּנים; שפּרייז ברייט און לענג, הין־און־צוריק, פון אויוון ביז צום ארון־קודש... האָב קיין מורא נישט. גיי אַרויף אויבן, אין דער ווייבערשער שול, זע אַליין מיט דיינע אויגן, אַז דאָרטן איז קיינער נישטאָ, קיינער נישט. דאָ איז איצטער דיין היים, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. זיי־זשע מוחל, קריך אַרויס פון אונטערן ווינטערדיקן מענטעלע מיטן באַראַשקענעם קאָלנער.

אַזוי האָט פּרץ ליפּעס, דער מילנער, אויסגעמוסרט פּרץ ליפּעס, דעם ישיבה בחורל, און האָט אים פאַרשעמט.

האָב געפאָלגט. אויסגעוואַשן ביים האַנטפּאַס ס׳פּנים, די אויגן; האָב אָנגעצונדן אַ ליכט און אַוועק אויבן אין דער ווייבערשער שול. טאַקע צום ערשטן מאָל אין דער ווייבערשער שול. פּוסט. נישטאָ קיין פּאָליצעס ספרים. אַן אומעטיקע לערקייט. דאָ און דאָרטן אויף די בענק — שמות פון סידורים. דאָ און דאָרטן — אַ בלעטל פון אַ תּחינה.

איך בין מיט דער אייגענער ליכט אַראָפּגעקומען צוריק אין בית־המדרש און אָנגעהויבן באַטראַכטן די ספרים אין די פּאָליצעס, וואָס אַזוי ווייל באַקאַנט זענען זיי מיר צוליב דעם, וואָס איעדן ביי־נאַכט, ווען דער עולם גייט אַוועק פון בית־המדרש, קלייב איך זיי אויף די פאַנאַנדערגעשליידערטע ספרים אויף אַלע טישן; אין איעדן ספר האָב איך שוין פאַרן אַריינשטעלן אין פּאָליצע אַריינגעקוקט. די ספרים דערקענען מיך. היימיש ווערט מיר מיט זיי. די לעדערנע רוקנס מיט די איינגעגילדטע נעמען פון גמרות און מפרשים — איע־דער אות שמייכלט צו מיר. איעדער אויפשריפט מאַכט פון מיר חוזק, פאַרוואָס איך בין געקומען לערנען אַ משמר, זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט, און גאָר אַ פּחד, גאָר אַ נאַגעניש איז מיך באַפאַלן...

— צי ביסטו דען נישט איינער פון אונז, דאָ אין די פּאָלי־צעס? ביסטו עס נאָך נישט אינגאַנצן — ווערסטו ווערן אַזאַ איינער. וואָרום וואָס איז דער עלטער רב — אויב נישט אַן עלטער „חושן

המשפט״? זיין איידעם איז אויך אַ „חושן המשפט״, אַ ביסל בעסער איינגעבונדן; מיט נייע, נאָך נישט קיין באַפלעקטע טאָוולען... ליפּעס מיל? וואָס געהער דיר איצטער אָן ליפּעס מיל? ביסט דאָרטן געבוירן געוואָרן — נו, איז וואָס? ווו זענען מיר געבוירן געוואָרן? דאָ אין מעלייטשיטש אוודאי נישט. אונז איז גוט דאָ אין די פּאָליצעס. בפרט דו ביסט גאָר דער, וואָס האַלסט אונז אין אַ סדר; דו נעמסט פון אונז דעם שטויב אַראָפּ.

— מיט אונז איז דאָס אייביקע לעבן. טויט איז נישט שטאַר־קער פון שלאָף. שלאָף דאָ, און מירן וואַכן איבער דיר. ס׳וואַסער טריפט פון האַנטפאַס — אַז עס וועט אויסטריפן ביזן לעצטן טראָפּן, וועט עס שטיל ווערן.

— גיי שלאָפן — האָט צו מיר גערעדט מיט אַ באַסאָווער שטים די גראָבע מסכתא בבא בתרא, וואָס איז געלעגן אַן אָפּענע אויפן טיש נעבן אויוון.

שיכּור בין איך געוועזן יענע נאַכט נישט פון ווייַן, נאָר פון מיין אַליין־זיין די ערשטע נאַכט אין מיין אַליין־לעבן, אין ד׳ אמות פון בית־המדרש. דער שלאָף האָט פאָרט די דאָזיקע שיכּרות מנצח געווען. האָב נאָך געהערט שלאָגן דער זייגער צוויי. בין אַנטשלאָפן געוואָרן, נישט אויסגעצויגן ביים אויוון, נאָר דער קאָפּ איז געזונקען אויף דער אָפּענער מסכתא בבא בתרא.

פון דער גמרא איז צו מיר דער שלאָף אַרויסגעקומען און פאַר־וויגט מיין קינדערשן קאָפּ.

### *קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק*

## אַ נישטפּאַרדינטער פּאַטש

מיר איז מיטאַמאָל דער מאָמעס געבוירנשטאָט נמאס געוואָרן. גאָר אומגעריכט איז דאָס פאַר מיר געקומען. ס'האָט נישט געהאָלפן דער שיינער זומער, ווען דאָס שלאָפן אין בית-המדרש איז מיר געווען ליב; ווען די ספרים אין די פּאָליצעס זענען געוואָרן מיינע נאָענטע, צו וועמען איך האָב אָפטמאָל אין דער שטיל גערעדט. מיין יונג לעבן איז אומגעריכט פאַרשעמט געוואָרן אין מיין מאַמעס געבוירנשטאָט.

טאַקע צוליב די ספרים אין די פּאָליצעס איז מיר אַזוי אומגעריכט געקומען די באַליידיקונג:

טאָג-איין, טאָג-אויס, כמעט פון דער צווייטער וואָך אָן, זינט איך בין געקומען לעבן אין מעלייטשיטשער בית-המדרש, איז געווען מיין עובדה איעדן סוף-טאָג צונויפנעמען אַלע ספרים פון די טישן און ברענגען זיי אין אַ סדר. דער שמש, וואָס האָט מיר פינקטלעך איעדן פרייטיק באַצאָלט די זעקס גראָשן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט, איז מיט מיר געווען צופרידן. איך האָב אַריינגעבראַכט אַ סדר אין די פּאָליצעס. הויכע ספרים — צו הויכע, און נידעריקע — צו נידעריקע.

דער אַלטער רב האָט מיר אַמאָל אַ גלעט געטון די רעכטע באַק און געזאָגט:

— ווויל, מיין זון, ווי דו האַלטסט די ספרים אין אַ סדר...

געווען אַן עלטערער ייד, כאָטש אַ בן-שמונים — אָבער גלייך און רירעוודיק. דאָס איז געווען דער אַלטער שוחט; אַ הויכער ייד

מיט אַ גרױ בּערדל. אַ ברוגזער איז ער שטענדיק אַרײַנגעקומען אין בית-המדרש. מען האָט געשמועסט, אַז ער האָט נישט געהאַט קײן חשק אַרױסצולאָזן זײַן אומנות, די שחיטה, כאָטש די הענט האָבן שױן בײַ אים געציטערט.

ער, דער אײַנציקער, איז מיט מיר נישט געװען צופרידן. עטלעכע מאָל האָט ער מיט כּעס אױסגערעדט, פאַרװאָס איך האָב אײַנגעפירט אַ נײַעם סדר אין די פּאָליצעס ספרים — באשר אים קומט אָן שװער צו געפינען זײַן גמרא. מסכתא ברכות האָט ער געלערנט. איך האָב אים שטענדיק אַלײן דערלאַנגט זײַן מסכתא ברכות, אױב איך בין נאָר געװען אין בית-המדרש, װען ער איז אָנגעקומען.

אײנמאָל, אָנהױב זומער, אַ זײגער עלף איז דאָס געװען, איך קום פון מײַן „טאָג", פון איבערבײַסן. איך עפן די טיר פון בית-המדרש, קום אַרײַן — דער אַלטער שוחט שטײט אין דערװאַרטונג. מיך דערװאַרט ער עס. און װי נאָר איך האָב אַריבערגעטראָטן די שװעל — נעמט ער און לאָזט מיר אַראָפּ אַ פײַערדיקן פּאַטש.

— דו, יונגאַטש אײנער! דו װעסט עס מיר טון צולהכעיס, אומישנע באַהאַלטן די גמרא מײַנע, איך זאָל זי נישט קאָנען געפינען — אַט, האָסטו דיר, יונגאַטש אײנער, פאַר צולהכעיס טון!

נישט נאָר מײַנע באַקן האָט ער אָנגעצונדן — מײַנע אױגן, מײַנע אױערן, מײַן גאַנצן קאָפּ האָט ער אָנגעצונדן מיט חרפּה און פאַרדרוס. מײַנע פּיס האָט ער מיר אונטערגעזעגט, און אַלע גלידער מײַנע, איעדער גליד באַזונדער האָט געגלוסט צו װײנען אױפן הױכן קול.

איך בין אַװעק אױף דער װײַבערשער שול, באַהאַלטן דעם קאָפּ אױף אַ סטענדער, און מײַן גאַנץ באַלײדיקט לעבן האָט אין מיר געװײנט און פּראָטעסטירט. אַלץ איז מיר מיטאַמאָל פּאַרטונקלט געװאָרן. װען איך װאָלט געקאָנט אַנטלױפן אַהײם, אַנטלױפן צופוס — װאָלט איך אַ באָרװעסער אַװעק אין אײן געלאָף, איבער לאָנקעס, בלאָטעס, איבער גראָבנס און פּלױטן — צוריק אין מיל אַרײַן... נישט אין קלעשטשעלער בית-המדרש, נאָר אין מיל אַרײַן! נישט אָנזען מער דידאָזיקע, אָנגעבלאָזענע, שטעטלדיקע גרױסהאַלטער.

אָבער דאָס איז געװען אוממעגלעך. נעמען פּאַר שבועות, װען ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק בין איך געקומען פונדערהײם, מיט דער דעה צו לערנען אין מעלײטשיטש עטלעכע יאָר — װי אַזױ קאָן

איך עס איצטער אַנטלויפֿן? צי וועל איך קאָנען דערציילן, אַז דער אַלטער שוחט האָט מיך אויסגעפּאַטשט, דעריבער בין איך פֿון מע־לייטשיטש אַנטלאָפֿן? דעריבער וויל איך מער נישט גיין אין בית־המדרש אַריין לערנען?

אין מעלייטשיטש מוז איך דעם זומער ווי עס איז איבערשטופּן. די חרפּה באַגראָבן, דעם ווייטיק באַהאַלטן. אַפֿילו דעם זיידן נישט דערציילן, ווייל קיינער, קיינער איז נישט מסוגל צו פֿאַרשטיין, ווי טיף איך בין אין מיין מאַמעס געבוירנשטאָט פֿאַרשעמט געוואָרן.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך נישט געזען מער די אותיות אין מיין ספֿר. די אותיות זענען אומגעשפּרונגען און געלאָזן די בלאַנק־ווייסע דפֿ'ן. וויפֿל איך האָב מיך נישט באַמיט אַרויסצושלאָגן פֿון קאָפּ דאָס געשעענע, באַגראָבן דעם רעיון אין דער גמרא — איז דאָס מיר נישט געלונגען. איך האָב העכער ווי שטענדיק אויפֿגעהויבן מיין קול איבער דער גמרא, אַרויסגעשריגן מיט ווייטיק דעם ענין, וואָס איך האָב געלערנט — מיין שטים איז אין פּוסטן חלל פֿאַרשוווּנדן. אַ פּוסטער חלל איז פֿאַר מיר געוואָרן דער בית־המדרש. ביז דער שמש איז אַריינגעקומען.

געווען שוין פֿאַרנאַכט, פֿאַר מנחה, ווען דער שמש איז אַריינ־געקומען. זיין שטייגער געווען צוצוקומען צו מיין סטענדער און מיט ליבשאַפֿט מיר אַ גלעט טון, זאָגן מיר אַ גוט וואָרט אין זיין אייגע־נעם נאָמען, אָדער אין נאָמען פֿון אַ באַלעבאָס, וואָס האָט פֿאַרוואָרפֿן אַ גוט וואָרט וועגן דעם יונגן ישיבֿה־בחור, דעם מתמיד.

— איר וועט מיר מוחל זיין — האָב איך אָנגעהויבן — איך וועל מער נישט צונויפֿקלייבן די ספֿרים... איך קאָן נישט מער...

מיט טרערן זענען מיר פֿאַרשווומען געוואָרן די אויגן. איך האָב אים דערציילט, וואָס מיט מיר האָט געטראָפֿן, ווען איך בין אינדערפֿרי געקומען פֿון איבערבייס. דער שמש איז געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט. ער האָט מיר אָנגעבאָטן צען גראָשן אַ וואָך, איך זאָל ווידער האַלטן די ספֿרים אין אַ סדר. בין איך אָבער באַשטאַנען אויף מיינס. כאָטש דער אַלטער שוחט האָט מיר אויף מאָרגן אַ גלעט גע־טון מיין באַק און געזאָגט: אַז ער איז מיר מוחל... בין איך פֿונ־דעסטוועגן געבליבן פֿאַרעקשנט. די ספֿרים האָב איך מער נישט צו־נויפֿגעקליבן. זייער סדר אין די פּאָליצעס איז געוואָרן אַן אַנדערער.

מיט טרויער האָב איך פונדערווייטנס צו זיי געקוקט... צי האָבן זיי מיין באַליידיקונג געשפּירט?

דער שיינער סאָסנאָווער וואַלד, ווו די ביימער זענען ווי שומרים געשטאַנען הינטערן שטעטל; דער וואַלד, פון וועלכן מיין מאַמע האָט מיט אַזויפיל צערטלעכקייט אונז קינדער דערציילט — דער וואַלד, ווו מיין מאַמעס יוגנט האָט אויפגעבליט — פאַר אים האָב איך מורא געהאַט. איעדער בוים האָט צו מיר מיט אַ גרינעם אומעט געקוקט, ווען איך בין צומאָל צווישן די ביימער שטיל אומגעגאַנגען.

דער מעלייטשיטשער וואַלד האָט געשמט אין דער גאַנצער געגנט. פון בריסק, און אַפילו פון ווייטערע שטעט, זענען לונגען־קראַנקע זומער געקומען צו טרינקען ציגענע מילך אין מעלייטשיטש און זיצן אין שאָטן פון די סאָסנאָווע ביימער, אין טרוקענעם, שמעקעדיקן וואַלד. קראַנקע מענער און פרויען אין געפלאָכטענע וויגבעטן; קראַנקע, שפּאַצירנדיק צווישן די ביימער; פּנימער איינגעפאַלענע, גופים איינגעבראָכענע, הוסטערס, שפּייערס, קרעכצערס האָבן זומער באַוווינט דעמדאָזיקן וואַלד. טרויעריק ביז צו אַ קלעמעניש איז מיר געוועזן צו זען די קראַנקע, וואָס זענען פון ערגעצן אָנגעקומען און פאַרנומען דעם געזונטן סאָסנע־וואַלד.

איך האָב שוין געקענט כמעט אַלע מעלייטשיטשער לייט. דערי־בער האָבן די אַלע זומערלייט אין וואַלד מיר אויסגעקוקט פרעמד, פונדערפרעמד געקומענע. האָב איך שטענדיק אין מיין דמיון געזען אַ טרויעריקע וועלט, ווו די מענטשן, מענער, פרויען, יונג און אַלט, אַפילו יונגע קינדער — זענען קראַנק; מיט צעגעסענע לונגען און צעריסן האַרץ. זייער וועג איז אַ קראַנקער. די געגנט אַרום מעליי־טשיטש איז דורכדעם קראַנק. כאָטש מעלייטשיטש קוקט די קראַנקע אויס, קוים וואָס מען דערוואַרט, דער ווינטער זאָל אַריבערגיין, דער פרילינג זאָל קומען — נישט דאָס ערשטע גרינע גראָז פילט אָן מיט פרייד ס'האַרץ פון מעלייטשיטשער לייט, נאָר די ערשטע לונגען־קראַנקע, וואָס קומען אַראָפּ צו זוכן דירות אין מעלייטשיטש... פון זיי איז די שפע פאַר די מעלייטשיטשער לייט, און פאַר מיר איז דאָס אַ קוואַל פון שווערע מחשבות. שמעקעדיקע סאָסנע־ביימער און צווישן זיי — מענטשן, וואָס אָטעמען די לופט און ווערן דערוואָרגן פון בלוט, וואָס וויל דווקא דורכן האַלז אַרויסשטראָמען, ווי עס

שטראָמט צומאָל די פּעך פון אַ סאָסנע־בוים, דאָרטן, ווו אַ ווונד איז אין בוים.

האָב איך דעריבער געזוכט אַ פרייען שטעג צווישן די קאָרנ־פעלדער, אין די ווייצנפעלדער אַהינטערן וואַלד, וואָס האָבן פאַר מיר אויפגעעפנט אַ רחבותדיקע און געזונטע וועלט; ביז צום אָרט, ווו הימל נידערט צו דער ערד, איז מיין פרייער וועג... גייענדיק אין פעלד, האָט מיר דער וואַלד פונדערווייטנס אויסגעזען אַ פאַרוויקל־טער אין שטענדיקע שאָטנס.

שפּעט אין זומער איז קיין מעלייטשיטש געקומען אַ מוכר־ספרימניק. אַ פרומער ייד מיט לאַנגע פיאות. אַ געלבערדיקער און באַרעדעוודיקער. ער איז אָנגעקומען מיט פערד־און־וואָגן; אויפן בית־המדרש־הויף אויסגעשפּאַנט דאָס פערד און אָנגעהויבן אַראָפּנעמען פון וואָגן פּעקלעך און קעסטלעך ספרים. ער האָט די ספרים אין בית־המדרש אויסגעפּאַקט און זיי אויסגעשטעלט אויפן לאַנגן טיש ביים אויוון. דערעיקר האָט ער געהאַט חומשים, מחזורים, משניותן, תנ״כן און געוויסע מפרשים אויף תלמוד. ער האָט אָבער אויך געהאַט אַן אָפּ־טיילונג אויף דעם אייגענעם טיש מעשה־ביכלעך אויף „זשאַרגאָן", נישט קיין איינגעבונדענע. ער האָט זיי געהאַלטן צוזאַמען מיט די ווייבערשע תחינות.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס איך האָב די דאָזיקע מעשה־ביכלעך געזען. געווען מעשה־ביכלעך מיט די נעמען פון מחברים: שמ״ר, עוזר בלאָשטיין, אייזיק מאיר דיק און יהושע מזח. איך האָב באַמערקט, ווי עלטערע יידן קוקן קרום אויף די דאָזיקע מעשה־ביכלעך. אַנדערע, פאַרקערט, פאַרקוקן אין ביכל אַריין און שמייכלען. בייטאָג קומען מיידלעך אין בית־המדרש, נעמען ביים מוכר־ספרימניק מעשה־ביכלעך אויף אַ טאָג, לאָזן אַ ביסל געלט פאַר אַ משכון, אַז דאָס ביכל וועט זיין גאַנץ.

דער מוכר־ספרימניק האָט גענעכטיקט אין בית־המדרש. ביינאַכט, ווען מיר זענען געבליבן אַליין, האָט ער מיר געהייסן אַריינקוקן אין די דאָזיקע מעשה־ביכלעך. איך האָב גענומען שמ״רס אַ ביכל און האָב עס נישט געקאָנט באַנעמען. די מעשיות פון פרינצן און פרינ־צעסינס האָבן מיך נישט גענומען. די אַלערליי ספורי־נפלאות האָבן מיך נישט באַצווונגען.

פונדעסטוועגן האָב איך ביי אים איינגעהאַנדלט פאַר עטלעכע

גראָשן פון מיין אָפּגעשפּאָרט געלט אַ ביכל מיט אַליקום צונזערס לידער. אין ביכל האָב איך געפונען די וווילבאַקאַנטע לידער: „אין סאָכע ליגט מזל און ברכה" און „שיבת ציון"... האָב די לידער גע־קויפט און באַהאַלטן צווישן מיינע זאַכן. זעלטן ווען, בשתיקה, האָב איך אין די לידער אַריינגעקוקט. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע לידער באַדאַרף מען אויסזינגען — האָב איך געפּרוווט אַליין צוקלערן פאַר זיי ניגונים. מיר איז נאָר געווען קשהדיק, ווי אַזוי אַ פרומער ייד, אַ מוכר־ספרימניק, וואָס פירט אַרום סידורים און חומשים — פירט אויך אַרום אַזעלכע ספרי־חול, פאַרקויפט זיי דווקא אין בית־המדרש.

ביינאַכט, ווען איך בין מיטן מוכר־ספרימניק געבליבן אַליין, האָט ער מיר דערציילט, אַז די מחברים פון די דאָזיקע מעשיות זע־נען לעבעדיקע מענטשן. די דאָזיקע ספרים איז ער מכוון נאָר פאַר דינסטמיידלעך. ביינאַכט, ווען קיינער איז אין בית־המדרש נישט גע־ווען, האָט דער מוכר־ספרימניק אַליין אַריינגעקוקט אין די „זשאַרגאָ־נישע" ביכלעך, געשמייכלט אין זיין געלער באָרד אַריין, און צומאָל געלאַכט אויפן הויכן קול.

ווען דער מוכר־ספרימניק איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער ביי מיר איבערגעלאָזן אַ בענקעניש אין האַרצן. אָט אַזוי, מיט פערד־און־וואָגן, מיט אַ פולן וואָגן ספרים, ציט ער פון שטאָט צו שטאָט. אַזויפיל שטעט איז ער, מסתמא, שוין אויסן געווען. גוט וואָלט געווען, אַזוי ווי ער, אָנלייגן אַ וואָגן מיט אַלערליי ספרים, און פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל און, ווי ער, אויספּאַקן די ספרים, אויסלייגן זיי אויפן לאַנגן טיש ביים אויוון — מענטשן זאָלן קומען אַריינקוקן אין די דאָזיקע ספרים...

איידער דער מוכר־ספרימניק איז אַוועקגעפאָרן, האָב איך אים אינדערשטיל געפרעגט:

— צי זענען נאָך פאַראַן שטעטלעך אויף דער וועלט, וווּ ישיבה־בחורים לערנען?

האָט ער מיך באַטראַכט מיט אַ פאַרבאָרגענעם בליק און געזאָגט:

— די וועלט, מיין זון, איז גרויס... אין איטלעכער שטאָט איז אַ בית־המדרש פאַראַן, יידן פאַראַנען... מען ווערט, מיין זון, אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן.

*קאפיטל זיבנאונצוואנציק*

## צוגאסט אינדערהיים

צוויי מאָל בין איך געקומען אַהיים צוגאַסט פון מעלייטשיטש. אַ גאַסט בין איך געוואָרן אינדערהיים. אַזוי האָט מען אויף מיר שוין געקוקט. מיין היים איז צוביסלעך געוואָרן די פרעמד, און מיין גע־בוירנשטאָט — גאַסטהויז.

ס׳האָט שוין געמוזט אַזוי ווערן, ווייל אויפדערפרעמד האָב איך באַדאַרפט וואַקסן. כאָטש באַלד שוין פערצן יאָר אַלט — בין איך נאָך אַלץ אַ דראָבנער ריטל, נישט מער. דער שורש איז נאָך נישט געווען אַרויסגעריסן פון דעם נאַסן גרונט אַרום ליפּעס מיל. אויפ־דערפרעמד האָב איך באמת געלערנט צו וויסן און דערקענען אָפּגענע־טירן צו פרעמדע און דאָך אייגענע הייזער, ווו עס האָבן געלעבט פאַרהאָרעוועטע טאַטעס, פאַריאָגטע מאַמעס, וואָס האָבן צווישן איי־גענע קינדער געמאַכט אַן אָרט פאַר אַ פרעמד קינד — איין טאָג אין וואָך געגעבן דעם פרעמדן עסן; מיט אַ סך היימישער ליבשאַפט צו־געטראָגן דעם טעלער געקעכץ צום טיש, און הנאה געהאַט, אויב דאָס פרעמדע קינד האָט פון עסן הנאה.

ווי מיר איז נישט געווען ניחא דאָס גיין איעדן טאָג צו אַ פרעמדן טיש; ווי ס׳איז מיר געבליבן שטיין גאַנץ אָפט דאָס עסן אונטערן האַרצן, ווייל פאַרבאָרגענע טרערן האָבן געוואַשן דעם ביסן— האָב איך פונדעסטוועגן געלערנט צו פאַרשטיין, אַז אויפדערפרעמד איז דער גרונט, ווו אַזאַ גרינער וואָרצל קאָן בויערן, נאָגן און גע־פינען גענוג חיונה צו וואַקסן. כאָטש פאַרנעבלט איז מיר נאָך גע־בליבן אויף אַ לאַנגער צייט מיין עובדה אויפדערפרעמד. ווען איך

האָב מיר אָנגעהויבן מייחד צו זיין ביי די ראַנדן פון ים-התלמוד; אָנגעהויבן אַליין אויסקלייבן מסכתות צו לערנען, מפרשים, אין זיי אַריינצובליקן — האָבן צו מיר אַרויסגעבליקט די נאָענטע רוימען אין נעבלען איינגעוויקלטע.

אגב איז ביי מיר פּאַמעלעך אויפגעקומען אַ בלייכער וויסן: — אַז אויף יענער זייט פון ליפּעס מיל אין קלעטשטשעל איז נאָך פאַראַן אַ גרויסע וועלט; אויף דערדאָזיקער וועלט לעבט אַ פאָלק ישראל... לעבט שוין אַזוי טויזנטער יאָרן. איך אַליין בין אַ שטויבעלע אויף דער ערד, אַ שטויבעלע ביי דער גרויסער אומה, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט אויף דער וועלט. דאָס האָב איך אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַריינקוקנדיק אין די ספרים, וואָס איך האָב טאָג-טעגלעך גע-האַלטן ביים איינסדרן אין די פאָליצעס אין מעלייטשיטשער בית-המדרש.

נישט איינמאָל, כאָטש אַזוי יונג, איז מיר פונדעסטוועגן איינ-געפאַלן אַ טראַכט צו טון:

— צי וואָקסטו נישט אַ בטלן, אַרויסגעטון פון דער וועלט, ווי אַ סך פון די בטלנים, וואָס דו האָסט שוין געזען פאַר דער צייט, זינט דו ביסט אַ בית-מדרשניק?

איך האָב געזען די פשוטע מענטשן, די שווער-פאַרהאָרעוועטע יידן, וואָס זייער אָרט איז אין שטעטל אין די זייטיקע גאַסן; אין בית-המדרש — אַרום אויוון; מיטן געדאַנק האָב איך זיי צונויפגעב-בראַכט מיט ליפּעס משפּחה. איך אַליין האָב באַגערט אויף שטענדיק צו בלייבן פאַרוואָרצלט צווישן דידאָזיקע פשוטע מענטשן. איך האָב נישט באַגריפן, ווי אַזוי איך וועל געפינען מיין תכלית אויף דעם וועג, וואָס איך בין אַרויסגעשטויסן געוואָרן.

דעריבער בין איך געקומען אַהיים פון מעלייטשיטש מיט אַ פאַר-באָרגענעם אומעט, וואָס האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן, ווען אַפילו איך בין אומגעגאַנגען איבער מיינע פאַרליבטע ערטער אַרום מיל. ס'וואַ-סער האָט אַנדערש געראַוישט: שרייענדיקער, כמעט ברוגזדיק. ס'וואַ-סער האָט פאַר דער צייט שוין געקראָגן אייגענע סודות. דאָס וואַ-סער האָט אָפּגענייגט אין נייע באַהעלטענישן אונטער די באַגראָזטע ברעגעס. אַ געוויסער שטח איז געלעגן צווישן מיר און מייניקע. דעם שטח האָבן מייניקע אַליין פאַרברייטערט מיט מיין נייעם קומען אַהיים. מיר איז געווען שווער צו פאַרטראָגן דעם געוויסן דרך-ארץ,

מיט וועלכן די עלטערע אין שטוב האָבן אויף מיר געקוקט, אָדער גערעדט.

— דו ביסט שוין אַ פּאָדראָבינטשיק, אַן אונטעררבל — האָבן באַקאַנטע קריסטן פון אונזער גאַס צו מיר געשמייכלט.

אַזאַ מין אונטעררעבעלע בין איך געוואָרן אין מיינע אייגענע אויגן; בין פאַרקלענערט געוואָרן אין מיינע אייגענע אויגן.

איך האָב אַריינגעכאַפּט אַלערליי מלאכות אין מיל און אַרום מיל, כּדי מיינע פּאַראיידלטע הענט זאָלן ווידער ווערן אַביסל גרע-בער; ביי מיר זאָלן ווערן מאָזאָליעס אויף די הענט, ווי ביי אַלע אונזעריקע. האָב איך געקראָגן פּענכערס אויף די הענט, טעשענדיק צו לאַנג אַ האַרט, טרוקן שטיק גראָבינע האָלץ. האָב געפונען ערטער, ווו מען באַדאַרף פאַרריכטן אין מיל און אַרום מיל. דאָ פעלט אַ לאַפּעטקע אין וואַסער-ראָד, דאָרט איז די ערד איינגעזונקען אַרום מיל... דאָס שטעלכל פון די עופות איז נישט שטשילניע געננוג — די עופות קאָנען אַרויספליען, ווען זיי ווילן. און טאַקע אַביסל טרוקן האָלץ, אַביסל טרוקענע צווייגן צונויפשלעפּן אַרום שטוב — — —

דער מאַמען איז דאָס שטאַרק געפעלן געווען. בעבל האָט הנאה, וואָס איך בין גאָר אינגאַנצן נישט פאַראיידלט געוואָרן אויפדערפרעמד. אדרבא, איך בין נאָך אַביסל אונטערגעוואָקסן און קאָן איצטער אַ דזשוויגע טון אַ משא. איך האָב שוין געהאָלפן שמידן די שטיינער...

איז דאָס אָבער דעם טאַטן נישט געווען צום האַרצן. אין בית-המדרש האָבן אים יידן אומישנע אַ פרעג-געטון:

— וואָס טוט עפּעס אייער פרץ, ער כאַפּט פיש?

אַזוי האָט אים אַ ייד, נישט-מיר ניט-דיר אַ פרעג געטון און ממש פאַרשעמט. ליפּע דער מילנער ווייסט, אַז פרץ איז אין מעליי-טשיטש געווען אַ מתמיד; ער ווייסט, אַז אין מעלייטשיטש האָט מען אים דערפאַר ליב געהאַט. דער טאַטע האָט אַיעדן מאָנטיק אויפן מאַרק באַגעגנט מעלייטשיטשער יידן, שוסטער, היטלמאַכער, וואָס זע-נען צום קלעשטשעלער מאַרק געקומען מיט זייער אויסגעאַרבעטער סחורה. דאָס זענען געווען יידן פון מעלייטשיטשער הינטער-איווון, וואָס האָבן אַן אויג געהאַט אויפן בלאַסן ישיבה-בחור. דידאָזיקע יידן האָבן אים אָפּגעגעבן גוטע גרוסן פון זיין זון.

פונדעסטוועגן, אַז אַ קלעשטשעלער ייד נעמט און טוט דעם טאַטן אַ פרעג: „וואָס טוט אייער פרץ, ער כאַפּט פיש?" האָט דער

טאַטע געוואָלט דעמדאָזיקן יידן באַווייזן, אַז זיין פּרק לערנט תּורה; נישט קיין פיש־כאַפּער וואַקסט זיין פּרק.

ער האָט מיט דער מאַמען געהאַט אַ שמועס. די מאַמע האָט מיט מיר איבערגערעדט, איך זאָל אַ פּאָר שעה אין טאָג גיין אין שטעטל אַריין, גיין אין בית־המדרש אַריין לערנען. אַ פּאָר מאָל האָב איך עס געטון — איז דאָס מיר געוואָרן דערווידער. איך האָב דעם קלעשטשעלער בית־המדרש נישט ליב געהאַט. אין אים אַריינקומענדיק — האָט מיך נישט אַרומגעכאַפּט דער גייסט פון לערנען. די ספרים אין די פּאַליצעס האָבן געקוקט צו מיר פרעמד און קאַלט; ווי אויף איינעם, וואָס איז פון זיי פאַרפרעמדט געוואָרן.

כדי צו מאַכן אַ פּשרה, האָב איך פון בית־המדרש געבראַכט אַ פּאָר ספרים אַהיים; אינדערהיים געזעסן און געלערנט מיט דעם אמתדיקן גמרא־ניגון; ליב איז דאָס מיר געווען אינדערהיים. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע איז דאָס נישט תּופס אינגאַנצן. אים האָט נישט אויסגעזען נאַטירלעך, אַז דער ניגון פון דער גמרא זאָל ווערן מיטהאַלטן מיטן גערויש פון וואַסער אונטער די רעדער, מיט דעם רויש פון ווינט צווישן דיביימער — מיטן קליפּ־קלאַפּ פון די קלאַפּערס אין מיל.

דאָס ביכעלע מיט אליקום צונזערס לידער, וואָס איך האָב אין מעלייטשיטש איינגעהאַנדלטביים מוכר־ספרימניק, האָב איך געבראַכט אַ מתּנה בעבלען און משהן. פאַר זיי איז דאָס געווען אַן אבן־טוב. בעבלס חתן, וואָס האָט דער ערשטער דאָ פאַר אונז אויסגעזונגען לידער פון אליקום צונזער — ער איז נאָך געווען אין זעלנערײַ. איצטער האָט בעבל די לידער אויסגעזונגען פון ביכל און געגאָסן מיט טרערן. דער טאַטע האָט מיט אַ חידוש אין ביכל אַריינגעקוקט. אים איז געווען גאָרנישט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מיט די אייגענע אותיות, וואָס הייליקע ספרים זענען געשריבן — האָט מען אויך געדרוקט אַזעלכע לידער. פאַר דער מאַמען און די קינדער איז דאָס ביכל געווען אַ מין גרוס פון אַ זינגעוודיקער וועלט, ווו עס לעבן אויך קינדער פון יידישן פאָלק. נאָר ווו און ווען דאָס איז — אַזוי ווייט האָט דער דמיון נישט געקאָנט פאַרטראָגן. איצטער, ווען איך האָב אַליין שוין געזען אַ „שטיקל וועלט", האָב איך תּופס געווען די אָפּגעזונדערטקייט פון מיין היים און פון אירע מענטשן, וואָס צו זיי בין איך צוגעוואַקסן מיט אַזויפיל דינע וואָרצלען.

נישט איינמאָל איז מען געזעסן אין שטוב, אַלע שטיל, און די בליקן פון די שטובלייט זענען געווענדט צו מיר. עפּעס וויל מען שוין פון מיר הערן. די מאַמע האָט געוואָלט הערן פון איר גע-בוירנשטאָט; איך זאָל פאַר איר אויפוויקלען אירע אַמאָליקע יאָרן, אויסשפּרייטן פאַר איר די פעלדער אַרום מעלייטשיטש — אַנידער-שטעלן פאַר איר דעם וואַלד, וואָס איז איר אַזוי באַליבט. דער טאַטע איז אַוודאי אויסן געווען, איך זאָל פּלוצלונג אַ זאָג טון אַ שטיקל תּורה, וואָס זאָל אָנפילן די גאַנצע שטוב און פאַרהילכן דאָס קלאַפּן פון מיל אויף יענער זייט וואַנט.

די קינדער האָבן ליב געהאַט, איך זאָל זיי דערציי'ן פון די מענטשן אויפדערפרעמד. זייער גיין און שטיין; זייערע טעג און נעכט...

די מאַמע האָט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי מען האָט מיך אויפגע-נומען אין די הייזער, ווו איך האָב געגעסן. זי האָט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי פרעמדע מאַמעס רעדן צו מיר; ווי זיי קוקן אויף איר קינד; און צי מען פאַרגינט מיטן גאַנצן האַרצן אַ פרעמד קינד דאָס ביסל געקעכץ, וואָס מען דערלאַנגט אים איין טאָג אין וואָך.

— ווען איך וואָלט געקאָנט פאַרבעטן אַ ישיבה-בחור אויף איינ-מאָל אַ וואָך, וואָלט איך אים אונטערגעטראָגן דאָס טעלערל פון הימל.

די מאַמע האָט געזוכט עמעצן צו באַלוינען פאַרן גוטס, וואָס פרעמדע מענטשן טוען צו איר קינד. ווען צו איר קומט איינמאָל אַ וואָך אַ ישיבה-בחור — וואָלט אים אָנגעקומען גאָר די גוטע באַלוי-נונג. איז אין שטעטל קיין פרעמדער ישיבה-בחור דערווייל נישט געווען. און וואָס פאַר אַ בחור וואָלט עס גיין אַזוי ווייט צוויי מאָל אַ טאָג עסן?

דער טאַטע האָט געהאַט אַ שטילן פאַרדרוס, הלמאי מען פאַר-זעט אין בית-המדרש זיין פּרצן, ווי מען פאַרזעט קינדער פון פּשוטע טאַטע-מאַמע. ער האָט קיין סך נישט פאַרלאַנגט פון די שטעטלשע באַלעבאַטים אין בית-המדרש: — אַ בחורל, וואָס איז שוין לאַנג בר-מצוה און אַ וויל-לערנער דערצו, וואָס איז געקומען פונדערפרעמד צוגאַסט — נעבעך וואָלט מען אים אויפרופן צו דער תּורה... אַ גבירישע קינד, ווען ס'קומט פונערגעצן, גיט מען אים מפטיר... און ליפּעס זון — — —

שמחת-תּורה, אין בית-המדרש ביים לייענען, ווען מען לייענט די סדרה עטלעכע מאָל, כּדי אויפצורופן צו דער תּורה אַלעמען,

אַלעמען; ווען מען געפינט אַ שטיקעלע תּורה פאַר יונגע בחורימלעך, וואָס טוען אָן דעם טאַטנס טלית און מאַכן אַ ברכה אויף דער תּורה מיט אַ קלינגענדיקן קול — ווי עס קומט צו פּרץ ליפּעס — פאַר־שטעקט מען אים נאָך אַלץ עם כּל הנערים; אינאיינעם מיט אַ צוואַנ־ציק יינגלעך לאַפּעצאַנעס, קינדער פון דער אָרעמקייט, קינדער פון באַלמעלאָכעס, האַרעפּאַשניקעס — אַהין, אונטערן טלית האָט מען מיך נאָך פאַרוקט, ווען איך בין געקומען פון מעלייטשיטש שוין באַלד אַ פערצניעריק בחורל; אינאיינעם מיט גרויסע, אַכצן־יאָריקע יונגען, אַריבערגעדעקט מיט איין אַלטן טלית, האָב איך באַדאַרפט מאַכן די ברכה איבער דער תּורה, כּדי דער בעל־קריאה זאָל פאַר אונז אַלעמען לייענען איין שטיקעלע פון דער תּורה.

פאַרן טאַטן איז דאָס געווען אַ שטאַרקער פּאַטש אין פּנים. ער האָט נישט געוווּסט וועמען צו באַשולדיקן. די מאַמע האָט אים פּשוט און קלאָר געגעבן צו פאַרשטיין:

— אָט פאַרוואָס איך האָב נישט ליב דאָס שטעטל מיט די גרויסהאַלטער.

האָט שוין ממילא געפירט דערצו, איך זאָל באַצייטנס אָנהויבן טראַכטן פון אַ שטאָט, וווּהין צו פאָרן גלייך נאָך יום־טובים. וויסאָקע־ליטאָווסק איז עטלעכע מאָל געקומען אויף די ליפּן. מען האָט אויך דערמאָנט די שטאָט אָרלע, אַכט וויערסט נעענטער צו קלעשטשעל. אָבער די אייזנבאַן האָט גורם געווען, איך זאָל פאָרן קיין וויסאָקע. צוויי מאָל אַ טאָג איז די באַן געגאַנגען אַהין, און די נסיעה האָט געדויערט בסך הכּל אַ פערציק מינוט. כאָטש מען איז קיין וויסאָקע געפאָרן זעלטענער, ווי קיין אָרלע, און כאָטש אין אָרלע האָט געלעבט דער פרומער פעטער משה לינעווער - איז פאָרט געבליבן, איך זאָל פאָרן קיין וויסאָקע.

מיך אַליין האָט אַהין געצויגן אַ פאַרבאָרגענער געפיל: צוליב דעם, וואָס זיבן וויערסט פון וויסאָקע האָט אין אַ געדוּנגענער פּאָ־סעסיע געלעבט דער פעטער אַברהם טומענער. דער פעטער, ווען ער איז געווען ביי אונז, האָט ער צוגעזאָגט, ווען איך זאָל לערנען אין וויסאָקע, וועט ער מיך פון צייט־צו־צייט נעמען קיין טומענע. אין מיינע יאָרן איז געווען זיין יינגסטע טאָכטער שיינע, וואָס האָט גע־האַט אַ שיינעם כּתב. פון איר האָב איך דערהאַלטן אַ בריוועלע מיט

אויסגעצעצוקטע אותיות, ווי זי האָט מיך איינגעלאַדן איך זאָל קומען צו זיי צוגאַסט.

די מאַמע האָט שטאַרק צוגערעדט, איך זאָל פאָרן קיין וויסאָקע לערנען. אַזוי איז געבליבן. אַליין בין איך דאָס מאָל געפאָרן; אַליין אויפגעזוכט דעם בית-המדרש; געוואַרט, דער שמש זאָל מיך דערקע- נען און באַשטעלן טעג.

מיט אַ גרינג האַרץ האָבן דאָס מאָל די שטובלייט מיך אַרויס- באַגלייט פונדערהיים, כאָטש אין אמתן האָט מיך די באַן אַ סך ווייטער פאַרפירט פון היים און געבוירנשטאָט. וואָרום פון מיין צופוס- גיין מיט דער מאַמען קיין מעלייטשיטש, ביז מיין איצטיקן פאָרן קיין וויסאָקע — איז שוין געווען אַ גרויסער מהלך...

דאָס רוישן פון די רעדער אונטער די וואַגאָנעס, דאָס סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו באַרג-אַרויף — האָט געמאַכט, איך זאָל פילן, ווי איינער, וואָס ווערט, קעגן זיין ווילן, פאַרטראָגן אין אַ ווייטער און פרעמדער וועלט.

## *קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק*

# וויטאָקע־ליטאָווסק

צי האָב איך דעמאָלט מיטן חוש געשפּירט, אַז איך גיי אין אַ לעבן, וואָס פאַרגייט? ניין, מיר איז דאָס נישט קלאָר געווען. כאָטש עפּעס איז אין מיר בסוד פאָרגעקומען, וואָס האָט געקאָנט באַטייטן:— אַ האַנט פירט מיך אינערגעצן, וויל מיך אַרויספירן צו אַ לעבן, וואָס ליגט אויף דער אַנדערער זייט בית־המדרש.

איך האָב געלערנט בהתמדה; אַלץ טיפער און טיפער פאַרשווומען אין ים־התלמוד — און פונדעסטוועגן האָב איך אויפגעהערט דרך־ארץ האָבן פאַר דעם גאָט, צו וועלכן אַלע דאַוונען. איך אַליין האָב אינדערשטיל אויפגעהערט צו דאַוונען. איך האָב צוביסלעך אַריינגעקוקט אין מורה־נבוכים פון רמב״ם, און כאָטש מיר איז שווער געווען אַלץ צו פאַרשטיין, פונדעסטוועגן האָב איך תופס געווען, אַז דעם רמב״ם איז נישט אינגאַנצן קלאָר דער ענין גאָט. אין תלמוד האָב איך געפונען דינים און משפּטים. האָב אויף אַ שכלדיקן אופן געוואָלט אַלצדינג אין תלמוד צופּאַסן צום לעבעדיקן לעבן. טייל פון די דינים האָב איך אָנגענומען און טייל אין האַרצן אָפּגעוואָרפן.

נאָר דאָס, וואָס האָט אָפּטמאָל אונטערגעשווענקט מיין רויקייט, איז געווען די נישט־היימישע וועלט, וואָס איז מיר אַנטקעגנגעקומען, ווי נאָר איך האָב איבערגעלאָזט מיין געבוירנאָרט און געווענדט ס׳פּנים צו דער פרעמד. פון מיין ערשטן מאָל אין בריסק, מיט דריי יאָר פריער — כאָטש אינגאַנצן עלף יאָר אַלט — איז מיר שוין נישט געפעלן געווען דער אופן, ווי שטאָטישע יידן לעבן זייער לעבן; הבל־הבלימדיק האָט מיר אויסגעזען דער מענטשן־געווימל דעמאָלט

אין די זאַמדיקע, בריסקער גאַסן. מיין אַליין־לעבן אין מעלייטשיטש; מיין שלאָפן אַליין אין בית-המדרש — דאָס האָט מיך ווייט אַריבער־געטריבן איבער מיינע דרייצן יאָר. אַליין נאַכט־נאָך־נאַכט, אַליין מיט די פּאָליצעס ספרים. צו מיינע יונגע חלומות האָב איך קיין פּתרון נישט געפונען, ווייל איך האָב זיי אויף קלאָר נישט געזוכט. קיין סודות האָב איך נישט אַנטפּלעקט — האָב נאָך צו זיי קיין קלאָרן צוגאַנג נישט געהאַט. מעלייטשיטש, צוליב דעם וואָס דער אַלטער שוחט האָט מיך אויסגעפּאַטשט, הלמאי, איינשטעלנדיק די ספרים אין די פּאָליצעס, פאַרשטעל איך זיין מסכתא ברכות — צוליב דעם האָב איך פאַרלאָזן מעלייטשיטש, מיין מאַמעס געבוירנשטאָט און באַשטימט צו פאָרן קיין וויסאָקע-ליטאָווסק. וואָס עס וואַרט אויף מיר אין וויסאָקע־ליטאָווסק, אין דער גרעסערער שטאָט פון מעלייטשיטש — דאָס האָב איך נישט געוווּסט.

איין זאַך האָב איך איבערגעטראַכט:

— וואָלט גוט געווען, ווען אין וויסאָקע נעמט מיך עמעצער אַריין אויף נאַכטלעגער. אַמאָל אַ משמר דאָנערשטיק — דאָס יאָ. אַ גאַנצע נאַכט אַמאָל אין אַ בית־המדרש — דאָס יאָ. אָבער נאַכט־נאָך־נאַכט אַליין אין בית־המדרש — דערווייל נישט...

אין איינעם פון די וויסאָקער בתי-מדרשים האָט מיך דער שמש גוט באַגעגנט. ער האָט פאַר מיר באַשטעלט זיבן טעג, פאַר אַלע זיבן טעג פון דער וואָך, און האָט אויך פאַר מיר געפונען אַ שלאָף־פּלאַץ ביי אַ מעבל-סטאָליער. איז דאָס זייער גוט אַרויסגעקומען. גאָר אומגעריכט איז מיר באַשערט געווען, איעדע נאַכט, ווען איך בין געקומען פון בית־המדרש אויף מיין קוואַרטיר — זאָל מיך, אויסער די פריינטלעכע פּנימער פון די פּשוטע, געזונטע שטובלייט, באַגעגע־נען דער געשמאַקער ריח פון סאָסנע און דעמב. אין אַ ווייכן אויס־שפּרייט אויפן דיל פון סאָסנע און דעמבענע סטרוזשקעלעך בין איך אַריין.

מיט דער אייגענער פריינטלעכקייט האָבן מיך אָנגעקוקט די פאַרענדיקטע און נישט-פאַרענדיקטע שטיקער מעבל: דעמבענע און יאַסענע קליידער־אַלמערס; דעמבענע טישן און בעטן פאַר יונגע פאָר־פאָלק. ס'הויזגעזינד איז באַשטאַנען פון יונגן סטאָליער, זיין ווייב און קינד. און שטענדיק, שטענדיק אויסער שבת און יום־טוב, ווי שפּעט ביינאַכט איך בין נישט געקומען פון בית-המדרש, האָב איך

נישט פאַרפעלט צו טרעפן ביי דער אַרבעט דעם ברייטפּלייציקן פועל, אַ צוואַנציק־יעריקער יונג, וואָס האָט געקראָגן דרייסיק רובל פאַרן גאַנצן ווינטער, און האָט געאַרבעט פון פינף פאַרטאָג ביז עלף ביינאַכט.

מיין געלעגער איז געווען אויפן וואַרשטאַט. האָב איך דעריבער שטענדיק באַדאַרפט וואַרטן ביז דער סטאָליער־געזעל וועט פאַרענדיקן זיין טאָג אַרבעט. דעמאָלט האָט מען פאַר מיר אויסגעבעט אַ געלע־גער אויפן וואַרשטאַט, אונטערבעטנדיק אַ שטרויענעם סיניק, וואָס האָט פונדעסטוועגן דורכגעלאָזן צו מיין לייב די שאַרפע ראַנדן פון וואַרשטאַט. פינף אַ זייגער פאַרטאָג האָט שוין דער פועל געקלאַפּט אין טיר. האָט דער באַלעבאָס אים אַריינגעלאָזן. איך בין שוין דע־ריבער אויפגעשטאַנען און אַוועק אין בית־המדרש אַריין. מיר איז געווען דער דאָזיקער געלעגער ליב. די שטוב־מענטשן זענען מיר געווען נאָענט; ווייל דאָס האָלץ איז מיר געווען נאָענט. בין גאַנץ אָפט איינאָוונט געקומען אומישנע אַ ביסל פריער, פון אָנהויב אַ ביסל שעמעוודיק, און שפּעטער — דרייסטער גענומען דעם הובל און גע־פרווט גלאַט מאַכן אַ שטיקל האַרטע דעמב... האָב געפּרווט מיט אַ שמאָל זעגל אויסזעגן עפּעס פון אַ ברעטל. די שטובלייט האָבן מיט חידוש געקוקט און נישט געקאָנט באַנעמען, פונוואַנען עס קומט צו אַ ישיבה־בחור די ספּריטנעקייט, צו קענען אויסהעבלעווען אַ שטיקל האָלץ; קוקן פון אינדערקרום מיט איין אויג, צי דאָס האָלץ איז גלייך; מאַכן אַ פּיסל צו אַ בענקל, אָדער אויסהעבלעווען אַ ברעט, וואָס מען זאָל שפּעטער קאָנען באַנוצן אין דער אַרבעט.

ווען שוין אויפן געלעגער, אין דער פינסטערער שטוב — האָב איך נאָך לאַנג געאָטעמט דעם פּעכיקן ריח פון סאָסנע און דעם עסיקדיקן ריח פון דעמב.

דערפאַר זענען מיר נישט שטאַרק נאָענט געווען צום האַרצן אַ פּאָר פון מיינע טעג. קומענדיק אין יענע הייזער, האָב איך מיך גע־פילט, ווי אַ בעטלער, וואָס גייט איבער די הייזער. מיר האָט אויס־געוויזן, אַז אין יענע הייזער דערלאַנגט מען מיר בכיוון דאָס עסן אין אומריינע כּלים. מען וואַרפט מיר צו דאָס עסן, ווי פאַר אַ בעט־לער. כ׳האָב געשפּירט, אַז דאָס, וואָס מען דערלאַנגט מיר, קלייבט מען צונויף פון דעם, וואָס איז איבערגעבליבן אין די טעלער ביים

עסן. אַ סך מאָל בין איך אַוועק פון אַזאַ טיש, און דרויסן, אינדער־שטיל, דאָס עסן אויסגעבראָכן.

פון איין טאָג אַזאַ האָב איך מיך באַפרייט, האָב געזוכט אַ גע־נוגנדיקן תירוץ און געפונען.

ווינטער איז דאָס געווען. אַ שטאַרקער פראָסט האָט געברענט דרויסן. אַ צונויפגעדרייטער פון קעלט בין איך אָנגעקומען אין יענעם טאָג עסן איבערבייס — צוויי מאָל אַ טאָג איז געווען מיין שטייגער צו עסן. אַז איך בין אַריינגעקומען מיט מיין שטילן גוטמאָרגן - האָט מיר די באַלעבאָסטע דערלאַנגט אַ ליידיקן עמער, געהייסן ברענגען פון ברונעם אַן עמער וואַסער. איך זאָל האָבן מיט וואָס צו וואַשן די הענט.

אפשר האָט עס אַזוי באַדאַרפט זיין. פאַרוואָס טאַקע נישט אַריינטראָגן אַן עמער וואַסער אין שטוב, ווו מען גיט מיר איין טאָג אין וואָך אָפּצוועסן? וואָלט עס געטראָפן אין אַ הויז, ווו דאָס עסן דערלאַנגט מען מיר מיט גוטסקייט — וואָלט איך עס גאָר פאַר גוט אָנגענומען. איז דאָס אָבער געווען אין אַזאַ הויז, ווו איך האָב שטענדיק געשפירט דערנידערונג, ווי איך בין נאָר אַריבער די שוועל.

האָב איך גענומען דעם עמער, אַוועק צום געפרוירענעם ברו־נעם, וואָס איז געווען גאַנץ ווייט פון שטוב; האָב אָנגעשעפּט אַ פולן עמער וואַסער; געבראַכט דעם עמער אין שטוב אַריין, און איידער די באַלעבאָסטע, וואָס איז געווען אין צווייטן חדר, האָט צייט גע־האַט אַרויסצוקומען — בין איך אַוועק צוריק אין בית-המדרש אַריין. האָב געפילט, ווי איינער וואָס האָט אָפּגעטון אַ מיאוסן פאַרברעכן. האָב מורא געהאַט, טאָמער וועט עמעצער קומען מיך רופן עסן, אָבער קיינער איז נישט געקומען.

איז דערדאָזיקער טאָג פאַר מיר געוואָרן אַ פאַסט-טאָג. האָב קיינעם נישט דערציילט פון דעם, וואָס איך האָב אָפּגעטון. דער שמש האָט דערפון נישט געוווסט. זעלטן-ווען ביי מיר זענען געווען אַ פאָר גראָשן, איך זאָל בשתיקה עפּעס קויפן צום עסן יענעם טאָג.

דאָס איז געווען אַ גוטע סיבה, איך זעל אָנהויבן אַרויסקוקן צום סוף זמן, ווען איך וועל קאָנען אַוועקפאָרן אַהיים און מער קיין וויסאָקע נישט קומען לערנען. אַגב איז מיר געווען דערווידער די פּאַנאַטישקייט פון וויסאָקער יידישן לעבן. אין וויסאָקע האָט עס גע־

פלאָזן מיט בריסקער פרומקייט. אין וויסאָקע האָט מען אַרויפגעקוקט צו בריסק — ווי צו אַ ירושלים.

דעם רבס אַ יונג בחורל, כּמעט אין מיינע יאָרן, האָט מיך מקרב געווען. ער האָט אַריינגעקוקט בגנבה אין זייטיקע ביכלעך. ביי אים האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אַ העברעישן דקדוק. האָב געזען זיין אָפּנייגונג פון רבנישער היים. האָב פאַרשטאַנען, אין טאַטנס דרכים וועט ער נישט גיין. אין האַרצן האָב איך אים מקנא געווען.

תורה און מלאכה האָט ביי מיר אויסגעזען דאָס בעסטע. קוקנדיק ביינאַכט אויף מיין קוואַטיר, ווען דער ריח פון סאָסנע און דעמב האָט מיך אָפּגעפרישט; ווען דער פועל האָט דעם לאַנגן הובל געשטויסן איבער אַ לאַנגער, סאָסנאָווער ברעט, מיטן גאַנצן גוף אַריבערגעבויגן צו דער ברעט, און די סטרוזשקעלעך האָבן אַרויסגעקרייזלט מיט אַ סווישטש, אַרויס פון הובל און אַרומגערינגלט זיינע הענט — דעמאָלט האָב איך אין דמיון נישט איינמאָל געזען, ווי איך אַליין, שוין אַ דערוואַקסענער ייד, שטיי־אויף פון אַ ספר, ווו איך בין געווען פאַרטיפט, קריך אַרויס פון אַ שווערן ענין, גיי צום וואַרשטאַט, וואָס שטייט ביי דער וואַנט נעבן אַ פענסטער אין מיין שטוב, און הויב אָן הובלעווען שמעקעדיקע סאָסנע־ברעטער — — — איך האָב אין דמיון נאָך אַלץ געזען פרץ דעם מילנער. אוודאי וועט ער זיין אַ מילנער אין אַ גרעסערער מיל, אויף אַ גרעסערן טייך; מיט פראַנצויזישע שטיינער און מיט וואַלצן, וואָס מאַכן פיינע זעמל־מעל. זיינע הענט טויגן צו אַלץ. דער קאָפּ איז קלאָר — מיט תורה און חכמה אָנגעזאַפּט:

— צי איז דען עפּעס שענערס פאַראַן, ווי צו לערנען אויפן הויכן קול, צום גערויש פון וואַסער אונטער די רעדער? צום ריח פון מעל און געמאָלענע קערנער? צום ריח פון פרישע, געזונטע סאָסנע־ברעטער און דעמב? — — —

דער פעטער אברהם טומענער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַכט און אַ טייל פּאָסעסיע, געדונגען ביי אַ פריץ צען ווערסט פון וויסאָקע, נעבן דאָרף טומענע — ער האָט מיך עטלעכע מאָל אויפגעזוכט, קוקנדיק קיין וויסאָקע. ער האָט מיר איבערגעלאָזן אַ פּאָר קליינע, זילבערנע מטבעות, איך זאָל מיר קענען אַמאָל עפּעס קויפן.

איינמאָל האָט ער מיך פאַרנומען אויף שבת צו אים אַהיים

קיין טומענע. אין אַ שליטן מיט אַ פּאָר פערד געשפּאַנט, מיט אַ גלעקל אויפן דישעל, לויטן פריצישן שטייגער, האָט ער מיך אין אַ פּראַסטיקן פּרייטיק נאָך האַלבן טאָג געפירט דורך די טיף־פאַרשנייטע פעלדער. אַלע פאַרדרימלטע בלוטן האָט עס אין מיר אויפגעוועקט. אגב האָב איך געגאַרט צו זען זיין שיינדלען, וואָס אין מיינע יאָרן. זי האָט מיר שוין איינמאָל אַ שיין בריוועלע געשיקט; אַ שיין בריוועלע, מיט הויכע געדאַנקען און מיט אַ פיינעם, אויסגעצוקטן כתב...

אַ גאַסט בין איך געווען אַ גאַר גרויסער ביי דער מומע שרה, כאָטש איך בין געווען דער קלענסטער צווישן די פיר קינדער אירע. אַ קליינקייט — איר שוועסטער שיינעס אַ קינד, אַ לערנער...

אַ רחבותדיקע וועלט איז געלעגן אָפן אַרום־און־אַרום, אַרום מיין פעטערס היים, אַ גרויסע ווינטערדיקע וועלט. שטאַלן מיט קי און עופות. סטויגן היי און שטרוי. מילך, פּוטער, סמעטענע און זויערמילך — אַלץ שמעקט געשמאַק. נישטאָ קיין דלות. נישטאָ קיין דחקות. אַלע פיר קינדער, דער עלטסטער זון, שוין אַ גרויסער בחור; נאָך אַ זון; דאָס עלטערע מיידל; אַלע, אַלע זענען גוט צו מיר; קוקן צו מיר מיט אַזויפיל פרייד — נאָר צום ליבסטן קוקט מיך אָן שיינע, די יינגסטע. צום נעענטסטן איז זי מיר. ווו איך זאָל נישט גיין — וואַקסט זי אויס נעבן מיין זייט. איך באַמערק, אַז אַלעמען אין שטוב איז דאָס געפעלן.

ביים פעטער לעבט נאָך דער אַלטער זיידע, דעם פעטערס פאָטער. ער האָט עס דעם פיינעם כתב און דעם פיינעם געדאַנק, ביי וועמען שיינע האָט געלערנט. ער איז אַן אַלטער, זויבערער מאַן. די הענט ציטערן בשעת ער שרייבט. איך באַטראַכט זיינע איידעלע הענט, דינע פינגער — הענט, ווי געבוירענע צום שרייבן. ער קאָן שרייבן רוסיש. קאָן אויך שרייבן מיט דייטשע אותיות. שיינע קאָן שוין אויך אַלערליי אַלף־ביתן אָנשרייבן.

שיינע וויל וויסן, וואָס אַזוינס איך לערן. איר געפעלט נישט, וואָס איך לערן צו ווערן אַ רב.

— פאַרוואָס, שיינע?

— איך ווייס נישט פאַרוואָס. אָבער איך וויל, דו זאָלסט קאָנען רייטן אויף אַ פערד... זיין אַ געזונטער מענטש, אַ שטאַרקער מענטש. איך וויל, דו זאָלסט קאָנען לערנען — אָבער נישט קיין רב. רבנים זענען אויסגעווייקטע מענטשן.

אַ ווײַלע טראַכט זי, און זאָגט צו מיר ווידער:

— ווייסט, פּרצל, איכ'ל נאָך אויך לערנען גמרא. אַז דו וועסט ווערן אַ גרויסער למדן, וועסטו מיר אויסלערנען גמרא. איך האָב געבעטן דעם זיידן, ער זאָל מיט מיר לערנען גמרא. איך וויל קענען אַלץ, וואָס דו קענסט. שאַדט נישט, וואָס איך בין אַ מיידל...

דעם גאַנצן שבת האָט זי מיך געפירט. איך בין איר נאָכגעגאַנגען. איך האָב איר נאָכגעקלעטערט אויפן גרויסן שטאַלבוידעם, ווו זי האָט מיר איבערגעגעבן דעם ריח פון שמעקעדיקן היי און זיסן קלעווער. זי האָט מיך געפירט אין שטאַל צו די קי, אָנגעוויזן וואָס פאַר אַ קו עס וועט אינגיכן געבוירן אַ קעלבעלע; און ווו עס ליגט דאָס קעלבעלע ביי דער קו, האָט זי מיר אויך אָנגעוויזן.

זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי איך בין אויפדערפרעמד; ווי אַזוי איך קאָן עס גאָר עסן איעדן טאָג אין אַן אַנדער הויז, אַזוי אַלע זיבן טעג אין וואָך.

— ביסטו טאַקע נישט קיין שטאַרקער... ביסטו טאַקע אַ בלייכער. דיינע באַקן — איינגעצויגענע... — האָט זי געשעפּטשעט, קושנדיק מיינע באַקן.

אַזוי איז אַריבער דער שבת. מיט הייסער פרייד זענען אָנגעפילט געוואָרן מיינע אָדערן. אַ פריידיקן, האָט עס מיך אומגעטראָגן איבערן ווייסן, פּראַסטיקן דרויסן.

שבתצונאַכטס האָבן מיר געשפּילט אין בריוועלעך שרייבן. שיינע האָט צו מיר געשריבן און דערציילט — ווי גרויס די שיינע וועלט איז; ווי עס שיינען די שטערן אין הימל; ווי עס וואַרטן שוין אַלע ביימער אויפן פרילינג, וואָס וועט קומען זיי אָנוואַרעמען און לעבעדיק מאַכן.

איך פון מיין זייט האָב איר באַשריבן די טיפקייטן, וואָס ליגן אין די ספרים, וואָס מען לערנט. ווי אַ גרויסער ים איז די תורה, וווהין עס קומען אָן מיט זייערע וואַסערן אַלערליי טייכן...

— ווייסט, מיך רופט מען שיינע, ווי דיין מאַמע. מען זאָגט, אַז אַ בחור טאָר נישט נעמען אַ מיידל פאַר אַ ווייב, וואָס האָט דעם אייגענעם נאָמען, ווי זיין מאַמע...

אויף דאָס האָט זי מיר גאָר שטיל געזאָגט, בשעת אַן אומעט איז אָנגעשטאַנען אויף איר שמאָלן פּנים, ווו פון אַהינטער אַ הויכן שטערן האָבן אַרויסגעפינקלט אירע שוואַרצע אויגן.

איך בין זונטיק צוריקגעקומען אין בית-המדרש אַריין. דער פֿע־טער האָט מיך אין דעם אייגענעם שליטן, מיט אַ גלין־גלין פֿון פֿריי־לעכן גלעקל, אָפּגעפֿירט צוריק קיין וויסאָקע. איך בין יענע וואָך דאָ־נערשטיק געזעסן אין בית־המדרש אַ משמר. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געטריבן די רעיונות, וואָס זענען צו מיר אָנגעקומען איבער שניי־פֿעלדער, אין אַ שליטן מיט אַ פּאָר ברוינע פֿערד געשפּאַנט. האָב כּסדר געהערט דעם גלין־גלין איבער פֿאַרשנייטע פֿעלדער.

מיין שטים ביי דער גמרא האָט אין יענער נאַכט נישט געקאָנט איבערשרייען דעם גלאָק איבער פֿאַרשנייטע פֿעלדער.

## *קאַפּיטל נײַנאונצוואַנציק*

# תורה און מלאכה

איך בין פון וויסאָקע געקומען אויף פּסח אַהיים, מיט דער דעה, צו בלײַבן אויף זומער אינדערהיים. האָב עס נישט איבערגערעדט אין שטוב, געוואַרט ביז דער פּסח וועט אַריבער.

געווען, ווי דער שטייגער, אַ סך אַרבעט אין מיל. פּסחדיקע תּבֿואות, חמצדיקע לרובֿ. וואַסער אויך גענוג. איז מיר גרינג געווען צו ווערן אַן אַרויסהעלפער אין מיל. די מאַמע האָט פֿאַר מיר אויפֿגעזוכט אַלטע מלבושים, פֿון משהס אויסגעוואַקסענע, איך האָב עס אָנגעצויגן פֿאַר דער מילוועגן.

פֿונדערהיים גופֿא האָט געבלאָזן מיט אומעט. איך האָב דעם אומעט גלײַך דערשפּירט. די עלטערע קינדער שטייען שוין מיט אַ פֿוס אַריבער דער היימישער שוועל: קלמן איז געוואָרן אַ חתן, זײַן כּלה — פֿון אייגענעם שטעטל. זומער וועט זײַן בײַ אים חתונה — וועט ער אַוועק זוכן אַ תּכלית אין שטעטל אַרײַן. אַן אונטערנעמער, וואָס האָט געפֿאַרבעט בײַ דער אײַזנבאַן די אַלערליי סלופּקעס, סיגנאַל־צייכנס און דעם אײַזערנעם בריק איבער אונזער טײַך — ער האָט צוגעזאָגט דעם ברודער משה, אַז ער וועט אים אויפֿן זומער פֿאַרנעמען צו דער אַרבעט. אַ מאַלער וועט משה ווערן. בעבלס חתן האָט באַדאַרפֿט סוף־זומער צוריקקומען פֿון זעלנעריי — וועט בעבל מסתּמא גלײַך חתונה האָבן און וועט אויך אַוועק פֿון שטוב...

איך האָב בחוש געזען, ווי די היים ווערט אויסגעליידיקט; טאַטע־מאַמע וועלן בלײַבן בלויז מיט דער זעקסיאָריקער שרהלען. דער טאַטע איז נישט קיין בריה אַ מילנער, [illegible]

צו פרעמדע הענט, ווען אין מיל וועט עפּעס קאַליע ווערן. מען האָט צומאָל דערקענט דעם טרויער אין טאַטע-מאַמעס אויגן, ווען די רייד האָבן דערגרייכט דעם גורל פון עלטערע קינדער. האָב איך דעריבער געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו פאַרבלייבן אינדערהיים דעם זומער, כּל זמן די גרעסערע קינדער זענען נאָך אין שטוב. משה וועט ערגעץ אַרבעטן נישט ווייט — וועט ער פונדעסטוועגן פון צייט-צו-צייט צופאָרן אויף שבת אַהיים.

דערצו איז נאָך געווען אַ טיפערע סיבה, וואָס האָט אָפּגעווענדט אויף אַ ווייל מיין בליק פונדערפרעמד. מיין לערנען אין וויסאָקע איז געבליבן מיין אייגענער נישט-באַפרידיקטער סוד. מיין זוכן אינדערפרעמד — איז געווען אַ מין טאַפּן אינדערפינסטערניש. איך אַליין האָב פון די גאָר יונגע יאָרן נישט אַרויסגעזען מיין שפּעטערדיק געשטאַלט אין אַ רבנישן שטריימל. האָב איך דאָך דערווייל קיין אַנידער אויסוועג נישט געהאַט פאַר מיין יוגנטלעכן זוכן — ווי אויף דעם וועג פון בית-המדרש. אין קיין ישיבה האָב איך קיין חשק נישט געהאַט צו פאָרן. מען האָט דעמאָלט געשמועסט, אַז קיין לאָמזשע אָדער דאַמיר וואָלט גוט געווען פאַר מיר צו פאָרן. דאָרטן זענען געווען ישיבות פאַר בחורימלעך אין מיינע יאָרן אויך. שפּעטער וואָלט איך געפאָרן קיין סלאָבאָדקע, אָדער טאַקע קיין וואָלאָזשין — די גרויסע ישיבות. ווען עמעצער האָט דידאָזיקע שטעט דערמאָנט — האָבן ביים טאַטן בשעת מעשה געגליט די אויגן.

דער חוש האָט מיר אונטערגעזאָגט צו זיין אַליין. אַליין לערנען, אַליין זוכן מיין אויסוועג אין לעבן. זוכן און געפינען אינדערפרעמד די שטילקייט פאַר מיינע ד׳ אמות, וואָס האָט מיך דערנערט אַרום מיין היים, ווו איך בין אויסגעוואַקסן; די שטילקייט, וואָס האָט מיך איעדן טאָג באַגלייט פונדערהיים אין חדר אַריין.

וויסאָקע האָט אָנגעפילט מיין מהות מיט ספיקות. פּונקט ווי אין מעליטשיטש האָב איך נישט געקאָנט סובל זיין דעם שטעטלשן יידן, וואָס האָט אין בית-המדרש אַריינגעבראַכט אַ שטיק פון גרויסן מאַרק— אַזוי איז דאָס מיר אויך געווען דערווידער אין וויסאָקע. איך בין פון וויסאָקע געקומען אַן אומצופרידענער. מיין זיין יענעם ווינטער אַ פּאָר מאָל ביים פעטער אברהם טומענער, ווו די יינגסטע טאָכטער האָט מיר אַריינגעסודעט אין אויער מעשיות פון אַ וועלט, וואָס ליגט ווייט פון בית-המדרש — דאָס האָט ביי מיר צוגענומען דעם חשק צו

עסן טעג. און פאָרן לערנען אין פרעמדע שטעטלעך, נישט עסן קיין טעג — דאָס קאָן דאָך גאָרנישט געמאָלט זיין.

איז טאַקע פסח ביים סדר, ווען איך האָב ייִנגלש געפרעגט די פיר קשיות, און שפּעטער מיט אַ קלינגענדיקן ניגון אָפּגעזאָגט די הגדה; נאָכדעם, ווי מען האָט צוויי מאָל געטרונקען ווײַן און מעד און טאַקע אויסגעגלייכט די פאַרהאָרעוועטע גלידער אויפן עסע-בעט— האָט מען אַרויפגעבראַכט דעם שמועס אויף דעם, ווי גוט עס איז, ווען אַלע קינדער זענען נאָך ביים טיש... ווען אַלע קינדער זענען אינאיינעם מיט טאַטע-מאַמע.

איז די מאַמע געווען די, וואָס האָט אַרויפגעבראַכט דעם געדאַנק: — אַז היינטיקן זומער זאָל פרץ גאָר בלייבן אינדערהיים; אויף עטלעכע שעה גיין אין בית-המדרש אַליין לערנען... האָט דער טאַטע אויך מסכים געווען. אדרבה, אים איז געפעלן געווען דער ענין: זאָל מען טאַקע אין שטעטל זען, אַז פרץ איז אַ מתמיד און קאָן זיין שטעטל באַשטיין אָן אַ מלמד.

האָב איך ווידער אָנגעהויבן צו טרעטן מיין וועג פון מיל אין שטעטל אַריין; אָן דעם קינדערשן געלויף און שפרונג. שוין אַ דערוואַקסענער. אַנדערטהאַלבן יאָר טעג געגעסן. אַליין דורך אַזויפיל נעכט געשלאָפן אין בית-המדרש. דער טריף-טראָפ פון האַנטפאַס ביים אויוון, וואָס האָט אין מיר אַריינגעטריפט אין די וואָכע נעכט ביים אויוון אין בית-המדרש, האָט איצטער אויך באַגלייט מיין גאַנג אינאיינעם מיטן געמורמל פון די וואַסערלעך אין גראָבן, ביי דער זייט וועג. די ביימער ביי דער זייט וועג האָבן מיר אויך אויסגעזען דערוואַקסן. אַ סך יונגע ביימלעך, וואָס זענען אויפגעקומען ביי דער זייט פון די עלטערע, פון זייערע וואָרצלען און שטאַמען אַרויס — זיי זענען מיט מיר געוואַקסן. נאָר איך רייס מיך פון מיין היים, און זיי, די יונגע ביימעלעך, זענען נאָך איצטער מער דערנעענטערט צו די שטאַמען פון די עלטערע...

איך האָב אין בית-המדרש געשלאָסן אַ באַקאַנטשאַפט מיט די ספרים אין די פאָליצעס. כ'האָב דורכגעקוקט איעדן ספר באַזונדער. האָב געפונען, וואָס איך באַדאַרף, און געפונען אויך אַן אָרט ביים אויוון. אַמאָליקע חברים פון חדר, געבליבענע אין שטעטל, זענען אויך געקומען אין בית-המדרש אַריין לערנען. אַ עטלעכע יונגע קולכעלעך האָבן געקרייזלט גמרא-ניגונים, אַרויסגעלאָזט זיי דרויסן

דורך די אָפֿענע פֿענסטער – זאָלן די ניגונים גיין דורך גאַס און געסל, דערציילן, אַז מען זיצט אין בית-המדרש על התורה ועל העבודה...

מיר אין אָבער אײַנזינען געלעגן די מיל. מיר איז די מיל נאָכגעגאַנגען אין בית-המדרש אַרײַן. איך זיץ אין בית-המדרש – און דער קאָפּ איז אין מיל. באַדאַרפֿט אַזוי אויסשניידן שעהן פֿון טאָג, איך זאָל קאָנען לעבן אין מײַן וועלט אַרום שטוב און אין מיל. באַ-דאַרפֿט אַזוי קלוג מאַכן, איך זאָל נישט אויסזען, ווי אַ ליידיקגייער. פּרייטיקדיקע טעג האָבן דאָך געהערט צו מיר. פּרייטיק לערנט אפילו אַ מתמיד אויך נישט מער, ווי ביז אַרום האַלבן טאָג. פּרייטיק האָב איך געכאַפּט פֿיש; געקראָכן אין סטאַוו אַרײַן מיט אַ נעץ; געקראָכן אין די באַהעלטענישן אַהינטער קעמפּעס, ווו איך האָב אַמאָל מורא געהאַט אַרײַנצוקוקן. פּרייטיק איז אויך געווען אַ טאָג, וואָס די האַק איז מיר געקומען צונוץ. איך בין אַרומגעגאַנגען אין די וועלדלעך און געזשעברעוועט האָלץ, געשלעפּט עס אַהיים.

אין וויסאָקע האָב איך געהאַט אַ פּעולה. האָבנדיק מײַן נאַכט-לעגער בײַם סטאָליער. האָב גאָר אַליין נישט געוווּסט, ווי פֿאַרן ווינ-טער האָב איך אַרײַנגעקראָגן אַ סך ידיעות און גאָר אַ געניטער — געקאָנט האַלטן אַ זעגל אין האַנט; האָב גוט געהאַלטן אַ הובל אין האַנט; האָב פֿאַרשטאַנען וויאַזוי אָפּצוצייכענען אַ שטיקל האָלץ און שניידן לויט דעם צייכן. ווען איך האָב באַמערקט אין וואַסער-ראָד אַ לאָפּעטקע פֿעלט — האָב איך אָן אַנדערע צוגעשניטן און אַרײַנ-געשטעלט. דער מאַמען איז עס שטאַרק געפֿעלן געווען.

ווען לאָפּעטקעס פֿעלן אין וואַסער-ראָד – דרייט דאָס וואַסער די ראָד נישט אַזוי רעגלמעסיק און גלײַך. קלאַפּן דעמאָלט די קלאַ-פּערלעך אין מיל נישט מיט אַ באַשטענדיקייט. קלאַפּט עס שנעל — און ווידער פּאַמעלעך. אַזאַ אָפּגעלאָזנקייט פֿון די וואַסער-רעדער האָט דער מאַמען פֿאַרשאַפֿט יסורים. איר האָט עס ממש געשניטן אין אוי-ער, ווען דער קליפּ-קלאַפּ, טלאַפּאַ-טלאַפּאַ — האָט נישט געקלאַפּט גלײַך און אויסגעהאַלטן.

— אַדאַנק דיר, מײַן קינד, — האָט זי מיר אַ קוש געטון — טאַקע אַ פֿאַרגעניגן, ווען די ראָד גייט גלײַך און ס'קלאַפּט גלײַך. איך קאָן נישט פֿאַרטראָגן, אַז די מיל גייט שלעכט.

דער ברודער משה איז טאַקע דעם זומער אַוועקגעפאָרן. געוואָרן אַ מאַלער ביי דער אייזנבאַן. קלמן האָט חתונה געהאַט און אַוועק אין שטעטל אַריין, דאָרטן געמאַכט אַ קליין קרעמעלע.

האָט דער טאַטע רויק צוגעקוקט, ווי איך האָב אָנגעהויבן צו שמידן די שטיינער. ביסלעכווייז איז ער מיר געוואָרן אַ גאַנצער חבר אין מיל:

— ווייסט, פּרץ, מיר וועלן ביידע אויפהויבן די שטיינער, און דו וועסט פּרווון זיי אויסשמידן...

מער האָט פּרץ נישט באַדאַרפט; טאַקע מיטן טאַטן אינאיינעם. כח האָט ער מער פון מיר. אינאיינעם הויבן מיר אויף דעם מילשטיין, מיט קלינעס און דרענגלעך. ער און איך — ביידע אָנגעשטרענגטע; ביי אונז ביידן דאָס בלוט אין פּנים; די דרענגלעך שניידן איין די אַקסלען, און מיר הויבן ביידע דעם מילשטיין. אויפגעהויבן און איבערגעקערט... איצטער זיץ איך שוין אַ פּאַרמעליקטער אויף די שטיינער; מיט אַ שאַרפן, שטאָלענעם, פלאַטשיקן האַמער האַק איך אויס אין שטיין די ריגעלעך. צווישן די רינעס אין די שטיינערנע בייטן פּיק איך מיט אַ שפּיציקן האַמער אויס לעכעלעך שאַרפע. ס'איז הנאהדיק צו שפּירן די שטיינשפּריצן, ווי זיי שפּריצן אַרום דיר, שיסן אין פּנים אַריין, טרעפן אין די הענט אַריין; די שטיינשפּריצן טרעפן — און גאָרנישט.

שפּעטער, ווען די שטיינער זענען שוין אָנגעשמידט, אינאיינעם מיטן טאַטן לייגן מיר ווידער דעם אויבערשטן שטיין אַרויף אויפן אונטערשטן. שטיין אויף שטיין מוז ליגן גלייך. מען ריכטעוועט זיי אויס. מען לאָזט די שטיינער דרייען — פונקען פליען פון אונטער די שטיינער אַרויס, עס שמעקט צוגעברענט. מען ריכטעוועט אויס, אַז שטיין אויף שטיין זאָל ליגן גלייך, ווייסט מען: פליען די פונקען אַרום-און-אַרום פון צווישן די שטיינער אַרויס, אָדער, ווען גאָר קיין פונקען קומען נישט אַרויס — איז גלייך. ווען פונקען פליען נאָר פון איין זייט — ליגן די שטיינער קרום.

דער טאַטע איז אונטן אין מיל, ביי די שטאַנגען, ווו מען קלאַפּט קלינעס און מען רוקט איבער די ווערטינע רעכטס, צי לינקס.

איך שריי פון אויבן אַראָפּ צום טאַטן:

— טאַטע! האַק דעם קלין און טרייב אויף רעכטס... אַביסעלע לינקס, טאַטע... נאָך אַביסעלע רעכטס, טאַטע...

און דער טאַטע פאָלגט. ער קלאַפּט די קלינעס, ווי זיין זון

דער לערנער, באַפעלט פון אויבן, פון בוידעם. דעמאָלט זע איך, מיין טאַטע איז מיר אַ חבר. איך באַמערק, ווי זיינע בליקן פאַלן אויף מיינע הענט.

אָפטמאָל זאָגט ער צו מיר:

— דזשוויגע נישט, מיין זון, אַזאַ שווערע משא; קאָנסט חלילה די געדערים איינרייסן.

איך זע פונדעסטוועגן, אים טוט פאַרט הנאה, וואָס איך קאָן דזשוויגען אַ שווערע משא. פאַרט דעם טאַטנס אַ זון, פאַרט אַ קינד און אַן אייניקל און אַן אוראייניקל פון מילנער.

פון צייט-צו-צייט גיי איך צוגאַסט צו מיין פעטער אברהם משה דעם מילנער. עס ציט מיך צו באַטראַכטן זיין ווינטמיל, אַגב ציט עס מיך צו זיין וואַרשטאַט מיט געצייג. ביי אים הענגען אויף דער וואַנט אַלערליי זעגלעך, אויף אַ פּאָליצע — אַלערליי הובליעס. דערצו האָט ער פּאָליצעס מיט ספרים, און צווישן זיי — ספרים אַזעלכע, וואָס עס גלוסט שוין צו נעמען אין האַנט און אַריינקוקן. איך האָב די ספרים באַמערקט אין זיינע פּאָליצעס מיט יאָרן צוריק, ווען איך האָב נאָך זייער באַטייט נישט געוווּסט. — „מגדל עוז" פון משה חיים לוצאַטו. איך האָב אַמאָל נישט פאַרשטאַנען, צי דער תוכן פון ספר איז חול, וואָכעדיק, אָדער — קודש...

כ'האָב דעם דאָזיקן ספר אַרויסגענומען פון פּאָליצע, אין אים אַריינגעקוקט. דער פעטער אברהם משה האָט אויפגעלויכטן. זיינע אויגן האָבן אַרויסגעשיינט פון פאַרמעליקטן פּנים, ווען ער האָט פאַר מיר אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן דעם אמתן רעיון פון ספר:

— אָט, ווי שיר-השירים איז אי חול, אי קודש; סיי אמת און אויך בלויז דמיון — אַזוי איז דער ספר „מגדל עוז". די ליבע איז אמת. די ליבע קאָן זיין, אי אויף דער ערד, און קאָן אויך זיין אין די הויכע עולמות. וויל מען, קאָן מען די הימלען אויך אַראָפּציען צו דער ערד; וויל מען — קאָן מען די ערד דערהויבן ביז צו די הימלען. ליבע — איז ליבע. נאָר געוועגדט, וואָס פאַר אַ געדאַנק מען לייגט אַריין אין אַזאַ ספר, ווי שיר השירים, אָדער „מגדל עוז".

איך בין דעמאָלט געגאַנגען אַהיים פון זיין מיל צו אונז דורך די בלאָטעס. פאַרשאַרצט די הויזן איבער די קני און הנאה געהאַט, ווי די פיס זענען געזונקען אין ווייכן גרונט. לאַנג געגאַנגען. אַ סך געטראַכט פון „לישרים תהילה" און נאָך מער — פון פעטער אברהם

משה, וואָס האָט צו מיר גערעדט און אויסגעמאָלן די וועלטן, וואָס מיט ליבע קאָנען זיי וווינען צווישן הימל און ערד. ער האָט פאַר מיר אויפגעקלערט דעם סוד פון קודש און חול. ווי אַזוי דאָס וואָכע-דיקע קאָן ווערן קודש, אויב דער מענטש פאַרמאָגט נאָר הייליקייט אין זיין מהות, אין זיין נשמה.

יענער זומער איז געווען פאַר מיר שייד-וועג. איך בין געשטאַנען פאַר צוויי וועגן; נישט געקאָנט באַשליסן, אויף וואָס פאַר אַ וועג איך זאָל אַוועקגיין. תורה און מלאכה איז געווען פאַר מיינע אויגן. איך אַליין בין שוין געווען אַן אָנהויב, וואָס האָט פאַראייניקט תורה און מלאכה. די מאַמע, וואָס האָט נישט פאַרלאַנגט, נישט קיין עשירות און נישט קיין גדולה — איר וואָלט עס אוודאי געפעלן געווען.

נישט איינמאָל האָב איך עס פון איר געהערט. אַיעדעס מאָל, קומענדיק פון בית-המדרש אַהיים, ווען זי האָט מיר דערלאַנגט דעם טעלער געקעכטס צום עסן, איך בין געזעסן ביים טיש, געגעסן — האָט זי פון וויטן מיך באַטראַכט און גאַנץ אָפּט געזאָגט:

— נאָר צו לייטן נישט אָנצוקומען...

איך האָב פאַרשטאַנען, זי איז אויסן מיין עסן טעג, ווען איך לערן אויפדערפרעמד.

און אַן אַנדערש מאָל:

— אין מיל זע איך, קינדערלעך, קיין שום תכלית נישט.

דאָס האָט געעגבערט אפילו מיין צאַרטער מאַמע, וואָס האָט אַזוי ווינציק פאַרלאַנגט פון לעבן. משה האָט דעם תכלית געפונען. ער האָט אָנגעהויבן צו מאָלן און באַמאָלן מיט רויטע און ווייסע פאַרב די אייזערנע סלופּיקעס און וועג-צייכנס דאָ און דאָרטן ביי דער אייזנבאַן. ער איז אַ פּאָר מאָל דעם זומער געקומען אויף שבת אַהיים. אָנשטאָט מעל אויף די בגדים, האָט ער געהאַט איצטער פאַרב אויף די בגדים, און ס'האָט פון אים געשמעקט מיט פאַרב. איז דאָס אַלעמען געפעלן געווען אין שטוב. מען האָט שוין נישט געוואָלט זען אים מער אויסגעשמירט אין מעל...

דעם אייגענעם זומער האָט מען דער מאַמען באַפוילן פון מע-לייטשיטש, אַז אי טאַטע, דער זיידע ר' יוסל איצל, איז קראַנק. זי איז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין מעלייטשיטש. ס'האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז מיט איר טאַטן איז נישט היימלעך. פינפאונזיבעציק יאָר איז ער

אַלט געווען. זי האָט אים ליב געהאַט און נישט אויפגעהערט צו רעדן פון אים. אין מעלייטשיטש האָט זי געוויילט אַ פּאָר וואָכן און איז צוריק געקומען שוין נאָך שבעה. געקומען איז זי גאָר אַן אַנדער מענטש. ס׳פּנים נאָך שמעלער. דער שטערן — אָפּענער, און די אויגן האָבן געקוקט אינדערווייט.

איר אָנקומען האָט אונז אַ׳עמען שטאַרק אָנגערירט. אירע ליידן זענען געווען גרויסע. זי האָט קיינמאָל אַזויפיל נישט גערעדט. זי האָט געפּרוּווט מיט רייד איבערשרייען איר ווייטיק. אַלערליי ספיקות זענען אויף איר אָנגעלאָפן מיטן טויט פון איר טאַטן. אָנשטאָט זי זאָל דער-ציילן, ווי סע זענען געווען דעם זיידנס לעצטע שעהן – האָט זי אָנגעהויבן צו פילאָזאָפירן. דער טאַטע האָט גאָר געשטוינט.

- נאַריש, קינדערלעך, אַלץ איז נאַריש — האָב זי גערעדט, קוקנדיק אינדערווייט, בשעת אַיעדערער פון די שטובלייט האָט גע-שלונגען די טרערן און נישט געוווסט מיט וואָס זי צו טרייסטן.

זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרלייקענען זאַכן, וואָס אין זיי האָט זי געהאַט אמונה:

– איך האָב, קינדערלעך, געזען, ווי מען האָט גענומען מיין קלוג טאַטן, אַריינגעלייגט אים אין דער אָפענער גרוב, פאַרדעקט אים די אויגן מיט שאַרבנס און פאַרשאָטן דעם קבר מיט ערד, און — גאָרנישט. נישט קיין פּיפּס... פאַלן די רידלעס ערד, און ער – נישט קיין פּיפּס... טראַכט איך, אַז אַלץ איז נאַריש. מיך וועט מען קאָנען לייגן היגטערן פּלויט, אַז איך וועל אויסהויכן די נשמה. אַלץ איינס, ווו מען ליגט. געשטאָרבן – איז אַראָפּ פון מאַרק. פון דאָרטן, קינ-דערלעך, איז נאָך קיינער צוריק נישט געקומען.

מיט איר קומען צוריק פון מעלייטשיטש, האָט זי נאָך מער דערזען, ווי אַרום מיל איז קיין תכלית נישטאָ. זי וואָלט אַליין ער-גענץ-ווו געצויגן פון מיל, כאָטש שווער איז דאָס איצטער צו קלערן פון דעם. זי, וואָס האָט אַזוי פיינט געהאַט דאָס שטעטל, האָט מיט-אַמאָל דערשפּירט, אַז זי וויל אינערגעצן לויפן. ווהין האָט דען איר דמיון געצילט? שווער געווען צו הערן אַזעלכע רייד פון איר.

האָבן אירע רייד מיר אונטערגעגעבן חשק, איך זאָל ווידער אַ קלער טון פונדערפרעמד. אַ טרויעריקער סוף-זומער איז דאָס געווען.

*קאַפּיטל דרייסיק*

# איך געפין מיין חבר

די פּרעמד האָט ווידער גערופן. צום סוף-זומער האָט אומעט געפּרעסט. נישט געווען מער דער פאַרלאַנג צו זען, ווי דער טייך וועט ווערן פאַרשמידט אונטערן אייז. נישט געווען קיין חשק איינ-צודרעמלען דעם קומענדיקן ווינטער, אינאיינעם מיט דיביימער אַרום. נישט געווען קיין פאַרלאַנג אַריינצופאַלן אין ווינטערדיקן שווייגן דורך די לאַנגע אָוונטן. פון דער היים האָט אויף מיר פּלוצלינג אַ בלאָז געטון מיט סוף-זומער. באַלד וועל איך גיין אין זעכצנטן יאָר. איך הער מיין אייגענע שטים—נישטאָ מער דאָס יינגלשע קוויטשיקל...

— די פּרעמד רופט!

אמת, ס׳וואַסער פון אונזער טייך איז נאָך אַלץ דאָס געשמאַקסטע צום טרינקען. דאָס געזאַנג פון וואַסער אונטער די מיל-רעדער שרייט נאָך אַלץ איבער דעם גמרא-ניגון; דער מעלשטויב אויף דער הויט פון פּנים און הענט איז נאָך גוט. די אַקסלען בענקען נאָך אַ משא; די הענט — נאָך האַק, הובל און זעג; ריח פון גראָז, האַרבסט-גע-וועלק און באַרוועסער טראָט אויפן פּראָסטיקן גרונט — — —

די פּרעמד רופט!

בין איך אַוועק נישט אין קיין ווייטער פּרעמד; אַוועק קיין אָרלע, פּערצן ווייערסט פון קלעשטשעל. אָרלער יידן קומען מאָנטיק צום קלעשטשעלער מאַרק. דער פרומער פעטער משה לינעוווער און די מומע בלומע רחל, די איינציקע שוועסטער מיין טאַטנס — אָרלע איז נאָענט.

**בין איך אַ פּאָר וואָכן נאָך יום-טובים אַוועק קיין אָרלע מיט**

אַ פּור, מיט אַן אָרלער יידן, וואָס איז געקומען צום קלעשטשעלער מאַרק.

צוויי בתי-מדרשים האָט אָרלע, דער נייער און אַלטער — ביידע איינס אַנטקעגן אַנדערן איבער דער גאַס. דער שולהויף שליסט אָפּ ווי אַ „חית" די אַלטע, מיט מעשיות אַרומגעריגלטע, געמויערטע אָרלער שול. הינטער דער שול — דער אַלטער בית-עולם. האָב איך אויסגעקליבן דעם נייעם בית-המדרש, וואָס האָט דורך די צפון-פענס-טער אַרויסגעקוקט צום אַלטן.

דעם ערשטן טאָג אין אָרלע האָט דער שמש אַלע זיבן טעג פּאַר מיר געפונען. איין קליינקייט: „משה לינעווער קער אים אָן אַ פּעטער". גוטע טעג געקראָגן, אַ גוטע באַנק ביים אויוון צום שלאָפן.

געוועזן שוין טיף אין אָסיען. פּרעסטלעך און וואָלקנס האָבן רויק איבערגעזיפּט אַ דינעם שניי און באַדעקט די געפרוירענע ערד. אָרלע — אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך: מיט אַ קיילעכדיקן מאַרק, מיט קראָמען און קרעמלעך; און פון מאַרק אַרויס — גאַסן און געס-לעך. נישט געווען מער קיין פרעמדע בחורים אין בית-המדרש. בלויז אַ פּאָר שטעטלשע בחורים האָבן אין פאַרלויף פון טאָג אַריינגעקוקט אין בית-המדרש אַריין, מיט אַ ניגונדל אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר בלעט-לעך גמרא. איך האָב מיר אויסגעקליבן אַ סטענדער אין צפון-מזרח ווינקל. דער מתמיד האָט פון מיר אַרויסגעזונגען. מיין גמרא-ניגון — כמעט שוין אַ צייטיקער, אַן אויסגעשטאַנענער...

קומט צו מיר פון אַריבער דער גאַס, פון אַלטן בית-המדרש אַרויס, אַ ווידערקול פון מיין אייגענעם ניגון. ניין, נישט קיין ווי-דערקול. אַן אמתער קול. דאָרטן אויך אַ מתמיד. זיין ניגון — ווי אַן עלטערער ברודער פון מיין ניגון, אַ טיפערע שטים מיט אַ סך מתיקות.

איך טו אַ פאַרגנבהטן בליק אין פענסטער. ווער זינגט עס דאָרטן אין אַלטן בית-המדרש?

זע איך, אַ פּערצן, פּופּצניאָריק בחורל שטייט דאָרט ביי זיין סטענדער, נעבן סאַמע פענסטער. גלייך שטייט ער פאַרן ספר, וואָס אויפן סטענדער — ממש מיין געוווינהייט. לייכט וויגט ער דעם קאָפּ אַביסל אינגערקרים, אָבער כסדר פאַרויס — ווי איך טו עס.

— ווי קומט צו אַזאַ יונג בחורל אַזאַ טיפע, דערוואַקסענע שטים?

דער שמש פון נייעם בית-המדרש, אַ הויכער, דאַרער, שוואַרצ-בערדלדיקער אין די מיטעלע יאָרן, הינקט שטאַרק אויף דער לינקער פוס — און ווייל אין די פרייע שעהן מאַכט ער אין אַ בית-המדרש-ווינקל אַלערליי לעדערנע טייסטערס מיט אַ סך קעשענעס אויף אַסיג-נאַציעס צו האַלטן — שמעקט דעריבער פון אים מיט לעדער.

נאָך דעם אייגענעם טאָג טו איך ביי אים אַ פרעג:

— ווער לערנט עס דאָרטן אין אַלטן בית-המדרש מיט אַזויפיל התמדה?

— דעם פאַרשטאָרבענעם רבס, ר׳ סענדערס אַ זון. יצחק ר׳ סענדערס. אַ שאַרפער מוח ביי אים. אַן עילוי. רעכט געווען איבער-צושטייגן זיין פאָטער — איז ער אַראָפּ פון דרך-הישר. איז פלוצלינג אַוועק קיין לאָנדאָן, מען ווייסט נישט, וואָס ער האָט דאָרט געטון... אַ סברה, ער איז נכשל געוואָרן. דאָ נישט לאַנג איז ער צוריקגע-קומען און, ווי דו זעסט — אַ גרויסער מתמיד; טאָג-און-נאַכט, אָט אַזוי קלינגט עס זיין קול. נאָר מען ווייסט נישט, צי ס׳וועט אַזוי לאַנג אָנהאַלטן.

— ער איז נאָך גאָר אַ יינגל — חידוש איך מיר.

— ער איז שוין באַלד אַ פריזיוניק. אַ קליינער וווקס אַזאַ. וווינט מיט זיין מאַמען, די אַלטע רביצין, אין געוועזענעם בית-הרב — די צווייטע העלפט פון אַלטן בית-המדרש. שטאָט האָט געלאָזן פאַר זיי דעם בית-הרב, ווי געווען, צוליב דעם כבוד פון גרויסן נפטר. אַ גרויסער רב געווען, ר׳ סענדער.

דער שמש האָט אָפּגעזיפצט און איז אַוועק.

און איך — צוריק צו דער גמרא. אָבער מחשבות רודערן. אַ סוד האָט מיר נאָר וואָס דער שמש אַנטפּלעקט און נישט אַנטפּלעקט. אַראָפּ פון דרך-הישר, און פאַרט אַזאַ מתמיד... געווען אין לאָנדאָן, און איצטער — מיט דער מאַמען אין געוועזענעם בית-הרב.

מיט פעסטע טריט, גאָרנישט פאַר זיין וווקס, איז אַריינגעקומען אין מיין בית-המדרש דער סוד אַליין. יצחק דעם רבס איז אַריינגע-קומען, האָט דורכגעמאַרשירט אַרום באַלעמער, אַרום-און-אַרום בית-המדרש; פאַרבייגייענדיק, אַ בליק געטון צו מיין זייט — און איז צוריק אַרויס.

— מהום... אַ ווינט האָט ער איבערגעלאָזן אין בית-המדרש. איך האָב אים באַמערקט. אין וווקס — נידעריקער פון מיר, כאָטש איך

בין איך נישט געגוג הויך פֿאַר מיינע יאָרן. אַ קיילעכדיקער קאָפּ, פֿון אַהינטער דעם פֿאַרשאַרצטן, שוואַרצן, ווייכן קאַפּעליוש. אַ הויכער ליכטיקער שטערן. שטריכן פֿון פּנים — דראָבנע און שיינע.

— וואָס האָט ער געמיינט מיט זיין פֿלוצלונגן אַריינקומען?

זיין שטים ביי דער גמרא איז ווידער אַריבער די גאַס און אָ-געקלאַפּט אין מיינע פֿענסטער. ווידער דער שיינער גמרא-ניגון. מיט מער חשק האָט ער איצטער געלערנט. מער אימפּעט אין זיין ניגון

בין איך מיר אויך, ווי פֿון אַ קייט אָפּגעריסן, אַוועקגעשווומען מיט מיין גמרא-ענין; אַוועק מיט מיין אייגענעם ניגון. די מחשבות רודערן, לאָזן מיך נישט אָפּ, און איך וויל זיי מיט מיין גמרא-ניגון איבערשרייען. איך האָב געשפּירט, אַז מיר לערנען אינאיינעם, כאָטש אין צוויי באַזונדערע בתי-מדרשים; כאָטש פֿון צוויי באַזונדערע ספֿרים.

פֿאַרנאַכטצו, כמעט פֿאַר מנחה, איז ער ווידער אַריינגעקומען; אָנגעקומען מיט דעם אייגענעם ווינט, וואָס פֿריער; האָט איינמאָל אַרומגעמאַרשירט אַרום באַלעמער, און פֿלוצלונג אַ קירעווע געטון צו מיר. גאָר נאָענט צו מיין סטענדער איז ער צוגעגאַנגען און דערלאַנגט מיר אַזאַ צאַרטע, קינדערשע האַנט:

— שלום-עליכם...

— עליכם-שלום...

איצטער באַטראַכט איך אים פֿון נאָענטן. פֿולע, בלויע אויגן. דאָס מויל — קליין, ציכטיק, און אַ בלוי אָדערל צוקט אויף זיין בלאַסן שטערן. צוויי, נישט קיין טיפֿע קנייטשן ביי ביידע זייטן נאָז. אָבער וואָס פֿאַר אַ בלויע לויטערקייט אין זיינע אויגן!

— איר וועט דאָ לערנען אין נייעם בית-המדרש?

— יאָ.

— אַ גאַנצן ווינטער?

— יאָ.

— טעג האָט איר שוין?

— יאָ, אַלע.

— וווּ שלאָפֿט איר?

— אין בית-המדרש.

— ביי אונז איז פֿאַראַן פֿאַר אייך אַ געלעגער. שטייט אַ בעט אין בית-הרב. אויב איר ווילט, וועל איך זאָגן מיין מוטער.

איך האָב אים געדאַנקט, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פֿון

דעם קינדערשן און פֿאָרט דערוואַקסענעם פּנים פֿון אַ תּלמיד־חכם. יאָ, איך האָב אים צוגעזאָגט. ווי דען האָב איך אַנדערש געקענט?

דעם אייגענעם בייַנאַכט איז יצחק דעם רבס אַריינגעקומען צו מיר אין בית־המדרש אַריין און, מיט ווינציק ווערטער, מיך אַריבערגענומען צו אים אַהיים, אין בית־הרב, די צווייטע העלפֿט פֿון אַלטן בית־המדרש. די רביצין, אין די פּופּציקער, מיט אַ ראָזן, איידל־מיוחסדיקן פּנים, איז געשטאַנען אַנטקעגן טיר, באַגעגנט מיט אַ „גוטן אָוונט״. איצטער זע איך, ווי דער זון איז גאָר אינגאַנצן געראָטן אין דער מוטער. דער בית־הרב — ווי גאָרנישט וואָלט דאָ געפֿעלט: ארון קודש; אַרום אַלע ווענט — פּאָליצעס ספרים. צוויי לאַנגע טישן מיט לאַנגע בענק ביי די טישן; הענגלאָמפּן איבער די טישן — כּמעט אַ בית־המדרשל. געווען נישט לאַנג נאָכן רבס פּטירה. ביים צפֿון פֿענסטער איז געשטאַנען אַ בעט אויסגעבעט — מיין געלעגער...

די רביצין האָט מיט עטלעכע ווערטער געפֿרעגט וועגן היים, טאַטע־מאַמע, שוועסטער־ברידער. ער, יצחק, איר זון — גאָרנישט. ביידע זענען אין אַ ווײַלע אַרום פֿאַרשוווּנדן אין אַ זייטיקן חדר.

איך האָב נאָך באַטראַכט די פּאָליצעס ספרים. אַרויסגעצויגן אַ ספר און אַ ווײַלע אין אים אַריינגעקוקט. אָבער באַלד האָב איך אַראָפּגעדרייט דאָס פֿייער פֿון הענגלאָמפּ איבער דעם לאַנגן טיש, נעבן מיין בעט, אַרויס פֿון די מלבושים, אַריין אין בעט — און מיט מיין לייב געשפּירט דעם אומבאַקאַנטן געלעגער.

געווען שווער איינצושלאָפֿן. די שטילקייט אין פֿינסטערן בית־הרב רודערט אַרום מיר. אַ שאַפּקע־זייגער טיקט צו שטאַרק.

— אפשר איז די בעט... אפשר איז דער פֿאַרשטאָרבענער ר׳ סענדער אין איר אַ לעבן־לאַנג געשלאָפֿן...

און ער אַליין, יצחק דעם רבס — אַ לעבעדיקער סוד. עפּעס האָט מיר דער שמש דערציילט און פֿאָרט נישט דערציילט. אָט בין איך שוין ביי־אים אינדערהיים. אָט ליג איך שוין אין אַזאַ אומהיימלעכער בעט. ווי אַזוי איז דאָס אין איין טאָג געשען, קעגן מיין ווילן, קעגן מיינע אַלע חשבונות? געטראַכט צו שלאָפֿן אין בית־המדרש. אַזוי גוט האָט מיר אויסגעזען צו שלאָפֿן אין אָרלער בית־המדרש, — און מיטאַמאָל בין איך גאָר אין אַ ווייכער בעט. האָב צופֿרי אַראָפּגעדרייט דאָס פֿייער פֿון לאָמפּ, נאָך איידער איך האָב די ווענט אַפֿילו באַטראַכט.

אין קאָפּ קריכן מחשבות:

— וואָס האָט ער געטאָן אין לאָנדאָן? אַזאַ גרויסע שטאָט, מיליאָנען מענטשן, זאָגט מען, האָט לאָנדאָן. און פאַרוואָס איז ער צוריקגעקומען? און וואָס גייט עס אים אין לעבן, איך זאָל שלאָפן אין בית-הרב? גאָרנישט, גאָרנישט זאָגנדיק איז ער אַוועק שלאָפן און מיך דאָ איבערגעלאָזן... וואָלט איך כאָטש געקענט דעם רב ר׳ סענדער... ממש איך הער אים איצטע אומגיין מיט שטילע טריט אין פינסטערן בית־הרב.

און ווידער קומט מיר מיין היים אויפן רעיון, אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש. פּאַטש-פּאַטש — פּאַטשט דאָס וואַסער אין די לאָפּעטקעס פון די וואַסער-רעדער. אַ סך לאָפּעטקעס האָב איך פאַרן אַוועקפאָרן אַליין אַריינגעשטעלט אין די רעדער. אַזויפיל צופרידנקייט פאַרשאַפט דער מאַמען. אָט בין איך אונטער אַ זאַק ווייץ, אַזוי גוט צו שפּירן די משא אויף דער פּלייצע... איך טרעט טרעפּ-אַרויף, טראָג די ווייץ צום קויש. דער גוף איז בויגיק און האָט הנאה פון דער משא. יאָ, דער טייך מוז שוין זיין פאַרפרוירן... באַגינען וועלן אויף אים שפּאַצירן סאָראָקעס און וואָראָנעס, און זוכן מיט די שנאָבלען אין שניי...

אָט איז די מיל פאַרשוווּנדן. איך שפּיר די נאָענטקייט פון ארון-קודש. פּרווו טרעפן, וויפל ספר-תורות אין ארון-קודש. דוכט מיר, די אותיות זענען אַראָפּ פון פּאַרמעט און טאַנצן אַרום אין פינסטערן ארון-קודש; שטיל זענען די אותיות אַרויס דורך אַ שפּעלטעלע אין אָפּענעם טירל, און זענען אַראָפּ צום דיל — די אותיות טאַנצן אַרום איבערן דיל, טאַנצן אונטערן טיש, וואָס נעבן מיר.

און אָט איז ווידער די היים. זומערלעב. איך שטיף מיט דער קליינער שרהלען: מיר שפּילן אין כאַפּעניש. זי וויל מיך כאַפּן — נעם איך און קלעטער אַרויף אויף דער ווערבע, וואָס איבערן סטאַוו. הויבט אָן שרהלע צו וויינען, זי האָט מורא, איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין וואַסער אַריין. און אָט איז די מאַמע: געקומען פון זיידנס לויה, פון מעלייטשיטש. זי זיצט אין שטוב, רעדט, בשעת אַלע אין שטוב שווייגן און ווישן די טרערן. עס ווערט מיר אַזאַ רחמנות אויף דער מאַמען, וואָס איז פּלוצלונג געוואָרן אַ יתומה...

און מיטאַמאָל — אַ געזאַנג. אַן איינגעהאַלטן געזאַנג. צוויי מענער-שטימען. ביידע מיט אַזויפיל מתיקות. אָטאָ-דאָ, נעבן מיר איז דאָס געזאַנג. איין שטים דערקען איך. זיין שטים: יצחק דעם רבס.

אַזוי האָט בייטאָג אויך זיין זינגעוודיקער קול געקלונגען. די אַנדערע שטים איז מיר אומבאַקאַנט, אָבער אויך מיט אַזויפיל מתיקות.

דאָס געזאַנג פאַרכאַפּט ווערטער אין אַ קרייז אַריין. ווערטער פון „חובת־הלבבות". צווייטער קאַפּיטל — שער הבחינה... „אמר המחבר, זאָגט דער מחבר: כאָטש די חכמה און פאַרשטאַנד זענען ביי יעדן באַשעפעניש אַנדערש און פאַרשיידן, אָבער דער קוואַל פון פאַרשטאַנד איז אין יסוד דער איינציקער. ווי די זון איז בעיקר איינאונאיינציק, נאָר זי צעטיילט איר ליכט לויט די פענסטער און זייער קאָליר..."

אַזוי שוועבן איבער מיין פּנים די ווערטער. דאָס געזאַנג פירט די ווערטער איבער מיין פּנים; איבער מיינע געשלאָסענע אויגן. נישט צו הו"ך איז דאָס געזאַנג, אָבער הויך גענוג צו דערהאַלטן די נאַכטוואַך; גענוג, פאַנאַנדערצעוויגן די נאַכט, ווי אויף כוואַליעס פון אַ פאַנאַנדערגעבליט ווייצנפעלד.

איך עפן־אויף די אויגן. יאָ, איך בין וואַך. דאָס איז ער, יצחק דעם רבס, און נעבן אים אַ יונגערמאַן, שוין אַ באַבערדלטער — זיי זיצן געדיכט איינס נעבן אַנדערן. אַ באַזונדערער ספר אָפן פאַר איעדן. צוויי ליכט אין מעשענע לייכטער ברענען — אַ ליכט פאַר איעדן איינעם. די פלעמלעך פון די ליכט ציען־אויס די שאָטנס פון די צוויי זינגער און לערנער — ציען זיי אויס ביז צו דער וואַנט אַנטקעגן.

דער זייגער שלאָגט פיר. הייסט עס, פאָרט געשלאָפן אַ שעה דריי־פיר. אפשר לערנען זיי פון נאָך האַלבער נאַכט, און איך האָב פאַרשלאָפן. איך גיי נאָך זייער לערנען מיטן געדאַנק. דער „חובת הלבבות" איז מיר באַקאַנט, האָב שוין אַליין נישט איינמאָל געזוכט אין אים אמתן; נאָר ביז דעם ניגון פון די צוויי — האָבן די ווערטער פון ספר אַזוי נישט געווירקט אויף מיין מהות. ווייל אַ סך האָב איך אין ספר נישט פאַרשטאַנען, אַ סך איז מיר נישט קלאָר, עפּעס איז מיר אין אים געווען פרעמד. איך האָב ליב מיין גוף; איך האַלט פון מיין גוף אַזויפיל, ווי פון דער נשמה. און דאָרטן, אין „חובת הלבבות" — דער גוף איז אומריין... מיין גוף איז ריין. מיין גוף, אין זיין ריינקייט, איז צו דער נשמה געגליכן. אָט שפירט מיין גוף דעם ווייכן געלעגער און ער בענקט צו דער געהובלעוועטער באַנק ביים אויוון. מיין גוף שפירט אויך דעם שטיין און אים איז גוט מיטן

שטיין. ער שפּירט דאָס וואַסער און דעם זאַמד ביים ברעג טייך; ער שפּירט די גרינע גראָז און דעם קאַלטן, פּראָסטיקן טוי, וואָס קומט צו רוען פאַרטאָג אויף די האַרבסטיקע גראָזן... אַוודאי איז ריין מיין גוף.

יאָ, זייער געזאַנג איז אַ סך מער ווערט פון די ווערטער; ווי מיין געזאַנג ביי דער גמרא איז צומאָל מיר ליבער, ווי דער גמרא-ענין גופא. נישט גוט, וואָס געזאַנג גייט מיט וואָרט — סיי מיטן נאַרישן, ווי מיטן קלוגן וואָרט... אפשר איז ביי זיי איצטער אויך דאָס געזאַנג דער עיקר; דער ניגון, וואָס קוועלט אַרויס ביי מיין צוקאָפּנס...

דער גרוי פון פאַרטאָג אין מיין פענסטער האָט מיך ווידער אויפגעוועקט. קיינער אין שטוב נישטאָ מער. שטאַרצן בלייך אַרויס די צוויי נישט-דערברענטע ליכט פון די לייכטער אויפן טיש, נישט ווייט פון מיר. ניין, נישט קיין חלום איז דאָס געווען. וואָרהאַפטיק זענען זיי ביידע ביינאַכט געווען; געוועקט די נאַכט מיט מתיקיתדיקן געזאַנג און אינערגעצן אַוועק.

די צווייטע נאַכט — ווידער דאָס אייגענע. בייטאָג פאַרוואַרפט יצחק צו מיר אַ וואָרט: אפשר נויטיק איך מיך אין עפּעס? אפשר איז דער געלעגער נישט ווייך גענוג? מער גאָרנישט. און ביינאַכט — דאָס געזאַנג. אמר המחבר... „חובת הלבבות". אַזוי נאַכט-נאָך-נאַכט, אַ גאַנצע וואָך.

ביז פרייטיק בייטאָג, ווען דער אונטער-שמש האָט געקערט דעם בית-המדרש און מיטן שטויב מיך פאַרטריבן אויף אַ פּאָר שעה אין בית-הרב, ווו ביז איצטער בין איך נאָר געקומען שלאָפן ביינאַכט - און דעמאָלט איז צווישן מיר און יצחק דעם רבס געקומען די אמתע באַגעגעניש, געקומען די דערנעענטערונג און דערקענונג.

*קאַפּיטל איינאונדרייסיק*

# תורה און השכלה

פרייטיק ביי טאָג; מיין ערשטער פרייטיק אין אָרלע. אין קיין שום בית-המדרש האָב איך נאָך דערווייל נישט געזעען אַזאַ באַרג מיסט, אָנגעקליבענעם פאַר דער וואָך, וואָס דער אונטער-שמש האָט פון די מזרח-בענק אָנגעהויבן זאַמלען נעענטער צו דער טיר. דער ריטער-בעזים, אויף אַ לאַנגן שטעקן, האָט שוין דעם באַרג נישט געקענט רירן, צוקומענדיק נעענטער צו דער טיר.

— גיי דיר אין בית-הרב — האָט צו מיר דער אַלטער אונטער-שמש געשמייכלט — גענוג פאַר דיר אַ וואָך לאַנג געלערנט, גיי רו דיר אויס לכּבוד שבּת, ביז כ'וועל ס'מיסט אויסראַמען.

יצחק דעם רבס האָט ווי געוואַרט אויף מיר. מיט אַ גוטן שמייכל האָט ער מיך באַגעגנט. די רביצין האָט מכבד געווען מיט טיי און אייערקיכל.

איך באַמערק, אַז יצחק דעם רבס איז איצטער אַרומגערינגלט מיט גאָר אַנדערע ספרים. זיין קאָפּ איז אָפּגעדעקט. זיין שיינער, קלוגער קאָפּ איז גאָר פרייער געוואָרן. ער בעט זיצן נעענטער. אויס-טערלישע ספרים ליגן נעבן אים אויפן טיש.

— איר קענט עס? — פרעגט ער, אָנווייזנדיק אויף אַ דיקן איינגעבונדענעם ספר.

— ניין, איך האָב אַזאַ ספר נאָך קיינמאָל נישט געזען.

— „האסיף" פון נחום סאָקאָלאָוו. אָט דאָ זענען געדרוקט שירים פון היינריך היינע, איבערגעזעצט פון דייטשן, איר קענט זיי?

— ניין.

און ער הויבט אָן צו זינגען, כמעט מיט דער אייגענער דביקות, ווי ביי דער גמרא:

לו ידעו הפרחים באחו,
מה עמוק לבבי פצוע...

איך פאַרטייטש עס מיר אין דמיון: — ווען ס׳ווייסן די בלו־מען אויף דער לאָנקע, ווי טיף ס׳איז אין וווּנדן מיין האַרץ...

כאָטש ס׳איז אָנהויב ווינטער, טראָגט מיך דער רעיון אַוועק צו די פרילינג־לאָנקעס אַרום אונזער מיל. אָט זע איך די געלע לאָ־טאָטש־קווייטן; די נישט־פאַרגעס־בלימעלעך... זיי האָבן יאָ געוווּסט מיינע דאגות און מיינע קלעמעניש. האָב געזען, ווי מיין שוועסטער בעבל קלייבט זיי; פלעכט פון זיי קרענצלעך אויס — אויך אירע קלעמענישן האָבן די קווייטן פאַרשטאַנען...

— דאָ האָט איר יהודה לייב גאָרדאָנס שירים. ׳לייענט אין אַ פרייער צייט. קאָנט איר פרץ סמאָלענסקינס „התועה בדרכי החיים״? און דאָס זעננען בראַנדשטעטערס דערציילונגען. אָבער אפשר וועט איר דערווייל גאָר לייענען זשאַרגאָנישע ביכער? דאָס איז „דאָס פוילישע יינגל״ פון לינעצקין.

מיין קאָפּ גייט אַוועק אין קאַראַהאָד, גלייך ווי אַ קאַטערינקע וואָלט ערגעץ־ווו געשפּילט הינטער די פענסטער, און מיין קאָפּ גייט אַוועק אין קאַראַהאָד. די מילרעדער שווינדלען פאַר די אויגן, און וואַסער־שפּריצן קילן מיין צעהיצטן פנים. זיין לערנען גמרא מיט התמדה איז דאָך גאָר אַ שלייער, צו פאַרשלייערן זיינע אמתע מעשים. דאָס, אַפנים, האָט דער שמש געמיינט, ווען ער האָט מיר געזאָגט: „אַן עילוי, געקאָנט זיין גרעסער פון זיין פאָטער — איז ער אַראָפּ פון דרך־הישר...״ וויל ער, הייסט עס, מיך אויך אַראָפּפירן פון דרך־הישר.

— טרינקט טיי, דערנאָכדעם וועט איר קוקן אין דידאַקטישע ספרים — זאָגט צו מיר די רביצין.

איר איז נישט צום האַרצן, וואָס איר זון נעמט אַ פרעמד יינגל און עפנט פאַר אים אויף אַ טירעלע, ווו עס בלענדט, ווו מען ווערט סוף־כל־סוף פאַרפירט. זי שטייט נישט אויף אַנטקעגן אויפן הויכן קול, אָבער אירע געפילן גייען איבער צו מיר.

— אָט איז יהודה לייב גאָרדאָנס באַוווּסטער שיר: „קוצו של

יוד״. אין דעם שיר לאַכט ער אָפּ פון די נאַרישע דינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט שרייבן אַ גט.

און ער הויבט אָן מיט אַ ניגון:

„אשה עבריה, מי ידע חייכי,
בחושך תולדי ובחושך תלכי...״

ער פאַרטייטשט עס גלייך מיט דעם אייגענעם גמרא-ניגון:

אָ, יידישע פרוי, דיין לעבן ווער פאַרשטייט?
געבוירן אין חושך, און אין חושך דיין לעבן פאַרגייט...

די רביצין וויל דאָס נישט ליידן. זי שטייט-אויף פון איר אָרט, ס'בלוט קומט איר אין פנים אַריין:

— ס'איז נישט אמת, מיין זון. דיין יהודה לייב גאָרדאָן — ער זאָגט אַ ליגן, מיין זון!

יצחק ענטפערט נישט דער מאַמען אַנטקעגן. אָנשטאָט דעם הויבט ער אָן זינגען אויפן הויכן קול היינעס לידער, וואָס זענען איבערגעזעצט אין „האסיף״.

— וועט איר מיר אפשר דערלויבן איבערצושרייבן די שירים? איך וועל זיי אַריינשרייבן אין אַ ביכעלע, וואָרום די ספרים קאָן איך דאָך נישט האָבן, ווייל...

— אַוודאי קאָנט איר; אַוודאי וועט דאָס איבערשרייבן אייך אַ סך אַרויסהעלפן. איר וועט ווערן באַקאַנט מיטן נוסח פון אַיעדן משורר.

ווען ער האָט גערעדט, האָט זיין פנים געלויכטן. דעם חילוק אין יאָרן צווישן אונז האָב איך איצט גוט דערקענט. ער — צוואַנציק, און איך — פופצן. דער חילוק אין וויסן, אין השכלה — אַ גאָר גרויסער. פונדעסטוועגן שטערן נישט די יאָרן. איך דערשפיר צו אים אַ וואַרעמע נאָענטקייט, כאָטש אין דער אייגענער צייט ווערט ער פאַר מיר נאָכמער מיט סודות פאַרוויקלט.

איך קער מיך אום צוריק אין בית-המדרש אַריין. דער בית-המדרש איז שוין ריין. אין אַלע הענגלייכטער זענען ליכט שוין גרייט אָנצוצינדן, אַלע גלעזער פון די לאָמפּן אויסגעפּוצט. איך גיי אַרום ביי די פּאָליצעס ספרים, זוך עפּעס אַ ספר אַ באַקאַנטן — אָבער דער קאָפּ איז איצט נישט מער מיט דידאָזיקע ספרים. איך קלער:

– האָט ער שוין טאַקע זיין וועג געפונען? איז ביי אים שלום אין הארצן? אין בית-המדרש איז ער אַ מתמיד; איעדע נאַכט, נאָך האַלבע נאַכט שטייט ער אויף און לערנט מיט גרויס דביקות דעם „חובת הלבבות“, און ערב שבת גאָר–שירים פון יהודה לייב גאָרדאָן, שירים, וואָס לעסטערן, מאַכן חוזק פון דעם, וואָס ער, יצחק דעם רבס, טוט אַ גאַנצע וואָך אין בית-המדרש...

עס רודערט אין מיר אַ פאַרבאָרגענער פאַרלאַנג, מיט אים צו האָבן אַ שמועס. כאָטש נישט באַלד, נישט שוין – נאָר אַ שמו.ס מוז איך מיט אים האָבן; זאָל ער פאַר מיר אַלץ אַנטפּלעקן.

אָבער ער, ווען איך קום שוין אַ גרייטער, אָנצוהויבן אויסצוזאָגן פאַר אים מיינע ספיקות; בשעת איך זוך די פּאַסיקע ווערטער ווי אַזוי אָנצוהויבן, הויבט ער מיר גאָר אָן אויסצופרעגן פון מיין היים. ער וויל וויסן, ווי אַזוי איך האָב פאַרבראַכט מיינע קינדערשע יאָרן. אים געפעלט, וואָס איך בין אַ מילנערס אַ זון און וואָס איך בין בכח אַ סך זאַכן אַליין צו טון. ער האָט באַמערקט, ווי איך טו אַ רוק דעם לאַנגן, גרויסן טיש אין בית-הרב; ווי אַזוי איך טו אַליין אַ נעם די לאַנגע באַנק פאַר איין ברעג, און דער אַנדערער ברעג גייט שוין אַליין וווהין איך הייס... אים געפעלט מיין פּשוטקייט, מיט וועלכער איך פּלאָנטער פונאַנדער אַ שווערן ענין אין דער גמרא; אים געפעלט, ווי גרינג איך קריך אַרויס פון אַ פאַרדרייטן פּסוק ביי די נביאים...

און אפשר גאָרנישט רעדן מיט אים. נישט פרעגן ביי אים קיין באַשייד אויף זיינע מעשים. אַזוי שטיל אַוועקגיין אין זיינע דרכים און גאָרנישט פרעגן. ער איז אַ מתמיד – דאָס בין איך אויך. ער – פאַרקוקט אין מוסר-ספרים, – איך טו עס אויך. איצט האָט ער פאַר מיר אויפגעעפנט ספרי-חול — וועל איך אין זיי אַריינקוקן. איך וועל נאָכגיין טריט-ביי-טריט אים, אין זיין וועג. אַוודאי איז „חובת הלבבות“ מיר גאָרנישט פרעמד. לייטערן די נשמה; לייטערן דעם גוף– אוודאי מוז עס איעדער מענטש. די ספרים, וואָס ער האָט פאַר מיר אַזוי אומגעריכט אויפגעעפנט, און וואָס האָבן מיך ממש צעטומלט — זיי וועל איך שוין נישט אָפּלאָזן. די צייט וועט קומען – וועלן מיר רעדן. די צייט וועט קומען, איך וועל פאַרמאָגן ווערטער צו קאָנען קלאָר אַרויסברענגען מיינע מחשבות, מיינע ספיקות, וואָס עקבערן מיין

מוח, וואָס באַשאַפן צומאָל אַזאַ קלעמעניש אין האַרצן — יאָ, איך וועל נאָך מיט אים רעדן.

יענעם פרייטיק בייטאָג בין איך ווי אויפסניי געבוירן געוואָרן. די אויגן האָבן דערבליקט אַ וועלט, וואָס איז געלעגן איינגעוויקלט אין אַ ראָזן נעפל. מיינע פאַרגאַנגענע טעג אין מיל, מיינע טעג אין מעלייטשיטש, וויסאָקע; מיינע וואַכע נעכט אין מעלייטשיטשער בית-המדרש — זיי זענען מיר פאַרלאָפן פאָרויס, געטאַנצט אין דעם איי-גענעם נעפל.

מיר אַליין איז דערווײַלע שווער נאָך צו משפטן און זאָגן, אַז מיינע פריערדיקע טעג זענען געווען איינגעוויקלט אין חושך; מיינע טעג אינדערהיים, אין מיין טאַטנס מיל — דאָס זענען דאָך טעג פון מיין באַטירלעכן וואַקסן געווען. כאָטש איך זיץ אַזויפיל איבער דער גמרא; כאָטש איך האָב שוין פאַר דער צייט געזען עטלעכע רבנים, פונדעסטוועגן, איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געקומען פאַרן רעיון אַזאַ בילד, ווו איך זאָל דערשיינען אין אַ רבניש געשטאַלט. מיינע פיאות זענען שוין אַ ביסל אונטערגעשניטן. איך וויל נישט, זיי זאָלן וואַקסן לענגער. איך קרייזל זיי נישט מער צווישן מיינע פינגער. איך דאַוון נישט, כאָטש איך לייג תפילין. בשעת איך שטיי שמונה-עשרה — טראַכט איך פון עפּעס אַנדערש. די תפילות געהערן נישט צו מיר. מיט מיין געמיט האָבן זיי גאָרנישט קיין שייכות.

פונדעסטוועגן איז מיר אַ סך גרינגער אין אָרלער בית-המדרש. מען קוקט מיך נישט אַזוי נאָך, ווי אין וויסאָקע. נישטאָ אין אָרלע אַזאַ פרומקייט, ווי אין וויסאָקע. אין דעם נייעם בית-המדרש, ווו איך לערן, איז דער עולם אַ פּשוטער. די הייזער, ווו איך עס מיינע טעג אין זיי — פּשוטע מענטשן, יגיע-כּפּימניקעס.

צו מיין פעטער משה לינעווער קום איך אָפט אַריין. איצטער זע איך אים אַביסל נעענטער. ווי מיין ברודער קלמן, אַזוי אויך ער, הויבט נישט אויף די אויגן צו הויך. רעדט נישט אויף אַ הויכן קול און איז קיינעם נישט דערווידער. די מומע, מיין טאַטנס שוועסטער — אויך דאָס אייגענע. זי קוקט צו אים מיט דרך-ארץ, און ער — ער קוקט צו איר אויך אַזוי. זיי רעדן קיינמאָל נישט הויך איינס צום אַנדערן. דערמאָנען קיינעם נישט צום שלעכטן. אַמאָל איז ער געווען אַ פּאַכטער, געלעבט אין דאָרף, און געפירט אַיעדן טאָג מילך אין

שטאָט אַריין — איצטער האָט ער אַ פּיצלדיק קרעמעלע. ער אַליין שטייט נישט אין קרעמל; האָט פּיינט צו וועגן און מעסטן. זי טויג אויך נישט צו דעם. זיי לעבן אין אָרעמקייט; עסן אַזוי ווינציק און רעדן נאָך ווינציקער. איין זון האָבן זיי — אויך דאָס אייגענע. דע־ריבער, אַז איך קום צום פעטער, זענען מיינע ליפּן צוגעקלעפּט. האָט מען עפּעס געפרעגט — האָב איך געענטפערט. די מומע האָט אַרויס־געוויזן צופרידנקייט מיט מיר. איר ברודערס בחורל איז אַ מתמיד. דער פעטער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן. פאַרקערט, מיר האָט אויס־געוויזן, אַז דער פעטער פאַרשטייט, ווי ערגעץ־ווו געגאַר איך מיר; דוכט מיר, ער איז גאָרנישט צופרידן מיט דעם, וואָס איך בין אַוועק שלאָפן אין בית־הרב. יצחק דעם רבס איז אַ סטרא־אחרא אין די אויגן פון פרומע מענטשן... מיט זיין התמדה און שיינעם גמרא־ניגון קויפט ער אונטער מאַמעס, ווען זיי גייען פאַרביי צום שולהויף. פרומע יידן האָט זיין געזאַנג נישט גענומען: זיי האָבן אין קול עפּעס אַנדערש אַרויסגעהערט.

מיין פעטער האָט געוויס געהערט צו יענע, וועמען ס׳האָט נישט אונטערגעקויפט יצחקס שיינע שטים. בפרט מיין פעטער, וואָס האָט נישט געקענט באַגרייפן, ווי אַזוי מיין קאַפּטן איז פאַרשפּילעט פון לינקס אויף רעכטס: — „סטייטש, ימין גובר, די רעכטע זייט באַ־דאַרף גובר זיין איבער דער לינקער...״

ס׳איז געווען אַן איבערגעניייטער קאַפּטן; אַן איבערגעקערטער פון דער לינקער אויף דער רעכטער זייט, זענען דעריבער איבערגע־דרייט געוואָרן די קנעפּלעך און לעכלעך פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס... יאָ, אַזאַ פעטער האָט שוין מסתמא געהאַט שווערע מחשבות וועגן פרצן, וואָס שלאָפט אין בית־הרב.

איינמאָל האָט דער פעטער אַ זאָג געטאָן, איך זאָל הערן:

— שולדיק איז געווען דער אַלטער רב ר׳ סענדער, זכרונו לברכה, ער האָט נישט געהאַט קיין אויג אויף די קינדער; האָט נישט געקוקט, ווי די קינדער ווערן צעלאָזן... אַ בזיון פאַר דער תורה.

איך האָב געקויפט צען טאָפּלטע בויגן פּאַפּיר; איינגעקנייטשט איעדן בויגן אין פירן; אַזוי אַרום אויפגענייט אַ ביכעלע מיט אַכציק בלעטלעך און אָנגעהויבן אַריינצושרייבן אין ביכעלע די שירים, וואָס איך האָב בשתיקה אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. די שירים, ווען

קיינער האָט נישט געהערט, האָב איך זיי אויסגעזונגען מיט דעם אייגענעם גמרא-ניגון.

אויף מיין גמרא-ניגון האָב איך אָנגעצויגן די חרוזים פון נייע שירים. אַ ווידערקול פון אַ ווייטער וועלט האָט אויף דעם ניגון אָפּגעענטפערט.

## *קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק*

# אין אַ זאַווערוכע

— צי בלאָנדזשע איך? צי פירט מיך מיין וועג אין אַ וועלט פון חשכות?

מחשבות לאָזן נישט רוען. איך בין פול מיט ספיקות.

עס ווערט געזאָגט אין „חובת הלבבות", אין שער הכנעה: — אונטערטעניק זאָל דער מענטש מאַכן אַלע זיינע אברים צו גאָט; ווייל דורך דעם וועט דער מענטש נישט אויפהויבן זיין שטים צו הויך: זיין מויל וועט נישט רעדן קיין אומווערדיקייטן; די אויגן וועלן באַשיידן קוקן צו דער וועלט אַרום. אונטערטעניק מאַכן דעם אייגענעם גייסט; אונטערטעניקייט — דאָס איז דער שכלדיקער וועג פאַרן מענטשן אויף דער ערד... איך לערן מיט התמדה. דער מהות איז געבויגן איבער דער גמרא. מיינע טעג ווערן פאַרצערט אין דעם פייער, וואָס איך בלאָז אַליין פאַנאַנדער אין מיין בלוט. איך הויב אָן צו באַגרייפן די טיפענישן, וואָס נעמען מיך דורך צו אַנדערע צייטן, אין אַ ווינקל פון דער אייביקייט פאַרשטעקטע. מיין שטים ביי דער גמרא — אַ גייסטיקער פאָדעם, וואָס קומט אין איין קשר מיט די אַלטע דורות, וואָס זענען געגאַנגען אויף קדוש־השם. — — —

און אָט איז גאָר יהודה לייב גאָרדאָן, וואָס איז אַזאַ פיקח, און זיין וואָרט איז אַזוי שטאַרק און אַזוי געשליפן; זיינע חרוזים — פון זילבער־געשמידטע. ער לאַכט אָפּ פון דעם, וואָס איך און טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יונגעלייט אין מיין גלייכן טוען. ער זאָגט בפירוש, אַז מיר אַלע גייען אין חשכות. ער זאָגט בפירוש, אַז מיר זענען מפקיר אונזער לעבן; פאַרשווענדן אונזערע טעג און יאָרן;

שטויסן ווינט אין אַ סטופּע, און פֿאַרשטעלט איז פֿאַר אונז די ליכטיקע וועלט, וואָס איז ברייט און אָפֿן אויף דער אַנדערער זייט פֿון בית־המדרש.

דאָס אייגענע טוט פּרץ סמאָלענסקין; ממש ער באַקלאָגט דעם גורל פֿון אַלע אין מיין געשטאַלט, וואָס פֿאַרדאַרבן זייערע יונגע יאָרן אין אַ וועלט אַ פֿינסטערער, אַ וועלט אַן אויסגעדאַכטער; אויף וועגן פֿאַרפֿירערישע; אויף שטעגן דאָרנדיקע.

איך בין צוליב דעם עטלעכע דאָנערשטיקן געזעסן אַ משמר. געוואָלט זיין וואַך. איך האָב אין יענע נעכט געוואָלט געפֿינען אַ בריק צווישן מיין איצטיקער וועלט, און די וועלט, וואָס איז אַזוי אומגעריכט אויפֿגעקומען פֿון די פֿרעמדע ספֿרים. איך באַגרייף, אַז צו יענער אומבאַקאַנטער וועלט קאָן מען דערגרייכן נאָר דורך השׂכּלה: לערנען פֿרעמדע לשונות; לערנען אַנדערע, פֿאַר מיר אומבאַקאַנטע חכמות; אָנטון קליידער מיט בלישטשענדיקע קנעפּלעך, און אַוועק לערנען אין די „שקאָלעס“, אין די גימנאַזיעס.

אַהין איז קיין גלייכע בריק נישטאָ. נישט פֿאַר אַזוינעם, ווי איך, איז דער וועג אַהין אַ גלייכער און אַ גרינגער.

לויט די אמתן, וואָס איך האָב אויסגעשעפּט פֿון די מוסר־ספֿרים, וואָלט איך גאָר באַדאַרפֿט בלייבן אינדערהיים, זיין מילנער, העלפֿן דעם טאַטן, און אין די פֿרייע שעהן לערנען גמרא. לערנען און אויספֿאָלגן די מוסר־ספֿרים. הכנעה איז אַ מידה, וואָס איז מיר נאָך דערוויל נאָענט. יחידות, צו זיין איינער־אַליין מיטן באַשעפֿער — אוי, ווי גרינג דאָס איז!

אין אַזוינע נעכט, אין מיין אַליין־זיין אין בית־המדרש, רינגלען מיך פּחדים אַרום; די מחשבות מאַכן דעם קאָפּ גיין אין קאַראַהאָד. דורך די מזרח־פֿענסטער פֿון מיין בית־המדרש קוקט אַפֿער די אַלטע שול. די אַלטע, באַרימטע אָרלער שול, מיט דער געוועלבטער סטעליע, מיט דעם הויך־געשניצטן ארון־קודש, און גלייך הינטער דער אַלטער שול איז דער אַלטער בית־עולם — עטלעכע הונדערט יאָר אַלט. צו שווייגעוודיק איז דער דאָנערשטיק ביינאַכט, בעת מיך באַפֿאַלט אַ מידקייט; בעת מיין קול ביי דער גמרא ווערט אַנטשוויגן. דוכט מיר, פֿון דער אַלטער שול קומען אַרויס פֿאַרבאָרגענע קולות; דוכט מיר, פֿון אונטער די האַלב־איינגעפֿאַלענע מצבֿות קומען אַרויס די שוכני־עפֿר, פֿאַרטייעטערהייט קומען זיי, בלייבן שטיין הינטער די פֿענסטער

פון מיין בית-המדרש — זיי דערקענען דאָס בלאַסע יינגל, וואָס זיצט הינטערן באַלעמער מיטן פּנים צום ארון-קודש. זיי ווייסן זיינע מחשבות, גאַפן צו געפינען אַזאַ בלאַס בחורל אַליין אין אַ בית-המדרש, אין אַ געפלעכט פון אומרויקע מחשבות.

עס ווערט מיר גאָר אומהיימלעך אַליין צו ב׳ייבן. מיט צוויי יאָר יינגער, אין מעלייטשיטש, בין איך אַליין געשלאָפן אין בית-המדרש און איצטער, מיט צערודערטע מחשבות, מיט בליקן, וואָס האָבן שוין אַריבערגעקוקט איבערן פאַרבאָטענעם צוים; מיט אויגן, וואָס האָבן שוין אַריינגעקוקט אין פאַרבאָטענע תּורות, אין טריף-פּסולען — איצטער גאָר דערשפּיר איך, ווי איך בין אַליין אין אַ וועלט, אַ פרעמדער, ווו פּחדים לויערן אויף מיר.

נאָך אַזאַ ווינטערדיקער משמר-נאַכט; נאָך אַזאַ פאַרוואָגלטער נאַכט, ווען דער טאָג האָט אַריינגעקוקט דורך די פאַרפרוירענע פענ-סטער—האָב איך באַשטימט, איך זאָל אַוועק צופוס אַהיים אויף שבת. האָב אויסגערעכנט אַרויסצוגיין טאָקע תּיכף נאָכן ערשטן דאַווענען. פערצן וויערסט פון אָרלע קיין קלעשטשעל — קאָן מען זיי אין אַ פינף-זעקס שעה איינגיין. דער וועג איז כּמעט אַ גלייכער, אַ פּאָר דערפער אין וועג — איך וועל גיין. כאָטש דער פעטער האָט נישט געוואָלט ליידן, ווייל אַזאַ פראָסט דרויסן, אַ טיפער שניי אויפן וועג, און דער טאָג איז שוין גאָר אַ קורצער... מען האָט מיך פון בית-הרב אויך נישט געוואָלט אַרויסלאָזן. סיי די רביצין און סיי יצחק — זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וויאַזוי איך וועל עס צופוס אָנ-שפּאַרן אויף שבת אינדערהיים. איך בין אַוועק.

— וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט מיך אויפגעהויבן און גענומען טראָגן קיין קלעשטשעל אין אַ שווערן ווינטער-טאָג?

איך זע מיך איצטער, ווי איך לייג אַריין אין בוזעם די תּפילין און אַ העפט מיט איבערגעשריבענע שירים פון יהודה לייב גאָרדאָן און פון מיכה יוסף לעווינזאָן. צוויי טאָרבקעלעך פון גראָבן זאַק האָב איך אָנגעטון אויף מיינע שטיוול און פונהינטן פאַרבונדן מיט שטריק-לעך, זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן פון פוס — דאָס האָב איך געטון, כּדי די פיס זאָלן נישט פרירן אין וועג. דער פעטער און די מומע האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס, בשעת איך האָב גענומען קוקן צום וועג. די זון האָט דווקא פון פרימאָרגן אַ בלישטש-געטון, גע-האָלפן, אַז דער פעטער און די מומע זאָלן מיך אַרויסלאָזן פון שטוב.

די אויערן האָב איך פֿאַרבונדן מיט אַ פֿאַטשיילקע; וואָלענע הענטש קעס אויף די הענט — און אַוועק אין וועג.

די ערשטע עטלעכע ווייערסט האָט מיך דער אימפּעט געטראָגן. די ברייטע, פֿאַרשנייטע געגנט אונטערן ווייס־גרויען הימל, וואָס איז געהאָנגען נידעריק איבער דער געגנט — האָט מיך געצויגן פֿון שטאָט אַרויס. ווו דער וועג איז געווען איינגעפּרוירן און האַרט — בין איך געלאָפֿן און גוט דערוואַרעמט אַלע גלידער. ווען די זון האָט אַ בלישטש געטון, האָב איך געזונגען אויפֿן הויכן קול. דער וועג, טיף אין שניי איינגעשניטן — איז געלבלעך פֿון פֿערדישע מיסט און טריט. האָב אויסגעמיטן אַ פּאָר פֿויערשע שליטנס מיט דראָבנע פֿערדלעך, וואָס האָבן געצויגן אַהין, פֿון וואַנען איך גיי. אַ פּאָר שליטנס האָבן מיך איבערגעיאָגט און אַוועק אַהין, וווהין מיינע טריט האָבן געצויגן. אַ דאָרף אויסגעמיטן. עטלעכע הינט, וואָס האָבן מיך באַגלייט, האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז נאָענט צו מיר באַדאַרף מען נישט קומען. אַן ערך העלפֿט וועג אָפּגעשניטן. לויט דאָס ליכט אין די וואָלקן, פֿאַרשטיי איך, ס'איז אַרום האַלבן טאָג.

— אָבער וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטאָל־בלאָע כמאַרע, וואָס קומט מיר אַנטקעגן?

דער פֿראָסט ווערט נישט שטאַרקער; צו מיינע גלידער האָט דער פֿראָסט נישט קיין שליטה. איך פֿאַרגעס נישט אַ טאָפּ צו טון מיין נאָז, אַ טאָפּ טון די טיילן פֿון פּנים, וואָס זענען אָפּגעדעקט, און פֿיל, צי איז אָפּטמאָל נישט צוגעפּרוירן. אַלץ גייט כּשורה.

נאָר מיטאַמאָל הויבן אָן שנייעלעך צו טרושען. פֿריער, ווי אויף קאַטאָוועס — אַ שנייעלע אַהער, אַ שנייעלע אַהין — פֿאַרטרושען אַביסל דעם וועג, פֿאַלן שיטער אויף מיינע קליידער, רירן ליכט אָן דעם פּנים מיינעם. אַדרבה, ס'איז געשמאַק צו פֿילן, ווי די שנייעלעך ווערן צעשמאָלצן אויפֿן פּנים.

נאָר פּלוצלינג קום איך אַריין אין אַ ווינט אַריין. דער ווינט בלאָזט פֿון צפֿון צו דרום און טראָגט אַ שטעכעדיקן שניי מיט אימ־פּעט; טראָגט אים אין אַ גלייכער, קאַלטער שפּרייט פֿון צפֿון צו דרום. דער שניי פֿאַרדעקט די טריט פֿון מענטש און סליאַד פֿון שליטן און פֿערד.

ס'ווערט נישט קעלטער צו גיין. עס ווערט נאָר אַ ביסל שווע־רער צו גיין. דאָ און דאָרטן האָט דער ווינט פֿאַרפּירט אַ שפּיל מיט

דעם שניי אויף דר'ערד און טראָגט-אויף שניי-בערגלעך; וויכערט אָן דעם שניי, דווקא איבערצוזשניידן דעם וועג מיט אַ פאַרשאַרפטן בערגל, לענגאויס, וואָס אַריבערשפּרייזן איבער אים איז שוין שווער. פאַלט שוין די רעכטע פוס אַריין ביז צו דער קני, און שעפּט אָן שניי אין כאָלעוועס אַריין.

אַ געדאַנק זאָגט מיר אונטער

— שפּרייז, כּל-זמן דער וועג איז נאָך אָפּגעצייכנט; שפּרייז מיט דעם דאָזיקן וועג פאָרויס, כּל-זמן דו האָסט גענוג כּוח. אפשר האָסטו כּוח צו לויפן — פּרוּוו לויף! מער ווי אַ ווערסט זעקס איז מסתּמא נישט געבליבן... אָטאָ דאָרטן איז דער דאָרף דאַשי. פון דאָרף דאַשי קיין קלעשטשעל — פינף ווערסט... לויף, כּל-זמן דו האָסט כּוח... און איצטער, אַז דו האָסט שוין אַזוי ווייט איינגעלאָפן, ביסט דאָך שוין גאָר נאָענט — וואָלט גאָר געווען אַ יושר כאַפּן אַ ביסעלע רו. טאַקע דאָ, ביי דער זייט וועג, אָטאָ-דאָ, אויפן ווייכן שניי-בערגעלע. דאָס לייב איז דאָך הייס, שאַדט נישט, אַ ביסעלע כאַפּן רו.

איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ פריש-אָנגעווייעטן שניי-בערגל ביי דער זייט וועג. האָב געהערט, ווי דער ווינט קלאַפּט אָן מיט שניי אויף מיין רעכטער זייט. דער שניי ווערט צוגעקלעפּט צו מיין רעכטער זייט. אַ זיסער טרויער און אַזאַ פאַרנעבלטע מידקייט נעמט מיך אַרום. טאַקע פון מיר אַליין קומט דער טרויער אַרויס, און אַזוי אויך די מידקייט, און העלפט אויסצולייגן אויף מיר דעם שניי מיט אַזאַ סדר. אַ דרימל טון וואָלט געוויס נישט שאַטן. בפרט, מיר איז אַזוי וואַרעם. וואַרעם אין די אויערן; וואַרעם אין די פיס — איין דרימל כאַפּן. די לעצטע נאַכט געהאַלטן משמר. אפשר אַ שעה געשלאָפן, נישט מער; טאַקע אַ טעות געווען, אויב גערעכנט גיין צופוס קיין קלעשטשעל אויף שבת, באַדאַרפט געווען שלאָפן די נאַכט צוריק...

— טאָ פאַרוואָס-זשע טריפן די טרערן, קוועלן און טריפן פון די אויגן? אויף וועמענס קאָפּ פאַלן דאָס די טרערן?

דער צפון-ווינט טראָגט אויף מיר דעם שניי. די ערד — אַזאַ ווייכער געלעגער. רוען וואָלט איך באַדאַרפט — נעמען גאָר טרערן און הויבן אָן צו רינען אויף מיינע פאַרשנייטע באַקן.

— הכנעה איז דער עיקר. אונטערטעניק ווערן — באַפעלט דער „חובת הלבבות". ווען אַ מענטש איז אַ נכנע — ממילא שוין איז זיין

שטים שטיל. אַלע זיינע אברים ווערן אונטערטעניק צו דער געטלעכ־
קייט, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן.

— צו ווען זאָל איך איצטער זיין נכנע, ווען דער שניי
דעקט מיך, ווי מיט אַן איבערבעט צו, און דער ווינט וויגט מיך איין?

ס'איז דער טלאפּא־טלאפּא פון מיל, וואָס איך הער איצטער
דורכן ווינט. אַ ביסל וואַסער איז צוגעקומען אין סטאַוו; מאָרגן איז
שבת, וועט מען די מיל נישט קאָנען לאָזן — האָט דער ברודער
משה, וואָס איז געקומען אויף ווינטער אַהיים — ער האָט פון די וואַ־
סער־רעדער דאָס אייז אַראָפּגעהאַקט, אַריינגעשאָטן אַ פערטל קאָרן אין
קויש אַריין און אַוועקגעלאָזן די מיל. זאָל עס אָפּציען דאָס וואַסער
פון אונטער דעם אויפגעבלאָזענעם אייז. זאָל מען קאָנען שבת האָבן
רו, ווי דער שטייגער ווינטער, ווען די מיל גייט בלויז דריי מאָל אַ
וואָך... פּאַמעלעך אַזוי דרייען די רעדער. טלאפּא־טלאפּא — — —
נישט אַזוי כסדרדיק. די רעדער זענען ווידער געפרוירן. וואָלט דאָך
גוט געווען, ווען איך קום נאָך אָן אַהיים באַצייטנס, איידער מען
פאַרשטעלט די מיל. שוין מער ווי דריי חדשים נישט הנאה געהאַט
פון דער מיל.

— האַ, אפשר שמידט מען גאָר היינט די שטיינער, און איך
בין דערביי נישטאָ? ווער ווייסט, אפשר זאָגט דער מאַמען ס'האַרץ,
אַז איך בין אַרויס צופוס אַהיים אויף שבת, און איצטער זיץ איך
שוין באַלד איינגאַנצן אַ צוגעדעקטער מיט שניי; וויל שלאָפן און האָב
מורא איינצושלאָפן? אפשר וועט זי גאָר הייסן שפּאַנען דאָס ווייסע
פערדל, הייסן פאָרן מיך באַגעגענען, וואָרום אַ זאַווערוכע שפּילט
דרויסן...

— האַ, דו זיצסט אויף אַן אָרט? דו ווילסט עס אויף אַזאַ
אופן אָנשפּאַרן צו טאַטע־מאַמע אויף שבת אַהיים? וויוואַו — — —
אַאו — — וויאַאו — — האָט דער ווינט אין אַ קרייז אַרום אַ וואָיע
געטון — — וויוואַאו, צופוס גייט מען גאָר אין אַזאַ ווינטערדיקן
טאָג — — — וויוואַאו — — —

בין אויפגעשפּרונגען פון מיין אָרט. דערשפּירט אַ שטעכעניש
אין די פינגער פון די פיס. דערשפּירט אַ שטעכעניש אין פּנים. האָב
איך מיט שניי אויסגעריבן דאָס פּנים. האָב אָנגעהויבן אונטערצושפּרינ־
גען, כדי אַרויסצושפּרינגען פון שניי אַרויס, וואָס איז אויף מיר שווער

געלעגן, און — גאָרנישט מיט מיינע פּוחות געגומען לויפן און אַנט־לויפן פון אָרט, ווו די טרויעריקע רו האָט מיך איינגעוויגט.

עס קומען מיר אויפן זינען די מעשיות, וואָס דער זיידע האָט אין די לאַנגע ווינטערנעכט גאַנץ אָפט דערציילט, פון מענטשן, וואָס זענען אין זאַווערוכעס אומגעקומען. אַ פּחד כאַפּט מיך אַרום, און ווי אויף פליגלען האָט עס מיך געטראָגן אַלץ נעענטער צו דער היים. אָט בין איך דורך דעם דאָרף דאַשי. הינט קומען מיר אַנטקעגן און מונטערן מיך נאָך מער אויף. דער שווייס רינט איבערן פּנים; עס שלאָגט פון מיר אַ פּאַרע — אַזוי צעוואַרעמט בין איך. אָבער די כּוחות לאָזן נישט זוף.

און אָט זע איך שוין פון ווייטן אַרויס דאָס איינגעהאָרבעטע שטעטל; זע אַרויס סימנים פון גויישן בית-עולם. אָט זענען די שפּיצן פון קלויסטער אינמיטן מאַרק.

איך באַשטים אויסצומיידן דאָס שטעטל. נאָר דורך גויישע הינ־טערגאַסן קאָן איך דעם וועג אָפּשניידן. דער עיקר, וויל איך נישט זען דעם שטאָטישן מאַרק. איך וויל נישט, מען זאָל מיך פון די קראָמען באַמערקן. און אַזוי קום איך מיטן אימפּעט אָן צווישן אונ־זערע פּלויטן, אונזערע פאַרפרוירענעביימער. פון ווייטן הער איך דעם טלאַפּאַ-טלאַפּאַ פון מיל. די מיל גייט טאַקע. אָט איז שוין די שטוב. פרייטיק הייצט מען אַ סך — איז דער אייז אויף די שויבן צעשמאָלצן.

— זעט נאָר, זעט נאָר, ווער ס'איז אָנגעקומען!

די פרייד אין שטוב איז גרויס, ממש מען גלויבט נישט די אויגן, איך זאָל צופוס אָנקומען. און איך אַליין — ווי אַ פאַרבלאָנ־דזשעטער הונט, וואָס האָט צוריק צו זיין היים געטראָפן — אַזוי באַהערשט מיין לייב אַזאַ פרייד, אַזאַ פרייד.

די היימישע, פרייטיקדיקע וואַרעמקייט האָט מיך אַרומגענומען. אַן אמתע פרייד. אַ פאַרדינטע פרייד.

### *קאַפּיטל דרייאונדרייסיק*

## צווישן הימל און ערד

מער ווי דריי טעג האָב איך נישט פאַרבראַכט אינדערהיים. נישט געווען קיין געדולד פאַר דער היים אין די ווינטערדיקע נעכט. מיין צופוסגיין פרייטיק, מיין שיעור נישט אומקומען אין דער זאַוועדרוכע–איז נישט פול באַלוינט געוואָרן. ווייל איך בין געלאָפן אַהיים, נישט קלאָר קענענדיק דעם כח, וואָס האָט מיך דורך דער זאַווערוכע געטריבן, דעריבער בין איך מאָנטיק פאַרנאַכט, מיט איינער פון די פורן, וואָס איז געקומען צום קלעשטשעלער מאַרק, צוריק אַוועקגעפאָרן קיין אָרלע.

אומרו האָט פול געמאַכט מיין וועזן און געריבט אַפילו מיין שלאָף. צו אָפט בין איך אַוועק נעכטיקן אין בית־המדרש. ווידער און נאָכאַמאָל באַגראָבן דעם מהות אין די ספרים, וואָס האָבן דערציילט פון אַ וועלט אויסער דעם בית־המדרש. אין מיר אַליין האָב איך צומאָל געשפירט דידאָזיקע וועלט; האָב צומאָל פאַרנומען קלאַנגען, וואָס האָבן נישט געהערט צום בית־המדרש און מיין אַליין־זיין אין אים.

מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז יצחק דעם רבס, נישט קוקנדיק אויף זיין עלטער, וואָס איז מיר ממש אַ חבר – אין אים לעבן נישט בשלום זיינע מחשבות. אין זיין שטאַרקן געזאַנג ביים לערנען שפיר איך דאָס וועלן איבערשרייען אַ טיפן פיין; איבערשרייען די קלעמעניש, וואָס האָט נישט קיין באַשטימטן תכלית. האָב דאָס אַליין דערשפירט. אמונה און דעה – גלויבן, און אין דער אייגענער צייט, וויסן – דידאָזיקע צוויי באַגריפן האָבן פאַרפירט אַן אָפענע מלחמה אין מיין בלוט, און איך האָב דעריבער נישט קיין רו. אמונה און

וויסן; אמונה און דערפאַרונג — זיי לעבן נישט בשלום; אינעווייניק אין מיר פירן זיי מלחמה פאַר אַ גאַנצער הערשאַפט. די אמונה האָט מיר געהייסן פאַרנעמען די תפילין, גייענדיק אין דער זאַווערוכע אַהיים. דער פאַרלאַנג צו וויסן און דערקענונג האָט מיר אַריינגע־לייגט אין בוזעם אַריין אַ העפט מיט אַפּיקורסישע שירים, וואָס איך האָב אַליין אַרויסגעשריבן פון יהודה לייב גאָרדאָנס ווערק.

די דערפאַרונג הייסט מיר נאָך אַמאָל דורכגיין דעם גאַנצן תנ"ך, איבערוועגן אַ סך פון מיינע פריערדיקע טייטשן; איבערוועגן דעם אינהאַלט פון שיר־השירים, קהלת און איוב. אין שיר־השירים געפין איך איצטער נישט מער אַ געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען, וואָס איז אַ געזאַנג פון מלך שלמה צו אַ פּאַסטוך־מיידל. די לידער פון שיר־השירים קומען איצטער אויף צו מיר פון מיינע אייגענע לאַנקעס, צווישן וועלכע איך האָב פאַרבראַכט מיינע קינדערשע יאָרן; די גע־זאַנגען קומען צו מיר אַרויס פון מיינע אייגענע קאַרטשעס, פון די ראַנדן באַוווּרבעטע אַרום אונזער סטאַוו.

איוב באַשולדיקט גאָט, פאַרוואָס ער האָט מער אָפּשיי פאַר דעם שטאַרקן און עושר; אַז ער, גאָט, דערדריקט דעם אָרעמאַן, האָט פאַרן אָרעמאַן נישט קיין גערעכטיקייט. כאָטש איך האָב שוין ערגעץ־ווו אין תלמוד געפונען, אַז איוב לא היה ולא נברא: — איוב איז נישט־געשטויגן און נישט־געפלויגן, איז נאָר אַ משל און נישט מער — אָבער דאָס איז פאַר מיר נישט מער קיין זיכערער ענטפער. איך אַליין בין מסכים מיט איובן. די רייד פון זיינע פריינט און דער ענטפער פון גאָט אַליין צו איובן — זיי קענען מיר גאָרנישט דער־ווייזן.

די ספיקות פון קהלת זענען מיר אויך נאָענט צום האַרצן. דאָס לעצטע קאַפּיטל, ווו קהלת הייסט סוף־כל־סוף מורא האָבן פאַר גאָט — דאָס איז פאַר מיר נישט קיין קלוגער סוף. איך אַליין וויל געפינען אַן אויסגאַנג פון די אַלע ספיקות, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט, גע־קייטלט אין אַ קייט. איך אַליין וויל פון דעמדאָזיקן קרייז אַרויס־קריכן.

אַ מתמיד צו זיין איז גוט. דער ים־התלמוד — ס'איז גוט צו שווימען איבער זיינע כוואַליעס. גוט צו לערנען אויפן הויכן קול; זינגען אויפן הויכן קול, ווען אין בית־המדרש ביסטו איינער־אַליין, און דער ווידערקול שאַלט אָפּ אויבן, אין דער ווייבערשער שול.

גוט אַזוי, אויסצוקלערנדיק די גאַנצע נשמה צום דרויסן, ווען דער זייגער האָט שוין געשלאָגן צוועלף — האַלבע נאַכט; בשעת די מתים פון אַלטן אָרלער בית-עולם, הינטער דער אַלטער שול, הויבן אָן אַרויסצוקומען פון זייערע קברים און נישטערן אַהינטער מיינע פענסטער... מיט מיין געזאַנג רוף איך זיי נישט-ווילנדיק אַרויס. און מיין געזאַנג שטעלט אויף אַ גרענעץ פאַר זיי, זיי זאָלן נישט קומען נענטער צו מיר.

ווי מיין שטייגער, זיץ איך אין צייט פון די דאַווענען ביים אויוון און קוק אַריין אין תנ"ך. מיין שכן ביים אויוון איז אַ ייד אַ חסיד, אַ קרעמער, וואָס זיין ווייב פירט דאָס קרעמל. ער האָט צייט. אַ קאָצקער חסיד, אַ חסיד איז ער אַ הייסער שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן. אַ פיינע, צוויי-שפּיציקע באָרד און געקרייזלטע פיאות. ער האָט אונטער די וואָנצעס אַ שמייכעלע.

ער באַטראַכט אָפּט דעם עולם דאַוונערס און באַמערקט:

— אָקסן, פערד. אַ מתנגד איז אַ פערד, וואָס גייט אין שפּאַן. קיין ברעקל התלהבות האָט עס נישט. אַזוי קייט עס שטרוי טאָג-איין, טאָג-אויס. טרוקן ווי פעפער. קיין חסידות באַנעמט עס נישט, כאָטש עפּאַלט אים דעם מוח.

מיין אַראָפּקומען צום אויוון, זיצן פאַרטיפט אין די נביאים, דאָס, אַפּנים, האָט אים דערנעענטערט צו מיר. ער זאָל זיינע געפילן אַרויסרעדן אויפן הויכן קול. ער דאַוונט מיט אַ חסידישן נוסח, אָבער אין אמתן גנבעט ער אַריין דאָס דאַווענען. אין אמתן איז זיין מהות פאַרטראָגן אין אַ וועלט, וואָס איז איבער אים.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס אין צייט, ווען דער עולם פון צווייטן מנין איז געשטאַנען שמונה עשרה, האָט דער חסיד גענומען און מיר דערציילט אַזאַ מעשה:

— אַ מתנגד באַגרייפט נישט, פאַרוואָס ס'איז אַ חוב צו נעמען פרייטיקצונאַכטס אַ טרונק בראָנפן פאַרן עסן פיש און אַ טרונק בראָנפן — נאָכן אָפּעסן די פיש. אויפן חסידישן שטייגער האָט עס אַ כוונה, איז דאָס מרמז אויף מעשה-בראשית. ווייל, ווי מען באַדאַרף פאַרשטיין, איז דאָך אדם הראשון תחילת געווען פּן אוכל עשבים וירקות: געגעסן גרינסן און קרייטעכצער. נו, האָט ער דערפון נישט געהאַט קיין כח צו פראַצעווען. איז טאַקע אדם הראשון געקומען פאַרן רבונו של עולם און געקלאָגט: „איך האָב נישט קיין כח די

פיס צו שלעפן פון דיין עסן, וואס דו האסט פאר מיר צוגעגרייט". האט גאט אים אנגעקוקט און געזאגט: „שוטה, גיי כאפ פיש!" איז אדם הראשון אוועק מיט א ווענטקע כאפן פיש אין טייך חדקל. נו, ווי עס איז ידוע, האבן דאך דעמאלט אפילו פיש געהאט לשון. איז ווי אדם הראשון האט פארווארפן די נעץ, האט דאס פישעלע נעבעך גענומען קלאגן און וויינען: „סטייטש, איך וויל דאך אויך לעבן... איך בעט ביי דיר – לאז מיך לעבן..." אזוי האט דאס פישעלע גע- קלאגט און געוויינט. האט עס אדמען פארקלעמט ביים הארצן, איז ער ווידער געקומען פאר גאט און געקלאגט: „גיב מיר עסן, איך האב קיין כח נישט. די פיש זאגן מיר מוסר, האב איך נישט קיין הארץ זיי צו כאפן". טוט גאט א שמייכל און זאגט צו אדמען: „שוטה, גיי נעם א טרונק בראנפן!" נו, אז אדם הראשון האט גע- נומען א טרונק בראנפן, איז דאך זיין הארץ געווארן געשטארקט. דאס פישעלע האט געקלאגט, געוויינט, און ער — זיינע אויערן זע- נען פארשטאפט. און כך הוה, אזוי איז דאס געווען. ער האט גע- כאפט פיש, געבראכט צו חוהן, זי האט געמאכט פאר אים א פיש- פאטראווע, און ער האט הנאה געהאט. אבער די צרה, וואס נאכן עסן, האט דאס פישעלע אנגעהויבן ארויסרעדן פון אדמען, אנגעהויבן אים ווידער מוסר זאגן: הלמאי... סטייטש. ווידער די אייגענע מעשה. האט עס אדמען ווידער פארקלעמט ביים הארצן, און ער איז געלאפן צו גאט מיט א קלאג. קוקט אים גאט אן מיט א שמייכל און נעמט און טוט ווידער א זאג צו אים: „שוטה, נעם נאך א טרונק בראנפן!" פארשטייט מען דאך, אז נאכן צווייטן טרונק בראנפן איז שוין אדם געווען גאר אן אנדערער. א מענטש איז ער געווען. גוט איז אים געווען. טאנצן פאר שמחה האט ער געוואלט...

— וואלט נישט שפעט געווען פאר דיר צו ווערן א חסיד. דיר פאסט צו זיין א חסיד. א קולכל צום לערנען האסטו; א ניגון צו א ריקודל וואלסטו אויך געפונען.

דאס האט ער געזאגט, קוקנדיק מיר אין די אויגן. דאס האט ער געזאגט מיט א שמייכעלע אונטער זיינע שווערע וואנסן.

קיין בעל-תכלית איז מיין חסיד נישט. אויף אים מורמלט מען אונטער, אז ער לאזט זיין ווייב זיצן אין געוועלב, ווייל ער אליין איז פארנומען מיט א ריקודל און מיט א ביסל בראנפן. א פארבארגן ריקודל — ס'טאנצט אין אים. ער איז א פאר מאל געזעסן א משמר

אין בית-המדרש דורך די לאַנגע ווינטער-נעכט; איז ער געזעסן אָן אַ ספרביים אויוון און האָט געזונגען אַ ניגון אָן ווערטער. געזונגען אין חלל פון בית-המדרש. דאָס איז נישט קיין תכלית. עס געפעלט מיר יאָ און עס געפעלט מיר נישט. כאָטש עס טרעפט, אַז אין מיר אַליין זינגט עס אויך אַמאָל; אין מיר אַליין טאַנצט עס...

מיט דער הילף פון יצחק דעם רבס האָב איך בגנבה אָנגעהויבן צו לערנען דקדוק פון לשון-קודש. דאָס עפנט מיר אויף די אויגן צו פאַרשטיין אַ סך קלערער דאָס, וואָס איך לייען און לערן אין די נייע פּאָר מיר ספרים. דורך דעם ווערן מיר אויך קלערער אַ סך פאַרנעבלטע פסוקים אין תנ"ך. איך פּרוּוו אַליין שרייבן, מאַכן אַלערליי גראַמען. איך פלעכט אויס חרוזים. דאָס דערגרייכטע און פשוטע ווערט מיר באַלד פאַרפרעמדט. דאָס נישט-באַגריפענע און פאַרהוילענע — דאָס בויערט אין מיר.

דורך דעם לעזן אין די ספרי-חול גייט-אויף פאַר מיר אַ יידיש פאָלק, וואָס לעבט אין היינטיקער צייט; אַ יידיש פאָלק, צו וועמען עס רעדן די היינטיקע משוררים; זאָגן דעם פאָלק מוסר.

— ווי אַזוי געהער איך אָן צום יידישן פאָלק? מיט וואָס געהער איך צום גאַנצן, גרויסן כלל, וועמענס פעלערן איך טראָג אויך אויף מיין פּלייצע; מיט וועמענס בלאָנדזשענישן איך בלאָנדזשע אויך?

פון צייט צו צייט נויגט אָפּ אין בית-המדרש אַ פרעמדער; אַן אורח, וואָס איז אַנדערש פון דער שורה בעטלער, וואָס קומען בעטן נדבות, שלאָפן איבער אין בית-המדרש און גייען ווייטער זייער וועג. קומען אַזעלכע, וואָס געהערן צו אַנדערע וועלטן, ווייסן צו דערציילן מעשיות פון אַנדערע לענדער; קומען אָן, עסן אָפּ אַ מאָלצייט, קריגן אַ פּאָר גראָשן דורכן שמש, וואָס נעמט צונויף פאַר זייערטוועגן ביים דאַוונען — און אַזוי ווערן זיי נעלם.

דוכט מיר צומאָל אויס: די דאָזיקע אומבאַקאַנטע טרעטן דעם וועג, וואָס מיר וועט אויסקומען צו טרעטן. קינדווייז האָב איך געמיינט, אַז דאָרטן, ווו דער הימל נידערט אַראָפּ צו די גרינע לאָנקעס זומער — דאָרטן איז עק-וועלט. אַהין האָב איך מיט בענקשאַפט געקוקט. איצטער ווייס איך שוין, אַז דאָס איז געווען אַ קינדערשע איינרעדעניש. די וועלט איז אוודאי אַ סך גרעסער. אָט איז יצחק דעם רבס געווען אַזוי ווייט, אַזש אין לאָנדאָן. מיט זיינע מעשיות פון לאָנדאָן טוט ער מיר גאָר קיין טובה נישט. ער איז נאָך גורם,

איך זאָל נישט זיין צופרידן מיט מיין איעדן טאָג, וואָס גייט אַוועק און קוקן אומרויק צום טאָג, וואָס קומט.

איך הויב אָן טראַכטן: — אָרלע איז נישט דאָס בעסטע אָרט פאַר מיר. פאַרוואָס? אָרלע איז צו קליין. מיך ציט עס אין אַ גרע־סערער שטאָט. כאָטש איך זע אַרויס כסדר מיין אָרט אין בית־המדרש, אָבער אין אַ גרעסערער שטאָט זענען פאַראַנען גרעסערע סודות. אַ גרעסערע שטאָט — האָט אַ סך אַזעלכע, ווי יצחק דעם רבס, וואָס בגנבה קוקן זיי אַריין אין ספרי־חול. יצחק דעם רבס אַליין האָט מיר אַ פּאָר מאָל פאַרטרויט דעם סוד, אַז ער וועט מיט דער צייט ווידער אַוועק פון אָרלע. די היים איז אים ענג.

פונדעסטוועגן איז דער ווינטער אַוועק אין אָרלע. נאָך מיין פסחדיקן פאַרברענגען אינדערהיים — בין איך צוריק אַוועק קיין אָרלע. נאָך צו פרי געווען צו פאַרלאָזן יצחק דעם רבס. ער איז פאַר מיר אַ געפונענער קוואַל, וואָס פון אים טרינק איך תורה און חכמה. אין די זייטיקע ספרים, וואָס ער האָט פון ערגעצן באַקומען — אין זיי געפין איך אַ ווייטע וועלט, וואָס ווערט מיר אַלץ נעענטער און נעענטער.

דער זומער האָט פון די סאַמע יונגע יאָרן מיך פאַרנומען אויף זיינע פליגל און לייכט געטראָגן איבער דער ערד. איז דעריבער דער צווייטער זמן אין אָרלע, דער זומערדיקער זמן, מיר געקומען אַנט־קעגן מיט אַ לויטערן און זינגעוודיקן פנים. מיטן אָנקומען פון זומער, האָבן אומבאַקאַנטע געזאַנגען פון מיר אָנגעהויבן אַרויסצוזינגען. עס זענען פאַרשוווּנדן די ווינטערדיקע קלעמענישן; די ווינטערדיקע נעכט, וואָס האָבן פון מיין נשמה שטיקער געריסן; וואָס האָבן צומאָל מיך פאַרוואַנדלט אין אַ יונגן איוב. אַז דער זומער איז געקומען, האָב איך אָנגעהויבן צו זינגען אויפן הויכן קול די שירים פון היינע, אי־בערגעזעצט אויף לשון־קודש. שירים, וואָס זענען פאַר מיר דעמאָלט געווען אַ געזאַנג איבער געזאַנגען.

איך האָב דעמאָלט צום ערשטן מאָל אָנגעשריבן אַ בריוו, ווו צווישן די שורות האָב איך אַריינגעלייגט האַלב פון שיר־השירים און אַוועקגעשיקט צום פעטער אברהם טומענערס יינגסטער טאָכטער — דער שוואַרצאויגיקער שיינע, וואָס אין מיינע יאָרן. האָב איך פון איר דערהאַלטן אַ בריוו מיט נאָך מער שיינע געדאַנקען און מיט אַ סך אַ שענערן כתב פון מיינעם.

יצחק דעם רבס איז אין פאַרלויף פון זומער נישט געווען אַזאַ מתמיד. זומערלעב איז ער אויך יינגער געוואָרן; זיין וווקס האָט געפּאַסט צו זיין פנים. נישט קיין צוואַנציק יאָר — פּופּצן יאָר האָט מען אים געקענט געבן.

זענען מיר ביידע אַרויס אין די שיינע, זומערדיקע פאַרנאַכטן אַהינטערן שטאָט; אַוועק אין די פעלדער און געזונגען אויפן הויכן קול.

געזונגען שירים מיט ווערטער. געזונגען שירים אָן ווערטער. דער קוואַל פון געזאַנג האָט געשטראָמט צום דרויסן. די קאָרן און ווייצנפעלדער האָבן אונזער געזאַנג פאַרנומען.

*קאפיטל פירצנדרייסיק*

## מיט א האַלץ צוקאַפּנס

ווען איך בין צום ערשטן מאָל מגולגל געוואָרן קיין בריסק צו לערנען ביי אַ בריסקער מלמד, און אויך לערנען צו קייען גלאָז — דעמאָלט איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז מיט פינף יאָר שפּעטער וועל איך ווידער אָנקומען קיין בריסק, אַ מתמיד, אַ וווילער לערנער, נאָר מיט אַ היפּש ביסל באַהאַלטענע, אַפּיקורסישע מחשבות.

אָרלע איז פאַר מיר קליין געוואָרן, ענג געוואָרן. געקלערט פון אַ גרעסערער שטאָט, ווו איך זאָל קומען נענטער צו די, וואָס שעפּן תורה פון נייעם קוואַל. יצחק דעם רבס האָט מיר אונטערגעגעבן חשק אַוועקצופאָרן פון אָרלע. פון קיין ישיבה האָב איך נישט געטראַכט, האָב נאָך אַלץ געוואָלט לעבן אין יחידות.

איז געבליבן ביי מיר צו פאָרן קיין בריסק. אַ גרויסע שטאָט איז בריסק און פאָרט נישט ווייט פונדערהיים. אין בריסק לעבט מיין עלטסטע שוועסטער פרישקע. האָב איך טאַקע עטלעכע טעג געלעבט ביי דער שוועסטער, כדי צו האָבן צייט אַרומצוקוקן די אַלע באַוווסטע בתי-מדרשים, נענטער צו דער גרויסער שול. איך בין געגאַנגען אין יענע בתי-מדרשים אין צייט פון דאַווענען, כדי צו קאָנען אָנקוקן דעם עולם באַלעבאַטים. אין בריסק רופט מען דעם ישיבה-בחור — אָרעם-בחור. האָב איך באַטראַכט די אַלערליי אָרעם-בחורים, וואָס לערנען אין די געהויבענע בתי-מדרשים.

איך האָב אויך פאַרקוקט אין דעם געשמטן בית-הרב. ר׳ יוסף בער האָט שוין נישט געלעבט. זיין זון, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, אָדער ר׳ חיים וואָלאָזשינער, ווי מען האָט אים גערופן, ער איז געווען רב.

מיט זיין געשטאַלט האָט ער אָנגעפילט דעם גרויסן בית-הרב. זיין גרויסער, פולער קאָפּ, זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן זענען געווען או־מעטום. מען האָט אים אָפט געקאָנט טרעפן אַ פאַרמוחטן, אַ צע־כראַסטעטן, געאַרעמט מיט זיין בעל יועץ, ר' שמחה זעליק — אַ באַרימטער קנאי, מיט אַ שוואַרץ בערדל און ברענענדיקע אויגן — אַזוי האָבן זיי ביידע אַרומגעשלעפּט די טריט אין קרייז אין בית-הרב, אַריינגעטענהט איינער אינגם אַנדערן און באַשטימט אויף אַזאַ אופן שטאָטישע ענינים. מען האָט אויך געקאָנט באַמערקן אין בית-הרב אַ פאַרקהלטע צווישן שטאָטישע באַלעבאַטים ר' יוסף בערס אַ טאָכטער, אַביסל געראָטן אין איר ברודער, וואָס האָט מעשה רביצין אַריינגעטענהט מיט די חשובע באַלעבאַטים. זי האָט אַריינגעוואָרפן שטיקלעך גמרא אין שמועס, געטייטשט מיטן גראָבן פינגער און האָט גוט געפּאַסט צום בטלנישן רומל, וואָס האָט געווימלט אין בית-הרב.

ניין, ס'האָט מיך אַהין נישט געצויגן. עס האָבן מיך נישט געצויגן די חשובע בתי-מדרשים אַרום דער גרויסער שול. איך האָב איינ-מאָל פאַרקוקט צו ר' חיימס אַ שיעור, בשעת ער האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט בריסקער עילוים — איז דאָס מיר נישט געווען צום האַרצן. אַ מתמיד בין איך, אָבער נישט קיין בטלן. איך בין נישט קיין קנאי. אין דעם קרייז, וואָס אַרום דער גרויסער שול, אַרום בית-הרב — האָב איך געזען הוילע בטלנות.

האָב איך מיר אויסגעזוכט אַ בית-המדרש אויף אַ זאַמדיקער, ברייטער גאַס, ווייט פון חשובן טייל שטאָט, ווייט פון דער גרויסער שול און שכנישע בתי-מדרשים אַרום. האָב געזוכט און געפונען אַ בית-מדרש, ווו עס האָבן געדאַווענט בעלי-מלאכות, בעלי-עגלות. בלויז ווי אַ שמעלצל האָט דער בית-מדרש פאַרמאָגט אַ פּאָר למדנים און פרומאַקעס — דער ליסקער בית-מדרש איז דאָס געווען. אַ נייער, געמויערטער בנין, נאָך אינגאַנצן נישט פאַרענדיקט. ס'איז געווען נישט לאַנג נאָך דער באַרימטער בריסקער שרפה, און דער ליסקער בית-מדרש, וואָס איז אָפּגעברענט געוואָרן — איז אויפסניי געמויערט געוואָרן. די ווייבערשע שול איז געווען אונטן, אָפּגעטיילט פון דער מאַנסבילשער שול בלויז מיט אַ וואַנט און גראַטעס; דאָרטן, אין דער ווייבערשער שול, איז געווען דער האָלץ-סקלאַד. אַ פּאָר קלאָפּ-טער ברעזענע און סאָסנאָווע האָלץ האָבן אין בית-מדרש שטענדיק אָנגעהאַלטן אַ געשמאַקן האָלץ-ריח.

דער שמש, טאָדרעס, אַ הויכער, גלייכער, ציכטיקער ייד מיט אַ ברוין בערדל, מיט אַ שטענדיקן גוטן שמייכל – ער האָט מיך גוט אויפגענומען. ער האָט פאַר מיר געקראָגן זיבן טעג פאַר די זיבן טעג פון דער וואָך. זענען עס צומייגסטנס געווען טעג ביי אָרעמע מענטשן.

אַ דריי־פיר פרעמדע בחורים האָבן געלערנט אין בית־מדרש. וואָיל־לערנער, וואָס האָבן שוין בשתיקה אַריינגעקוקט אין השכלה־ספרים. זיי האָבן געוווּסט פון פריוואַטע ביבליאָטעקן, ווו מען האָט געקענט קריגן לשון־קודשדיקע און „זשאַרגאָנישע" ספרים. אין בית־מדרש זענען געווען באַהעלטענישן, ווו מען האָט אַ „טריף פסול" געקענט באַהאַלטן; ווו אַזאַ ספר האָט רויק געקענט ליגן אַ גאַנצן טאָג און וואַרטן אויף דער שטילער נאַכט, ווען מען וועט אים אַרויסנעמען און בגנבה שעפּן פון אים מיט אַ טיי־לעפעלע די נייע תּורה, וואָס האָט אויך אויסגעזען ווי אַ גרויסער ים.

ביי די צוויי ברייטע, אויוונס איז געווען געגוג אָרט פאַר די דריי בחורים, וואָס זענען דאָרט געשלאָפן. די אויבערשטע, לאַנגע ברעט – דעם צודעק פון אַ טיש – האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די פּאָרענטשעס פון די בענק און אַזויאַרום באַשאַפן אַ געלעגער ביים וואַרעמען אויוון. איך האָב מיר אויסגעקליבן אַ באַקוועמע קישן – אַ ברעזענעם האָלץ פון דער ווייבערשער שול. ווייך געווען אַזאַ געלעגער. געשמאַק געווען אונטערן באַק די ווייסע, ברעזענע קאָרע. געשמאַק געווען צו שלאָפן אין בריסקער בית־מדרש. אַ גאַנצע וואָך איז ביזן ערשטן דאַווענען זעלטן־ווען עמעצער פון די באַלעבאַטים געקומען ,ערנען פאַרטאָג. אַ פאַרהאָרעוועטער עולם האָט געדאַוונט אין ליסקער בית־מדרש. נאָר פרייטיקצונאַכטס זענען אַרום דריי אַזוי־גער נאָך האַלבע נאַכט אַראָפּגעקומען די תּהילים־זאָגער, די משניות־לערנער, די דרשות־זאָגער און האָבן געהאַלטן וואַך דעם בית־מדרש. דעמאָלט האָט מען באַדאַרפט מיטהאַלטן מיטן עולם און אויפשטיין.

אינמיטן דער וואָך, אַרום ניין אַזייגער אין אָוונט, איז אין בית־מדרש שוין געווען שטיל. דעמאָלט האָט מען, מיט האַרצקלאַפּעניש, אַרויסבאַקומען פון באַהעלטעניש די ספרי־חול, די „וואָכעדיקע" ספרים. אַז מען האָט געעפנט אַזאַ ספר – האָבן די אותיות גע־בלענדט. האָט מען נאָך אַ געוויסע צייט געניגט אַן אויער, צוגע־הערט צו איעדן שאָרך, וואָס קומט פון בית־מדרש – טאָמער איז

עמעצער ערגעץ אין אַ ווינקל באַהאַלטן, ער וועט כאַפּן און דער־ציילן פאַר דער גאַנצער וועלט, וואָס די אָרעם־בחורים טוען אין בית־מדרש. איך האָב שוין געהאַט אַ פיינע ידיעה אין דקדוק, אינדער־שטיל, בגנבה, געשריבן לשון־קודשדיקע שירים. אַלץ בגנבה, אַלץ — מיט האַרצקלאַפּעניש. שטענדיק איז געווען דאָס געפיל, אַז מען לעבט אין אַ קרייז, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ פינסטער־פאַר־נעפּלטער וואַנט. כאָטש אין בית־מדרש איז מען נישט געווען פאַר־שלאָסן; כאָטש פראַנק־און־פריי האָט מען געמעגט גיין וווהין ס'האַרץ האָט געגלוסט — אָבער ווי נאָר אין בית־מדרש — איז מען געווען אין יענעם פאַרכשופטן קרייז. דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט טון, דאָס, וואָס האָט צו מיר אַזוי געלויכטן — האָב איך געמוזט טון בשתיקה אַפילו אין אַזאַ בית־המדרש, וווּ עס האָבן געדאַוונט די פּשוטע פון פאָלק.

עס זענען געווען נאַרישע בליקן, וואָס האָבן פון אַ זייט נאָכ־געקוקט די פּאָר בחורים פון ליסקער בית־מדרש. געווען אַ בלאָנדער יונגערמאַן, אַ קנאי און אַ שוטה, וואָס האָט געהאַלטן אַן אויג אויף אונדז. געמאַכט „איבערפאַלן" ביינאַכט, געקומען זען, וואָס מען טוט עפּעס אין בית־מדרש. ער האָט געהאַט אַ טבע, צוצוקומען און אַ גלעט טון די באַקן ביים אָרעם־בחור, זען, צי איז דער אָרעם־בחור חלילה נישט קיין געגאָלטער. ביי מיר אויפן פּנים איז נאָך נישט גע־ווען וואָס צו גאָלן — האָט ער פונדעסטוועגן חושד געווען, אַז איך האָב עפּעס אַזאַ קונץ, ביי מיר זאָל קיין באָרד נישט וואַקסן.

אין די ביינאַכטן האָב איך געלעזן לשון־קודש און „זשאַרגאָן". דעמאָלט האָט י. ל. פּרץ אַרויסגעגעבן די „יום־טוב בלעטלעך". ער אַליין האָט דאָרטן געדרוקט זאַכן אונטער אַלערליי נעמען: י. ל. פּרץ, יל"פּ, לאַמפּנפּוצער און אַנדערע נעמען. ס'איז גרינג געווען אַריינ־צולייגן אַלערליי פּשטלעך אין י. ל. פּרצס זאַכן. זיין שרייבן האָט מיר אויסגעזעען פול מיט מליצה, ווהין מען קאָן אַריינפּאַסן אַלערליי געדאַנקען און אונטערגעדאַנקען. דאָס אייגענע האָב איך געשפּירט לייענענדיק „די קליאַטשע" פון מענדעלע מוכר ספרים. פון אומעטום האָט צו מיר פאָלק ישראל, אַרויסגעקוקט. לעבנדיק איינגאַנצן אין דעם גייסט תנ"ך און אגדה — האָט עס מיר שטענדיק אונטערגעזאָגט: אַז די שטים, וואָס קומט אַרויס פון צווישן די שורות — איז די

שטים פון פאָלק ישראל. פאָלק ישראל, וואָס איז אין גלות און וויינט און קלאָגט און וויל, מען זאָל עס באַפרייען.

איך האָב אַ סך טרערן פאַרגאָסן, לייענענדיק דעם „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק" פון יעקב דינעזאָן; האָב אויך אין יענעם לייענביכל אַרויסגעזוען דאָס פּנים פונם פאָלק ישראל. כאָטש איך האָב מער געלעזן יידיש ווי העברעיש, פונדעסטוועגן איז געווען ליב צו שרייבן לשון-קודש. דער כתב האָט חשובער אויסגעזען מיט נקודות אַרומגעפּינטלט. איך האָב מיינע שירים געשיקט קיין אָדעס צו מיין אייניקן מבין, יצחק דעם רבס. ער האָט מיר געענטפערט און דערמוטיקט.

די שפּורן פון מיינע קינדערשע טריט אין בריסק האָב איך איצטער נישט געפונען. פון עלף ביז זעכצן יאָר איז אַ קורצער מהלך, בסך-הכל פינף יאָר, אָבער אין יענע פינף יאָר בין איך עטלעכע מאָל אויסגעוואַקסן פון מיינע בגדים, און ענג זענען מיר געוואָרן מיינע שטיוועלעך. בריסק האָב איך שוין באַטראַכט מיט אַנדערע אויגן. מיינע שפּאַצירן צום גרויסן טייך, צום מוכאַוויץ — דאָס האָט אַרויסגערופן ביי מיר גאָר אַנדערע געפילן. זיצנדיק ביי זיינע זומערדיקע ברעגעס אַ באָרוועס עלף-יאָריק ייִנגל, בין איך אין די פאַרנאַכטן ביים טייך דעמאָלט פאַרטראָגן געוואָרן מיטן געדאַנק אַהיים: מיט מיין געדאַנק האָב איך נאָך דעמאָלט געקאָנט שטעלן וואַסערמילן ביי אַיעדן וואַסער און זען דאָרט פּרץ דעם מילנער, דעם שטאַרקן מילנער, וואָס טראָגט שווערע זעק תּבואה אויף זיינע פּלייצעס; ער טראָגט שווערע זעק תּבואה פון וואָגן אין מיל אַריין; פון מיל אויפן בוידעם — אין קויש אַריין.

איצטער, ווען דער ווינטער אין בריסק איז אַוועק; פאַר פּסח, ווען דער גרויסער, בריסקער טייך האָט געלאָזן, דער דיקער אייז האָט געפּלאַצט; די קריעס, אויפגעהורבעטע, שפּרינגען פון וואַסער אַרויס און מיט אַ גערויש זינקען זיי צוריק אין די אָרעמס פון פרילינג-שטראָם, כדי שפּעטער ווידער אַרויסצוקומען און ברעכן האַלז-און-געניק אין שטראָם, וואָס גייט מיט באַפרייטן אימפּעט צום נאָענטן „בוג" אַהינטער בריסק — איצטער האָב איך שוין פאַרגעסן פון מיין היים, ליפּעס מיל. שטייענדיק ביים גרויסן טייך — האָט דער פרילינג-שטראָם פאַרכאַפּט מיין געמיט, אינאיינעם מיט די קריעס אַוועקגעטראָגן מיין מהות אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט.

די צייט איז געקומען, ווען איך האָב שוין אָנגעהויבן אַריבער-

צוקוקן אַריבער ליפּעס מיל, מיין היים. אַ גרויסע האַנט, אַ קנאָכע־דיקע און האַריקע האַנט איז ווי פון אַ נעפּל אַרויסגעקומען און גע־ריסן מיינע וואָרצלען, אַזוי טיף־פאַרוואַקסענע אין דעם טונקל־פייכטן גרונט אַרום סטאַוו, ווו ליפּעס מיל האָט איר חיות געצויגן. די היים האָט אָנגעהויבן אויסגעלערט צו ווערן פון איר תוכן. די עלטערע קינדער האָבן זי שוין פאַרלאָזן. קלמן האָט חתונה געהאַט און האָט אַ קליין קרעמעלע אין שטעטל; בעבל האָט חתונה געהאַט, וווינט אין שטעטל, און איר מאַן פאַרבט וואָל און פאָדים פאַר די אַרומיקע פּויערים; משה פאָרט אַוועק אַרבעטן, ער מאָלט ביי דער אייזבאַן. אינדערהיים איז דער טאַטע און די מאַמע און די אַכטיאָריקע שרהלע. דער טאַטע מוז האַלטן אַ פרעמדן מענטשן, וואָס זאָל אים אַרויס־העלפן. — — —

פונדעסטוועגן בין איך אויף פּסח געפאָרן אַהיים. טאַקע נאָר אויף פּסח. דאָסמאָל האָב איך מיטגעבראַכט אַ פּאַק סודות אַהיים. סודות — פאַר קיינעם נישט צו אַנטפּלעקן. אפשר, בשתיקה, דער מאַ־מען דערציילט, אַז איך האָב געפונען וועגן און שטעגן, וואָס פירן צו אַן אויסגעדאַכט לעבן; צו אַ לעבן, וואָס זי האָט אַמאָל געזען אין איר דמיון. איך בין געפאָרן אַהיים מיט דער דעה — אויף זומער צוריק קיין בריסק; געפאָרן ווי אַ דערוואַקסענער.

אָבער היים — איז היים. ווי ווייט איך בין נישט אַוועק פונ־דערהיים, ווי גוט צו מיר די פרעמד איז נישט געווען — האָט זי נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַר מיר באַשאַפן אַ נייע היים.

היים — איז היים. בפרט, ווען אַנטקעגן קומען אַרויס טאַטע־מאַמע צו באַגעגענען. ווען אַנטקעגן קומט דיר אַרויס דער פרילינג־דיקער דרויסן און דיין אייגענער טייך, וועמענס ריח ס'איז דיר אַזוי וווּיל באַקאַנט; ווען אַנטקעגן קומט נאָך אַלץ אַרויס דער גערויש פון וואַסער אונטערביידע וואַסער־רעדער און דער לעבעדיקער קליפּ־קלאַפּ, טלאַפּאַ־טלאַפּאַ פון די קלאַפּערס אין מיל; ווען אַנטקעגן קומט דיר דער וואָרעמער ריח פון געמאָלענע קערנער — דעמאָלט ווערט די פרעמד פאַרשוווּנדן.

אַ וואָרעמקייט, אַ קינדישע וואָרעמקייט כאַפּט אַרום דעם גאַנצן מהות, ווי אויפסניי וואָלט איך ווידער געבוירן געוואָרן. און גוט איז מיר, וואָס איך בין ווידער אינדערהיים.

*קאַפּיטל פינפאונדרייסיק*

## די פּרעמדע וועלט רופט

צום צווייטן זמן אין בריסק האָט מיך אַ שטאַרקע אומרויקייט באַגעגנט. געקומען נאָך פּסח פון דערהיים, ווו איך בין געווען צו־גאַסט, און האָב מיטגעבראַכט דעם פרילינג אין מיינע פּאָלעס. בריסק אַליין איז לויטערער געוואָרן; דער דרויסן האָט געצויגן; דער גרוי־סער טייך האָט גערופן. דער גמרא־ניגון האָט נישט עכט געקלונגען. אַ בענקשאַפט האָט גענאָגט.

אין אַזאַ־אָ פרילינגדיקן נאָכמיטאָג, ווען דעם ליסקער בית־המדרש האָט די זון געוואַשן דורך די אָפענע דרום־פענסטער, איך בײַ מיין סטענדער פאַר דער אָפענער מסכתא „נדרים", און מיטאַמאָל, איך גלויב נישט מיינע אויגן: — אין דער אָפענער בית־המדרש־טיר שטייט יצחק דעם רבס, מיין געפונענער חבר!

איך לויף אים אַנטקעגן; פאַל אים אויפן האַלז. בײַביידן צוקן די גלידער פאַר איינגעהאַלטענעם געוויין. איך קוק אים אין פּנים; זיין אָפענער שטערן, זיינע לויטערע, בלויע אויגן — יאָ, דאָס איז מיין חבר.

— ווי קומט ער פּלוצלונג קיין בריסק?

איך וויל נישט פרעגן. ער אַליין וועט מיר דערציילן. איך זע איצטער, אַז כאָטש ער איז מיט פינף יאָר עלטער פון מיר — בין איך דער גרעסערער, צומאָל דער עלטערער. ער קוקט צו מיר איצ־טער ווי צום עלטערן.

און אָט זיצן מיר שוין ביידע בכובד־ראש, שווער־באַזאָרגטע. ער דערציילט ווי זיין מאַמע איז געשטאָרבן... ווי איצטער האָט ער

באַשטימט אַוועק פֿון זיין געבוירנשטאָט, ווו מען קוקט נאָך זיינע טריט. איצטער איז ער אַוועק זוכן אַ תּכלית אין לעבן. ער וועט איצטער מיט נאָך מער התמדה לערנען תּלמוד און פּוסקים; וועט פּרוּוון קריגן סמיכה אויף רבנות.

— מען קען דאָך זיין אַ רב — האָט ער ערנסט גערעדט — אַן אויפגעקלערטער רב... מען וועט לערנען מיט דער אייגענער התמדה און נישט פֿאַרגעסן אַריינצוקוקן אין זייטיקע ספרים. אינאיי-נעם וועלן מיר דאָס טאָן.

אַ צייט בין איך געזעסן אַ צעטומלטער. ער האָט מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך בין קיין קינד נישט מער. אָן ווערטער האָט ער עס געטאָן. אין צייט פֿון יאוש, בלייבנדיק אָן אַן אויסוועג, האָט ער צו מיר, דעם פֿיל יינגערן, געפֿונען דעם וועג.

נו, האָב איך דאָך באַדאַרפֿט באַווייזן, אַז איך בין, אויב נישט דער עלטערער — בין איך דער שטאַרקערער.

— איך וועל נישט דערלאָזן, ער זאָל עסן טעג — האָב איך באַשטימט — אויב ער קען אַליין נישט רעדן, וועל איך עס זאָגן, ווען מען וועט באַדאַרפֿן. איך וועל געפֿינען אַ בית-מדרש, ווו מען וועט אים אַרויסגעבן אויף חיונה.

איך בין דעם אייגענעם נאָכמיטאָג מיט אים אַוועק אין איינעם פֿון די געהויבענע בתּי-מדרשים, נישט ווייט פֿון דער גרויסער שול. מיר איז געלונגען אַריינצורעדן צום שמש, אים דערווייזן, אַז אָרלער רבס אַ זון טאָר קיין טעג נישט עסן און טאָר נישט שלאָפֿן אין בית-מדרש אויף דער האַרטער באַנק. מיר איז געלונגען אין דעם אייגענעם טאָג איינצואָרדענען מיין חבר. מען האָט צוגעזאָגט אים אַרויסצוגעבן אַ רובל אַ וואָך פֿון בית-מדרש. אַ געלעגער האָט מען אויך פֿאַר אים געפֿונען. ווייל מיר איז שווער געוועזן צו זען אָט דעם צאַרטן, דורכזיכטיקן יצחק דעם רבס, ווי ער גייט איבער פֿרעמ-דע שוועלן, עסן טעג. מיר איז ליב געווען צו זען אים שלאָפֿנדיק אויף אַ ווייכן געלעגער. נאָכדעם בין איך אַוועק אין מיין אייגענעם בית-מדרש. געווען שוין שפּעט ביינאַכט, נישט געקאָנט מער דידאָזיקע נאַכט צומאַכן אַן אויג.

וואָרום מיין חבר מיט זיין קומען האָט פֿאַר מיר קיין רו נישט געבראַכט. ער האָט אויף מיינע יונגע פּלייצעס אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ פֿרי-שע משא; אַ געוויסע אַחריות, צו ווערן פֿון איצטער אָן זיין אונ-

טערשטיצער. ווי אַן עלטערער, קליגערער און געלערנטער ברודער האָט ער מיר אויסגעזען, וואָס קוקט צו מיר אַרויף, ווייל איך בין דער מיט דעם נאַטירלעכן כּח, וואָס קאָן אים דערלאַנגען אַ שטאַר־קערע האַנט, ווען ער האַלט ביים שטרויכלען.

אָבער די דרויסנדיקע ווינטן, וואָס האָבן אויפגעבראָכן אַ פענ־סטער אין מיין אייגענעם לעבן — דידאָזיקע ווינטן האָבן מיך נישט מער צורו געלאָזן. ער אַליין, מיין חבר, וואָס איז געקומען צו מיר קיין בריסק מיט דער דעה נישט צו קוקן אויף רעכטס און נישט אויף לינקס; געקומען מיטן גאַנצן חשק ווייטער צו שווימען אין ים־התלמוד — ער אַליין איז ווי אַן אומרויקער פרילינג־ווינט צו מיר אָנגעקומען פונדערפרעמד. ער אַליין האָט גאָרנישט אָפּגעשאַצט דעם מרחק צווישן אים און אַלטן בית־מדרש.

מעגלעך, אין אים האָבן ערגעץ־ווו שלום געמאַכט צוויי וועלטן; מעגלעך, ער, וואָס איז געווען אַ בן־הרב, ער האָט געזען אַ שלמות־דיק בילד זייענדיק אַ רב: פסקענען שאלות, אויסהערן דין־תורות, ווערן אַ פירער פון אַ שטאָט, אָדער שטעטל. ער האָט געקאָנט אפשר שלום מאַכן מיט אַזאַ לעבן, נישט קוקנדיק אויף די סתירות, וואָס ער האָט אין מיין לעבן אויפגעדעקט.

און איך, אַ מילנערס אַ זון, וואָס איז נאָך ביז די אויערן איינגעגראָבן אין אַ גוטער ערד; איך, וואָס האָב נאָך צומאָל פאַר־נומען דעם ווינט, וואָס האָט פאַרבייגעצויגן און געוואַשן מיין פּנים — אָט, ווי דער ווינט, וואָס וואַשט די פרילינג־צווייגן מיט קנאָספּן אָנ־געקוואָלענע — אָ, ניין, אין מיין בלוט האָבן די סתירות נישט גע־קאָנט לעבן בשלום. איך האָב דאָך שוין אינדערשטיל פאַרפאַסט שירים פיין געגראַמטע, לויט ווי איך האָב געגנאַשט ביי דעמאָלטיקע משוררים. יהודה לייב גאָרדאָן איז געווען דער משורר, וואָס האָט ממש מיין מוח אויפגעהויבן. זיין אויסלאַכן דאָס יידישע בטלנות, זיין רייסן שטי־קער פון יידישער טראַדיציע; זיינע פייַלן, וואָס ער האָט געשליידערט אין דער פאַנאַטישער וועלט אַריין — דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם אויף אייביק. דעריבער איז מיר שווער געווען צו זיין אפילו במחשבה אין דער געשטאַלט פון אַ רב, וואָס פסקנט שאלות און היט אָפּ אַלע דקדוקי־הלכות.

יצחק דעם רבס האָט, ווי דער שטייגער, אַ גאַנצן טאָג געלערנט אין זיין בית־מדרש. ביינאַכט איז ער צו מיר אַריבערגעקומען, אָדער

איך בין אים אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען. מיט שטילע טריט זענען מיר אומגעגאַנגען אין בריסקער גאַסן; אָפטמאָל דערגרייכנדיק דעם שול-הויף און אָפטמאָל דערגאַנגען צום טייך מוכאַוויץ. ווידער און נאָכ-אַמאָל אַרומגערעדט אונזער ביידנס עתיד.

צום חידושן: — ער, דער ערשטער, וואָס האָט מיך אַרויפגע-שטויסן אויף וועלטלעכע און העברעישע ספרים; ער, וואָס האָט מיר אונטערגעגעבן חשק מחבר צו זיין שירים; ער, וואָס האָט אָנגעהויבן נביאות זאָגן, אַז מיט דער צייט וועל איך נאָך זיין אַ משורר — ער אַליין האָט זיינע פרוּוון געמאַכט אין יידיש. ער, וואָס האָט מיר אַרויסגעהאָלפן און געגעבן די ערשטע אָנווייזונגען אין דקדוק — ער האָט גאָר אַליין געפּרוּווט שרייבן לידער אין יידיש. איצטער, קומענ-דיק קיין בריסק, האָט ער פון אונטער דער ערד אויסגעגראָבן יידישע ביכלעך און געבראַכט, איך זאָל לייענען. ער האָט ליב געהאַט יצחק לייב פּרצס שרייבן. ער האָט מיר אויפגעקלערט דעם סוד, וואָס ליגט אין יצחק לייב פּרצס אַרט-שרייבן.

— ער וווינט אין וואַרשע; ווען איך וואָלט געקאָנט פאָרן קיין וואַרשע, זען אים פּנים-אל-פּנים, וואָלט איך אים איבערגעגעבן דאָס וואָס איך שרייב, ער זאָל עס דרוקן אין די „יום-טוב בלעטלעך".

מיין חבר האָט מיר גאָר אומגעריכט אויפגעעפנט אַ גאַנץ-פע-קעלע מיט יידישע כתבים, שטאַרק באַווירקט פון יצחק לייב פּרצן.

אַזוי איז אַוועק דער זומער. פאַר דער צייט איז געקומען קיין בריסק אַ באַרימטער מטיף און האָט גערעדט פון דער מוטער ציון, ווי זי בענקט נאָך אירע קינדער, זיי זאָלן ווידערקערן צו איר. ער האָט גערעדט אין דער גרויסער שול, און מיט זיינע פלאַם-פייערדיקע רייד האָט ער אָנגעצונדן דעם גרויסן עולם, וואָס האָט די שול פול געמאַכט. ער האָט מיין יונגן דמיון שטאַרק צערודערט, בין יענע נאַכט גע.עגן אין בית-מדרש און געטראַכט פון אַ וועג קיין ארץ-ישראל. איך האָב טאַקע יענע נאַכט מחבר געווען אַ שיר לכבוד דער מוטער ציון...

און דאָך איז מיין חבר ווידער געווען דער, וואָס האָט מיין וועג אַזוי פלוצלינג און אומגעריכט אַ קירעווע געטון אָן אַ זייט:

סוף-זומער פאַרנאַכט איז דאָס געווען, ווען מיין חבר, אַזאַ לויכטנדיקער, איז ער געקומען צו מיר אין בית-מדרש אריין און ווי דער שטייגער, מיך אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַצ'יר. אויפן וועג האָט

ער אָנגעהויבן אויסצולייגן פאַר מיר זיינע פּלענער. היות, ווי ער גלויבט איצטער, אַז מיט צופיל סתירות אין דער נשמה וועט מען צו קיין רויקן תּכלית נישט קומען; זיין אַ רב און אין דער אייגע־נער צייט נישט האָבן אין דעם קיין אמונה — איז נישט קיין דרך — דעריבער מוז מען מיטן איצטיקן לעבן איבעררייסן.

— איך האָב געהערט — האָט ער דערציילט — אַז אין גראָד־נע זענען פאַראַן סטודענטן, וואָס לערנען אומזיסט מיט אָרעמע בחורים, גרייטן זיי צו גימנאַזיע און אוניווערסיטעטן. גלייך נאָך יום־טובים וועלן מיר ביידע פאָרן קיין גראָדנע...

תּחילת איז מיר פאַר די אויגן פאַרטונקלט געוואָרן. גלייך, אַ שאַרפער חלף האָט די ערד אונטער מיר אַ שניט געטון און מיך געלאָזן פאַר אַן אָפענעם תּהום. צו פּלוצלינג איז דאָס געקומען. מיין דמיון, אַ רויקער, אַ נישט־איבערגעאיילטער — ער האָט מיר געמאָלן מיינע טעג אויף אַ גאָר אַנדערן אופן. אַוועק קיין גראָדנע, איבער־רייסן פאַראיינמאָל מיט דעם, וואָס איך בין נאָך פאַרלויפיק שטאַרק פאַרבונדן — וויאַזוי קאָן איך עס טון? אַזש אַ קעלט איז מיר אַרי־בער דורך מיינע גלידער. שווער איז מיר געווען צו געפינען דעם וועג צו מיין בית־מדרש, ווו איך האָב באַדאַרפט נעכטיקן. אמת, אין אייגענעם בית־מדרש איז געווען נאָך אַ בחור, וואָס האָט בייטאָג גע־לערנט מיט התמדה און ביינאַכט, בשתּיקה, געלערנט למודי־חול—אָבער פאַר מיר איז איצטער געלעגן די ברירה אויסצווויילן איינס פון די צוויי. נאָר איינס פון די צוויי

תּחילת איז געווען מיין דעה, איך זאָל מיין וועג ווידער גיין אליין. גראָדנע... ווו איז גראָדנע? ווען האָב איך אין גראָדנע? און ווען אין גימנאַזיע — איז וואָס? צוליב אַ תּכלית? קאָן איך דאָך טון דאָס אייגענע, וואָס מיין טאַטע, וואָס מיינע ברידער טוען... הייסט עס, לערנען צוליב אַ טיפערן זינען; לערנען צוליב קענען; קענען צוליב וויסן... אַ נייער ים שטייט פאַר די אויגן, ווו זענען זיינע ראַנדן? ווו איז זיין אָנהויב? ווו איז זיין סוף?

טעג נאָך טעג פאַרגייען. ס׳ליגט די גמרא אָפן פאַר די אויגן אויפן סטענדער; איך קוק צום ענין, ווו איך האָב געלאָזן, און דער רעיון באַנעמט עס נישט. דער ענין אין דער גמרא ווערט מיר פאַר־פרעמדט, גלייך ווי איך וואָלט פאַרגעסן אַלץ, וואָס איך האָב מיט התמדה ביז איצטער געלערנט.

איך בין צופרידן, וואָס דער זומער הויבט אָן צו פאַרגיין. אין בית-מדרש ווערט מיר דערווידער. איך הויב אָן צומאָל באַדויערן די יאָרן, וואָס זענען אַוועק, און איך — — —

בין איך טאַקע איינער אַזעלכער, פון וועמען פרץ סמאָלענסקין הויבט אָן זיין ספר „התועה בדרכי החיים"? בין איך טאַקע איינער פון די, וואָס בלאָנדזשען אויף די לעבנסוועגן? אַזוי יונג בין איך און שוין אַזוי לאַנג בלאָנדזשע איך אום?...

פונדעסטוועגן זענען מיר ביידע געקומען צו דער הסכמה, אַז פון בריסק באַדאַרף מען אַנטלויפן. איך זאָל פאָרן אַהיים אויף יום-טובים, ביחידות דעם ענין אַרומטראַכטן. ער וועט אויך פאָרן צוריק קיין אָרלע, ווו עס לעבט זיין עלטערע שוועסטער. ער — אין אָרלע אויף אַ ווײַלע, און איך — אויף אַ וויילע אין ליפּעס מיל. ער וועט צו מיר נאָך יום-טוב אַריבערקומען. אויב נויטיק, וועט ער רעדן צו אונזערע און געבן צו פאַרשטיין. און אפשר וועט מען גאָרנישט דער-ציילן, צוליב וואָס מען פאָרט אַזוי ווייט אַוועק. אַזוי אין די מרחקים — אַזש אין דער גובערניע-שטאָט גראָדנע...

טאַקע גאָרנישט נישט זאָגן. ער, יצחק דעם רבס, וועט צו אונז אַריבערקומען. און אַגב זאָל ער זען ליפּעס מיל, מיין היים; אפשר וועט עס אים גאָר געפעלן ווערן; אפשר וועט ער גאָר באַגערן צו בלייבן ביי אונז, איינאיינעם מיט מיר ביי אונזער מיל; לערנען און גוטע מילנער זיין — — —

איז געבליבן, אַיעדערער זאָל אַוועק אויף אַ וויילע און טראַכטן ביחידות: ווייל צוויי הענט האָט דאָס לעבן אויסגעשטרעקט, און שווער איז מיר געווען אויסצודערווײַלן אַ האַנט, וואָס זאָל מיך פירן.

*קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק*

## שנאָרער, בטלנים, מגידים און מטיפים

אין די גאָר ייִנגערע יאָרן האָב איך זיי נישט פאַרשטאַנען; נישט געוווּסט, פונוואַנען זיי קומען אָן גאָר אומגעריכט; נישט גע-וווּסט, ווו זיי ווערן פאַרשווּנדן. וואַנדערנדיקע אורחים זענען זיי גע-ווען. דורך מיין לעבן זענען זיי דורכגעגאַנגען:

שנאָרער, בטלנים, מגידים און מטיפים — — —

ווי וואָלט דאָס אַמאָליקע לעבן אין קליינעם שטעטל אויסגעזען אָן דידאָזיקע פלאַי-פלאַימדיקע פאַרשוינען, וואָס זענען געקומען אין שטעטל אויפמאָנען וואָס זיי קומט, יעדערער נאָך זיין השגה און יע-דערער נאָך זיין חוצפה.

אין די גאָר ייִנגערע יאָרן, ווען איך בין געשלאָפן אין מעליי-טשיטשער בית-מדרש, אַז אַ פרעמדער איז געקומען צו נעכטיקן אין בית-מדרש — האָט ער ביי מיר דעם שלאָף אָוועקגערויבט. האָב איך צומאָל מורא געהאַט צו פאַרמאַכן די אויגן — מאַלע-וואָס דער טשי-קאַווער פרעמדער קאָן נאָך ביינאַכט אָפּטון. ווען אַביסל עלטער, אַז איך האָב שוין געהאַט מוט צו פאַרציען אַ שמועס מיט אַן אורח, וואָס האָט אָפּגענויגט אין שטעטל, אָפּגעקערט אין בית-מדרש אַריין און מיט אַ בליק פון אַן אַלץ-ווייסער, אַלעמען און אַלץ באַטראַכט—אַפילו דעמאָלט איז ביי מיר נישט אַלץ קלאָר געווען וועגן דעם מהות פון דידאָזיקע מענטשן.

געווען צווישן זיי לויטער שנאָרער, אָפּגעריסענע, מיט טאָרבע באַהאָנגען. פון טאָרבע האָט געשלאָגן אַ ריח פון ברויט-זויערקייט און מיט שוויס פון אומריינע פיסטיכער; באַוואַקסענע, מיט פעדערן

אין די האָר, נישט קיין געוואַשענע און מיט אויגן, וואָס האָבן גנביש געקוקט; מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט געהאַט זיין באַהעלטע־ניש אין אַ קאַלטענעוואַטער באָרד און וואָנצעס.

אַזאַ איינער איז אָנגעקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. ער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און געבעטלט מטבעות, ... און געגעסן אויפן וועג, וואָס מען האָט אים געגעבן. אויך אין בית־מדרש האָבן זיינע הענט כּסדר געשנאָרט ביי די דאַוונערס. פאַר אַזאַ איינעם איז אין בית־מדרש אומעטום געווען אַן אָרט; און וואַרעמ־קייט — נישט דווקא ביים אויוון, ווען אַפילו ווינטער. שמאַטע אויף לאַכע; איין צעריסענער בגד אויפן אַנדערן — זיין גוף איז געווען ווייט אָפּגעשיידט פון דער קעלט. אַזוי, אין די זאַכן, אַנידערגעפאַלן, ווו אַן אָרט אַ פרייער. און ווען דער עולם האָט דעם בית־מדרש, אַזוי אַרום האַלבער נאַכט אָפּגעליידיקט — האָט ער געפּרווט אָנצינדן אַ ליכט, און ביי דער ליכט געציילט דאָס אָנגעבעטלטע. איבערגעקוקט דאָס אָנגעזאַמלטע אין טאָרבע און צולעצט, ביים ליכט, אָנגעהויבן זוכן אומפלייט אין בוזעם.

אַזאַ איינער איז געווען אַ צופוסגייער. מיט זיין איבערנעכטיקן אין בית־מדרש, האָט ער, לויט מיין השגה, פאַראומריייניקט דאָס אָרט, געלאָזן אַ שאָטן אויפן אָרט, ווו ער און זיין טאָרבע זענען געלעגן. זיין ריח האָב איך נאָך אים אויפגעכאַפּט אַפילו אין עטלעכע טעג אַרום, ווען געגענט צום אָרט, ווו ער האָט גענעכטיקט.

להיפּוך צו אַזוינעם, איז פון צייט־צו־צייט אָנגעקומען אין בית־מדרש אַן אורח, וואָס האָט מיטגעבראַכט צניעות; האָט מיטגעבראַכט אַ פאַרשעמטקייט אין פּנים. נישט קיין בעטלער, נאָר אַ נצרך, וואָס מוז אָנקומען צו לייטן, כאָטש אַזוי גייט ער שוין אום אַ צען־פופצן יאָר מיט זיין „אָנקומען צו לייטן". ער גייט אָנגעטון ריינטלעך, זיין באָרד איז אויסגעקעמט. די אויגן קוקן נישט גלייך אין פּנים אַריין, די בליקן פאַלן צוליב בושה צו זיינע פיס. ער דאַוונט לאַנג, קוקט אַריין אין אַ ספר, ער וואַרט ביז דער שמש זאָל צו אים צוגיין און פרעגן:

— זייט־זשע מוחל, וואָס באַגערט אַ ייד?

— עפּעס צונויפמאַכן... אַ נשרף... באַדאַרף אויסגעבן אַ טאָכ־טער אין די יאָרן.

נעמט דער שמש פונזיינעטוועגן צונויף ביי די מתפּללים אין

בית־מדרש; אַמאָל טוען עס אַ צווײ באַלעבאַטים, בעטנדיק בײ אַ יעדן מתפלל אַ נדבה. אַמאָל גײט מען אַרויס פאַר אַזאַ אורח וועגן איבערן שטעטל; מען גײט פונזײנעטוועגן פון טיר צו טיר. און דער אורח, ביז וואָס, ביז ווען, גײט אַרום סודותדיק; רעדט ווינציק, קוקט אַרײַן אין אַ ספר און פון צײט צו צײט לאָזט ער פרײַ זײַן שטים, כאָטש די אויגן זענען ערגעץ אַריבערן ספר.

דאָס זענען אורחים, וואָס צווינגען מיך, איך זאָל זײ נאָכקוקן; וואָלט וועלן טרעפן זײער קומען און אַוועקגײן. עס שטופּט מיך אונטער צו פאַרציען מיט אַזאַ ײדן אַ שמועס; צו הערן די שטים פון אַזאַ פרעמדן, וואָס, אגב, בין איך אים אויך מיט עפּעס חושד. צומאָל דוכט מיר, דערדאָזיקער מענטש איז גאָר קײן אָרעמאַן נישט; דערדאָזיקער מענטש האָט ערגעץ אַ הײם מיט װײַב און קינדער. אין זײַן הײמישער שטאָט און הײמישער שטוב איז ער באַרעדעוודיק און לאַכט אויפן הויכן קול. און דאָס, וואָס ער גײט אום איבער דער וועלט - איז נישט מער ווי אויסצופּרוּוון דעם מענטש און די וועלט; אויסצוגעפינען, צי דאָס האַרץ בײַם מענטש איז נאָך ווײך; אויסצוגעפינען, צי עס קלאַפּט נאָך אַ רחמנות־אָדער בײ די קינדער פון פאָלק ישראל. עס דוכט מיר, פון צונויפגענומענעם געלט האָט ער גאָר אַלײן קײן הנאה נישט; דאָס געלט גיט ער אַוועק בסתר צו נצרכים, צו נויטבאַדערפטיקע.

טרעפט, אין שטעטל קומט אַראָפּ אַ צופוסגײער, אַ חצי־בעטלער און חצי־בטלן. אויך ער קומט אַראָפּ מיט פּאַק און טאָרבע; אויך פון אים שמעקט מיט זױער־ברויט — ער קומט אַרײַן אין שטעטל מעשה אײגענער מענטש; נישט בעטלען — נאָר פּאָדערן. אגב, קען ער האַלטן אַ דרשה פאַרן עולם. ער קומט אָן בײַנאַכט, נעכטיקט איבער אין בית־מדרש, און אינדערפרי, בײַם דאַוונען, טוט דער שמש פּלוצלינג אַ קלאַפּ אין באַלעמער און איז מודיע: „מען בעט דעם עולם קומען צו מנחה, וואָרום נאָך מנחה וועט אַ מגיד זאָגן".

דער מגיד איז בײטאָג שוין געוועזן אין שטעטל. האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ עטלעכע הײַזער — ער קען נישט הונגערן. ער ווײסט דעם טעם פון גבירישן מאָלצײַט און ער מאַכט נישט אַוועק מיט דער האַנט, אויב ער קריגט זײַן מאָלצײַט בײ אַן אָרעמען טיש. ער איז רעדעוודיק; פאַרוואַרפט אַ פּאָר ווערטער מיטן בית־מדרשניק, ווי יונג ער זאָל נישט זײַן; דערצײלט פון שטעטלעך, ווו דער עולם

האָט אַן אָפּענע האַנט און פון שטעטלעך — ווו די באַלעבאַטים זענען קמצנים; אַן עבירה, וואָס מען קערט גאָר אָפּ אין אַזאַ שטעטל.

צווישן מנחה-מעריב, אַזאַ מגיד, ווען ער שטייט אויף דער בימה און מוסרט דעם עולם, וואָס זיצט מיט אַן אונטערגעשפּאַרטער גאָמבע און הערט ווי, עס טריפן דעם מגידס ווערטער אין די אויערן — יאָ, דער עולם הערט אים אויס און ווערט נישט בעסער און ווערט נישט פרימער. אַן וואַרעמקייט וואַרפט דער צוהערער שפּעטער די מטבע אין טעלער אַריין, ווען דער שמש זשעבערוועט פאַרן מגידס וועגן. דאָס זענען וואָכעדיקע מגידים. ווען אפילו זיי בלייבן איבער שבת אין שטעטל און זאָגן זייער דרשה שבת בייטאָג — גיבן זיי צום שבת גאָרנישט נישט צו. ברענגען זיי גאָר אַריין אַ שלעפעריקייט אין עולמס מוח, וואָס איז אַזוי אויך שווער און פאַרקוגלט געוואָרן פון שבתדיקן טשאָלנט.

און ס'קומט אויך אין שטעטל אַריין אַ פלאַם-פייערדיקער מגיד; אַ רויטער, צי אַ שוואַרצער; אַ בלאָנדער, צי אַ גרויער — אָבער מיט אויגן ברענעדיקע און מיט קנאות אין בליק. נישט קיין געלט קומט ער מאָנען, נאָר שטראָפן די זינדיקע וועט ער. נישט קיין בעטלער איז ער — צו וועקן די, וואָס האָבן איינגעדרימלט און פאָפן אָוועק דעם פינסטערן גלות — צו זיי איז ער געקומען.

אַז ער רעדט צום עולם — רעדט ער נישט צו היינטצייטיקע מענטשן. ער אַליין איז אויך פון פאַרגאַנגענע דורות אַרויסגעקומען. צייט און אָרט איז פאַר אים נישט באַשטימט. פעלקער, צייט און אָרט — ס'איז פאַר אים בלויז אַ דוגמא, אַ משל און נישט מער.

— וואָס שלאָפט איר, יידעלעך, ווען דער ים טרייבט זיינע אינדן איבער אייערע קעפּ?

— וואָס שלאָפט איר, יידעלעך, ווען די זינד האָבן שוין באַלד חרוב געמאַכט די יסודות פון דער ערד?

— וואָס כראָפּעט איר, יידעלעך, ווען די בת-ציון יאָמערט און קלאָגט אויף איר וויסטן גורל?...

דאָ האָבן שוין יידעלעך נישט געשלאָפן, בשעת דער מגיד און מטיף האָט געדרשנט. וואָרום גאַנץ אָפט האָט אַ קללה אַ בליץ געטאָן ביים מגיד אויף די ליפּן. גאַנץ אָפט האָט דער מגיד מיט אַ פייערדיקער בייטש אַ פּאַך געטאָן איבערן נאַקן פון די „פּעפּער" און „זינדיקע"

פאַר אַזאַ איינעם זענען אַ פּאָר חשובע באַלעבאַטים געגאַנגען איבערן שטאָט צונויפנעמען. פאַר אַזאַ איינעם האָט מען געגעבן מיט אַ האַרץ-קלאַפּ.

— האַ, דאָס איז דאָך פאַרן מגיד, וואָס האָט נעכטן געזאָגט... געהערט, אַז פערל האָבן זיך געשאָטן פון זיין מויל. מען שמועסט, אַז דאָס איז געווען עפּעס גאָר נישט שייך.

— האַ, פונזיינעטוועגן, מיין מאַן האָט אייך שוין אוודאי געגעבן, זייטשע מוחל, נעמט ביי מיר אויך אַ פּאָר גראָשן.

זעלטן-ווען איז אָנגעקומען אַן אורח, וואָס איז אומגעגאַנגען איבער דער וועלט, אַ שטראָף מקבל געווען פאַר אַ חטא, וואָס ער האָט פאַר קיינעם נישט מגלה געווען. אַ גלות-אָפּריכטער, וואָס איז געטריבן געוואָרן אַלץ ווייטער און ווייטער פון אייגענעם שטעטל און אייגענער היים.

— פונוואַנען איז אַ ייד?

— פון ווייט; ביי אייך האָט מען דעם נאָמען פון אַזאַ שטעטל נישט געהערט.

— האָב שוין אַליין פאַרגעסן, ווי מיין שטעטל האָט געהייסן.

— די גאַנצע וועלט איז איצטער איין שטעטל — טאָ וואָס איז דער חילוק, ווי דאָס שטעטל הייסט?

אַזאַ איינער האָט דורכגעצויגן דורך בריסק, דורך מיין ליסקער בית-מדרש און איז געבליבן עטלעכע טעג אין מיין בית-מדרש. ער האָט געלערנט גמרא מיט אַזאַ פרעמדן ניגון, וואָס האָט אַזוי ווינציק יידישקייט געהאַט. אַ יונגערמאַן איז דאָס געווען, וואָס האָט זיין טונקל-ברוין בערדל כסדר געצופּט, צוליב וואָס זיין בערדל איז גע-ווען ווי אַרומגעשטשיפּעט. זיינע פּיאות האָט ער אַזוי געהאַלטן, וואָס האָבן געקענט אויסזען אי קורץ, אי לאַנג.

אין אַ משמר-נאַכט, אַרום פאַרטאָג, ווען דער שלאָף האָט אָפּ-גענייגט דעם געדאַנק פון דער גמרא און געטראָגן צום זומערדיקן דרויסן, האָט דערדאָזיקער ייד, אויך אַ וואַכער צוליב דער זומער-נאַכט — מיט שטילע טריט איז ער צו מיר צו און אָנגעהויבן אויס-רעדן זיין האַרץ.

— איך בין געווען אין פּאַריז. אַ זינדיק פאָלק לעבט אין פּאַ-ריז. אַ זינדיק פאָלק — אין זנות איז דאָס פאָלק פאַרקאָכט... געווען אויך אין ירושלים; וויסט און אָפּגעלאָזן איז ירושלים. מען קען

דאָרט פאַרנעמט אַ געיאָמער פון שאַקאַלן. מען קאָן אויך פאַרנעמען דאָס געוויין פון דער בת-ציון... איך בין אויך געווען אין בערלין – דער דייטש איז אַ חכם-מחוכם און האָט פיינט דעם ייד... און דו ווילסט טאַקע ווערן אַ רב? בעסער נישט. שוין נאָך אַלעמען. די תורה איז שוין געגליכן צו אַן אָפּגעניצעוועטן בגד, וואָס מען האַלט שוין מער נישט בכבוד...

ווען ער איז אויף מאָרגן אַוועק – האָט ער ביי מיר איבער-געלאָזן אַ פאַרבאָרגענעם סוד. אַ נישט-אַנטפּלעקטן סוד. פּאַריז... ירושלים... זנות און דאָס געוויין פון דער בת-ציון.

– ווער איז ער אַליין? פאַרוואָס האָט ער אַזוי גוט פאַרשטאַ-נען, אַז כאָטש איך לערן בהתמדה, פונדעסטוועגן קלער איך נישט צו ווערן אַ רב.

ס'האָט מיר אויסגעוויזן, אַז דערדאָזיקער פרעמדער, וואָס איז געווען אפשר דריי מאָל עלטער פון מיר – ער האָט צו מיר געהאַט אַ שייכות. איך שפּיר צו אים אַ קרובהשאַפט. איך ווייס איך וועל ווערן עלטער – אפשר ווי ער, וועל איך אויסזען; ווי ער, וועל איך אומוואַנדערן מיט אַ סוד איבער דער וועלט. טרויעריק איז מיר געוואָרן נאָכדעם, ווי דערדאָזיקער ייד איז אַוועק. אַ געעלטערטער בין איך געווען אַ צייט נאָכדעם, ווי ער איז אַוועק.

אָ, וויפל מאָל האָב איך אַליין געלעבט – גאָר נישט מיט מיי-נע קינדערשע יאָרן! וואָס האָט טאַקע די יוגנט מיט מיר פאַר אַ שייכות? צי דען האָבן מיך די יונגע יאָרן אָפּגעשיידט פון די על-טערע מענטשן אין בית-מדרש? די פרעמדע אורחים, די דורכגייער, וואָס האָבן אָפּגעקערט אין מיין בית-מדרש, זיי האָבן נאָר געוועקט ביי מיר דאָס געפיל, אַז מיט זייער גורל איז אויך מיינער פאַר-בונדן. אַזוי גיי איך אויך פון שטאָט צו שטאָט; איך גיי איבער די הייזער... זיבן הייזער אַ וואָך, צו וועלכע עס פירן מיך מיינע נישט-דרייסטע טריט.

אין אַזעלכע רגעס האָט מיין דמיון אויפגעיך אויפגעזוכט ליפּעס מיל, ווו איך בין דערוויל נישט קיין פרעמדער און נישט קיין בעטלער... ווו, כאָטש שוין אַ דערוואַקסן בחורל – טו איך נאָך יינגלש אַ לאָף, יינגלש אַ שפּרונג און קלעטער נאָך צומאָל אַרויף אויף אַ הויכן בוים, פון דאָרט צו באַטראַכטן די וועלט אַרום.

אָבער אַלץ אָפטער און אָפטער האָבן דידאָזיקע אורחים, מיט זייער קומען און אַוועקגיין, פאַרטראָגן מיין היים אַלץ ווייטער פון ליפּעס מיל. דידאָזיקע פרעמדע און אורחים האָבן סוף-כּל-סוף מיר באַוויזן: אַז „די וועלט איז גרויס"... מיטן געדאַנק בין איך זיי נאָכ-געגאַנגען, באַגלייט זייער גאַנג אין די פרעמדע אומבאַקאַנטע וועלטן.

## *קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק*

# אוועק איז די פרייד פון מיין היים

איך בין באַצייטנס געקומען פון בריסק אַהיים. אַ שווערער איז געלעגן דער סוף זומער אַרום ליפּעס מיל. די שטענדיקע אַלולדיקע מידקייט אויף די ווערבעס איבערן סטאַוו; די ברייט־אָפּגעדעקטע, אָפּגעלעבטע לאָנקעס, וואָס פאַרלויפן ביז צום מערב־ראַנד, און דער פאַרבענקטער גערויש פון וואַסער אונטער די רעדער; אַ געמיש פון אַלטע און יונגע עופות אַרום שטוב און דאָס קרייען פון אַלטע, געפּרוּווטע הענער און יונגע הענער, וואָס פּרוּוון אויס די שטים. — — די היים — — —

איז מיין היים געעלטערט געוואָרן אינאיינעם מיט טאַטע־מאַמע, אינאיינעם מיט די קינדער, וואָס האָבן שוין פון מיל אַרויסגעצויגן אין שטעטל אַריין?

יאָ, די יאָרן האָבן אָנגעלייגט זייער וואָג אויף ליפּעס מיל. איינגעקאָרטשעט איז פאַר די יאָרן געוואָרן ליפּעס מיל, און איעדעס מאָל, ווען איך שטיי פונוויטנס און באַטראַכט די שטוב, די מיל אויף די סלופּעס איבערן וואַסער — וואַכט אויף אין האַרצן די קלעמעניש.

פאַרוואָס האָב איך איצטער אַזוי ווייניק פון וואָס צו רעדן מיט אונזעריקע? פאַרוואָס קוקט אויף מיר דער טאַטע צומאָל מיט אַ באַדויערן? צי זאָגט אים אונטער זיין חוש, אַז פּרץ, זיין געראָטענער זון, וואָס באַדאַרף ווערן אַ רב — איז אַראָפּ פון גלייכן וועג, און דעריבער איז ער אַזוי באַצייטנס געקומען אַהיים?

די מאַמע איז דאָך אַ מאַמע. זי וואָלט דאָך סיי־ווי באַגערט, די קינדער זאָלן תמיד זיין צוגעקלעפּט צו איר זייט. ווען אַ קינד

זאָל נישט קומען אַהיים, פונוואַנען אַ קינד זאָל נישט קומען אַהיים— איז דאָך עס אָנגעלייגט. בפרט איר קינד, וואָס פאַרענטפערט איר שוין צומאָל אירע ספיקות; בפרט איר קינד, וואָס טרעט אַ שטעג צו דער ווייט, ווו איר מהות בלאָנדזשעט גאַנץ אָפט.

— ווי לעבן מענטשן אין דעם גרויסן בריסק, און צי האָט דאָרט איין מענטש אויפן אַנדערן אַן אויפזען?

— וואָס מיינסטו, מיין קינד, איך וואָלט נישט געוואָלט אַ קוק טון, ווי עס לעבן מענטשן אויף דער וועלט?

פאַר איר האָט עס אויסגעזען, אַז אַ קינד אויפדערפרעמד, אויסער דעם, וואָס עס לערנט גמרא — ווערט עס נאָך באַקאַנט מיט דער גרויסער וועלט.

מיט אַ ביסל חשד האָבן אויף מיר געקוקט די שטעטלשע לייט, ווען אין בית־המדרש, ווען אפילו מיין שטים האָט געקלונגען ביי דער גמרא. מען האָט איבערגעוואָרפן דעם חשד פון מזרח ביז צום הינטערן־אויוון, און פון הינטערן־אויוון ביז אין מאַרק אַריין:

— פרץ ליפעס קוקט שוין אַריין אין טריף־פסולען.

די ביימער פוןביידע זייטן וועג; דאָס וואַסער פון סטאַוו, פאַרשאָטנט אַהינטער די אייגענע ברעגעס; די קאַטשקעס אויפן סטאַוו, וואָס ציען פאַרביי, אַוועקשאפלענדיק דאָס וואַסער מיט די רויטע פלוספיסלעך; די ברייטע בלעטער פון די וואַסער־ליליען אויפן וואַסער — אַלץ, אַלץ רעדט צו מיר אַן ווערטער, און מאָנט אַ פאַרענטפערונג פאַר מיין אַוועקגיין פונדערהיים זומער נאָך זומער. איצטער זע איך, וואָס עס מיינט, נישט אָנהויבן דעם פרילינג אינאיינעם מיט דעם אַרומיקן דרויסן; נישט אָנהויבן דעם פרילינג אינאיינעם מיט די ביימער, וואָס האָבן, שווערגעלאָדענע מיט אינעווייניקסטער חיונה, אַרויסגעפלאַצט צום דרויסן מיט קנאָספּן און פעטע בלעטער. איצטער זע איך, ווי איך האָב געצומען בידים און אַליין אויסגעוואָרצלט מיינע וואָרצלען פון היימישן גרונט; אַליין איבערגעריסן מיין קשר מיט דעם פייכטן און באַגראָזטן גרונט, וואָס האָט מיך קינדווייז אַזוי מקרב געווען.

אַמאָל איז מיר ליב געווען אַיעדעס גרעזעלע, אַיעדע שפּראָצונג, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער ערד פרילינג און אָנהויב זומער אַרום אונזער מיל און לאָנקעס דערביי. אַלץ איז געווען נויטיק. אַלץ האָט פאַרשענערט דעם זומער. אַלץ, וואָס האָט פון דער

ערד געשפּראָצט, האָט צו מיר געוווּנקען, איך זאָל פון דעם האָבן די פולע מאָס תענוג. איך האָב געשעפּט תענוג מיטן פולן מויל, זופּנדיק דאָס וואַסער פון אונזער טייך. האָב אָנגענומען פאַר גוטס די פליגן־כמאַרעס, וואָס האָבן זומערלעב געזומט אַרום שטוב און פול געמאַכט די ד׳ אמות אין שטוב. אַ פליג האָט נישט בייז געטון, ווען אפילו אַריינגעפאַלן אין עסן אַריין; פליגן האָבן קיין בייז נישט געטון, ווען זיי האָבן אַרומגעזוימט דעם טעלער־ראַנד, בעת איך האָב געגעסן מיינע מילכיקע פאַרפל מיט קאַרטאָפליעס. איך האָב געדולדיק אויפגענומען די קאָמאַרעס, וואָס האָבן גענאָגט פון לייב אַרויס, וויפל זייער פאַרלאַנג איז געווען. ווען מען איז זומערלעב געשלאָפן דרויסן פאַר דער שטוב, און אויף צומאָרגנס איז מען אויפגעשטאַנען צעביסן און צעבלוטיקט פון קאָמאַרעס — האָט עס געהערט צום געזונטן שלאָף און שיינע חלומות... אָ, דאָס איז געווען אַמאָל, גאָר אַמאָל — — —

איצטער, סוף־זומער, קומענדיק אַן אינעוויינִיקסטער אפּיקורס, מיט אויגן אין דער ווייט פאַרטראָגענע, מיט אַ האַרץ, וואָס מאָנט און נאָגט, מיט אַ שכל, וואָס איז שוין פאַרפירט געוואָרן פון רויקן ברעג — איצטער האָב איך גאָר אָפּט געטראָטן דעם היימישן אויסגעטראָטענעם שטעג, ווי אַ פרעמדער. די שטעגן, וואָס האָבן פון ביידע זייטן גרעבליע געפירט פון מיל אין שטעטל אַריין; שטעגן, וואָס טריט פון ליפּע דעם מילנערס הויזגעזינד האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס אָפּגעפרישט — אויף דידאָזיקע שטעגן האָב איך פלוצלונג אָנגעווירן מיינע אייגענע טריט. מעשה־מפונק געטראָטן דעם שטעג. ווען אַ בלאָטקעלע — איז שוין נישט געווען ניחא. ווען די האַנט, זוכנדיק אַ פאַרשפּעטיקטע מאַלינע אין די קאַרטשעס, האָט גאָר געכאַפּט אַ ברי פון קראָפּעווע — איז דאָס אוודאי נישט געווען מער ניחא. דער באָרוועסער טראָט איז געוואָרן אַ גאַנצער מפונק און האָט נישט האָלד געהאַט קיין שטויב; האָט נישט האָלד געהאַט קיין פאַרטריקנטע בלאָטע אויף דער הויט.

פונדעסטוועגן איז דאָס געבליבן מיין אייגענע אומצופרידנקייט; געבליבן מיין אייגענער סוד. די פּאָר וואָכן פאַר ראש־השנה, ווי אין די ייִנגערע יאָרן, ווען אַלע קינדער זענען נאָך געווען אין שטוב, אַזוי אויך איצט, האָב איך צַרויסגעהאָלפן ביי דער שטוב, אַרויסגעהאָלפן ביי דער מיל. דער ברודער משה איז געווען, ווי דער שטייגער, ביי זיין אַרבעט אַרום ביאַליסטאָק, אַ מאַלער ביי דער אייזנבאַן.

דער טאַטע האָט געהאַלטן אַ יונגן שייגעץ, וואָס זאָל אים אַרויסהעלפן פון מיל האָט עס נישט געצויגן מיט דער אַמאָליקער פריילעכקייט, בשעת די קלאַפּערלעך האָבן געקלאַפּט אינעווייניק אין מיל.

דער געריוש פון וואַסער אונטער די וואַסער-רעדער האָט צו־מאָל געשטראָפּט און אויפגעוואָרפן:

— אַ שיינער לייט פון דיר געוואָרן; אַוועק טוייקענען, קנייטשן די באַנק און בלעגדן די אויגן אין נישט-געשטויגענע ספרימלעך.

ס'איז ראש-חודש אלול. דעם טאַטן וועגט אַראָפּ דער ימים־נוראימדיקער געפיל. אָפטער דערמאָנט ער דאָס, וואָס די קינדער זע־נען נישט מער אין שטוב. אָפטער דערמאָנט ער דעם ברודער משה און קלערט, צי וועט ער טאַקע קומען אויף ראש-השנה אַהיים. וואָלט גוט געווען, ווען כאָטש די געבליבענע קינדער זאָלן זיין אינדערהיים.

די אַכטיאָריקע שרהלע גייט אין בעבלס וועגן, ווען יענע איז יונג געווען. איז אויך ווי אַ פלאַנץ צווישן פלאַנצן און צומאָל — ווי אַ פויגל צווישן די ביימער. ספריטנע, שפרינגעוודיק, אומעטום פול. ס'איז דאָס איינציקע שטיק נאַטירלעך, אויפגייענדיק לעבן אין שטוב און אַרום שטוב.

דאָס שטעטל קומט צו ליפּעס מיל איצטער נאָכמער ווי אַמאָל עס קומט צום קלאָרן וואַסער הינטער די רעדער. שטעטלשע יונגע־לייט, וואָס איך קען זיי נישט אַזוי גוט; צומאָל קומען חשובע באַ־לעבאַטים, וואָס גייען מיר זייער ווינציק אָן. זיי קומען צו ליפּעס וואַסער, אָבער נישט צו ליפּע דעם מילנער. יונגע מיידלעך, וואָס זענען געקומען צו בעבלען, ווען זי איז אַ מיידל געווען, געקומען טאַנצן און זינגען און שפּאַצירן איבער די לאָנקעס — זיי זענען שוין אויך פאַר די עטלעכע יאָר שווער געוואָרן, געזעצט געוואָרן — ווי מיין זינגעוודיקע און טאַנצנדיקע שוועסטער בעבל, וואָס איז שוין אַ מאַמע פון אַ פאָר קינדערלעך אין שטעטל און אַ באַלאָדענע מיט אַלערליי זאָרגן.

דער עלטערער ברודער בנימין חיים, דער פרומער ברודער קלמן — זיי לעבן אין שטעטל. יידן פרומע, באַזאָרגטע, לאַנג־בערדיקע מיטאַמאָל געוואָרן — ווי גאָר נישט פון ליפּעס מיל זענען זיי אויפגעקומען. ווי גאָר נישט זיי האָבן געטרונקען פון אונזער טייך; ווי גאָר נישט זיי האָבן ווילעריש אַמאָל אַ שפרונג געטון, אויף אַ בוים געקלעטערט און געקלאַפּט מיט אַ שטעקל אין אַיעדן

בוים, גייענדיק מיטן גרעבליע, אויפצוּוועקן די ביימער פוּן זייער פאַרטראַכטקייט.

אוּרטשע פוּן דאָרף פּראָבי, וואָס האָט, ווי זיין שטייגער, זוּמער געהאַט זיין וועג „איבער די בלאָטעס", ווען ער איז פוּן זיין דאָרף געגאַנגען אין שטעטל אַריין — זיין ברייטע, געלע באָרד איז גרוילעך געוואָרן, און ס׳פּנים איז אין באָרד באַהאַלטן. ווי דער שטייגער, גייט ער נאָך איצטער אויך מאָנטיק צוּם קלעטשטשעלער מאַרק; אַ באָרוועסער קוּמט ער אָן צוּ ליפּעס מיל מיט די שטיוול אויפן אַקסל; אין וואַסער הינטער דער מיל וואַשט ער אַרוּם זיינע פאַרבלאָטיקטע פיס, טוּט אָן די שטיוול, איידער ער קוּמט אַריין צוּ ליפּען זאָגן „אַ גוּטנמאָרגן".

איצטער, פאַר ימים-נוראים, איז מיט אוּרטשען פאַרלאָפן אַ גאָר אויסטערלישע זאַך. דווקא פאַר ראש-השנה איז דאָס מיט אים פאַרלאָפן. דווקא ביי ליפּעס מיל. מעשה-שטן איז דאָס געווען, ער זאָל דאָ-אַרוּם, „איבער די בלאָטעס" קוּמען און באַגעגענען דעם שטן אַליין אין געשטאַלט — — —

אַזאַ מעשה.

מיין מוּמע רבקה, דעם פעטער אברהם משה דעם מילנערס ווייב, זי און נאָך אַ יידענע זענען געקוּמען צוּ אוּנז. אַ הייסער בייטאָג איז דאָס געווען, כאָטש אַ סוף-זוּמערדיקער. זענען די ביידע ווייבער אַוועק הינטער דער מיל, ווּ דאָס וואַסער איז לויטער און פריש. אַפנים, ס׳האָט זיי שוין געצויגן, ווּ ס׳איז טיפער. און ס׳האָט די צוויי ווייבער אַריינגעצויגן אין קעסלגרוּב אַריין, נעבן די סאָמע וואַסער-רעדער. אָט-אָט וואָלטן זיי ביידע דערטרוּנקען געוואָרן, און אַ האָן וואָלט אַפילוּ קיין קריי נישט געטוּן.

איז פּוּנקט אוּרטשע פּראָביער אָנגעקוּמען פוּן זיין דאָרף פּראָבי, געקוּמען „איבער די בלאָטעס", פאַרבלאָטיקט די פיס ביז צוּ לענדן; געטראַכט אַרוּמוואַשן די פיס, אָנטוּן די שטיוול, איידער ער וועט אַריין צוּ ליפּען אין מיל, זאָגן גוּטנמאָרגן און אַרוּמרעדן די קוּמענדיקע ימים-נוראים — זעט ער גאָר, ווי צוויי נשים האַלטן ביים דערטרוּנקען ווערן. נאַקעטע נשים. נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט.

תּחילת איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן. עפּעס אַ קלייניקייט — נאַקעטע ווייבער — ווי קאָן מען עס גאָר?! אָבער פּיקוּח

נפש, איין קליי‌ניקייט, בפרט יידישע קינדער. כאָטש פאַר ימים־נוראים... און אפשר דווקא — ווייל פאַר ימים־נוראים...

אַוודאי האָט אורטשע די צוויי ווייבער אַרויסגעראַטעוועט. צוויי נאַקעטע ווייבער האָט ער פון וואַסער אַרויסגעצויגן און אַנידערגע־לייגט אויפן גראָז דערביי און מודיע געווען ביי ליפּען אין שטוב. קיין סכנה נישט געווען. ער איז אינדערצייט געקומען און אַרויסגע־צויגן די ווייבער פון מלאך־המותעס הענט.

אָבער אורטשע — ער איז געזעסן ביי אונז אין שטוב, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים, אַ באַרוועסער, די הויזן פאַרקאַשערט ביז אי־בער די קני און בלאַס, ווי די וואַנט. מיט מיין טאַטנס צושטימונג האָט ער אָנגענומען די שטראָף: אַ חודש צייט פאַסטן מאָנטיק און דאָנערשטיק. איז אים אַביסל גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט אָנגעטון די שטיוול און אַוועק, בשעת דער טאַטע האָט אים מיט זאָרג נאָכגעקוקט דורכן פענסטער.

איז מיר ווידער אַרויפגעקומען יהודה לייב גאָרדאָן אויפן זינען; יהודה לייב גאָרדאָן און זיינע שפּאָט־לידער. כאָטש מיין מאַמע האָט נישט תופס געווען, מיט וואָס אורטשע איז דאָ באַגאַנגען אַ חטא. כאָטש מיין מאַמע האָט בכלל נישט תופס געווען, מיט וואָס נאַקעט לייב איז מיאוס — — — מיין מאַמע, וואָס האָט בגנבה פאַרביטן אויף איר אייגענעם טייך די שטעטלשע, שמוציקע מקוה — האָב איך געגלוסט צו דערציילן איר פון יהודה לייב גאָרדאָן, און ווי אַזוי ער לאַכט אָפּ פון אידישע זאַבאָבאָנעס; ווי ער באַקלאָגט דעם גורל פון דער יידישער פרוי. געטראַכט עס צו טון און פאַרט עס באַהאַלטן: נישט געוואָלט אויפדעקן מיינע דרכים פאַר די אייגענע.

דאָסמאָל, אינדערהיים, האָב איך גאָר אומדערוואַרט געטראָפן דעם טאַטן, ווי ער וויינט אויס ליבשאַפט צו די קינדער:

דער ברודער משה האָט מודיע געווען, אַז ער קומט אויף ראש־השנה אַהיים. דעם פרייטיק פאַר ראש־השנה וועט ער קומען. מיט דער פאַרנאַכטיקער באַן וועט ער אָנקומען — מיט דער באַן, וואָס לויפט פון ביאַליסטאָק קיין בריסק.

זענען מיר אַלע אַרויסגעקומען צו דער אייזנבאַן אַנטקעגן מיל, אויסצוקוקן דעם צוג, וואָס באַדאַרף דורכלויפן, און דער ברודער משה וועט אוודאי שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע דרויסן און אַרויסקוקן צו אונזעריקע, אַרויסקוקן צו דער היים, איידער דער צוג, דורכמאַכנדיק

די פּאָר וויערסט, וועט אָנקומען צום וואָקזאַל. אַלע, אַלע זענען מיר אַרויסגעקומען צו דער אייזנבאַן.

דער צוג איז פאַרבײַגעלאָפן, און משה האָט צו אונז נישט אַרויסגעקוקט.

— הייסט עס, מען לאָזט אים נישט אָפּ אויף יום־טוב אַהיים. אַזוי ווערט מען אַ קנעכט בײַ יענעם — האָט די מאַמע באַדויערט.

דער טאַטע האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַן אַלשענעם בוים, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — טרערן האָבן געטריפט פון די אויגן.

דער ברודער משה איז נישט געקומען אויף ראש השנה; האָט באַפוילן, אַז אויף סוכּות וועט ער קומען. האָט מען מיט גאָר אומעטיקע פּנימער באַגעגנט ראש־השנה. כאָטש פּרץ איז געקומען פון בריסק אַהיים — האָבן דאָך טאַטע־מאַמע געוווּסט, אַז נעבן זיי איז זײַן היים שוין נישט מער; האָבן מיטן דמיון געוואָלט דערגיין, אין וואָס פאַר אַ ווײַטער וועלט וועט זייער קינד באַלד נאָך יום־טובים אַוועק.

זייער אומעט האָט מיך געדריקט; דער אייגענער אומעט, וואָס איז שווער געלעגן אויפן סוף זומער אַרום ליפּעס מיל.

*קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק*

# מיר פאָרן זוכן סטודענטן

צו פּרי איז דער רעגנדיקער האַרבסט אָנגעקומען און צעווייקט די גרעבליעס אַרום ליפּעס מיל. מען האָט שטאַרק באַדאַרפט טופּען מיט די פיס, כדי אַראָפּצעטרייסלען די צוגעקלעפּטע בלאָטע צו די שטיוול, איידער מען האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון שטוב. גלייך נאָך סוכות איז דער הימל נידעריקער אַראָפּ, אַריבערגעהאָנגען די גרויע וואָלקנס איבער דער געגנט.

אויף אַזאַ פאַררעגנטן שבת נאָך יום־טובים איז מיין חבר, יצחק דעם רבס, אַראָפּגעקומען צוגאַסט צו ליפּע דעם מילנער; אַראָפּגעקומען צו העלפן זיין יינגערן חבר, פּרץ ליפּעס — ער זאָל מיט אַ גרינגער האַרץ אַוועק אין מרחקים, אַזש קיין גראָדנע, די גובערניע־שטאָט, וואָס איז לויט אונזערע באַגריפן געלעגן ערגעץ וויַיט — עק וועלט.

אין שטוב ביי אונז האָט מען אויף אים געקוקט מיט חידוש. אַזאַ קליינגעוויקסיקער און מיט אַזאַ הויכן שטערן. אַזאַ קליינגעוויקסיקער און מיט אַזאַ מענערישער שטים. ער רעדט מיט אַ רבנישער זיכערקייט; אַזאַ אויסגעאיידלטער, אויסגעצערטלטער. זיינע רייד האָט מען ביי אונז אין שטוב יאָ פאַרשטאַנען און נישט פאַרשטאַנען. זיין חברישע באַנעמונג מיט מיר האָט פונדעסטוועגן אַרויסגערופן צופרידנקייט. כאָטש אַ רעטעניש איז געווען פאַר טאַטע־מאַמע אונזערביידנס צוקונפטיקע נסיעה קיין גראָדנע.

— צי קאָן מען דען נישט לערנען אין אַ בית־המדרש נעענטער צו דער היים? — האָט דער טאַטע געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— נאכסאָל טאַקע אַזוי ווייט אַוועק, מען זאָל צומאָל אויף יום-טוב אַהיים נישט קאָנען קומען? — האָט די מאַמע געזאָרגט.

דעם גאַסט האָט מען צוגעזען. פאָרט אַ בן הרב; אַזאַ אויסטערלישער מענטש. די מאַמע, וויסנדיק, אַז ער איז אַ יתום, האָט זי פאַר די פאָר טעג געוואָלט, דער גאַסט זאָל שטאַרקער ווערן, כאָטשבי אַ ביסל אונטערוואַקסן. די מאַמע האָט באַמערקט זיין אומבאַהאָלפנקייט און האָט באַדויערט — הלמאי אַ לערנער באַדאַרף זיין אויסגעווייקט און אַ חלוש. יצחק דעם רבס איז אַ פאָר מאָל אין מיין באַגלייט אַרויסגעגאַנגען צו באַטראַכטן דעם אַרום-מיל. ער איז אין מיל אומגעגאַנגען, און איך האָב אים דערקלערט דעם שכל ווי אַזוי אַ מיל מאַכט מעל. ער האָט מיט אַ געוויסן דרך-ארץ באַטראַכט די שטויביקע שטאַרקע מענטשן. ער איז אומגעגאַנגען צווישן די אָן-בלעטערדיקע, האַרבסטיקע, טונקלשטאָטיקע אָלשענעביימער און האָט נאָך אויסגעזען אַ סך צאַרטער און אַ סך קלענער. אים איז געווען אַ חידוש אויסצוגעפינען, ווי מיין היים איז שטאַרק אָפגעזונדערט פון דער וועלט; אַזוי זעלטן קומט אַ מענטש צו אונז; אַזוי ווינציק רעדט מען ביי אונז פון עמעצן, און אַזוי אָפט פאַלן די שטויב-לייט אַריין אין אַ שטילשווייגן.

ביי אונזביידן איז געווען אָפגערעדט, מיר זאָלן דעם ציל פון אונזער נסיעה קיין גראָדנע פאַר די שטויב-לייט נישט אַנטפּלעקן. עס זאָל הייסן: — אין אַ ווייטער שטאָט לערנט מען מיט מער התמדה; וואָס ווייטער פון דערהיים — אַלץ טיפער און ווייטער פאַרשווימט מען אין ים-התלמוד. אפשר וועט מען פון דאָרטן אַוועק אין וואָלאָזשינער ישיבה; און אפשר גאָר קיין ווילנע... די נעמען פון די ווייטע און גרויסע שטעט האָבן אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג און זאָרג אויף די פנימער פון טאַטע-מאַמע און עלטערע קינדער. ביי מיין חבר און ביי מיר אַליין איז אין אמתן נאָך אויך נישט גאָר קלאָר געווען, פאַרוואָס מען האָט אויסגעקליבן גראָדנע; צי טאַקע נאָר דערפאַר, וואָס מען האָט אין בריסק געשמועסט, אַז דאָרטן, אין גראָדנע, קומען סטודענטן אין בית-מדרש אַריין און בשתיקה לערנען זיי מיט די קלויזניקעס אַלע שבע חכמות?

אין שטוב איז געוואָרן נאָך אומעטיקער, ווען דער פאַרכמאַרעטער, פאַרעגנטער שבת איז אַריבער, און איך האָב גענומען פאַרפעסטיקן די לעדערנע זאַוויצעס פון מיין אַליין-געמאַכטן קופערטל.

בעבל, וואָס האָט שוין געוווינט מיט איר מאַן אין שטאָט, איז אײנ־
איינעם מיט איר מאַן דעם שבת געווען ביי אונז. דעוי ברודער
בנימין חיים, קלמן מיטן זיין ווייב זענען געקומען פון שטעטל. דער
ברודער משה, וואָס האָט דעם גאַנצן זומער באַמאָלן די סיגנאַל־
צייכנס ביי דער אייזנבאַן, ער איז געקומען ווינטערן אַהיים. אַלעמען
האָט עס אַרומגעכאַפּט אַן אומבאַגרייפלעכע אויפגערונג. נאָר דער
ברודער משה האָט מספּים געווען, אַז קלוג טוט מען, ווען מען פאָרט
גאָר ווייט אַוועק פונדערהיים. ער האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון
דער פרעמד און ער האָט מקנא געווען מיין איצטיקע נסיעה.

אַפּנים, מיינע ווייטערדיקע וועגן פון דער היים זענען געווען
אָנגעצייכנט; זיי אָפּצוניייגן אין אַן אַנדער ריכטונג, נעענטער צו דער
היים, איז געווען אוממעגלעך. איז דעריבער פאַר די שטובלייט אויס־
געקומען בלויז צוצושאָקלען מיטן קאָפּ, וועלנדיק אויסגעפינען מיטן
דמיון די ווייטע וועלטן, וווהין אייגן בלוט, אַן אייגן קינד באַדאַרף
פאַרוואָרפן ווערן. מען איז יענעם האַרבסטיקן שבתצונאַכטס שפּעט
געזעסן. אַ סך גערעדט און גאָרנישט גערעדט; אַ סך געשוויגן און
גאָרנישט דערגרייכט מיטן שווייגן.

דער טאַטע האָט אויפגעזוכט אַ פּאָר רובל; דער ברודער משה
האָט פון זיין זומערדיקן, אָפּגעשפּאָרטן פאַרדינסט צוגעלייגט עטלעכע
רובל. קיין חשבון, וויפל די נסיעה וועט קאָסטן, האָט קיינער נישט
געוווסט. ווי גרויס די הוצאה וועט זיין אין דער פרעמדער פרעמד—
דאָס האָט קיינער נישט געקאָנט אויסרעכענען. נישט איך און נישט
מיין חבר יצחק דעם רבס, האָבן געהאַט אַ וועלכע ס׳איז ידיעה פון
די נויטן, וואָס קאָנען אונז באַפאַלן אינדערפרעמד, אויף אַ וועג,
וואָס פירט אַוועק פון אַלטן בית־מדרש. האָבן דעריבער די פאַרטרער־
טע אויגן פון אייגענע נאָכגעקוקט די באַן, וואָס האָט אָנהויב וואָך,
אַרום האַלבן טאָג, מיין קליינגעוויקסיקן חבר און מיך אַוועקגעפירט.
שטומע בליקן, שטומע ברכות אויף די ליפּן, פאַרגליווערטע פרייד און
צעשמאָלצענע לייד אויף די פּנימער ביי די באַגלייטער. צופרידנקייט,
אויסגעמישט מיט אומבאַגריפענעם פּחד אויף די פּנימער פון די באַ־
גלייטער.

אַזוי בין איך מיט מיין חבר אַוועק קיין גראָדנע. וו׳ נציק וואָס
האָבן די אויגן באַמערקט דורך די פענסטער פון אייַלנדיקן צוג; ווינ־
ציק האָט דער רעיון געזוכט אין דעם האַרבסטיקן דרויסן, וואָס איז

געלעגן אַ צונויפגעקאָרטשעטער, דערוואַרטנדיק דעם אָנקומענדיקן ווינטער. דער טאָג איז אַוועק, און אַזוי איז מען אַ נאַכט איבערגע־לעגן אויף דער האַרטער באַנק פון וואַגאָן. די רעדער האָבן אונטער די וואַגאָנעס געקלאַפּט, און גאָרנישט געהאַט צו דערציילן פון דעם, וואָס זאָל פאַרגרינגערן מיין געמיט. וואָס ווייטער פונדערהיים — אַלץ מער רעטעניש; וואָס נעענטער צו גראָדנע — אַלץ מער ספיקות אין דעם, צי דער וועג איז דער ריכטיק־אויסגעקליבענער.

אָנקומענדיק אינדערפרי קיין גראָדנע האָט, לויט אונזער באַגריף, אונז באַגעגנט אַ צו גרויסשטעטישער גערודער. אַנטקעגן אים איז גע־קומען די פרעמדקייט, וואָס אומבאַקאַנטע מענטשן, יידן און נישט־יידן, האָבן אויף די פּנימער אַנטקעגנגעטראָגן. ס׳איז פונדעסטוועגן צוגעקומען דער, וואָס זוכט אַ פּאַרדינסטל, און פאָרגעשלאָגן צו פאַר־פירן אין אַ שפּאָט־ביליקער אכסניה. אונזער ביידנס מזומנים האָבן מיר אינאיינעם געמישט. אַ טייל פון פאַרמעגן האָב איך געהאַלטן און אַ טייל האָט מיין חבר באַהאַלטן. דער גרעסערער בעל־חשבון איז ער געוועזן; פּאָרט עלטער פון מיר און האָט שוין אַליין אויך נסיעות געמאַכט.

ערשט, אַז מען איז אַריינגעקומען אין דעם ענגן, האַלב־פינס־טערן חדר פון אַ בלאָטיקער אכסניה, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט איינגעשפּאַנטע און אויסגעשפּאַנטע וועגענער — איז ביי אונז ביידן די זאָרג אַרויסגעקוואָלן אויפן פּנים. יצחק האָט מיך שווייגנדיק אָנגעקוקט, און אַזוי האָב איך אויף זיין פּנים געזוכט אַן ענטפער אויף דער שאלה: — און וואָס וועט איצטער זיין?

אין גראָדנע איז מען שוין. ערגעץ אין אַן ענגן צימער, ווו אַן אומבאַקאַנטע יידענע האָט אונז אַריינדערלאַנגט צוויי גלעזער טיי מיט שוואַרצן ברויט, און געבעטן, מען זאָל איר באַצאָלן די עטלעכע גראָשן דערפאַר — — —

— איצטער באַדאַרף מען פּרוּוון אויסזוכן די בתי־מדרשים. מען וועט באַדאַרפן זוכן ישיבה־בחורים, קלויזניקעס, און גאַנץ פּאָרזיכטיק דערגיין, צי איז דאָס טאַקע אמת, אַז אין גראָדנע קומען סטודענטן בשתיקה אין בית־מדרש אַריין און לערנען מיט די קלויזניקעס, גרייטן זיי צו די גימנאַזיעס...

געווען אַרום האַלבן טאָג, ווען מיר האָבן דערטאַפּט דעם ערשטן בית־מדרש. קיין באַלעבאַטים זענען אין אים שוין נישט געווען. נאָר איין

ישיבה־בחור, וואָס איז געזעסן ביים אויוון, און אויף אויסנווייניק איינגעחזרט אויפן הויכן קול כּללים פון דער רוסישער גראַמאַטיק. אַז ער האָט אונז באַמערקט, האָט ער אויף שנעל פאַרמאַכט דעם רוסישן ספר, באַהאַלטן אונטערן געזעס, און מיט חידוש געקוקט צו די צוויי פרעמדע, וואָס האָבן מיט נישט ווינציקער חידוש אים אָנגעקוקט.

דאָס האָט ביי אונזביידן אַרויסגערופן אַ געפיל פון בושה: גלייך ווי מיט אונז אַליין וואָלט עס געטראָפן — מען האָט אונז געכאַפּט ביי אַ פאַרבאָטענעם לימוד.

מיין חבר, יצחק דעם רבס, איז פונדעסטוועגן אַ מוטיקער צוגעגאַנגען נעענטער צום אומבאַקאַנטן בחור, און האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן גראָדנע, וועגן ישיבה־בחורים און סטודענטן. ער האָט אים נישט דערציילט וועגן דעם ציל פון אונזער קומען קיין גראָדנע: — דורכפאָרער זענען מיר; קיין ווילנע ציען מיר; זענען מיר אויסגעשטיגן קיין גראָדנע, אפשר איז דאָס דאָס פּאַסיקע אָרט.

— און וואָס טוט איר דאָ?

האָט דער אומבאַקאַנטער בחור נאָך ברייטער און נאָך נאַרישער געשמייכלט, האָט פון אונטערן געזעס אַרויסגענומען אַ רוסישע גראַמאַטיק און באַוויזן:

— אוודאי טאָר מען דאָס נישט באַווייזן פאַר די באַלעבאַטים... אויב איר ווילט, וועל איך פאַר אייך דעקלאַמירן אַ רוסיש ליד.

נישט געבעטענערהייט, האָט ער אָנגעהויבן אויף אויסנווייניק גראַגערן אַ רוסיש ליד פאַר אונז. האָט עס שוין צו־חוזקדיק געקלונגען פון זיין מויל... ס'האָט געשטופּט צום לאַכן. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז מיר מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן. דעם אייגענעם אומעט האָב איך באַמערקט אויף מיין חברס פּנים.

פון דעם אומבאַקאַנטן בחור איז מען פונדעסטוועגן געוווּיר געוואָרן, אַז גראָדנע איז נאָך נישט דאָס אמתע אָרט, ווו מען קאָן שעפּן מיט עמערס פון השכּלה־ברונעם.

— אָ, ווען איך קאָן נאָר אָנשפּאָרן קיין ווילנע! דאָרטן איז דאָס אמתע אָרט; אין ווילנע זענען פאַראַן די אמתע סטודענטן, וואָס קומען צו די ישיבה־בחורים ביינאַכט און לערנען מיט זיי אַלערליי חכמות... איך בין אייך מקנא, וואָס איר פאָרט קיין ווילנע.

די ערשטע נאַכט אין אכסניה איז געווען אַ נאַכט, וואָס דער

שלאָף איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון די אויגן. מיין חבר און איך,ביידע האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערשפירט, גלייך ווי מען וואָלט אונז ביידן אַרויסגעריסן פון אַ היימישער וועלט און פאַרשליידערט אין אַ ווייטער, פרעמדער וועלט — כאָטש צווישן יידן, כאָטש צווישן בתי־מדרשים. בגנבה דערגרייכן צו אַ פאַרבאָטענעם גאָרטן; בגנבה דער־גרייכן צו פאַרבאָטענע פירות, ווי ס'טוט דער בחור, וואָס מיר האָבן בייטאָג באַגעגנט אין בית־המדרש — דאָס וועט אונז נישט געלינגען. אויב בגנבה — האָבן מיר דאָך געקאָנט בלייבן אין בריסק. אויב אויסבאַהאַלטן דעם חשק צו לערנען וועלטלעכע לימודים; אויב ווי־טער באַהאַלטן אונטער אַ קאסטער האַלץ די דאָזיקע ספרים, צו וועלכע דער מהות ווערט געצויגן, ווי איך האָב די ספרים באַהאַלטן אין בריסק — איז מען דאָך כאָטש אין בריסק פאַרזאָרגט געווען מיט חיונה.

מיר האָבן איבערגעציילט דאָס איבערגעבליבענע געלט; אויסגע־חשבונט אונזער הוצאה אין אכסניה, און ס'האָט אויסגעוויזן: — אויב מיר וועלן אין גראָדנע בלייבן ביז איבער שבת — וועלן מיר באַ־דאַרפן אָנהויבן גיין איבער די הייזער בעטן נדבות.

פאַר דער צייט האָבן מיר אויפגעזוכט נאָך אַ פאָר בתי־מדרשים, געפאָרשט, אָנגעטאַפּט דעם דופק ביים שמש, און ס'האָט אויסגעוויזן, אַז טעג צו קריגן וועט נישט אָנקומען אַזוי גרינג. ממש אַ סכנה איז אָנגעשטאַנען פאַר די אויגן. אַ פאַרלוירנקייט האָט אונז ביידן באַ־הערשט.

איז דווקא מיין חבר ווידער געווען דער, וואָס האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן חוזק איבער אַזאַ מין שטודירן, ווי מיר האָבן געטראָפן אין גראָדנער בית־מדרש; איז ער געווען דער, וואָס האָט אָנגעהויבן קירעווען אויף צוריק. ער האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן ביז איצטער געטון — איז נישט אַרויסגעוואָרפן. דערווייל האָבן מיר אַ סך אויפגעטון אין לשון־קודש; און תלמוד גופא איז דאָך אַ טיפער לימוד.

— אַ גרויסער, טיפער תלמודיסט צו זיין, מיינט אויך צו זיין געלערנט. מיינט אויך השכלה. זאָל מען דערווייל נישט אַרויסגיסן דאָס, וואָס מיר האָבן ביז איצטער שוין אָנגעשעפּט. פון גראָדנע מוז מען אַוועק — האָט ער פייערדיק גערעדט

איך האָב מסכים געווען. אין גראָדנע בלייבן האָב איך אויך

מורא געהאַט. גיין איבער די הייזער האָב איך נישט געהאַט קיין חשק. קיין שטאַרקע בזיונות בין איך נישט בכח געווען מער אויפצו·נעמען.

האָבן מיר אויסגעפונען, אַז אינגאַנצן איין סטאַנציע מיט דער אייזנבאַן פון גראָדנע, נעענטער צו ביאַליסטאָק, ליגט אַ שטעטל קוזניצע. מען זאָגט: — אַז גאָר אַ ווייל שטעטל איז קוזניצע. זאָל מען פאַר די לעצטע איבערגעבליבענע גראָשנס דערציען אַהין אויף שבת.

אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. פרייטיק בייטאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין קוזניצע. מיט אונזערע צוויי הילצערנע קופערטלעך איז מען אָנגעקומען אין אַ יידישער אכסניה. אַביסל דעם שטויב פון די קליידער אַראָפּגעטרייסלט און גלייך אַוועק אין דעם איינאונאיינציקן קוזניצער בית-מדרש. דער שמש האָט געשטעלט ליכט אין די לייכטער; מיר ביידע האָבן אַרויסגענומען פון די פּאָליצעס גמרות — מסכתא נדרים, אַוועק צו דער מזרח-וואַנט און אָנגעפילט דעם ליידיקן בית-מדרש מיט אונזער גמרא-געזאַנג.

דער שמש איז צוגעגאַנגען צו אונז גאַנץ פּאָרזיכטיק, אָפּגעגעבן שלום-עליכם, געפרעגט: — פונוואַנען און צוליב וואָס? האָט אויך געפרעגט, צי ער זאָל פאַר אונז באַשטעלן שבת.

ווי איינער, וועמען מען שלעפּט אַרויס פון אַ טיפן טייך, וואו ער האָט געהאַלטן ביים דערטרונקען ווערן — אַזוי האָב איך מיך דערשפּירט: אין מיר איז געקוואָלן די דאַנקבאַרקייט צום אומבאַקאַנטן שמש, וואָס איז מיט אַזאַ פשטות צוגעקומען אָפּגעבן שלום-עליכם און פרעגן, צי ער זאָל באַשטעלן שבת. מיין גאַנצער מהות האָט געגלוסט צו וויינען.

*קאַפּיטל ניינאונדרייסיק*

# אַ געפונענע היים

באַדאַרפט האָט עס זיין אַ ביטערער געלעכטער: געפאָרן קיין גראָדנע צו באַגעגענען סטודענטן, וואָס וועלן אויפכאַפּן אויף די הענט און אונז צוגרייטן צו דער גימנאַזיע — איז פון דעם אַלעמען גאָר אַרויסגעקומען התמדה, געזאַנג ביי דער גמרא און ווידער טעג-עסן.

ווי פון הימל אויף דער ערד איז מען אַראָפּגעפאַלן. אָבער אויף אַ גוטער, פריינטלעכער ערד איז דאָס שטעטל קוזניצע דעמאָלט געווען. מיט איינעווייניקסטער בושה זענען מיר ביידע צוגעפאַלן מיט התמדה צו דער גמרא. מיין חבר איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן; זיין צאַרטער גוף האָט גאָר דעם כוח אָנגעווירן אין דער נסיעה קיין גראָדנע. דער דורכפאַל איז געווען איבער זיינע כוחות; זיינע צווייאוןצוואַנציק יאָר האָבן געמאָנט אַ תכלית. צו מיר, דעם זיבעצן-יאָריקן בחור, האָט ער געקוקט, ווי צום שטאַרקערן. און איך? אין מיר לעבן אומבאַקאַנטע לידער; איך ווייס נישט, ווי מען שעפּט זיי פון בלוט אַרויס.

דאָס שטעטל האָט אונז גוט אויפגענומען. מיר לערנען מיט התמדה, און דער עולם באַטראַכט אונז מיט דרך-ארץ. מיר לערנען מיט התמדה, און פלוצלונג בלייבט מען שטיל; ביידע פרעגן אָן ווערטער ביי עמעצן: — וואָס וועט זיין דער תכלית?

קוזניצע האָט גוט אויפגענומען. גוטע טעג באַשטעלט. איך — ווי איך; אָבער מיין חבר ווערט ממש דערוואָרגן מיטן עסן טעג. איך וויל אים פאַרגרינגערן זיין גורל און ווייס נישט ווי אַזוי. ער איז דאָך פאָרט דער עלטערער; אַ סך דערפאַרענער פון מיר, און איך גאָר הויב אָן פילן אחריות פאַר אים. ער איז דער שוואַכערער, דער

קלענערער, דער דורכזיכטיקער; מיט ליכטיקע, בלויע אויגן און הויכן, בלייכן שטערן.

איז דאָס געווען אַ ביסל צופיל, ווען מיין חבר האָט גענומען גאָר פלוצלונג און איז קראַנק געוואָרן — אַוועקגעפאַלן אויף אַ שווערן טיפוס. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געזאָרגט, ער זאָל ווערן געזונט. איך בין פאַר די עטלעכע וואָכן פון זיין קראַנקהייט געעלטערט געוואָרן. מיינע זיבעצן יאָר האָבן געקראָגן אַ שווערן תּוכן. מיין חברס זאָרג איז אויך מיין זאָרג געוואָרן; זיינע יאָרן האָבן אויף מיר שולט גע-ווען. דערוויילע בין איך געבליבן אַליין.

איך בין געוואָויר געוואָרן, אַז אין קוזניצע זענען פאַראַן יונגע-לייט און מיידלעך, וואָס זיצן איבער ביכלעך און שטודירן. אין אַ פּאָר הייזער, ווו איך האָב געהאַט מיינע „טעג", זענען פאַראַן דער-וואַקסענע קינדער. אין הויז פון מיין „פּריוואַטיק" זענען געווען אַ פּאָר שוואַרצחנעוודיקע מיידלעך, וועלכע האָבן געלערנט וועלטלעכע לימודים און אויך העברעיש.

בין איך דעריבער אַיעדן פּרייטיק נאָכן מאָלצייט שוין אַביסל לענגער פאַרבליבן אין יענער שטוב. די מיידלעך האָבן געוואָלט באַ-וויזן זייער לומדות; האָבן אַרויסגעבראַכט זייערע העברעישע לערנ-ביכלעך, און אויפן הויכן קול איינגעחזרט די דקדוק-כּללים; אויפן הויכן קול איינגעחזרט זייערע רוסישע לימודים. אַ ביסל שפּעטער האָט מען צוגעבראַכט צום טיש אַ לערנביכל און געוואָלט אויסגעפינען, ווי וויַיט דער פרעמדער בחור פאַרשטייט העברעיש:

— אפשר וועט איר גאָר מיט מיר לערנען העברעיש, און איך — מיט אייך — רוסיש, — האָט פלוצלונג געזאָגט די עלטסטע טאָכטער, אַ יאָר אַכצן-ניינצן אַלט.

פון אַזאַ אומגעריכטן פאָרשלאַג איז מיר וואַרעם געוואָרן אין אַלע גלידער. כ'פיל, ווי דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין, בשעת זי רעדט.

די מאַמע האָט טענות צו די טעכטער, הלמאי זיי לאָזן דעם ישיבה-בחור קיין הנאה נישט האָבן פון עסן; הלמאי זיי פאַרשלאָגן אים דעם קאָפּ מיט זייערע תּורות.

— תּורה לערנען — זאָגט זי — איז נישט קיין קלייניקייט. תּורה אַליין איז גענוג. אַ סך תּורות אינאיינעם קאָן מען נישט באַוויַיזן צו לערנען.

די עלטערע טאָכטער טענהט, אַז צו תורה לערנען באַדאַרף מען נישט זיין קיין בטלן. צו מיר רעדט זי אויף העברעיש: עס פאַרדריסט איר, פאַרוואָס איך באַדאַרף אַוועקגיין אין בית-מדרש. זי וויל, איך זאָל מיט איר לערנען גמרא.

הייסט עס, אַ טייל פון דעם, וואָס איך בין געפאָרן זוכן אין דער גרויסער גראָדנע, האָב איך גאָר געפונען אין קוזניצע — געפונען אויף מיין „פּריטיק".

אויף מיין „מיטאָך", ביי זייער פרומע טאַטע-מאַמע, שניטקרעמער, איז דאָ אַ יונגע טאָכטער, וואָס איז אַ רוסישע לערערין, זי פאַרוואַרפט אויך צו מיר אַ פּאָר ווערטער ביים מאָלצייט. אַ בלאָנדע, מיט אַ שמאָלן, למדנישן פּנים, מיט קלוגע בלויע אויגן — זי וויל אויך דערגיין, וואָס דער בית-מדרשניק פאַרשטייט... ס'נעמט צו מיין געדאַנק פון עסן. ס'פאַרטראָגט מיך אין אַנדערע וועלטן.

ביים חזן-שוחט פון קוזניצע איז שוין פאַראַן אַ בחור אַ גאָר געלערנטער. ער איז אין שטעטל אי רוסישער, אי העברעישער לערער. ביי אים זענען פאַראַן ספרים אין אַלערליי לשונות. אויך ער האָט ביי אַ געלעגנהייט מיט מיר פאַרצויגן אַ שמועס. ער וויל, איך זאָל צו אים אַריינקומען. ביכער אַלערליי שרייבט ער אויס. און אויב איך וויל, קען ער געפינען צייט מיט מיר צו לערנען רוסיש. אין קוזניצע וועט מען אויף דעם נישט קוקן בייז; בפרט מען ווייסט, אין בית-מדרש לערן איך בהתמדה.

מיין נאַכטלעגער האָב איך געהאַט ביי אברהם דעם שניידער, אין זיין קליין שטיבל ביים אויוון. ער, זיין ווייב, נאָך יונגע מענטשן, און אַ פּאָר קלענערע קינדער — איז דאָס געווען אַ היים מיט דער פולער מאָס שלווה. גוט געווען צו לעבן אונטער איין דאַך מיט מענטשן, גוטע, שטילע יגיע כפים-ניקעס. אין אברהם דעם שניידערס ענגן שטיבל איז געווען גאָר די רחבות. צו זייער גוטסקייט איז גאָר קיין ברעג נישט געווען.

דערצו איז צוגעקומען אַ רעטעניש:

כמעט איעדע פאָר וואָכן האָב איך געפונען אין מיין ווינטערדיקן אויבער-בגד, וואָס איז געהאָנגען אויפן הענגער אין בית-מדרש ביי דער טיר, עטלעכע זילבערנע מטבעות. אַ מין מתן-בסתר. איך האָב אַ צייט חושד געווען, אַז דאָס טוט אַברהם דער שניידער, וואָס וויל מיר מהנה זיין פון זיין פראַצע.

דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב געפֿונען אַ דרייסיק קאָפּיקעס אין קעשענע פֿון אויבער-בגד, האָב איך געקלערט: אפשר האָט עס ענ בזר פֿון די דאַוונער על-פּי טעות אַריינגעלייגט, מיינענדיק, אַז דאָס איז זיין בגד. האָב איך אַ צייט דאָס געלט געהאַלטן און נישט אויסגעגעבן. ווען דאָס האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ מין רגילות, אַלע פּאָר וואָכן — אַ דרייסיק, פּערציק קאָפּיקעס אין קעשענע פֿון מאַנטל — האָט עס אָנגעפּילט מיין מהות מיט אַן אויסטערלישער וואַרעמקייט צו אַן עמעצן, וואָס איך האָב נישט געקענט.

דערווייל איז מיין חבר אַרויס פֿון סכּנה. די קראַנקהייט האָט פֿון אים גאָר זיין חיות אַרויסגעצויגן. זיינע בלויע אויגן האָבן נאָך שטאַרקער געשיינט. די באַקאַנטשאַפֿטן, וואָס איך האָב פֿאַר דער צייט געשלאָסן, זענען אים צונוץ געקומען. תּחילת האָט ער אָנגעהויבן צו מאַכן פּלענער, אַז דאָ אין קוזניצע זאָל גאָר ווערן אונזער גראָדנע, אָדער ווילנע — דאָ וועט מען פֿאַמעלעך שטודירן אין דער זייט פֿון דער גמרא. ווייל ס'וואָלט גלייך געווען, אַז אין דער אייגענער צייט זאָל מען פֿאָרט אין אונזער לימוד פֿון תּלמוד און פּוסקים אַריינברענגען אַ סדר.

— אַזויפֿיל לערנען און נישט אַרויסנעמען קיין סמיכה — איז אַ טעות. ווען אַפֿילו איך וועל קיין רב נישט זיין — וויל איך האָבן סמיכה, און טאַקע זי אַרויסנעמען ביי גרויסע רבנים — האָט מיין חבר ערנסט גערעדט.

ווייזט אויס, אין צייט פֿון זיין קראַנקהייט האָט מיין חבר באַשטימט אַריינוואַרפֿן אַלע זיינע כּוחות אין תּלמוד און פּוסקים. ער האָט מיך מיטגעצויגן. דעם גאַנצן ווינטער האָבן מיר ביידע געלערנט מיט גרויס התמדה, כּמעט ס'איז צייט געבליבן אומגעשטערטערהייט אַריינצוקוקן אין זייטיקע ספֿרים. נאָר בעת איך האָב אין קוזניצע געפֿונען אַ היים; בעת איך האָב דערשפּירט, אַז אין דעם אויבנדערמאָנטן שטעטל וועל איך גאָר נאָענט צוקומען צו מיינע זוכעניש — האָט מיין חבר געקוקט גאַנץ אָפּט אינדערווייט, געוואַרט אויף אַ נס, וואָס זאָל אים אַוועקנעמען און ברענגען צו אַ ברעג, ווו ער וועט געפֿינען רו. זיינע יאָרן האָבן עס פֿאַרלאַנגט.

אַזוי איז דאָס געווען. גאַנץ אומגעריכט איז געקומען אַ שדכן און מיין חבר פֿאַרנומען; דער שדכן האָט אים גערעדט אַ גוטן שידוך מיט אַ געראָטענער כּלה פֿון שטעטל סוכאָוואָלע, אין גראָדנער

גובערניע. אַזוי איז מיין חבר פון מיר אַוועק. ער האָט חתונה גע־
האַט און מיך איבערגעלאָזן אַליין.

האָב איך מיטאַמאָל דערשפּירט מיין דערוואַקסנקייט. אַ סך האָב איך דערפאַרן פון מיין עלטערן חבר. האָב צומאָל מיין אייגן לעבן דערזען אין אַ גאַר אַנדער ליכט. מיטן חברס אַוועקפאָרן איז אַרום מיר אַלץ אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן. צוליב אונזער ביידנס לערנען אינאיינעם, איז מיר זיין קול אַזוי נאָענט געוואָרן. כ'האָב גאָר־נישט געגלייבט, אַז מיין קול וועט נאַטירלעך קלינגען, אויב גאָר ביחידות. מיט זיין אַוועקפאָרן איז אויף אַ ווייל מיין התמדה פון מיר אַוועק. אָנגעשטאַנען אַ צייט פון חשבון־הנפש. כ'האָב קלאָר אַרויסגעזען, ווי מיין חבר האָט מיך אַרויסגעריסן פון צוויי באַזונ־דערע וועלטן: — סיי פון מיין היים, אין ליפּעס מיל, און סיי פון דער וועלט פון אַלטן בית־מדרש. ער האָט פאַר מיר אויפגעעפנט אַ טיר און אָנגעוויזן אַן אַנדער וועלט, אַ פרייע וועלט. כאָטש אויף קלאָר האָב איך נישט געוווסט דעם מהות פון דער נייער, פרייער וועלט. מיין היים, ליפּעס מיל, איז שוין געלעגן ווייט פון מיר. ווייט אין שטח און ווייט אין רעיון. אויף פסח בין איך אַהיים נישט גע־פאָרן. אין דער נייער היים, אין שטעטל קוזניצע, האָב איך אַליין אָנגעהויבן זוכן אַ נייעם תוכן פאַרן לעבן, וואָס איז ביז איצטער געווען פארשטעלט פון מיר.

איז מיר דעריבער ליב געוואָרן קוזניצער הינטערן־שטאָט, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט ביי דער זייט אייזנבאַן, ווו איך בין אין די פאַרנאַכטן אַרויסגעגאַנגען טרעטן מיין אייגענעם שטעג.

בין איך דעריבער אַליין געוואָרן וואָך צו דער פאַרשעמטקייט, וואָס איז אָנגעשטאַנען אין מיינע באַקן, בשעת מיידלעך, קינדער פון דער מאַמען, וואָס גיט מיר עסן — זיי פאַרציען מיט מיר אָפט אַזאַ שמועס, וואָס דערמאָנט מיר, אַז איך בין שוין אַ דערוואַקסענער בחור.

זיבעצן יאָר, נישט גאַנץ גרויס־געוואַקסן — האָב איך צומאָל אָנגעהויבן צו הערן מיט חידוש, ווי ס'האַרץ קלאַפּט, ווען אויגן האָבן אין אויגן געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. דאָס לעבן האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ בית־מדרשניק איז אויך אַ מענטש; ווען אַ בית־מדרשניק איז יונג — ווערט זיין יוגנט געטריבן צום דרויסן דורך דעם אייגענעם בלוט, וואָס רוישט אין גאַנצן לעבן.

צו מיר איז שוין דערגאַנגען, אַז מיין גמרא-ניגון שמט; מיין שטים, ווען די פענסטער פון בית-מדרש זענען אָפן — קאָן מען מיין שטים הערן אויף דער דריטער גאַס... יאָ, דאָס האָט מיר אויך אַ מיידל געזאָגט, ווען איך בין צו איר טאַטע-מאַמע אין שטוב אַריינגעקומען עסן מיין מאָלצייט.

— ווי קאָן מען אַזאַ גמרא-ניגון לאָזן פאַלן?...

אַריינקוקן אין ספרי-חול איז מיר אין קוזניצע גאָרנישט שווער. קיינעם אַרט עס נישט. ווו איך האָב מיין נאַכטלעגער, ביי די גוטע פאָלקסמענטשן — זיי טוט הנאה, וואָס דער בית-מדרשניק, קומענדיק אַהיים שלאָפן, געפינט נאָך צייט אַריינצוקוקן אין אַ רוסישן, אָדער דייטשן ספר; האָט נאָך צייט עפעס צו שרייבן אויף ווייסן פאַפיר.

ווען דער זומער איז אָנגעקומען, און איך בין אין די פאַרנאַכטן אַרויס הינטערן שטעטל, באַרג-אַרויף, באַרג-אַראָפּ — זענען מיר אי טרויער, אי פרייד אַנטקעגנגעקומען. האָב איך גאַנץ אָפט געשפּירט, גלייך איך גיי אום מיט גרינגע טריט צווישן הימל און ערד און נעם-אויף געזאַנגען, וואָס קומען צו מיר סיי פון הימל און סיי פון דער ערד. ס'איז דער ערשטער זומער געווען, וואָס מיין לעבן אויפדערפרעמד האָט ווי אַ בלום אויפגעעפנט דאָס האַרץ אַנטקעגן דער זון.

אויף אַ וויילע האָט פרידן באַהערשט מיין לעבן. אויף אַ ווייילע האָבן אַלע סתירות שלום געמאַכט אין מיין האַרצן.

*קאַפּיטל פערציק*

# איך זינג צו דער בת-ציון

אַ שיינער זומער האָט געלעבט הינטערן שטעטל קוזניצע, אָפּטע בענקשאַפט האָט דערמאָנט אין די שיינע זומערן אַרום ליפּעס מיל, מיין געבוירנאָרט און היים. אַרום ליפּעס מיל זענען געווען לאָנקעס; דאָ, אַרום קוזניצע — ווייצן און קאָרנפעלדער. די אייזנבאַן, וואָס האָט די געגנט דורכגעשניטן, האָט פאַרבונדן דעם זומער מיט מיינע היימישע טעג.

און נאָך עפּעס:

אַרום ליפּעס מיל איז אין פריערדיקע זומערן איבער די לאָנ-קעס אומגעלאָפן אַ פאַרחלומט יינגל, פּרץ ליפּעס; און איצטער, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, איז זומער אַרום קוזניצע, מיט געמאָסטענע טריט, פון שטעטל אַרויסגעקומען אַ פאַרחלומטע יוגנט צו באַגעגענען דעם פאַרנאַכט; צו באַגלייטן די זון, וואָס האָט צווישן ווייצנפעלדער אַראָפּגענידערט ביים ראַנד פון מערב-הימל.

געווען אָונטן און שבת-נאָכמיטאָגן, ווען די יוגנט איז נישט געווען גאָר אַליין. די היינטוועלטיקע טאָכטער פון פרומע טאַטע-מאַמע, אַ טאָכטער פון מיין „מיטוואָך-טאָג", איז זייט ביי זייט מיטן ישיבה-בחור און יונגן בעל-חלומות געגאַנגען און געשמועסט פון הויכע ענינים:

— ד"ר הערצל...

— ווער איז ער דער מענטש, וואָס איז פון אַ דורות-וואַלד אַרויסגעקומען צו דערפרייען דאָס האַרץ פון דער בת-ציון?

— ער וועט צונויפנעמען אַלע יידן, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער גאָר דער וועלט און וועט זיי פירן קיין ארץ-ישראל,

— אַ קאָנגרעס רופט ער צונויף אין באַזעל; ער, הערצל, רופט צונויף שליחים פון אַלע יידישע פינות עולם, און וועט זיי איבער־געבן די שליסלען צו ארץ־ישראל.

יאָ, אַ מעשהלע איז דאָס געווען. קינד און קייט אין קליינעם שטעטל האָט דאָס מעשהלע פאַרשענערט. לידער האָט מען געזונגען, ווי די בת־ציון איז אַרויסגעקומען פאַרשלייערט און איינגעבויגן... די בת־ציון זיצט ביי דער מוטער פון די וועגן און קוקט אויס אירע קינדער, וואָס וועלן צו איר ווידערקערן פון אַלע ווינקעלעך פון דער ערד.

דעם תנ״ך קאָן איך כמעט אויף אויסנווייניק. ס׳לעבן־אויף די נביאים און זייערע שטראָף רייד צום פאָלק ישראל; לעבן־אויף די נביאים מיט זייערע טרייסט־ווערטער. לעבן־אויף זייערע קללות און זייערע ברכות.

דריי סדרים גמרא קאָן איך כמעט אויף אויסנווייניק; פוסקים און אגדות — — — לעבן־אויף פאַר מיר אַלע אגדות פון חורבן־ירושלים, און ישראלס וועג אין גלות. די ערד אונטער די פיס, דער זומער צווישן ווייצן און קאָרנפעלדער איעדן פאַרנאַכט — דאָס איז בלויז אַן אויסגעבעטענער זומער, אויף אויסגעבעטענע פעלדער, אויף אַ פרעמדער ערד. דער עיקר איז דאָרטן — ארץ־ישראל, וווהין הערצל רופט דאָס פאָלק ישראל. שירים קומען־אויף אין מיין בלוט, בעטן, איך זאָל זיי פאַרצייכענען אויפן פאַפיר. שירים, וועמענס קלאַנגען איך שיק איבער צו דער בת־ציון, ביים וועג פון אַלע וועגן. עס קומען צו מיר די קלאַנגען פון אַ וועלט אַ נישטדאָאיקער און גייען אַוועק פון מיר, ווערן פאַרשווונדן אין דער ווייט. מיט אַ גמרא־ניגון בין איך מחבר די שירים; מיט אַ גמרא־ניגון זינג איך זיי אויס אין פאַר־נאַכט אַריין, הינטערן שטעטל.

די טאַטעס אין שטעטל ווייסן פון מתמיד. ווען זיי זאָלן נישט קומען באַגינען אין בית־המדרש אַריין, איז ער שוין וואַך, און זיין שטים פילט אָן דעם פאַרטאָגיקן בית־המדרש.

די יונגע טעכטער ווייסן פון דעם בית־מדרשניק, וואָס איז מחבר שירים אויף לשון־קודש, און וואָס רעדט אַליין אויך לשון־קודש... פאַר זיי גאָר איז דער בית־המדרשניק דער, וואָס ווייזט אָן הינטערן שטעטל אַלע שיינע ערטער; ווייזט אָן הינטערן שטעטל דאָס אָרט, ווו שיינע בלומען וואַקסן; ווו אַ שיין, דערהויבן ערטל, וואָס נעמט אויף דעם

פאַרנאַכט צום גערויש פון ווינט אין די קאָרן און ווייצנפעלדער.
די בת-ציון טראָגט מיך אַרויס פון דער וועלט, ווו איך לעב. די בת-ציון ווייזט מיר מיט אַ פינגער צום מזרח, ווינקט און זאָגט צו אַן אייביקן לעבן איעדן, וואָס וועט צו איר קומען און לינדערן איר צער.
דעריבער, שניט-צייט, ווען ס׳קומען שניטערס און שניטערינס מיט געזאַנג, קומען אַן אין די ווייצנפעלדער; אַזוי געבויגענע שניידן זיי מיט סערפּ די תּבואה, זינגענדיק בעתן שניידן — יאָ, דעמאָלט גאָר, אָנשטאָט מיטצוזינגען מיט דעם שניטער-מיידל, וואָס שרייט אַריין אין פאַרנאַכט אַריין אויף איר ווייסרוסישן לשון:

די זון גייט-אום אַרום וואַלד אַרום,
און אין וואַלד קומט זי נישט אַריין —
אַזוי גייט מיין געליבטער אַרום מיין שטוב אַרום,
און קומט אין שטוב נישט אַריין — — —

דעמאָלט גאָר זינג איך אַן אַנדער שיר: „בקציר״ – שניט-צייט. אין שיר קלאָג איך אויס מיין האַרץ אויף דעם, וואָס מיין אייגן פעלד איז פאַרוויסט. „איך גיי-אום צווישן שניטער, וואָס שניידן נישט מיין פעלד; וואָס זינגען נישט אין מיין פעלד.״
וואָס פאַר אַ טעג זענען דאָס דעמאָלט געווען פאַר דעם זי-בעצן-יאָריקן בחור, וואָס האָט ווידער אויף אַ ווײַלע אָנגעוווירן די סתּירות צווישן בית-מדרש און לעבן; ווען אין זיינע פאַרנאַכטן האָט ער מיט פאַרחלומטע, יונגע יידישע טעכטער אויסגעזונגען העברעישע שירים אין פאַרנאַכט אַריין!
דאָס זענען געווען טעג אַזעלכע בסך הכּל מיט אַריבער דריי צענדליק יאָר צוריק. איצטער זעט עס מיר אויס, אַז איך געהער גאָרנישט צו יענער צייט און וועלט. מיין אָנהויב קומט נישט פון דאָרטן. איך אַליין בין מיט הונדערטער יאָרן צוריק געשטאָרבן, און איצטער אויפסניי אויפגעשטאַנען תּחית-המתים אין אַ וועלט אַ וואַכער; אין אַ וועלט, ווו קיינמאָל, קיינמאָל פאַרגייט שוין נישט די זון אַזוי נאָענט; ווו קיינמאָל, קיינמאָל גייט שוין מער אַזוי בחור און מיידל נישט אַרויס אויף די פאַרנאַכטיקע וועגן, רעדנדיק מיט בלוט און נישט מיטן מויל; רעדנדיק מיטן האַרצן און נישט מיט דער צונג.
איך דערהאַלט בריוו פון מיין חבר יצחק דעם הבס. ער האָט

אויך זיינס געפונען. ער האָט געפונען אַ היים און אַן איבערגעגעבע-נעם פריינט. ער שיקט מיר צו זיינע שריפטן דווקא אין יידיש. איז דאָס מיר אַזוי פרעמד. פאַרוואָס נישט לשון-קודש? ער קען דאָך אַזוי גוט לשון-קודש. איך שיק אים מיינע שירים און באַקום פון אים בריוו מיט ליוב-געזאַנגען.

איך באַקום אויך אַ בריוו פון שיינען, מיין פעטער אברהם טומענערס טאָכטער. אַ לאַנגער בריוו מיט אַ סך פינטעלעך און פאַרשטעלטע געדאַנקען. זי ווייסט אויך פון דער בת-ציון. אויך זי, אין איר דאָרף, האָט אַ ידיעה געקראָגן, אַז יידן וועט מען גאָר אינ-גיכן אויסלייזן פון גלות. איר כתב איז נאָך מער געצוקט און גע-צירקלט. זי איז שוין אַ גרויסע, שרייבט זי מיר אין בריוו; זי וויל וויסן, צי איך בין אונטערגעוואַקסן. זי וויל וויסן, צי איך וועל טאַ-קע זיין אַ רב, און צי עס שאַדט נישט, וואָס איר נאָמען איז שיינע און מיין מאַמעס נאָמען איז אויך שיינע...

— אָ, ווען זי וואָלט האָבן פליגלען, וואָלט זי צו מיר אויף איין רגע אַריבערגעפלויגן; נאָר אַ קוק טאָן אויף מיר, און איך זאָל אויף איר קענען אַ קוק טאָן, מער נישט. איינער זאָל דעם אַנדערן זעען און באַטראַכטן בלויז — אויף וויפל איעדערער איז פאַר די לעצטע דריי יאָר צוגעוואַקסן.

ביסלעכווייז לערן איך רוסיש. לייען שוין רוסישע ביכער. דעם חזנס זון, ער העלפט מיר אַרויס. די טאָכטער פון פרומע טאַטע-מאַמע, ווו איך עס מיטוואָך — זי העלפט מיר אויך אַרויס און פרוווט אָפט מיט מיר רעדן אויף רוסיש.

און אָט האָב איך געקראָגן די רוסישע פּאָעטן. איך פרוו ליי-ענען פּושקינען און לערמאָנטאָוון. איך לייען און פאַרשטיי. איך פרוו אַליין אָנשרייבן עטלעכע שורות אויף רוסיש און עס קומט אַרויס ביים וועג.

איך שלאָג מיר אָן אויף די שירים פון המציר מאנע. זיין שיר: „שמש אביב נטה ימה”, וואָס ווערט געזונגען מיט אַזאַ פאַר-בענקטן ניגון — דער שיר רייסט מיך פון בית-מדרש אַרויס און טראָגט מיך אַוועק אין די פעלדער...

נאָר גיי, זאָג איצטער, אַז די שירים האָבן מיך פון דער גמרא אָפּגעריסן און פאַרטראָגן אַהינטער קוזניצע — ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. ניין, ס'איז געווען די יוגנטלעכע דערוואַכונג, וואָס

האָט נישט געלאָזט רוען. ס'איז מיין יוגנט, וואָס איז ווי אין אַ שאָלעכץ געלעגן איינגעוויקלט און איינגעשלאָסן; דאָס איז געווען די יוגנטלעכע דערוואַכונג, וואָס האָט אַ טירעלע אויסגעפּיקט אין דעמדאָזיקן נישט-געזעענעם שאָלעכץ און אַרויס, אין פאַרנאַכט אַריין אויף קוזניצער פעלדער.

פון צייט-צו-צייט פאַרטראָגט דער רעיון אַהיים. איך האָב געזען טאַטע-מאַמע און זייער שטילן לעבן ביים רוישיקן וואַסער אונטער די מיל-רעדער. פון דערווייטנס, ווען איך האָב מיטן דמיון דערבליקט מיין היים — איז זי אויפגעקומען פאַר מיר אין געשטאַלט פון אַ מאַמען מיט פאַרטרערטע אויגן. זי האָט צומאָל געווונקען און געבעטן, איך זאָל צוריקקערן צו מיין היים און געבוירנאָרט. ווייל קיין שענערס פון מיין היים איז אויף גאָר דער וועלט אין זומער נישט פאַראַן; ווייל עפּעס ליבער פון מיין געבוירנאָרט איז אויף דער גאָרער וועלט נישטאָ.

— צי רען קאָן מען האָבן אַ האַרץ, אויף אַ גאַנץ יאָר אַוועק פון טאַטע-מאַמע און געבוירנאָרט.

דאָס זענען געווען רגעס, ווען דאָס בלוט האָט געפאָדערט נאָכאַמאָל טרינקען פון אייגענעם טייך; ווען ס'האָט געצויגן דעם מהות צום ערשטן שורש. ווייל סוף-כל-סוף איז דאָך מיין לעבן געווען אַ מין נע-ונד זיין. סוף-כל-סוף האָבן דאָך מיינע וואָרצלען אין ערגעצן קיין נאָענטן גרונט נישט געפונען. דער אָנהויב פון מיין שירים-שרייבן, דער אָנהויב פון מיין געזאַנג — האָט מיר קינדערשע פליגל אונטערגעבונדן אונטער די אָרעמס, און רק ס'האָט געגלוסט צו די הימלען; רק ס'האָט געצויגן אָפּצערייסן די טריט פון דער ערד.

פונדעסטוועגן, אַיעדעס מאָל, ווען כ'האָב אָנגעהויבן מאַכן פּלענער אַהיימצופאָרן, בלייבן אַביסל צייט מיט טאַטע-מאַמע אַרום מיל — האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שטילער פּחד; האָט עס מיין לעבן צונויפגעדריקט. איך בין צייטיק געוואָרן און אָראָפּגעפאַלן פון היימישן בוים. איך בין אָבער אויך צייטיק געוואָרן, און דאָס שטעטל קוזניצע ווערט אַלץ מער איינגעשרומפּן; ענג ווערט מיר אין דעם, ווען דער זומער גייט אַוועק; ווען דער האַרבסט ברענגט די הימלען נידעריקער אַראָפּ צו דער ערד; ווען אין פעלד פאַרנעם איך אַ געוויין, גלייך ווי דאָס אָפּגעשניטן און פאַרטריקנט פעלד אַליין וויינט און בעט, די האַרבסטיקע נעפלען זאָלן זיי פאַרשלייערן. אָזוי וויינט עס

אויך אין מיר. איך וואַרט אויף אַ ווייטן רוף; וואַרט אויף אַ האַנט, וואָס זאָל מיך נאָך ביז ווינטער פון קוזניצע אַרויספירן.

איז דאָס געשען:

ווידער מיין חבר יצחק דעם רבס. ער האָט חתונה געהאַט. גוט איז אים; נאָר געבליבן איז ער — „האַלב וועג אָפּגעגאַנגען". דערי־בער, מיט דער צושטימונג פון זיין יונגער, טרייער ווייב, פאָרט ער אויפן ווינטער קיין ווילנע שטודירן, בעט ער, איך זאָל מיט אים מיטפאָרן. ביידע אינאיינעם וועלן מיר... ביידע אינאיינעם אין דער גרויסער וועלט אַריין — אין דער גרויסער ווילנע.

איז די היים מיינע, קוזניצע, און די היים מיינע, ליפּעס מיל — ביידע היימען זענען פאַראַמאָל, ווי אין נעפּל פאַרשוואונדן. די גרויסע שטאָט... ווילנע, ירושלים דליטא, האָט צו מיר מיין חבר אַנטקעגן אַרויסגעפירט. אַ פאַרגאַפטער האָב איך פאַרנומען פון ווייטן מיין חברס רוף.

ווילנע, ירושלים דליטא — ווי שיין איז דער וועג אַהין!

## *קאַפּיטל איינאונפערציק*

# קיין ווילנע!

באַלד וועט מיר ווערן אַכצן יאָר. באַהאַוונט אין גרעסטן און וויכטיקסטן טייל תלמוד, פּוסקים; בין צוגעגרייט צו נעמען סמיכה אויף רבנות. כאָטש איך פאַרשטיי גוט העברעיש, לייען שוין אויך רוסישע ביכער — בין איך נאָך אַלץ אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין דעם תלמודישן ווילדוואַלד; מיט דעם רעיון אין אַ ווייטן עבר.

און פונדעסטוועגן, אין איין טאָג האָב איך דערשפּירט, ווי מיינע טריט זענען אַרויס פון אַלטן בית-מדרש; מיינע טריט שטייען ביים ראַנד פון אַן אָפענער און, דוכט מיר, ליכטיקער וועלט.

— נישט אַביסל שוין צו אָפן און צו ליכטיק?

— יאָ, אָפן, ברייט, ווי דער ברייטער, אָפענער ים, וואָס רופט אַמאָל דעם פאַרגאַפטן ביי זיינע ברעגעס, ער זאָל שפּרייזן אין זיינע טיפענישן אַריין.

דעם נייעם שנור, וואָס מיינע פריערדיקע הענט האָבן אָנגעכאַפּט און האַלטן שטאַרק — ער קומט פון מיין מהות אַרויס און ווערט פאַרפאַנגען אין אַ ווייטער און פרייער וועלט. העברעישע שירים שרייב איך. זייער תמצית — וועלט און יידיש פאָלק. שירים שרייב איך, און אין זיי — מיין בונד מיטן פרילינג; ליבשאַפט צו דער ערד, ווען זי שטייט-אויף צום לעבן. איך לייען ספרי-חול און קריטיקיר נישט שטאַרק דעם תוכן. דער געדרוקטער ספר רופט ביי מיר אַרויס דרך-ארץ. סיי יהודה-לייב גאָרדאָנס לעסטערונגען און סיי מיכה-יוסף לעבענזאָנס ליריק — ביידע זענען ביי מיר הייליק, ווי די הייליקע ספרים, וואָס פון זיי הויב איך אָן אָפּצוקערן מיין פנים. אַ שפּאָר

ביסל וועלטלעכע ידיעות האָב איך אָנגעזאַמלט, אַליין גאָר נישט פילנ־דיק, ווי אַזוי דאָס איז צו מיר געקומען. אָט לייען איך טאָלסטאָיען, טורגעניעוון; לייען נעקראַסאָוון, פּושקינען און לערמאָנטאָוון. האָב שוין אַפילו אין מיין פאַרמעגן די דיקע ביכער פון פּושקין און לער־מאָנטאָוו. אי נאָענט, אי ווייט זענען מיר די וועלטן, וואָס איך דער־בליק דורך דער רוסישער ליטעראַטור. אמת, דערוויל זענען מיר יע־נע וועלטן נעענטער ווי די, וואָס קוקן צו מיר אַרויס פון פּרץ סמאָ־לענסקינס ספרים אַרויס. דאָרטן, ביי די נישט־יידן, זע איך צומאָל מיין אייגענע ערד. מיין מיל, לאַנקעס און ביימער אַרום מיל, וואָס וועקן ביי מיר גאָר אָפּט אַזאַ בענקעניש און פיינלעכע נאָגעניש.

יאָ, די מיל קומט גאַנץ אָפט ווידער אַרויס פאַרן דמיון; פון גאָר דער ווייט קומט זי צו מיר אַרויס. איך זע מיין טאַטן, שוין אַביסל אַן איינגעבויגענער, אין שווערע שטיוול טרעט ער שווער דעם וועג פון מיל אין שטעטל אַריין: — ער פאַרזייט זיין זאָרג אויף דעם וועג פון מיל אין שטעטל אַריין.

איך זע אויך די צאַרטע, שמאָלפּנימדיקע, שמאָלפּלייציקע מאַמע, אויך שוין געעלטערט און איינגעשרומפּן פאַר דער צייט; מיט איר האַסטיקן טראָט איילט זי אויך נאָך עפּעס אין שטעטל אַריין. זי איז מיט יאוש פול צוליב אירע, נאָך גאָר יונגע קינדער, וואָס האָבן זי אַליין געלאָזן צווישן די באַיאָרנטע ביימער אַרום מיל.

און פונדעסטוועגן, פונקט ווי צוריק צום ים־התלמוד און צו די פּוסקים קאָן איך שוין נישט ווידערקערן מיטן גאַנצן האַרצן, אַזוי קאָן איך מיין היים, ליפּעס מיל, נישט פאַרוואָרצלען מער ביים ראַנד פון לויכטנדיקן סטאַוו. כאָטש אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט וועקן ביי מיר אויף אַלע ווינקעלעך פונוואַנען מיינע קינדעריאָרן און שפּעטער, די יינגלשע יאָרן, האָבן געהאַט זייער יניקה. ווייטער, ווייטער, סיי פון בית־מדרש און סיי פון מיין היים רופט אַ שטים. אַ יונגע שטים רופט, און דאָס האַרץ גייט־נאָך דער ווייטער, באַקאַנטער און פאַרט־אומבאַקאַנטער שטים.

— באַקאַנט — ווייל די שטים קומט ווידער פון מיין חבר יצחק דעם רבס, וואָס האָט, חתונה־האָבנדיק, מיך אַליין איבערגעלאָזן אין שטעטל קוזניצע; און איצטער רופט ער מיך, איך זאָל מיט אים אַוועק קיין ווילנע, ווו עס וואַרט געוויס אויף אונז דער געטרייער וועגווייזער, וואָס וועט אונז אַרויספירן צום געגרייטן דרך־הישר.

מיין חבר יצחק דעם רבס, וואָס האָט זיין זיווג געפונען אין סוכאָוואָליע, אין גראָדנער גובערניע; זיין זיווג אין געשטאַלט פון אַן אשת-חיל — זי האָט אים נאָך דער חתונה אונטערגעגעבן חשק, ער זאָל פאָרן קיין ווילנע לערנען וועלטלעכע לימודים און קומען צו אַ תכלית. רופט מיך איצטער דער חבר, איך זאָל צו אים אַרויסקומען אויפן וועג. אינאיינעם — קיין ווילנע. אינאיינעם וועט דער כח זיין וואָגיקער. אינאיינעם, מיט צווייענדיקע פעיקייטן, וועט אַלץ אָנקומען גרינגער. מען וועט גאָר אין אַ קורצער צייט דערגרייכן צו אַ זעקסטן, צו אַן אַכטן קלאַס גימנאַזיע. דערנאָכדעם — אוניווערזיטעט. און דער-נאָכדעם — — —

בין איך אים אין שפּעטן האַרבסט אַנטקעגנגעקומען. אינאיינעם זענען מיר אין שפּעטן האַרבסט אָנגעקומען קיין ווילנע. נאָך אין דעם אייגענעם טאָג געפונען אַ חדרל אין אַן אומריין געסל און נאָך אומריינער הויז. אַ חדרל, פיר שפּאַן אויף פיר שפּאַן, מיט צוויי אומ-ריינע, האַרטע געלעגערס. דאָס אַלץ — פאַר דריי רובל אַ חודש. מיין חבר האָט באַצאָלט פאָרן חודש דירה-געלט, און איך — — איך האָב באַטראַכט מיין חבר; געקוקט אין זיינע בלויע אויגן אַריין, באַ-טראַכט זיין קינדישן וווּקס און קיילעכדיקן קאָפּ, און מיך האָט אָנ-געכאַפּט אַ צער פאַר אים. ער האָט געבענקט צוריק. ער האָט אין שטעטל סוכאָוואָ-יע געלאָזן זיין יונג ווייב, וואָס איז צו אים גע-ווען אי געליבטע, אי מאַמע; אי חבר, אי אונטערשטיצער. איצטער, אין די ד' אַמות פון אומריינעם צימערל, אין אַ שמוציק, ווילנער געסל, האָט עס אים אויסגעוויזן, גלייך ווי ער וואָלט פאַרלאָזן אַ וועלט פון אַלדאָס גוטס, געקומען קיין ווילנע און אַליין נאָך צוגע-צאָלט, מען זאָל אים אין תפיסה אַריינגעמען.

מען האָט איינגעקויפט אַלערליי לערנביכלעך אויף רוסיש: גראַ-מאַטיקעס, אַריטמעטיקעס, היסטאָריעס און געאָגראַפיעס. אָבער די נייע תורה איז דערווייל נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. איך האָב אָפט באַמערקט מיין חברס אויגן פאַרלאָפענע מיט טרערן. צווישן אים און מיר האָט מען איצטער געקאָנט אַרויסזען דעם שטאַרקן מהלך. נישט אַזוי אין יאָרן, נאָר אין דעם, וואָס ער איז שוין געווען נישט אַליין, און איך בין געקומען פון מיין ניי-געפונענער היים, ווי אַ פויגל, וואָס איז פון איין שטייג אַרויס און קיין צווייטע שטייג נאָך נישט געפונען. די ערשטע טעג האָט די שטאָט ווילנע, ירושלים דליטא,

פאַרכאַפּט דעם מהות. אַ גרויסע שטאָט, לויט אונזער דעמאָלטיקן באַגריף; אַ שטאָט, ווו תורה און השכּלה גייען ביידע, ווי צוויי טייכן, זייט־ביי־זייט. אַ שטאָט, ווו צניעות און הפקרות, פרומקייט און אפּיקרסות — אַלץ אינאיינעם האָט אַ ווינאָרט אין די שמאָלע „זאַולקעס״ אַרום שולהויף.

עס נעמט אָן אַ חשק אַריינצוקוקן אין די ווילנער קלויזן; אַ קוק טון אויף די ווילנער קלויזניקעס; דערקענען אין זיי מיין אייגן געשטאַלט. און גאָר אויסטערליש איז דער שולהויף פאַרפּרודזשעט מיט אָרעמקייט, וואָס ליגט אויסגעלייגט אויפן גליטשיקן ברוק. מאַרקיזיצערקעס, שרייערקעס, שילטערקעס, וואָס פאַרקויפן באָב און בייגל, פאַרפוילטע עפּל, פיש, קיכלעך און פּלעצן. בעטלער, וואָס רייסן די פּאָלעס פון דורכגייער; קרעמלעך, ווי אייטערדיקע וווּנדן אויף אומריינע לייבער, און איבער דעם אַלעמען — דאָס שאַלן פון די לומדי־תורה, זייער געזאַנג, וואָס קומט פון די קלויזן אַרום דער גרויסער שול. לומדי־תורה אין די קלויזן פון די שמאָלע געסלעך און טיפע הויפן — אין די פאַרצײפּושטע הויפן...

— איז דאָס ווילנע? ירושלים דליטא?

מען פאַרציט אַ שמועס מיט אַ קלויזניק, און גאָר גרינג איז אויפצודעקן די ספיקות, וואָס לאָקערן און לויערן אין די מוחות פון די דאָזיקע מתמידים, אַרויסזינגער, אַרויסשרייער און פאַרשרייער דעם חוצפּהדיקן „פאַרוואָס?״... „צוליב וואָס?״

— צוליב וואָס דערלאָזן, יונגע יאָרן זאָלן אַוועק אויף וויסט און אויף ווי?...

קומענדיק פּנים־אל־פּנים מיט די ווילנער קלויזן און קלויזניקעס, פאַרדריסט נישט — הלמאי מען האָט אַליין געגומען און געמאַכט אַזאַ דרייסטן שריט; אַליין גענומען און אָפּגעטרעטן פון קוואַל, וואָס האָט ביז איצטער אָנגעזעטיקט ס׳האַרץ מיט אַ זיסן ווייטיק; אָנגעפילט דעם מוח מיט אָנגעצונדענע חלומות. כאָטש ווילנע האָט גלייך, ביים אַריבערטרעטן איר שוועל, אויפגעדעקט פאַר מיר איר קבצניש געשטאַלט, אויפגעדעקט פאַר מיר אַ שרייעדיקע אָרעמקייט, אַ מענטשן־געווימל, וואָס איז פאַריאָגט אין הוילער וואָכעדיקייט — האָב איך פונדעסטוועגן געשפּירט, אַז מיט דער צייט וועלן פאַר מיר אויך ווערן אַנטפּלעקט ווינקעלעך אַזעלכע, פון וואַנען ס׳וועט צו מיר אַרויסבליקן דאָס אויס־

געחלומטע געשטאַלט; וואָס וועט פאַר מיר עפענען אַ טיר צום נייעם לעבן, וווהין דער חוש פירט מיך.

אין סטראַשונס ביבליאָטעק, אַז איך בין אַריין; די ביבליאָטעק, וואָס פאַרנעמט אַ צווייטן שטאָק אויפן אַלטן שולהויף, זייט-ביי-זייט מיט דער אַלטער ווילנער שול — דאָרטן האָב איך געזען שווייגנדיקע בחורים זיצן איבער וועלטלעכע ספרים; פאַרטיפטע אין די דאָזיקע ספרים, און אין איעדן פון די דאָזיקע שווייגער, האָב איך דערקענט מיין אייגן געשטאַלט. די וועלטלעכע ספרים אין די פּאָליצעס האָבן ערנסט צו מיר געקוקט. ערנסט — אָבער נישט פרעמד.

און מיין טייערער חבר?

די בענקשאַפט אַהיים האָט אים געניאָגט. מיין חבר איז אויס-געלאָשן געוואָרן מיטן אָנקומען קיין ווילנע. דאָ ערשט האָט ער באַ-גריפן, ווי ווייט דער נייער, אָנגעצייכנטער ציל איז ווייט פון אים — באשר ער איז נישט אַליין. באשר ער באַדאַרף ווערן איניגיכן אַ פאָ-טער. די צוקונפטיקע מוטער, זיין יונג ווייב, כאָטש זי אַליין האָט אים דערמוטיקט צו פאָרן קיין ווילנע — זי בענקט אויך נאָך אים. ממש דאָס חיות איז אין אים אויסגעגאַנגען, און זיין שוואַכער, צאַר-טער גוף האָט אָנגעהויבן נאָכצוגעבן. ברויט מיט טיי, אונזער טעג-לעכע שפייז, איז נישט גענוג געווען אויפצוהאַלטן שטאַרק דעם גוף, ער זאָל קאָנען ביישטיין די כוואַליעס פון לעבן, וואָס האָב געשלאָגן אין זיין צאַרטן גוף. ער איז קראַנק געוואָרן, נישט קאָנענדיק ביי-שטיין דעם נייעם, שווערן אָנהויב, צו וועלכן ער האָט מיך, דעם יינגערן, אַרויסגעפירט.

מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז מיין חבר וועט מוזן פאַרלאָזן ווילנע. און איך, אָן קיין שום מיטלען; אָן אַ גראָשן אויף דער הוצאה, אויב איך וועל נישט באַצייטנס אָנהויבן זוכן אַ שטיקל מקום-מנוחה — וועל איך, מיטן אָנקומען פון ווינטער, באַדאַרפן שלאָפן דרויסן. פונדערהיים האָב איך נישט געקאָנט פאָדערן קיין הילף. די היים האָט איר ווייט-פאַרוואָרפענעם זון נישט געקאָנט העלפן פונדער-ווייטנס. מיין היים האָט נאָר געהאַט געטרייע אָרעמס, ווען אַ קינד איז געקומען צו איר אין די אָרעמס. די היים האָט געקאָנט דער-נערן דעם הונגעריקן, צוטוליען דעם עלנטן; מקרב זיין און אין ענג-שאַפט געפינען אַ געלעגער. אָבער די היים איז שוין מער קיין היים נישט געווען פאַר דעם, וואָס איז מיטן שטורעם אַוועק.

אַזוי האָב איך צומאָל געשפּירט אין ווילנע: — גלייך אַ שטורעם האָט מיך אַהין פֿאַרטראָגן; אין ווילנער ענגע גאַסן האָט דער שטורעם מיך אָפּגעלאָזן; אין ווילנער אָרעמקייט, אין ווילנער בעטלער-וועלט אַריינגעשליידערט. צו ווערן אַ בעטלער — זעט מיר גאָר שווידערלעך אויס.

דעריבער, כאָטש פֿאַר דער דירה איז געווען באַצאָ׳ט פֿאַר אַ גאַנצן חודש, בין איך פֿונדעסטוועגן באַצייטנס אַוועק זוכן אַ בית-המדרש, ווו מען זאָל מיך בלויז לאָזן נעכטיקן. מען זאָל פֿאַר מיין נעכטיקן אין בית-המדרש פֿון מיר קיין תּורה און פֿרומקייט נישט פֿאַרלאַנגען. און מכּות עסן — דאָס וועט שוין זיין די לעצטע און שפּעטערדיקע זאָרג.

איך האָב געפֿונען אַזאַ בית-מדרש אויף נאָווי-שוויאַט. אַ קאַלטער בית-מדרש אין אַ האַלבן קעלער, ווו שווערע אַרבעטער און באַלעגאָלאָס האָבן געדאַוונט. דער יונגער שמש, אַ בלאָנדער, אויסגעדינטער סאָלדאַט — ער האָט מיך גוט פֿאַרשטאַנען. אויסער דעם, וואָס ער האָט מיר דערלויבט צו שלאָפֿן אין בית-מדרש, האָט ער נאָך צוגעזאָגט צו קריגן פֿאַר מיר פֿון ערגעצן צוואַנציק קאָפּיקעס אַ וואָך.

- האָב איך דען מער געקאָנט פֿאַרלאַנגען פֿון מיין מזל אין יענער צייט.

אָבער מיין חבר איז אַוועקגעפֿאַלן צו בעט. אויפֿגעמונטערט האָט אים בלויז די האָפֿענונג, אַז ער וועט בקרוב פֿאָרן צו זיין טרייער ווייב, אין זיין נייער, וואַרעמער היים.

דער ווינטער איז אָנגעקומען, און איך האָב שוין מיין געזעגער אַריבערגעטראָגן אין קאַלטן בית-המדרש אַריין, וואָס אויף נאָווי-שוויאַט.

אין אַזאַ קאַלטן פֿאַרטאָג האָט מיין חבר יצחק דעם רבס געזאָלט אָפּפֿאָרן פֿון ווילנע צוריק קיין סוכאָוואָליע, זיין היים. איך בין געקומען אים אַרויסבאַגלייטן. אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט מיט אים. געהאָלפֿן אים איינפּאַקן זיין קופֿערטל. און נאָך אַ שטיק פֿאַרטאָג, צופֿוס, אין מיטן קופֿערטל אויפֿן אַקסל, זענען מיר שווייגנדיק געגאַנגען דורך ווילנער גאַסן, וואָס פֿירן צום ווילנער וואָקזאַל.

ער איז אַוועק קיין סוכאָוואָליע אָנצוהויבן זיין לעבן, ווי אַ העברעישער לערער אין שטעטל, און איך — אַ באַטריבטער בין איך אַוועק אין קאַלטן בית-מדרש, וואָס אין אַ קעלער אויף נאָווי-שוויאַט.

*קאַפּיטל צווייאונפערציק*

## הונגער, נויט און קעלט

כאָטש אין האַלב־פינסטערער קלויז אויף נאָווי־שוויאַט איז מיין מקום־מנוחה, אָבער אַ טיר צו אַן אָפענער וועלט, ווילנער וועלט, האָב איך פריי. די עטלעכע גמרות, אין די פּאָליצעס פון דער אָרע־מער קלויז, מאָנען באַשיידן: „קוק אַמאָל אין אונז אַריין; בלעטער אונז אַביסל...״ דער קאָפּ איז נישט מער מיט זיי.

ווינטער. קאַלט. איך בין נישט געווינט וואַרעם אָנגעטון. פאַר די צוואָנציק קאָפּיקעס אַ וואָך, וואָס דער גוטהאַרציקער שמש קריגט פאַר מיר איינערגעצן, זיי סטאַיען אויף שוואַרצן ברויט, אויף טיי אָן צו־קער און אויף אַ ווייסן, פּאַפּירענעם קראַגן, וואָס איך בייט איינ מאָל אין צוויי וואָכן.

איך שלאָף אין קלויז. האַרטע באַנק אונטער דער זייט; אַן אַלטער טלית צוקאָפּנס; מיין אויבערבגד און אַ פּאָר אַלטע פּרוכתן — מיין צודעק. איז קאַלט ביינאַכט. איך שלאָף אין די קליידער, און ס׳איז קאַלט. די קלויז איז אַן אָרעמע; מען הייצט זי בלויז איינ מאָל אַ טאָג, אינדערפרי — בלייבט זי סיי ווי קאַלט. אַ קעלערדיקע קעלט, וואָס קריכט אין די ביינער. די דאַוונערס, — באַלעגאָלעס, וואָס שפּרינגען אַריין אינדערפרי אין איילעניש אין קלויז אַריינצוכאַפּן אַ דאַוו־נען — זיי טוען נישט אויס די שווערע טולופּן בשעתן דאַווענען.

הונגער, נויט און קעלט; הונגער, נויט און לידער.

הונגער וואָלט איך אפשר נישט באַדאַרפט דערמאָנען. וואָרום, אַז מען האָט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט מיט טיי צוויי מאָל אַ טאָג — הונגערט מען נישט. אָבער אין נויט איז מען פּאָרט. דער גוף פּאָ־

דערט עפעס מער. דאָס בלוט פאָדערט עפעס מער. קומט צוהילף די בלייכגעוואָרענע יוגנט, וואָס גלוסט געזאַנג; קומט צוהילף דער נייער, כמעט שוין-אָנגעצייכנטער וועג.

— אַ פרייער פויגל; אַרויס פון אַ טונקעלן וואַלד אַרויס אין אַ פרייען פעלד. איז ווינטער דרויסן. איז קאַלט. ברומט צומאָל אין די געדע־רעם די נישט-זאַטקייט.

איך בין נישט אַליין אין דער קאַלטער קלויז. אַן אויפגעלאָפע־נער לאַגער איז דאָ. נאָך אַ דריי בחורים, וואָס האָבן איבערגעריסן מיט זייער אַמאָליקן אָנהויב און האָבן נאָך נישט אָנגעקניפּט זייער לעבן אין נייעם אָנהויב. דער גוטער שמש לאָזט אַלעמען צורו. ס'אַרט אים נישט, אויב יונגע מענטשן וואַרעמען דעם קאַלטן אויוון מיט וואַ־רעמקייט פון מאָגערן לייב. אַרט אים נישט, אויב מען וואַרעמט די האַרטע באַנק.

פאַראַן אין קלויז איינער אַ געוועזענער עילוי. אַ געוועזענער וואָלאָזשינער מתמיד, מיט אַ קיילעכדיקן בלאָנדן און שטענדיק גוט־שמייכלענדיקן פּנים. אַ ברייטפלייצעדיקער, פון נידעריקן וווקס. ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו שמייכלען מיר אין פּנים מיט זיין גוטסקייט. ער קען שוין ווילנע. עלטשיק — רופן אים די אַנדערע בחורים. עלטשיק רוט נישט. ער איז אומעטום. פאַר אים איז נישט פאַרהוילן קיין איין אָרט אין ווילנע. עלטשיק גייט אין דער ביבליאָ־טעק פון „בנות-ציון" און ברענגט פון דאָרטן אַלערליי ספרים אין העברעיש. עלטשיק הונגערט נישט: — ער גייט אין דער ביליקער קיך עסן; די ביליקע קיך, אויף נאָוויגאָראָדער גאַס, ווו די ווילנער בעטלער קומען אָפּצועסן צוזאַמען.

עלטשיק ווייסט, אַז אין ווילנע זענען פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן אין „המליץ" און „הצפירה". און עלטשיק איז אויך געווען ביים אַלטן קלמן שולמאַן, וואָס האַלט שוין ממש ביי בלינד ווערן.

ווען עלטשיק האָט ביי מיר איבערגעלייענט עטלעכע נאַר-וואָס אָנגעשריבענע שירים — איז ער אַריין אין התפעלות; האָט עס אים פון דער ערד אַ צי-געטון; ממש די שכינה האָט באַלויכטן זיין פּנים... ער וועט איינרייסן די וועלט. ער מוז מיך אַוועקפירן אין דער ביליקער קיך; ער אַליין וועט פאַר מיר נעמען ברויט און אַ טעלער געקעכץ, איך זאָל נישט באַדאַרפן שטיין אין דער ריי מיט די נאָווי־גאָראָדער בעטלער.

ער, עלטשיק, וועט מיך באַקאַנט מאַכן מיט די שרייבער פון „המליץ" און „הצפירה", איך זאָל פאַר זיי לייענען מיינע לידער.

— איר וועט נישט אויסהאַלטן, אויב איר וועט כסדר עסן שוואַרצברויט מיט טיי אָן צוקער, און נישט עסן, כאָטש איינמאָל אַ טאָג אַ טעלער געקעכץ.

ער האָט מיך איינמאָל מיט געוואַלט אַוועקגעפירט אין דער בילִיקער קיך. האָב איך נישט געקאָנט סובל זיין דעם ריח, וואָס האָט געשלאָגן פון יענער קיך און דעם עולם שנאָרער, וואָס האָט מבוהלדיק געכליאַבעט פון די שיסלען.

דערפאַר זענען מיר אַריין אין קאָפּ די מעשיות וועגן די שרייבער, וואָס ער קען. ער האָט זיי בפירוש אין ביבליאָטעק „בנות-ציון" געטראָפן; געגעבן זיי די האַנט. ער האָט מיט זיי גערעדט... ער ווייסט אַפילו, ווו זיי לעבן:

— גאָטשאַר שרייבט אין „הצפירה". ער איז אַ האָרבאַטער. ער איז געראָטן אין משה מענדלזאָן. אים קאָן מען טרעפן אין אַ קלויז אַרום שולהויף. און דער „המליץ"-שרייבער מאַרקוליס, וואָס זיין אמתער נאָמען איז גאָרעליק, ער וווינט אַליין אין אַ שטוב, וואָס די באַלע-באַטים זענען אין אויסלאַנד אַוועקגעפאָרן אויף ווינטער.

זענען מיר אין איין פרימאָרגן אַוועק באַגעגענען גאָטשאַרן, וואָס שרייבט אין הצפירה"; וואָס האָט אַ האָרב און זעט אויס ווי משה מענדלזאָן. מיט אַ האַרצקלאַפּ בין איך געגאַנגען.

עלטשיק האָט מיר דעם גאַנצן וועג אונטערגעגעבן מוט און באַגייסטערט:

— איר וועט זען, ער וועט אונז גוט באַגעגענען. איר וועט זען, ער וועט אייערע שירים לייענען און זיי וועלן אים געפעלן ווערן.

— אָס איז ער?

האָט עלטשיק מיר אָנגעוויזן אויף אַ בידעריק-געוויקסיקן און האָרבאַטן יונגנמאַן, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט אין שווערע תפילין, אויף זיין אָרט אין מזרח-וואַנט. ס'איז געווען אין צייט פון צווייטן דאַווענען, ווען מיר זענען אין קלויז אַריינגעקומען. אין קלויז זענען געווען אַ צוויי דריי מנינים מתפללים.

— דאָס איז גאָנטשאַר... מירן דאָ וואַרטן, ביז ער וועט אונז

דערזען. איר וועט זען, ער וועט מיך דערקענען און אַראָפּקומען צו אונז.

אַזוי איז דאָס געווען. גאָנטשאַר, דער שרייבער פון „הצפירה", איז אַראָפּגעקומען צו דער טיר, ווו מיר זענען געשטאַנען. ער האָט עלטשיקן באַגעגנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. אַ זייער קלוגן פּנים האָט גאָנטשאַר געהאַט, מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל אַרום מויל. ער האָט מיר געגעבן שלום און געפרעגט, ווער איך בין.

— דאָס איז אַ יונגער משורר — האָט עלטשיק מיט שטאָלץ מיך פאָרגעשטעלט — ער שלאָפט אין אַ נאָווי-שוויאַטער קלויז. ער וויל אייך לייענען זיינע שירים.

מיר האָט דאָס פּנים געפלאַמט. אַ היץ איז מיר דורכגעלאָפן דורכן לייב. ס'איז מיר גאַנץ נאַטירלעך אויסגעקומען דאָס, וואָס דער שרייבער פון „הצפירה" איז דאָ אין קלויז און דאַוונט נאָך אין שווערע תפילין. אפשר מוז ער דאָס; אפשר איז ער נאָך אויך אין אַזאַ מצב, ווי איך...

- קומט אַריבער ביינאַכט אַהין, ווו איך וווין, און ברענגט מיט אייערע שירים — האָט גאָנטשאַר מיט אַ שמייכל מיר געזאָגט.

הייסט עס, ער האָט ערגעץ-ווו אַ דירה, און פונדעסטוועגן קומט ער אין בית-מדרש אַריין דאַוונען; איז מיר אַ ביסל קשה געווען די זאַך. ער איז מיר געפעלן געוואָרן.

עלטשיק האָט אין דעם געזען אַ גרויסן נצחון:

— ער איז אַ גרויסער שרייבער; ט'זיין גוט, אויב אים וועלן נאָר אייערע לידער געפעלן זיין. מאָרגן גייען מיר צו מאַרקוליסן, דאָס הייסט — צו גאָרעליקן.

מיט דעם אייגענעם אימפּעט האָט מיך עלטשיק אין אַ פּראָס-טיקן בייטאָג אַוועקגעפירט אויף רודניצקער גאַס, ווו אויף אַ צווייטן שטאָק פון אַ געמויערט הויז האָבן מיר באַדאַרפט געפינען דעם שריי-בער גאָרעליק, אָדער מאַרקוליס.

נאָך אויף די טרעפּ זייענדיק, האָבן מיר דערהערט אַ שטים, אַ גמרא-ניגון, וואָס זינגט נישט, נאָר שרייט מיט התלהבות אַרויס אַ געגראַמטן העברעישן שיר. מיר זענען ביידע געבליבן אויף די טרעפּ מיט אַ פאַרטאַיעטן אָטעם און געהערט: ביאַליקס שיר „אל האגדה" האָט מען געזונגען מיט התלהבות. מען האָט געהערט טריט, וואָס

שפּאַנען איבער דער שטוב, און דאָס געזאַנג — איינמאָל און נאָכאַמאָל, און אַלץ מיט מער התלהבות.

עלטשיק האָט אָנגעקלאַפּט. די טיר האָט געעפנט אַ בלייכער, הויכער בחור מיט איינגעפאַלענע באַקן און ברענענדיקע אויגן. ווען ער האָט גערעדט, איז אַ פּאָרע געגאַנגען פון מויל. אין אַ נישט-גע-הייצטער, גרויסער שטוב איז ער געווען, און האָט מיט התלהבותדיקן געזאַנג פאַרטריבן די קעלט. ער האָט אונז אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

ווען עלטשיק האָט מיך פאָרגעשטעלט ווי אַ „יונגן משורר", האָט גאָרעליק געהייסן תיכּף לייענען:

— נעמט אַרויס אַלע שירים, לייענט, און איך וועל הערן.

ס'האָט מיר געציטערט צאָן-אָן-צאָן סיי פון קעלט און סיי פון אויפרעגונג, בעת איך האָב אים מיינע שירים פאָרגעלייענט.

— איר וואַקסט אַ משורר — האָט גאָרעליק מיר געקלאַפּט אין פּלייצע — ווו וווינט איר? יאָ, אין נאָווי-שוויאַטער קלויז... איך וועל קומען אייך זען.

דערוואָרעמטע פון זיינע רייד זענען מיר ביידע, עלטשיק און איך, טאַנצנדיק און אונטערזינגענדיק געגאַנגען איבער די ווילנער גאַסן.

— מיר וועלן נאָך גיין צו קלמן שולמאַן, איך וויל, איר זאָלט אים זען. ער איז שוין אַ זקן. אָבער איך וויל איר זאָלט אים זען — האָט עלטשיק געמונטערט.

נישט באַשערט געווען צו באַגעגענען קלמן שולמאַנען, וואָס איז דעם אייגענעם ווינטער געשטאָרבן. אָבער עלטשיק — זיין טרחה איז נישט געווען אַרויסגעוואָרפן. ער האָט פאַר מיר נאָך ברייטער געעפנט די טיר צו אַ פרייער וועלט און געהאָלפן גרונטפעסטיקן דאָס לעבן, ווו אַ זינגעוודיקער בין איך סיי-ווי-סיי אומגעגאַנגען — כאָטש אַ שלעכט-באַקליידעטער און נישט-דערעסענער.

אין יענער צייט האָט דער וואַרשעווער פאַרלאַג „אחיאסף" אָנ-געהויבן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנשריפט אין העברעיש — דעם „הדור" און אַ וואָכנשריפט אין יידיש — „דער יוד". אויך דידאָזיקע צוויי שריפטן האָט עלטשיק גלייך ערגעץ פאַטשאַפּעט און זיי געבראַכט אין בית-מדרש אַריין. אין „יוד" האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט די נעמען: שלום אַש און אברהם רייזען.

עלטשיק האָט מיך שטאַרק צוגערעדט, איך זאָל שיקן מיינע שירים אין „הדור" אַריין:

— דוד פרישמאַן איז דער רעדאַקטאָר, און איר וועט זען, אַז ער וועט אייערע שירים אָננעמען. — — —

גוט צו באַגעגענען אַזעלכע עלטשיקס אין לעבן. גוט צו פילן די וואַרעמקייט, וואָס שטראָמט פון אַזאַ עלטשיק־האַרץ.

עלטשיק האָט פון מיר געהאַט נחת. ער האָט אָבער אויך דעם אייגענעם ווינטער געהאַט פון מיר צער, ווען מיינע כחות האָבן נאָכגעגעבן; ווען אַלע מיינע גלידער האָבן דערשפּירט אַ מידקייט, און פאַר די אויגן האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען.

— פאָלגט מיך, קומט אין דער ביליקער קיך; איר וועט ווערן שטאַרקער, ווען איר וועט איין מאָל אַ טאָג אָפּעסן צוזאַמען.

איך האָב אים געפאָלגט. אַ פּאָר מאָל בין איך מיט אים מיטגעגאַנגען. ער האָט פאַר מיר געקריגן ברויט און געקעכץ — אָבער דאָס עסן איז מיר נישט וווּל באַקומען. צופיל איז מיין גוף געווען אָפּגעצערט.

ווען דער פרילינג איז געקומען האָט מיך אַ שטאַרקע בענקשאַפט אַרומגעכאַפּט — ביז טרערן; ביז צום פאַרלאַנג אַרויסצוגיין הינטער דער שטאָט — אַזוי באַגעגענען דעם פרילינג און אויסהויכן די נשמה אין יונגן פרילינג אַריין.

עלטשיק האָט מיך אַוועקגעפירט אין בקור־חולים, וווּ איך האָב געקריגן אַ צעטל צו אַ יונגן דאָקטאָר.

דער באמת יונגער דאָקטאָר, נאָך גאָר אָן פּראַקטיק, ער האָט מיך אויפגענומען. האָט גוט אויסגעפּויקט מיין אָפּגעצערטן גוף. מיט אַ טרייבל אויסגעהערט מיינע לונגען, מיין האַרץ... האָט אויסגעפרעגט, וואָס איך טו אין ווילנע. האָט אַ ביסל געשוויגן, געשמייכלט, ווי אַ פאָטער, וואָס שמייכלט מיט גוטסקייט פון קינדס חכמות און אגב — פאַרפירט מיט מיר אַזאַ שמועס:

— אַ היים האָט איר ערגעץ?

— יאָ, מיין היים איז אין גראָדנער גובערניע. אַ וואַסערמיל לעבן שטעטל קלעשטשעל.

— האָט איר טאַטע־מאַמע?

— יאָ.

— פאַראַן ביי אייך אינדערהיים וואָס צו עסן?

— אוודאי; ביי מילנער פעלט נישט וואָס צו עסן.
— אַ קו איז פאַראַן אינדערהיים?
— יאָ.
— גיט זי מסתמא מילך זומערצייט?
— איך רעכן, אַז זי גיט מילך זומערצייט.
— וועט איר, יונגערמאַן, מוחל זיין, תיכּף־ומיד אַוועקפאָרן אַהיים צו טאַטע־מאַמע אין מיל אַריין — עסן און טרינקען. און טאָמער וועט איר ב׳ייבן דאָ אין קלויז, הונגערן און שרייבן שירים, — וועט איר גאָר אינגיכן שטאַרבן...

„גאָר אינגיכן שטאַרבן..." נישט־מער און נישט־ווינציקער. אַ קאַלטער שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף מיין לייב. מיט אונטערגעבראָכענע פיס, בין איך אַרויס אין לויטערן דרויסן, און טרערן האָבן געפלייצט פון מיינע אויגן.

איך בין אַרויס הינטער דער שטאָט, באַטראַכט דעם דרויסן, ווי ער נעמט־אויף דעם פרילינג; באַטראַכט די ביימער, וואָס אָטעמען אַרויס מיט זאַפטיקן גרונט; איך האָב אַרויסגעצויגן אַ פּאָר גרינע גרעזעלעך פון דער ערד — טרערן האָבן נאָך אַלץ געקוואָלן.

„גאָר אינגיכן שטאַרבן..." שטאַרבן וויל איך איצטער נישט...

איך האָב מיין מצב פאַרטרויט עלטשיקן. עלטשיק האָט איבערגערעדט מיטן גוטן שמש. דער שמש האָט ערגעץ צונויפגענומען אויף רייזע־הוצאות, און אַ שוואַכער, אויסגעשעפּטער, דורכזיכטיקער, מיט אַ פלעשעלע רפואות אין קעשענע און מיט אַ פעקל שירים אין בוזעם־קעשענע, בין איך אַוועק צו טאַטע־מאַמע.

געפירט אַהיים דעם אונטערגעבראָכענעם גוף; געפירט אים יז די גרינע לאָנקעס, אַרום ליפּעס מיל.

*קאַפּיטל דרייאונפערציק*

# אַ קראַנקער אַהיים

געווען אַ וואָכן דריי נאָך פּסח. פון ווילנע בין איך אַרויסגע־פאָרן קעגן נאַכט, דעריבער בין איך אַ גאַנצע נאַכט אַ וואַכער גע־לעגן אויף דער האַרטער באַנק פון דריטן קלאַס וואַגאָן. דער היים האָב איך נישט מודיע געווען, אַז איך קום. נישט געוואָלט איבער־שרעקן.

די ווערטער פון יונגן ווילנער דאָקטאָר, וואָס האָט גענומען און אַ זאָג געטון: — „יונגערמאַן, אויב איר וועט נישט פאָרן אַהיים צו טאַטע-מאַמע, וועט איר שטאַרבן"... די דאָזיקע ווערטער זענען פייער־דיקע געשטאַנען פאַר מיין דמיון. מער פון אַלץ האָט איצטער מיין דערוואַכטע יוגנט געגאַרט צום לעבן. מיין צוריקקער אַהיים איז גע־ווען אַ פריילינגדיקער און טרויעריקער. איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין יונג לעבן נישט איבערגעלעבט אַזאַ שאַרפן טרויער.

בשעת די פרעמדע פור האָט מיך אינדערפרי געפירט פון וואָק־זאַל דורכן שטעטל אַהיים, צו ליפען אין מיל אַריין — האָט מיך דאָס שטעטל זייער פרעמד אויסגעזען. אין שטעטל האָבן געלעבט מיינע ברידער, בנימין חיים און קלמן. אויך בעבל האָט געלעבט אין שטעטל. ביים אָנקומען האָב איך צו אַלעמען אָנגעקלאַפּט, און באַלד אַוועקגע־איילט אַהיים. ס'איז מיר געווען גלייך, ווי איינער, וואָס קערט זיך אום אויף דער עלטער צוריק צו זיין געבוירנאָרט פון אַ ווייט לאַנד, ווו ער האָט זיינע יונגע יאָרן איבערגעלאָזט. ווינציקער פון אַלץ האָב איך געשפּירט די יוגנט, מיינע אַכצן יאָר, ווען כ'האָב געצויגן דורך די גוישע גאַסן.

ווען דער וואָגן איז אַרויסגעקומען צו די פּלייטן און גרעבליעס, אויסגעמיטן דעם לעצטן שייער, און אַריין צווישן דיביידע שורות ווערבעס און אָלשענעביימער פון ביידע זייטן וועג; ווען דער ריח פון צעבליטן פרילינג האָט אַ שלאָג געטון אין בלוט אַריין, האָט עס מיך צענומען, ווי אַ קליין קינד, ווען ס'דערזעט די מאַמע. האָב געשפּירט די היץ, וואָס שלאָגט מיר אין פּנים אַריין. אַ פרילינגדיק אויסגעצירטע איז געשטאַנען די געגנט אַרום מיל. נישט מער, וואָס די שורה ווערבעס ביים סטאַוו אַנטקעגן שטוב זענען שוואַרצער גע-וואָרן, נידעריק אַראָפּגענויגט די קעפּ צום וואַסער. פיש שפרינגען פון וואַסער אַנטקעגן דער זון. גרין-גראָזיק און פרימאָרגנדיק באַלויכטן זענען די לאָנקעס אַרום. די מיל גייט. טלאַפּא-טלאַפּא — — — די מיל גייט.

פון שטוב-פענסטער באַמערקט מיין קומען. מען לויפט אַרויס אַנטקעגן באַגעגענען.

— וואָס איז דער מער, מיין זון, אַזוי גאָר אומגעריכט? — קושט מיינע באַקן די מאַמע, און כ'זע, זי איז צעשראָקן.

דער טאַטע איז אויך פאַרחידושט, וואָס — עפּעס גאָר אַזוי אינמיטן דרינען... אויף פּסח נישט געקומען, און איצטער גאָר... די שוועסטער שרה, די צען-יאָריקע שרה איז איצטער דאָס איינציקע קינד אין שטוב, זי נעמט איבער דער מאַמעס געפיל, און קוקט צו מיר אויך פאַרוואונדערט.

אַ פרעמדער מילנער, אַ בלייך בחורל, אַ דייטשל, כמעט אין מיינע יאָרן, ער קומט אַרויס אַ פאַרמעליקטער, מיך צו באַגעגענען.

— ער איז אונזער מילנער, — דערציילט מיר די מאַמע, קוקנדיק צום פאַרמעליקטן בחורל — נישטאָ ווער ס'זאָל דעם טאַטן אַרויס-העלפן.

מען גייט אין שטוב אַריין. יאָ די שטוב, און נישט די שטוב. קלענער געוואָרן מיין היים, זינט איך האָב די וועלט דערזען; אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי ווילנע, געלעבט, דעריבער איז מיין היים אי קלענער, אי ליידיקער. פעלן קינדער. טאַטע-מאַמע געעלטערט געוואָרן. בסך-הכל אַנדערטהאַלבן יאָר נישט געווען אינדערהיים; נאָר אָפּנים, נישט שטענדיק זענען פאַרלאָפענע יאָרן דער סימן פון פאַר-גאַנגענער צייט אין מענטשנס לעבן. צומאָל לעבט מען אָפּ אַ לעבנ-לאַנג אין איין יאָר. האָט עס מיר אויסגעוויזן, גלייך — איך אַליין

האָב שוין מיין לעבן אָפּגעלעבט. דעריבער איז אַלץ אַרום מיר אַזוי געעלטערט. דאָס, וואָס דער ווילנער דאָקטאָר האָט מיך אָנגערופן „יונגערמאַן" — דאָס באַווייזט גאָרנישט. ער האָט דאָך מיר געהייסן פאָרן אַהיים — אַנישט וועל איך שטאַרבן.

דער מאַמעס האַרץ האָט נישט גערוט. ביז זי איז נישט דער־גאַנגען, וואָס מיר איז. איך האָב איר דערציילט, אַז מיר איז באמת גאָרנישט. אַ ביסל בלויז איבערגעכאַפּט די מאָס לערנענדיק; אַ ביסל נישט דערעסן אין ווילנע, ווו איך האָב שוין קיין טעג מער נישט געוואָלט עסן ביי לייטן:

— אגב, האָט עס מיך טאַקע געצויגן אַ ביסל אַהיים. שטאַרק געבענקט אַהיים. און די דאָזיקע רפואות אין פלעשל האָט מיר דער דאָקטאָר געגעבן. אויב איך וויל, זאָל איך איינגעמען; אויב נישט — איז אויך רעכט.

היים — איז היים. דאָס קינדערשע אין מיר, וואָס איז ערגעץ־ווו געווען פאַרשטעקט, איז אַרויסגעשפּרונגען נאָך דעם, ווי די מאַמע האָט אָנגעקאָרמעט, און אָבער און ווידער אויסגעטאַפּט אַלע גלידער מיינע; אויסגעקושט די באַקן מיינע.

היים — איז היים. נאָכדעם ווי עטלעכע טעג זענען אַוועק, האָבן פאַרבאָרגענע כחות אָנגעהויבן אויפצוואַכן און פאַרבן ראָז מיינע בלאַסע, איינגעצויגענע באַקן. איך האָב תּופס געווען דעם ווילנער דאָקטאָרס קלוגע רייד, ווען ער, אויסהערנדיק און אויסקלאַפּנדיק מיין אָפּגעצערטן גוף; נאָכדעם, ווי ער האָט געפרעגט, צי איך האָב אַ היים און טאַטע־מאַמע — האָט ער מיך אַוועקגעטריבן אַהיים. אין די ערשטע טעג, ווען די געגנט האָט מיך ווידער אויפגענומען ווי אַן אייגענעם; ווען אַ באָרוועסער, ווי אין די יינגערע יאָרן, בין איך אַוועק איבער די לאָנקעס; כאָטש מיינע באָרוועסע טריט האָבן איצטער געשפּירט די רויקייט פון דער ערד — האָט עס מיר אויסגעוויזן, אַז אַהער געהער איך. אַ טעות געווען צו פאַרלאָזן אָט־אָ־דאָס געבוירנאָרט, אַוועק „קנייטשן די באַנק"; ווי אַ בעטלער קלאַפּן אין פרעמדע טירן. עס האָבן צומאָל די ביימער אויף מיר געקוקט מיט רוגזה, הלמאי איך בין אַוועק פון זיי אויף אַזויפיל יאָרן. עס האָבן די ווערבעס ביים סטאַוו צו מיר אַפילו געקוקט מיט אַ ברוגז. ס'האָט מיך די ערשטע צייט געצויגן צו מעסטן מיט מיינע באָרוועסע טריט די לאָנקעס. פרעמדלעך איז מיר אַביסל געוואָר'ז די מיל

דער טאַטע האָט גרייליך געוואָלט וויסן, וואָס איך טו אין ווילנע. און פאַרוואָס איך האָב אויפגעהערט עסן טעג... ער האָט געוואָלט וויסן, ווען איך וועל אָרויסנעמען סמיכה אויף רבנות. אין שטעטל האָט מען אים געזאָגט, אַז פרץ האָט אין ווילנע עפּעס אַנדערש געלערנט. וויל ער וויסן, וואָס אַזעלכעס האָט זיין זון געלערנט.

די מאַמע, זי אויך, דערקענט אין מיר אַ פאַרענדערונג. איר קומט עס אויס צום גוטן. זי קאָן מיט מיר איצטער שמועסן פון אַזעלכע ענינים, וואָס טאַקע נאָר אין אַזאַ שטאָט ווי ווילנע, ווייסט מען. זי איז פאַר דער צייט געוואָרן אַביסל אומגלויבעריש; האָט נישט קיין שטאַרקע אמונה אין יענער וועלט. וויל זי וויסן, וואָס מען זאָגט עפּעס מכּח יענער וועלט אין אַזאַ שטאָט, ווי ווילנע.

היים — איז היים. אויף אַ ווײַלע האָב איך ווידער דערשפּירט מיין פאַרוואָרצלטקייט אין דעם פייכטן גרונט ביי ליפּעס מיל, כאָטש באַלד קומט ווידער אַ האַרבסטיקע דערפאַרונג: אַ היים ווערט געעלטערט און געבויגן; אַ היים ווערט אויסגעלערט, ווי די פייגלנעסטן, ווען די פייגל ציען אין האַרבסט אַוועק צו זומערדיקע לענדער.

— וואָס איז די מעשה, וואָס אויף יענער זייט בריק, ביי דער מיל, איז געבליבן אַן אָפּגעצייכנט אָרט, וווּ דאָס גראָז היי־יאָר איז נישט אַרויסגעקומען; ווי די לענג פון אַ מענטשן איז די ערד נישט באַגראָזט געוואָרן אויף יענער זייט בריק?...

שמייכלט די מאַמע טרויעריק:

— אַ מענטש איז פאַראַיאָרן זומער דערטרונקען געוואָרן: אַ פויער, וואָס איז געקומען אין מיל אַריין. האָט מען אים צו־שפּעט אַרויסגענומען פון וואַסער און אַ טויטן געלאָזט ליגן ביי דער זייט בריק גאַנצע צען טעג, ביז נאַטשאַלסטוואָ האָט אים געהייסן צונעמען. פאַר דער צייט האָט ער אָנגעהויבן פוילן, אונטער אים איז דאָס גראָז ווי פאַרברענט געוואָרן, און היי־יאָר איז שוין גאָר קיין גראָז נישטאָ אויף דעם אָרט. שוואַרץ, ווי די לענג פון אַ מענטש — די לענג פון דערטרונקענעם. אַ מורא בייינאַכט דאָרט צו גיין.

— איך האָב מורא פאַר דעם אָרט—זאָגט די צען־יאָריקע שרהלע.

הייסט עס — צוגעקומען אַ פרישע אומהיימלעכקייט אַרום ליפּעס מיל.

דער יונגער מילנער, וואָס העלפט דעם טאַטן אַרויס אין מיל, דאָס יונגע דייטשל איז מיר באַקאַנט. ער איז אַ בלייכער, ווי איך, אַן אָפּגעצערטער. ווען־נישט־ווען שפּייט ער מיט בלוט. זיין טאַטע,

אויך אַ דייטשל, וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט אין דער געגנט, אַ פּשוט־מאַכער געווען — ער איז שוין געשטאָרבן. זיין טאַטע האָט אָפּגע־קערט צו אונז פון צייט־צו־צייט. אַ גוטער בעל־מלאכה געווען; גע־ווּסט, ווי צו פאַריכטן אַ מיל. איינמאָל האָט ער מיטגעפירט זיין בן־יחידל, אַ קליין, בלאַס יינגל — איצטער איז דאָס בן־יחידל אַ מיל־נער ביי ליפּען אין מיל און ווען־נישט־ווען שפּייט ער מיט בלוט.

ער האָט מיר, ווי אַ ברודער אויסגעוויזן, געוואָרן מיר אַ חבר. ער האָט מיך פאַרשטאַנען, צוליב זיין אייגענער אָפּגעצערטקייט. ביי־דע האָבן מיר געגאַרט צו לעבן. איך האָב אים אין מיל אַרויסגע־האָלפן, און אין דער פרייער צייט זענען מיר ביידע אַוועק שפּרייזן איבער די לאָנקעס, איבער די בלאָטעס, זוכן וויינפּערלעך, סמאַראָ־דינעס.

מיטן אָנקומען פון זומער בין איך אַביסל געשטאַרקט געוואָרן, אָבער נישט דאָס דייטשל, דער יונגער מילנער. ער איז איינגעגאַנ־גען פון טאָג־צו־טאָג. אָן אַ שיעור טרויער האָט ער אין מיר דער־וועקט. די מאַמע האָט אויף אים אַכטונג געגעבן ווי אויף אַן אייגן קינד. אומוואַנדערנדיק איבער די לאָנקעס האָבן מיר אויסגעזען, ווי אַ צווילינג.

— וואַרט, וואַרט, ווען די מאַלינעס וועלן צייטיק ווערן — האָט דאָס דייטשל מיך געמונטערט — וועלן מיר זיי קלייבן און עסן. פון מאַלינעס קריגט מען כוח. פון מאַלינעס עסן וועסטו אויך קריגן מער כוח.

אַזוי האָט ער געהאָפט אויף דעם אָנקום פון מאַלינעס. קוים־קוים האָבן מיר ביידע דערצויגן די ערשטע אויפגעקומענע, צייטיקע מאַלינעס. ביידע זענען מיר אַוועק עק־וועלט ערגעץ אין די קאַר־טשעס, געקליבן די צייטיקע מאַלינעס און געלייגט אין מויל אַריין. ער איז גערעכט געווען — מיר איז שפּעטער אין זומער אַ סך בעסער געוואָרן. די יוגנט האָט ווידערגעקערט צו מיר אַ פאַרשעמטע, גע־מאָנט ביי מיר אַ חוב פאַר אַ סך טעג — נישט־דערעסן; פאַר אַ סך נעכט — נישט־דערשלאָפן. מען האָט געקאָשעט די לאָנקעס, און דער דרויסן, ווי גאָר אַמאָל, האָט געשמעקט מיט היי.

אין אַ הייסן זומערטאָג, שוין פאַרנאַכט־צו, אין צייט פון היי־זאַמלען, בין איך געקומען פון שטעטל. די מאַמע האָט מיר געגעבן

עסן און געזעסן, ווי ער שטייגער, געקוקט צו מיר — דאָס פּנים באַלויכטן מיט פריידיקן טרויער.

פלוצלינג לויפט שרהלע אַריין מיט אַ געוואַלד:

— אַ גוי ווערט דערטרונקען הינטער דער מיל!

איך האָב געוואָרפן דאָס עסן, אַרויס צום וואַסער הינטער דער מיל. פּויערים פון די לאַנקעס, אין איין געלאָף, איילן צום וואַסער, טייטן מיט די פינגער צום וואַסער און קיינעם פאַלט נישט איין צו גיין ראַטעווען דעם דערטרונקענעם.

איך זע, ווי אויף איין אָרט, נעענטער צו די וואַסער־רעדער, קומען בלעזלעך אַרויף צום אויבערפלאַך פון וואַסער. נישט־וואַרטנדיק האָב איך אַראָפּגעוואָרפן די קליידער, אַריין אין טייך, אַוועקגעשווו־מען צום אָרט, ווו בלעזלעך זענען אַרויפגעקומען; אויף אַ ווייל אַרונטער אונטערן וואַסער און אַרויסגעקומען צוריק מיט אַ יונג — אַ ריז, — האַלב־טויט — דריי מאָל גרעסער פון מיר. ס'איז געלונגען אים אַרויסצובריינגען פון דער טיף, ווו פּויערים האָבן באַגעגנט און אים צוגענומען פון מיר, אַרויסגעטראָגן צום גראָז. מען האָט דעם דערטרונקענעם געטרייסלט, אַרויסגעשאָקלט פון אים דאָס וואַסער. ער איז געקומען צום לעבן. די שמחה איז געווען גרויס.

מיטאַמאָל קומט אַ גרויסער פּויער, אַ בלינדער אויף איין אויג, פאַלט אויף די קני פאַר דער מאַמען און קלאָגט:

— זיי מיר מוחל, לייבטשיכע, איך האָב דיך היינט באַליידיקט. דו ביסט אַ הייליקע, לייבטשיכע, ווייל גאָט האָט מיך תיכף באַ־שטראָפט. זיי מיר מוחל; זיי מיר מוחל... — האָט ער, שטייענדיק אויף די קני, געקושט דער מאַמעס הענט.

די מאַמע האָט געוויינט פאַר פרייד:

— איך בין דיר מוחל, מוחל, שטיי־אויף פון דער ערד.

אַז דער דערטרונקענער איז געקומען צום לעבן, האָט ער אויך מיט אַלע כוחות געצויגן די הענט צו דער מאַמען, און געבעטן, זי זאָל אים מוחל זיין.

דער פּויער האָט דערציילט פאַר „דער וועלט", ווי ער האָט דעם מילנערס ווייב אינדערפרי באַליידיקט; בשעת ער האָט געבעטן דעם שליסל צום פאַרשלאָסענעם בריק, וואָס דער באַלעגוף פון מיל האָט איבערגעלאָזן ביים מילנער אין שטוב, ווייל דער באַלעגוף נעמט צוואַנציק קאָפּיקעס פאַר איעדער פור היי, וואָס מען פירט אַריבער

איבער דער בריק. ווען ער האָט געבעטן ביים מילנערס ווייב, זי זאָל אים געבן דעם שליסל, און זי האָט עס נישט געטון — האָט ער זי געוואָלט שלאָגן... געדופן מיט מיאוסע ווערטער... דערומעך האָט עס אים. גאָט באַשטראָפט.

מיך האָט ער גענומען אויף די הענט, געקושט און באַגאָסן מיט טרערן:

— מיין בן־יחיד האָסטו געראַטעוועט. דו, אַזאַ בלייכער, אַזאַ שטשופלער, האָסט אים, דעם גרויסן, אַרויסגעראַטעוועט. אייביק וועל איך עס דיר געדענקען.

האָב איך דערפאַרן, אַז אויך אין דער אייגענער היים בין איך אַ דערוואַקסענער; האָב איך דערשפירט די כוחות, וואָס האָבן מיר אַזוי אויסגעפעלט אויפדערפרעמד.

אין יענע טעג, ווען איך בין מיטן רעיון אַוועק צוריק, געוואָלט צונויפנעמען מיינע פינף יאָר אויפדערפרעמד; טעג־עסן, התמדה, סדרים גמרא, פוסקים, מדרש, אַזויפיל אַנדערע רבנישע ספרים — אַז איך האָב דאָס אַלץ געוואָלט צונויפנעמען און איינפאַסן עס אַרום ליפּעס מיל — האָב איך פאַר דעם קיין אָרט נישט געפונען. האָב איך בחוש געזען, ווי די גאַנצע תורה, וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט אין די ד׳ אמות פון בית־מדרש — זיי פאַסט נישט צו מיין געבוירנאָרט.

דערפאַר, זיצנדיק ביים סטאַוו אונטער אַן אַלטער ווערבע, בשעת איך האָב אַריינגעקוקט אין מיינע יונגע כתבים, מיט אַ ציטעריקער שטים פאָרגעלייענט פאַר די אַנטקעגנדיקע ביימער מיינע שירים, מיינע בענקענישן, מיינע אומקלאָרע זוכענישן — האָב איך געפילט, ווי דער גאַנצער אַרום פאַרנעמט מיך; דער גאַנצער אַרום נויגט אַן אויער צו מיר.

אין אַזאַ־אָ צייט, ביי אַזאַ־אָ געמיט, האָט מיך אָפט באַהערשט די היים. די שטאָט ווילנע איז ווי אין אַ וויטן נעבל פאַרשוווּנדן געוואָרן. ווען באַהערשט פון אַזאַ געמיט, האָב איך קיינע פון די פריערדיקע שטעט און שטעטלעך, ווו איך בין געזעסן על התורה ועל עבודה, מער נישט אַרויסגעזען. געזונטע רגעס פון מיינע קינדער־יאָרן זענען צו מיר ווידערגעקומען.

דער זומער האָט צו מיר גערעדט:

— די היים האָט דיר דיין לעבן מציל געווען; וווּהין דען ווילסטו ווידער ווענדן דיינע טריט?

*קאַפּיטל פיראונפערציק*

## ליפּעס מיל און ירושלים דליטא

פונדעסטוועגן בין איך פאַרן זומער אַריינגעצויגן געוואָרן אין מיל־אַרבעט. איך האָב עס געטון אַרויסצוהעלפן דעם יונגן, קראַנקן דייטשל, וועמענס טרוקענער הוסט האָט כסדר אָפּגעהילכט אין מיל, ווען ער האָט דאָרט עפּעס געטון.

מיר איז נישט באַקומען דאָס, וואָס מיין געזונט איז פאַרן זומער צוריק פאַרוואָרצלט געוואָרן אין מיינע גלידער, בעת דעם יונגן מילנערס געזונט איז אַרויסגערונען פון זיין אויסגעצערטן גוף. ער האָט אָנגעהויבן בעטן, מען זאָל אים אַוועקפירן אין אַ שפּיטאָל. זיין בלאַס געשטאַלט האָט ביי מיר געוועקט טיפן צער; איך האָב אין אים דערקענט מיין אייגן אויסגעטריקנט געשטאַלט מיט אַ האַלב יאָר צוריק אין נאָווי־שוויאַטער בית־מדרש. מיטן אָנקומען פון סוף־זומער איז אים אַ סך ערגער געוואָרן; די לונגען האָבן געזופּט די לופט און נישט זאַט געוואָרן. ער איז אַוועק פון מיל. די מאַמע האָט אים אַרויסבאַגלייט ווי אַן אייגן קינד און האָט טרערן פאַרגאָסן דערביי.

מיט זיין אַוועקפאָרן האָט דער קראַנקער מילנער איבערגעלאָזן אַ שאַרפן טרויער אַרום מיל. זיינע אויגן, דורשטיקע צום לעבן, זענען געבליבן אַרום מיל. פון די אַרומיקע לאָנקעס האָט מען אַראָפּגענומען די אָטאַווע, די צווייטע היי־זאַמלונג; אַ קאַלטער טוי איז אַלץ אָפטער געקומען אַראָפּצונידערן איבער ביימער און גראָז און געמאַכט געלן די בלעטער אַרום מיל.

גאָר אומדערוואַרטעט האָב איך ווידער דערפילט אַ פרעמדקייט פון דער געגנט צו מיר. אַ פרעמדקייט האָט אויך אָנגעהויבן צו

בלאָזן פון מיל אויף מיר. אַוודאי איז דידאָזיקע פרעמדקייט אין מיר אַליין צייטיק געוואָרן; האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקומען צום אויסדרוק, נישט נאָר די יאָרן פון מיין אַוועקגיין פונדערהיים, יאָרן אויפדער־פרעמד — זיי האָבן געהאַט די נויטיקע פעולה. די היים מיינע האָט שוין אָפגענייגט צו אַ שטענדיקן סוף־זומער. דער ווילנער דאָקטאָר. וואָס האָט מיך איבערגעשראָקן און געהייסן פאָרן תיכף אַהיים — ער האָט אַ קראַנק קינד אַריינגעוואָרפן צוריק אין די היימישע, געטרייע אָרעמס. געזונטוועדנדיק, האָט די נאַטור אירס געפאָדערט. אמת, ווי ביים פריערדיקן צוגאַסט־זיין אינדערהיים, אַזוי אויך איצטער, אין אַ שעה, ווען יונג־לעבן מיינס האָט נישט געוואָלט אַוועק מיטן גרויסן שטראָם אין דער פרעמדער, אומבאַקאַנטער וועלט, דעמאָלט האָב איך אין דמיון פלענער געמאַכט, ווי אַזוי, שוין גאָר אַ דערוואַקסענער, ווען כ'וועל אָנהויבן צו פאַרדינען — וועל איך ביים שלעכטן באַלעגוף אָפקויפן די מיל, ווערן אַליין מילנער און נישט פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע צו דער עלטער.

מסתמא זענען דאָס געווען שוין אַזעלכע, ווען דאָס לעבן האָט געצויגן איר יניקה פון נאַטירלעכן קוואַל; דאָס זענען געווען שוין נישט פון קינדערשער פאַרלאָרנקייט, נאָר פון באַיאָרנטער שלווה. איך האָב מיט קייגעם פון די עלטערע קינדער וועגן דעם נישט גערעדט; פאַר טאַטע־מאַמע אויך נישט דערציילט. דאָס זענען געווען חלומות פון אַ יונג צווייגל ביי דער זייט פון די באַיאָרנטע שטאַמען.

דעם האַרבסט האָב איך אַרויסגעזען. נישט נאָר דער דרויסן איז געווען באַלויכטן מיט דעם האַרבסטיקן ליכט, ווען די זון האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן אַראָפּצונייגן אַהינטערן וועלדל, פון דער לינקער זייט ליפּעס מיל — די זון האָט בכלל שוין אָפּגעווענדט איר ליכט פון אַרום ליפּעס מיל. שאָטנס זענען געלעגן אויף טאַטע־מאַמעס פנים; שאָטנס — אויף ליפּעס מיל. שטאַרק, גאָר שטאַרק זענען פאַר די יאָרן די ווערבעס געעלטערט געוואָרן אַנטקעגן שטוב. אפילו דער סטאַוו איז שמעלער געוואָרן, צוליב די קעמפּעס מיט טראָסטענעס און אַאיר, וואָס האָבן אַלץ ווייטער אין סטאַוו אַריין אַרויסגעשיקט זייערע וואָרצלען.

דעם זומער האָב איך באַמערקט די מאַמע, ווי זי גייט אָפּ־טער אין שטעטל אַריין; עס ציט איר צו די קינדער, וואָס האָבן חתונה געהאַט און וווינען שוין אין שטעטל. משה איז, ווי דער שטייגער,

אַלע זומער פֿאַרפֿרעמדט פֿונדערהיים. די צען-יאָריקע שרהלע טרעפֿט אַליין דעם וועג אין שטעטל אַריין. ווי איך, אין אירע יאָרן, בין געלאָפֿן אין דער מאַמעס שליחות, ברענגען פֿעפֿער, זאַלץ פֿון שטעטל — אַזוי לויפֿט זי איצטער אין שטעטל אַריין.

איך בין געבליבן דערווייטערט פֿון שטעטל, ווי געווען. אמת, פֿאַר די יאָרן זענען נאָך עטלעכע בחורים אונטערגעוואַקסן אין שטעטל; האָבן אינדערפֿרעמד טעג געגעסן, תורה געלערנט און געקומען פֿון צייט צו צייט אַהיים. צווישן זיי — מיינע אַמאָליקע חברים פֿון חדר. זיי האָבן אויך אינדערפֿרעמד, אָן אַ זייט פֿון דער גמרא, אַריינגעכאַפּט זייטיקע תורות. סאַנע, לייזער דעם ווינטמילנערס זון, אַ שוואַרצ-חנעוודיקער, אין מיינע יאָרן; ער איז אינדערהיים, און האָט מיט מיר פֿאַרקניפּט חברישקייט. ווייל ער איז געווען דער, פֿאַר וועמען איך האָב אינדערשטיל פֿאָרגעלייענט מיינע שירים. ער איז גאַנץ אָפֿט צו אונז אין מיל געקומען; איך האָב אים פֿאַרנומען אויף די לאָנקעס, און דאָרט בשתיקה געלייענט מיינע שירים.

יאָ, אַלע מיינע בענקשאַפֿטן האָב איך יענעם זומער נישט פֿאַרפֿעלט אויסצוגיסן אין מיינע שירים, וואָס האָבן קיינמאָל די ליכטיקע וועלט נישט געזען. דאָס זענען געווען שירים, וואָס האָבן געשפּונען אַ פֿעדימנע בריק צווישן ליפּעס מיל און ווילנע; שירים, ווען שוין אָנגעשריבענע, האָבן זיי אַריבערגעקוקט צו דער ווייט, צו ווילנע; האָבן אויסגעקוקט מבינים.

דער טאַטע האָט עטלעכע מאָל מיט מיר פֿאַרפֿירט אַ שמועס מכוח די ווילנער גרויסע רבנים, און צי וועל איך אַמאָל ביי זיי פֿאָרט אַרויסנעמען סמיכה. פֿאַר מיין טאַטן איז ווילנע דערשינען אין זיין דמיון — אַ שטאָט מיט גאָלע גרויסע רבנים; בתי-מדרשים, פֿול פֿון מזרח ביז צו דער טיר מיט לומדי-תורה; דער קול-התורה שאַלט איבער גאַנץ ווילנע, און אינמיטן פֿון דעם אַלעמען — איז פֿרץ, זיין זון.

— פֿאַרוואָס האָסטו טאַקע שוין ביז איצטער קיין סמיכה נישט אַרויסגענומען? זענען טאַקע נישט פֿאַראַן קיין אַכצן-יאָריקע יונגעלייט מיט סמיכה?

גאָר נישט ווילנדיק האָב איך דעם זומער דעם טאַטן פֿאַרשאַפֿט עגמת-נפֿש, ווען, אַהיימקומענדיק פֿון דאַווענען, האָט ער אַראָפּגענומען פֿון פּאָליצע אַ מחזור, אָנגעטון די שפּאַקולן; געבלעטערט, געבלעטערט

אין מחזור און צום סוף מיר אָנגעוויזן אויף אַן אָרט אין יום-כפּור־דיקן פּיוט, און געפרעגט:

— די זעסט דאָ גאָרנישט?

קוק איך, פאַרטייטש די שורות, וואָס דער טאַטע טייט מיר צו זיי מיטן פינגער, און זאָג:

— איך זע דאָ גאָרנישט...

— סטייטש, מיין זון, מען האָט דאָך היינט אין בית-מדרש בפירוש אַרויסגעלייענט פון דעם דאָזיקן אָרט אויף ריכטיק — ווען דער קץ וועט זיין; ווען משיח וועט קומען... גאָר אינגיכן באַדאַרף ער קומען.

האָב גענישטערט צווישן די שורות, און האָב בשום אופן גאָרנישט געפונען, וואָס זאָל מרמז זיין אויפן קץ.

די מאַמע איז דערביי געשטאַנען. זי האָט שוואַך באַגריפן, וואָס דער טאַטע הייסט מיר אַרויסגעפינען פון מחזור אַרויס. באַמערקנדיק דעם טאַטנס אומצופרידנקייט, האָט די מאַמע געוואָלט איר זון פאַר־ענטפערן:

— די קלעשטשעלער גרויסע למדנים האָבן דאָ אויך מסתּמא גאָרנישט געזען.

דער טאַטע האָט אַן אומצופרידענער צוגעמאַכט דעם מחזור, צוריק אים אַרויפגעשטעלט אויף דער פּאָליצע, און איז אַרויס פון שטוב.

די מאַמע האָט געפונען דעם שעת-הכּושר מיך ווידער צו באַ־רויקן, אַז זי פאַרלאַנגט גאָרנישט פון מיר, איך זאָל ווערן אַ רב... זי פאַרשטייט שוין, אַז אין ווילנע לערן איך אַנדערע תּורות. זי האָט גאָרנישט אַנטקעגן דעם אויסצווזעצן. זי ווייסט, אַז אין קלעשטשעל לעבט מען אין חשכות; זי איז צופרידן, וואָס כאָטש איינס פון אירע קינדער איז פון דער דאָזיקער חשכות אַרויסגעקראָכן.

זי האָט אויף איר אופן אַרויסגעזען ווילנע. מיט איר האָב איך אויך אַ סך מאָל געשמועסט פון ווילנע. איר דמיון איז נישט אַוועק צו די ווילנער קלויזן, ווו „די קלויזניקעס קנייטשן די באַנק". איר דמיון איז אַוועק צו דער ווילנע, „ווו מיידלעך ווערן נישט אַזוי יונג פאַרשלייערט; ווו מיידלעך לערנען אויך עפּעס צו וויסן; ווו ווייבער, מסתּמא, גייען אויך אום מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ."

— מיינסט, מיין קינד, איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי מען לעבט אין ווילנע? הלוואי וואָלט איך נאָר געקאָנט באַווייזן, צו שיקן דיר אויף דער הוצאה, די זאָלסט נישט באַדאַרפן אַזוי אויסגעטריקנט ווערן.

מיינסט, מיר איז ניחא דיך צו לאָזן אַהין? ס׳ציטערט מיר מיין הארץ, ווען איך טראַכט פון דעם, ווי דו האָסט דאָרט געליטן.

און אַן אַנדערט מאָל:

— איך ווייס, מיין קינד, אַז דאָ איז פאַר דיר קיין שום תּכלית נישט. איך ווייס, אין מיל קאָן מען אויסקומען אָן דיר. ווען דו בלייבסט דאָ אין מיל די גאַנצע צייט, וואָלט פון דיר גאָר קיין תּכלית נישט געווען.

סוף־זומער איז געקומען דער פויער מיט דעם בלינדן אויג, וועמענס זון איך האָב מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, אין צייט פון היי־קאָשען, אַרויסגעצויגן פון טייך, און ער האָט געבראַכט דער מאַמען אַ מתּנה — אַ ניי דעמבן פעסעלע. דאָס פעסעלע האָט ער אַליין געמאַכט און האָט עס געבראַכט דער מאַמען אַ מתּנה.

— זעסט — האָט ער גערעדט, בעת טרערן זענען אים געשטאַנען אין זיין איינציקן, רעכטן אויג — זעסטו, ווי איך האָב נישט פאַרגעסן, וואָס דיין זון האָט געטון פאַר מיר. איך האָב נישט פאַרגעסן, ווי איך האָב דיך באַליידיקט. אַ שאָד נאָר, וואָס איך האָב נישט קיין אוגערקעס אין מיין גאָרטן. שפּעטער־צו וועל איך דיר ברענגען קרויט, וואָס איז יאַקבי יאָ געראָטן אין מיין גאָרטן...

ס׳בלוט איז דעם הויכן, איינאויגיקן פויער געקומען אין פּנים אַריין; אַ שווייס האָט אים אויפן שטערן אַרויסגעשלאָגן. ער האָט דאָס שמעקעדיקע דעמבן פעסעלע געהאַלטן אויף דער האַנט, ווי מען האַלט אַ ציטעריק קינד און האָט געמאָלן, וויאַזוי ער האָט געקאָנט בלייבן עלנט ווי אַ שטיין, ווען דעם מילנערס זון ראַטעווועט אים נישט אַרויס זיין איינאונאיינציקן — זיין פּאָדפּאָרע צו די עלטערע יאָרן.

מיך האָט ער אַרומגענומען, געקושט מיינע באַקן און דערביי געזאָגט:

— זעסטו, איך טראַכט, ס׳איז אַן עוולה, וואָס מען האָט פיינט אַ יידן. אַ גרויסע עוולה, זאָג איך. אָט, למשל, האָסטו גענומען און אַרויסגעראַטעוועט אַ נישט־יידן. וואָס באַווייזט עס, וואָס? דאָס באַווייזט, אַז אַלע מענטשן זענען ברידער. פאַרוואָס, לייבטשיכע, איז ער ביי דיר צוזאַ שטשופּלער? גיב אים איבער צו מיר אויף אַן עטלעכע וואָכן, וועל איך אים אויספּאַשען.

האָט די מאַמע אים דערציילט, ווי זי באַגערט, איך זאָל נישט

זיין שטשופּלע און ס'העלפט נישט. באַשר איר זון קומט אַהיים נאָר אויף אַ ווײַלע, קומט נאָר צוגאַסט. איצטער איך געקומען צוגאַסט און באַלד וועט ער ווידער אַוועקפאָרן.

— מסתמא האָט אים גאָט אַהערגעשיקט — האָט דער פויער גע־זאָגט — געקומען אַרויסראַטעווען מיין זון.

און אַזוי האָט ער אַ צייט שווייגנדיק געקוקט אויף מיר און געקוקט צו דער ערד.

דער זומער איז אַוועק. וואָס מער די טעג האָבן פאַרנייגט צו דער ווינטערדיקער זייט הימל, אַלץ אומעטיקער איז מיר געוואָרן. ס'האַרץ האָט געקלעמט, און אַלץ אָפטער איז מיר ווילנע אַרויסגעקו־מען פאַר די אויגן. געוועז אַזעלכע רגעס, און מיר איז באַפאַלן אַ פּחד, בשעת פאַרן דמיון איז אַרויסגעקומען ליפּעס מיל ווינטערצייט, אַ פאַרקאָוועטע אין אייז, און איך, אַן אָנגעפּעלצטער, אַן אַרומגעבונ־דענער, גיי מיט דער האַק אַרויס צו די וואַסער־רעדער אַרומהאַקן דעם אייז פון די רעדער.

ווילנע רופט. ווילנע וואָרנט, איך זאָל אויף ווינטער נישט בלייבן אין ליפּעס מיל, מיין היים:

— וועסט אומקומען, אויב דו בלייבסט אין ליפּעס מיל — רוימט מיר עמעצער איין אין אויער — אַנטלויף פון ליפּעס מיל... אַמאָל איז היים אַ מאַמע און אַמאָל איז היים — אַ שונא. אַנטלויף פונ־דערהיים.

איך גיס אויס מיין צערודערטן געמיט אין מיינע שירים און האָף, אַז סוף־כל־סוף וועל איך פאַרנעמען אַן אמתע שטים פון ווילנע, וואָס וועט מיך אָנרופן ביים נאָמען; אַ פריינטלעכע האַנט וועט מיך אָננעמען און אַרויספירן פון ליפּעס מיל, ווו מיין לעבן הויבט ווידער אָן ווערן אויסגעלאָשן.

צווישן יום־כפור און סוכות איז דער רוף פון ווילנע אָנגעקומען און האָט מיך באַפרייט פון ביטערן יאוש, וואָס איז מיך באַפאַלן, שטייענדיק ראש־השנה, יום־כפור, לעבן טאַטן אין בית־מדרש.

אַזוי איז דאָס געווען:

אין נאָווי־שוויאַטער קלויז, ווו איך האָב געהאַט מיין מקום־מנוחה, איז צווישן די דאַוונער געווען אַ חשובער ייד, אַ געוועזענער גוטבאַזיצער, וואָס האָט צוליב זיינע קינדער, וואָס האָבן געשטודירט אין ווילנער גימנאַזיע, איבערגעצויגן וווינען אין ווילנע. אַפּנים ער

האָט אויף מיר געהאַט אַן אויג. עטלעכע מאָל האָט ער מיט מיר פאַרן ווינטער פאַרפירט אַ שמועס.

האָט דער דאָזיקער ייִד געבעטן באַפעלן: — אַז אויב איך וועל אויפן ווינטער צוריקקומען קיין ווילנע, וועט ער מיך אָנשטעלן, איך זאָל מיט זיינע ייִנגערע קינדער, גימנאַזיסטלעך, לערנען לשון-קודש. ער וועט מיר אָרנטלעך דערפאַר באַלוינען. אַ בחור פון קלויז האָט מיר וועגן דעם אָנגעשריבן.

די שטים פון דער ווייט האָב איך אין צייט דערהערט. די היים האָט איר קראַנקן זון פאַרן ווּמער אויף די פיס געשטעלט, און מיט טרערן אין די אויגן אויפן ווינטער צוריק אַוועקגעשיקט אין דער ווייטער ווילנע.

## *קאַפּיטל פינפאונפערציק*

# אויף אייגענע פּים

איך בין געלעגן אויף דער האַרטער באַנק פון דריטן ק׳אַס וואַגאָן, אויפן וועג צוריק קיין ווילנע, און דורך דער נאַכט געהערט, ווי די היים איילט מיר נאָך און דערמאָנט מיר אַלע שווערע, באַזאָרגטע רייד, וואָס זענען אין פאַרלויף פון זומער געפאַלן אין מיין לעבן אַריין.

שווערע, באַזאָרגטע רייד — — —

— שוין נישטאָ מער אַרום מי, דאָס, וואָס אַמאָל, מיין זון — רעדט די מאַמע, און אין איר בלאַסן פּנים ציטערט אַ פאַרבאָרגענער פּחד — דער טאַטע איז אַליין אין מיל; וואָס קאָן ער מאַכן אַליין אין מיל? ווערט אַלץ שווערער און שווערער. זומער — ווי זומער; קומט דער לאַנגער ווינטער, כאַפּט שוין אָן אַ פּחד – אַזוי לעבנדיק פאַרוואָרפן. גנבים קומען ווינטער ביינאַכט, ווען ס׳וואַסער אונטערן מיל איז פאַרפרוירן, קריכן אין מיל אַריין, און שלעפן אַרויס זעק תבואה... אַ פּחד צו זיין אַ״יין.

דער טאַטע האָט אויך גאַנץ אָפט דערמאָנט, ווי שווער ס׳איז אים אַליין. דער באַלעגוף מאַטערט; רייסט די פּאָ?עס; שווער צונויפצושלאָגן פאַרן יאָר די הונדערט צוואַנציק רובל, וואָס מען באַדאַרף דעם באַלעגוף באַצאָ״ן.

דער טאַטע איז נישט שטאַרק געע״טערט, כאָטש שוין אַ זיבעציקער. איז ווי אַ בוים אַ דעמבענער, אַ צעצווייגטער און פאַוואָלעדיקער. אים איז שווער געוואָרן אָן די גרעסערע קינדער, וואָס זענען פון מיל אַוועק, אַ קינד אַ צען־יאָריקס, שרה״ע, לויפט אום אָן

זאָרג אַרום שטוב, און איז נישט בכּוח מיט איר לעבן פול צו מאַכן די שטוב, פול צו מאַכן דעם דרויסן, ווי ס'האָבן עס געטון מיט אַ צען יאָר צוריק די קינדער, וואָס האָבן פול געמאַכט די שטוב.

טרויעריק איז מיר מיין צוריקקער קיין ווילנע, כאָטש איך פאָר מיט דער בשורה, אַז דאָרטן וואַרטן אויף מיר תּלמידים, איך זאָל מיט זיי לערנען העברעיש, און איך וועל שוין נישט באַדאַרפן זוכן אַ מקום-מקלט ערגעץ אין אַ קלויז, ווו מען זאָל מיר לאָזן נעכטיקן.

אויסגעשטיגן אין ווילנע אין אַ האַרבסטיק-זוניקן אינדערפרי — בין איך מיט מיין פּעקל אַוועק לעת-עתּה אין אַ בילליקער אכסניה, אין אַ געראַמען קעלער, נישט ווייט פון וואָקזאַל.

אַ גלאָז טיי האָב איך מיר באַשטעלט, און פון מיין קעסטעלע אַרויסגענומען אַ פאַרפּאַקטע פלאַש; אַ פאַרפּראָפּטע און פאַרבונדענע מיט דער מאַמעס הענט.

יאָ, מאַלינעס האָב איך אינדערהיים כּסדר געקליבן. אַ סך מאַלינעס אויפגעגעסן קלייבנדיק, און אַ סך האָב איך אַהיימגעבראַכט. אַ גרויס געוועטעניש אויף מאַלינעס געווען אין די קאַרטשעס, אין די וועלדלעך אַרום מיל. האָט די מאַמע אויסגעפּרעגלט מאַלינע-איינגעמאַכטס און געמאַכט מאַלינע-סאָק. אַזאַ פלאַש מיט מאַלינע-סאָק האָט זי מיר מיטגעגעבן. פאָרזיכטיק פאַרפּראָפּט, און מיט אַ ריין, ווייס טיכעלע פאַרבונדן, סע'זאָל נישט רינען.

ווייזט אויס, אין פאַרלויף פון דער נאַכט, אין באַן, האָט עס די פלאַש געשאָקלט און געטרייסלט, גאַז זענען אויפגעקומען אין פלאַש, און האָבן געוואַרט, מען זאָל נאָר אָפּבינדן דאָס שפּאַגאַטל, וואָס די מאַמע האָט פאָרזיכטיק אַרומגעבונדן אַרום ווייסן טיכעלע, אַרום קאָריק. און ווי נאָר איך האָב דעם שפּאַגאַט אָפּגעבונדן, און דער קאָריק — מיט אַ קנאַק איז ער אַרויס; דער מאַלינאָווער סאָק האָט אַ שאָס געטון צו דער סטעליע, און פון סטעליע צוריק מיר אין פּנים אַריין...

אַ ריח פון מאַלינעס, אַ ריח פון מיין אָנגעוואוירענער היים האָט פול געמאַכט מיין אַכסניה. האָט עס פאַרשפּעטיקטע טרערן אויפגעוועקט אין די אויגן.

ווייל דער מאַמעס בלאַסער פּנים איז פאַר מיין דמיון אויפגעקומען; כאָטש זי זאָגט גאָרנישט, לייען איך פון אירע אויגן אַרויס:

— אַ נישט-גוטער סימן, מיין קינד — — —

איך האָב דעם אייגענעם טאָג אויפגעזוכט די קלויז, מיין גע-
ווענעם מקום-מקלט אויף נאָווי-שוויאַט, ווו איך האָב שירים געשריבן
און די כּוחות אָנגעווירן; דאָרטן האָב איך אויסגעפונען ביים שמש
מכּוח דער ידיעה, אַז תּלמידים וואַרטן אויף מיר. האָב דעם אייגע-
נעם טאָג באַגעגנט דעם פּאָטער פון די גימנאַזיסטן, וואָס האָט באַ-
פוילן נאָך מיר. אַ פּאַרמעגלעך הויז געווען. אין דעם אייגענעם טאָג
האָב איך געוווּסט, אַז איך וועל באַדאַרפן לערנען מיט צוויי גימנאַ-
זיסטן העברעיש פינף מאָל אַ וואָך, צו פּאָר שעה אין טאָג; דערפאַר
וועל איך קריגן זעקס רובל אַ חודש.

וואָס נאָך האָב איך דעמאָלט באַדאַרפט? זעקס רובל אַ חודש...
אויף מיינע אייגענע פיס שטיי איך דאָך שוין! בפרט, די יונגע גימ-
נאַזיסטלעך, די תּלמידים מיינע, האָבן אויך אַן עלטערן ברודער אינ-
דערהיים, אַן עלטערע שוועסטער, סטודענטן פון פּעטערבורג, און זיי
האָבן מיר אַליין אָנגעבאָטן, אויב איך וויל — וועלן זיי מיט מיר
לערנען רוסיש און אַנדערע ידיעות, וואָס זענען נויטיק, אויב איך וויל
שטודירן און האַלטן עקזאַמענס.

בין איך אַוועק אין די ווילנער זייטיקע הינטערגעסלעך זוכן אַ
שטענדיקע דירה. האָב געפונען אַזאַ דירה ביי אַ יונג פּאָרפאָלק, הע-
רינג-הענדלער, וואָס האָבן פּאַר מיר געשטעלט אַ בעט אין קיך צום
שלאָפן, און אָנגעוויזן אויף דער שטוב פון נאָך צוויי חדרים: — אַז
די גאַנצע שטוב איז פּאַר מיר. צוויי רובל אַ חודש וועט עס מיר
קאָסטן. וועל איך שוין דערביי אינדערפרי קריגן אַ גלאָז טיי אַ צולאָג.

וואָס-זשע נאָך האָט מיר געפעלט? צוויי רובל דירה-געלט, און
גאַנצע פיר רובל אַ חודש וועט מיר בלייבן. דאָס זענען די „אייגענע
פיס", וואָס אַ מענטש, ווי אַלט ער זאָל נישט זיין, דערשפּירט אין
זיין לעבן. נישט באַדאַרפן בעטן און בעטלען, און פון הונגער אויך
נישט שטאַרבן. דאָס זענען מיינע אייגענע פיס, וואָס כ'האָב צום
ערשטן מאָל — אַ בחור ערב ניינצן יאָר אַלט — דערשפּירט אָנקו-
מענדיק צום צווייטן מאָל קיין ווילנע.

האַרבסט איז אַוועק, ווינטער איז געקומען. די תּלמידים זענען
געווען מיט מיר צופרידן. מיינע לערער זענען מיט זייער תּלמיד צו-
פרידן. ס'איז מיר געווען, גלייך ווי אַלע יאָרן אינדערפרעמד בין
איך געווען באַגראָבן טיף אין אַ קעלער, אין האַלבער חשכות, און
איצטער בין איך מיט מיינע אייגענע פיס אַוועק שפּאַנען איבער דער

ערד. ווילנע איז איצטער פאַר מיר אַרויסגעקומען ווי נײַ־געבוירן, אויסגעשפּרייט מיט אירע גאַסן און געסלעך, שמוציקע הויפן און פוי־לע רינשטאָקן; מיט איר באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. האָב אָנגעהויבן אויספאָרשן דעם ווילנער דרויסן, ווילנער הינטערנשטאָט, ווי סאָסנע־וועלדער וואַכן אַרום שטאָט. האָב געשפּירט, ווי מײַן ווּקס שטרעבט צו דער הויך; מײַן דראָבנער ווּקס שטײַגט אַרויף; מײַנע בגדים ווערן אויף מיר ענג און קורץ... איך שרײַב שירים, און אַזוי גרינג און פּשוט גייט דאָס געזאַנג אין מיר אויף.

איך קום גאַנץ אָפט אַרײַן אין ווילנער קלויזן, פאַרפיר שמועסן מיט די קלויזניקעס, וואָס זיצן על התורה ועל העבודה. טרעפט צו־מאָל, זייער גמרא־ניגון פאַרכאַפּט נאָך מײַן געמיט אויף אַ רגע. ס'נעמט אָן אַ חשק עפּענען אַ גמרא און ווי זיי, אויסזינגען דאָס גאַנצע חיות אין לערן חלל אַרײַן.

איך דערקען אָבער אויך אין די אויגן, אין די געזאַנגען פון ווילנער קלויזניקעס, אין ווילנער קלויזן אַרום שולהויף, ווי זיי בענ־קען מיט מײַן אַמאָליקער בענקשאַפט; זיי קלעמט דאָס אייגענע, וואָס האָט ביז גאָר נישט לאַנג מײַן געמיט צונויפגעדריקט.

איך רעד מיט בחורים, האַלב און גאַנץ פאַנאַטישע; האַלבע און גאַנצע אַפּיקורסים. איך פאַרייניק בחורים פון עטלעכע קלויזן אין איין אַגודה. „תורה מציון" — וועט הייסן די אַגודה. מען וועט עט־לעכע מאָל אין וואָך צונויפקומען אין איין קלויז אַרײַן; אַלע אינ־איינעם וועט מען לערנען אַ בלאַט גמרא; לערנען אַביסל אויפגע־קלערטער, פאַרגעשריטענער, און דער עיקר — וועט מען לערנען לשון־קודש און דקדוק...

ס'געפעלט. עטלעכע צענדליק בחורים, גרעסערע און עלטערע פון מיר, ווערן אין דער אַגודה אַרײַנגעצויגן. פּינקטלעך קומען זיי. מען שמועסט פון אַ דרויסנדיקער וועלט. מען רעדט פון ארץ־ישראל און דער בת־ציון. מען רעדט פון יידנס ווידערקער קיין ארץ־ישראל. מען לערנט כלומרשט אַ בלאַט גמרא; מען לערנט אָבער מיט כוונה לשון־קודש, דקדוק און אַנדערע ספרי־חול.

איך נישטער אַרום שולהויף, פאַרקוק אין די טיפע, פאַרשוויצ־טע און פאַרדומפּענע הויפן; קוק אַרײַן אין די קעלער־פענסטערלעך, זע, ווי עס לעבט דאָרט ווילנער אָרעמקייט. עס געלינגט מיר, מיט אַזאַ אָדער אַנדער תירוץ, אַראָפּ אין אַזעלכע קעלערן; לעבן דאָרטן

אַ שעה. אָדער צוויי מיט די „יושבי-חושך“ — ווי איך רוף זיי אין מיינע יונגע און קיינמאָל נישט-געדרוקטע שירים.

איך באַגעגן אין ווילנע יונגע מענטשן אין מיינע יאָרן, אָדער עלטערע פון מיר, וואָס זענען פון אַלטן בית-מדרש אַרויס, און וואָס נייע געזאַנגען האָבן זיי פאַרכאַפּט; פּרוּוון אויך זייער כשרון אין שירים שרייבן. ביאַליקס שירים זענען אין מויל פון אַזאַ-אָ יוגנט. אַיעדן שיר ביאַליקס לערנט מען אויף אויסנווייניק.

פונדעסטוועגן פּרוּוו איך אינדערשטיל באַשרייבן ווילנער אָרעמקייט דווקא אין יידיש. יידיש קומט מיר אָן גרינג און פּאָרט שווער. קומט מיר אָן נאָענט און פּאָרט נישט צו דער האַנט. אין שיר — גאָר שווער. פּרוּוו איך דעריבער שרייבן דערציילונגען אין יידיש, שירים — נאָר אין לשון-קודש. איך ווייס אַליין נישט אויף קלאָר, פאַרוואָס דאָס קומט אַזוי אויס. אפשר, ווייל די בת-ציון רופט, מען זאָל צו איר זינגען און זי פאַרלאַנגט עס נאָר אין לשון-קודש. די בת-ציון האָט דאָך צו מיר אין די לעצטע יאָרן, ווען נאָך אין בית-מדרש, אין די משמר-נעכט, גערופן אין דער הייליקער שפּראַך. זי האָט גערופן מיט דער שטים פון די נביאים; דורך דעם דמיון פון די בעלי-אַגדה.

דאָס לעבעדיקע לעבן אַרום מיר; דאָס לעבעדיקע, וואָס פון דעם בין איך אַ טייל — דאָס האָט פון מיר נאָך דערווייל קיין סך נישט געפאָדערט. אַליין אין נויט געוואַקסן — בין איך געוווינט געווען אין דער נויט צו געפינען מיין קלאָרע לופט. אַליין אין די יונגע יאָרן, אין אַ ווינקל פון לעבן איינגעקנוילט — איצטער, ווען איך בין אויף מיינע אייגענע פיס אַוועק — בין איך געווען פאַרנומען מיט מיין אייגענעם נאַטירלעכן וואַקסן. רחמנות-געפילן צו די, וואָס וועלקן אין די ווילנער פינסטערע קעלערס, אָבער דערווייל — נאָך נישטאָ קיין שטאַרקער פּראָטעסט צו די, וואָס לעבן אויף די אויבערשטע שטאָקן. גיכער פון אַלץ האָב איך געהאָפּט אויף דער גאולה, וואָס וועט צונויפנעמען אַלעמען פון די יידישע גאַסן און געסלעך און מיט צימבל און טראָמפּייטן פירן קיין ארץ-ישראל.

איך האָב צוגעקראָגן נאָך אַ צוויי תלמידים. בין שוין בכח צו צאָלן גאַנצע דריי רובל אַ חודש דירה-געלט און נעמען אַ באַזונדערן חדר פאַר מיר אַליין. אַ חדר אין אַ זייטיקער, רייגערער גאַס, ווו

ביימער זענען געוואַקסן אַנטקעגן מיין פענסטער פון צווייטן שטאָק. בין שוין בכוח געווען אויפצונעמען אין מיינע ד׳ אמות נייגעפונענע פריינט און חברים, וואָס האָבן געהאַט דעם חשק אויסצוהערן די נאָך נישט-געדרוקטע שירים פון יונגן משורר.

די אויגן האָבן געקוקט מיט חידוש צו דער נייער וועלט, וואָס איז איצטער „גאָר-אינגאַנצן" אויסגעפאַלן אויף מיין גורל. אַליין יונג— האָב איך דערבליקט אַ גרויסע יוגנט אין ווילנע, וואָס איז, ווי איך, פאַרכאַפּט פון אַ שטרעבן צו אומבאַקאַנטע ווייטקייטן. אַ יוגנט, אַ נייגעבוירענע ווי איך; אַ יוגנט, וואָס פאַר איר זענען הונגער, קעלט און נויט נישט געווען קיין שטרויכלשטיינער אין וועג — אַבי אַ שטיקל שוואַרץ ברויט און אַ צוגעצוקערטע גלאָז טיי. דער סאָסנאָ-ווער וואַלד הינטערן שטאָט, דער שלאָסבאַרג און דער וועג ביי דער ווילעיע — אָ, וואָס פאַר אַ זומער עס איז מיר געקומען אַנטקעגן אין ווילנע נאָך דעם ערשטן ווינטער אויף אייגענע פיס!

איך, שטייענדיק אין פרילינג ביי דער ווילעיע, בשעת דער דערוואַכטער שטראָם קרישלט דעם אייז, הורבעט אים און שטויסט אים אַראָפּ-וואַסער — דעמאָלט איז מיר מיין היים, מיין אויפגערודער-טער און דערוואַכטער טייך געקומען פאַרן דמיון... ווי דער טאַטע, מיט אַ שווערן, אייזערנעם לאָם, שטייט אויף דער בריק ביי די אָפענע זאַסטעווקעס, האַקט דעם אייז און לאָזט אים אַוועק מיטן שטראָם. די מאַמע, דאָס עלפיאָריק שוועסטערל ביי דער זייט — העלפן דעם טאַטן ביים פרילינג-שטראָם.

— איז דאָס טאַקע אויף אייביק אַזוי? זענען טאַקע מיינע וואָרצלען נישט מער דאָרטן?

מאַכט דעמאָלט דער געדאַנק ווידער ווייטע פלענער:

— וועסט עלטער ווערן; וועסט זיין אַ בעל-יכולת אָפּצוקויפן ביי שרינסקין די מיל; וועסט דאָרטן אַליין זיצן. יאָ מילנער, נישט מילנער — טאַטע-מאַמע וועלן זיין ביי דער זייט. מיין היים — אַ שטענדיקע היים. ליפּעס מיל — אויף שטענדיק ליפּעס מיל. מיין וואַסער וועט נאָך אַלץ זיין זיס צום גומען.

פון די בגדים בין איך פאַרן יאָר נאָך מער אויסגעוואַקסן. אין מיין פּאַספּאָרט, ווו צווישן מיינע אויסערע סימנים איז פאַרצייכנט: — ראָסט מאַלי, נאָס פּראָדאָלגאָוואַטי — ס׳הייסט: קליינגעוויקסיק און מיט

אַ לענגלעכער נאָז... מיין געוויקס איז איצטער שוין מער נישט קיין קליינער. אין נייעם פּאַספּאָרט וועט מען מוזן פאַרצייכענען גאָר אַנדערש...

יאָ, ווילנע האָט מיך ווי אַ קינד אויפגענומען און באַפוילן צו וואַקסן. איך פאָלג און וואַקס.

## קאַפּיטל זעקסאונפערציק

# „געגנעים"

מיט שטילע טריט בין איך אָנגעקומען קיין ווילנע; מיט שטילע טריט בין איך אומגעגאַנגען אין ווילנער גאַסן. ווילנע די שטאָט האָט צומאָל ביי מיר אַרויסגערופן פּחד. ווילנע, די נייע היים, האָט פון מיר געפאָדערט, איך זאָל זי ליב האָבן.

ווילנע האָט געהאַט אַ סך סודות; און אויך אַ סך ווינקלען אין לעבן פאַר מיר שוין אָפן און אַנטפּלעקט. אַלץ ווייטער איז דערוויי־טערט געוואָרן פון מיר די שוועל פון אַלטן בית־מדרש. דורכגייענדיק פאַרביי די קלויזן אַרום שולהויף, ווען דורך די אָפענע פענסטער האָט אַרויסגעשלאָגן צום דרויסן אַ גמרא־ניגון, איז דאָס געווען צו מיר — גלייך דער ניגון קומט פון אַ ווייטער, סודות־פאַרשלייערטער וועלט.

ס'איז נישט געווען מיין לעצטער חוב, וואָס איך האָב נאָך אָפּ־געצאָלט מיינע פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן אין בית־מדרש, ווען איך האָב צונויפגענומען קלויזניקעס אין איינער פון די קלויזן אַרום ווילנער שולהויף, און דאָרטן מיט זיי נאָך מיטגעהאַלטן ביי אַ בלעטל גמרא; מיט זיי געלערנט לשון־קודש און דקדוק. איך האָב געוואָלט אַנטקעגנקומען די זוכערס. טיילווייז בין איך איניקע פון זיי אַנט־קעגנגעקומען און אַ האַנט דערלאַנגט; אפשר, טיילווייז, אָנגעוויזן דעם ווייטערדיקן וועג אין לעבן.

געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז מיט דער צייט זאָלן פאַר מיר אַרויסקומען בולטער שטיקער ווילנער לעבן, ווייט אָפּגעלייגט פון שולהויף, מיט זיינע קלויזן, פון שולהויף, מיט זיין קדושה; ווען אַלץ מער און מער האָט מיך פאַרכאַפּט דער עיקר לעבנס־שטראָם, וואָס

האָט געפרווּשט אין די גאַסן און געסלעך פון דער גרויסער ווילנע.
איך האָב דאָך שוין אינדערשטיל שירים מחבר געווען, דערציילונגען
געשריבן, און די אויגן האָבן אָנגעהויבן צו נישטערן אָן אַ זייט פון
בית-מדרש, באַגערט דאָרטן צו געפינען אַ נייעם, לעבעדיקן תוכן.

אגב, האָב איך שוין אַוועקגעשיקט קיין ווארשע, אין פאַרלאַג
„אחיאסף" — אַ שיר און אַ דערציילונג. דער שיר — אַ ביסל פון
מיין אייגענער בענקשאַפט, און אַ דערציילונג אויף יידיש, באַשרייבנ-
דיק דאָס לעבן פון די, וואָס אינען זייערע טעג און נעכט אָפּ אין
ווילנער פינסטערע קעלערן. דעם שיר האָב איך געבעטן דרוקן אין
העברעישן „הדור", די דערציילונג — אין יידישן „יוד". און כאָטש
איך בין געווען זיכער, אַז סיי דעם שיר און סיי די דערציילונג
וועט מען נישט דרוקן — האָט עס אָבער שוין אַרויסגערופן ביי מיר
אַ האַרצקלאַפּ, אַיעדעס מאָל, ווען איך האָב מיר אויסגעמאָלן די
שטאָט ווארשע, ווי די רעדאַקטאָרן האָבן געהאַלטן אין האַנט מיין
העברעישן שיר און יידישע דערציילונג.

די שטאָט ווילנע איז שוין אין מיין בלוט אַריין. די ווילעיע,
אַ באַזוימטע מיט סאָסנע און יאָדלע, זי קומט פון ערגעץ און פליסט
אינערגעצן מיט די בלויע און צומאָל גרינע וואַסערן. איך ווייס, אַז
די ווילעיע גייט אַוועק ביז קאָוונע, און ביי סלאָבאָדקע פאַלט זי
אַריין אין ניעמאַן אַריין. און שטייענדיק ביי דער ווילעיע, באַגלייטנ-
דיק מיט די אויגן דעם גרין-בלויען שטראָם, וואָס ציט קיין קאָוונע
און סלאָבאָדקע, קומט מיר נאָך צומאָל אַרויף אויפן זינען די סלאָ-
באָדקער גרויסע ישיבה מיט מוסרניקעס, וווהין מיין וועג איז אפשר
געווען אָנגעצייכנט, און איך האָב דעם דאָזיקן וועג אויסגעמיטן; האָב
דעמדאָזיקן וועג אויסגעווייכט. אוודאי ווערט צוליב דעם מיין געמיט
פאַרקלעמט. ווייל ערשט נעכטן האָב איך איבערגעריסן מיט אַזאַ
לאַנגער שורה טעג, וואָס ווערן פאַרפאַלן ביים ראַנד פון מיינע קינ-
דערשע הימלען, און מיטאַמאָל געמאַכט אַזאַ שפרונג, אַזאַ שפרונג —
אַזש אַרויסגעשפרונגען פון בית-מדרש אין ווילנער גאַסן אַריין... אַרויס-
געשפרונגען פון דורות-אַלטער וועלט, ווו איך בין געווען מיט אַלע
מיינע רמ"ח אברים איינגעוואַקסן און — אַריינגעשפרונגען אין וויל-
נער גאַס אַריין; אין ווילנער גרויען און וואָכעדיקן לעבן אַריין. דע-
ריבער גיי איך מיט שטילע טריט אום אין ווילנער גאַסן.

קאָטמאָל טרעפט אויך, איך דערשפיר פלוצלינג, ווי די ערד

זינקט אונטער מיינע פיס, און איך בלייב אין לופטן הענגען, צווישן הימל און ערד...

ווייל די פריערדיקע תורות, וואָס איך האָב געזאַמלט אין מיר דורך אַזויפיל טעג און וואַכע נעכט — די דאָזיקע תורות וויל איך פאַרמשפטן, און קאָן נישט. די נייע תורות, וואָס איך זאַפּ איין מיט אַזויפיל דורשט — זיי האָבן נאָך דערווייל דעם יסוד אונטער מיין לעבן נישט פאַרפעסטיקט. מיין דין העפטעלע באַשריבענע שירים; מיינע פּאָר אין יידיש געשריבענע דערציילונגען — ס'איז אַ מין בינשטאָק, ווו איך האָב האָניק איינגעזאַמלט; נשמה-האָניק אָפּגעלייגט; צו אָפט קער איך און ווענד מיינע אויגן צו מיין אייגענעם בינשטאָק. אויסטערלישער האָניק, וואָס וועקט פון פאַרבאָרגעניש זיסן פּיין; אויסטערלישער האָניק, וואָס שיכורט די יוגנט; פאַרשלייערט אין אַ ווייסן שלייער— סיי די פאַרגאַנגענע טעג, און סיי דעם ליכטיק-אויסגעדאַכטן עתיד.

איך קום אָפט אַרויס אויף די ברייטע גאַסן אין צייט, ווען פון די גימנאַזיעס גייען אַרויס סטודענטן און סטודענטקעס: — גאָר אַן אַנדער יונגער דור. איך וויל אין פּנים פון דעם דאָזיקן דור דערקענען דעם גייסט, וואָס האָט מיך געבונדן צום אַלטן בית-מדרש — און איך דערקען נישט. איך וויל אויך אין זייער געשטאַלט דערקענען מיין איצטיקן שטרעבן — און קאָן עס אויך נישט.

איך גיי אַוועק צום נאָוויגאָראָדער באַרג-אַרויף, באַטראַכט די ווילנער אָרעמקייט, וואָס ליגט אין שטויב. אָן ווערטער מאָנט די אָרעמקייט ביי מיר מיין האַנט. וואָס מער איך טרעט דעם וועג צו דער ווילנער אָרעמקייט — ווערט מיר אַלץ מער דאָס פּנים פון דער אָרעמקייט באַקאַנטער.

צי קאָן איך דען זאָגן, אַז פון בית-מדרש בין איך אַרויס אַ דערוואַקסענער; און מיינע טריט, כאָטש שטילע, זענען געווען זיכערע... דאָס אוודאי נישט. פּונקט ווי אין בית-מדרש ביי דער גמרא האָט מיין שטים הויך געקלונגען; פריי אַרויסגעשטראָמט דורך די זומערדיק-אָפענע פענסטער אין גאַס אַריין, אָט אַזוי איצטער, פאַרקערט— זינט כ'האָב די תלמוד-ספרים צוגעמאַכט, איז מיין שטים שטילער און שטילער געוואָרן. מיינע פרייע רייד — זענען אויך שטילע רייד. מיינע פרייע באַוועגונגען — שטילע באַוועגונגען. ווילנע, „די שטאָט און מוטער אין ישראל״ — זי האָט פאַר מיר געהאַט אירע מוטערלעכע בליקן, און אויך דעם שטרענגן בליק פון קאָרגן. כ'האָב אויך

געוווסט, אַז ווייטער פון ווילנע איז דערוויי̆ל קיין אויסוועג נישטאָ. אין ווילנע ווער איך ווידער געבוירן אויף יענער זייט פון אַלטן בית-מדרש. דאָ גייט איצטער מיין נייער באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ. ליב איז מיר אַליין צו פאַרדינען מיין חיונה. איך היט מיינע תּלמי- דים, און זע, איך זאָל מיין באַשיידענע שכירות כּשר פאַרדינען. איך טראָג דעם אחריות פון אַ לערער. איך בין דאָך שוין צוואַנציק יאָר אַלט. כאָטש איך ווייס נישט ווי אַזוי איך זאָל די צוואַנציק יאָר ברענגען אין אַ סדר. מיינע דערפאַרונגען פונדערהיים — זענען איצטער די צוגעפּאַסטע צום לעבן. די דערגרייכונגען אין בית-מדרש, מיט דער הילף פון מיין שטענדיקער התמדה — פון זיי קאָן איך נאָר באַנוצן די ידיעות, וואָס איך האָב בגנבה, אין די געגנבעטע שעהן פון איי- גענעם שלאָף, דערגרייכט.

ס'איז דאָך מיין ערשטער שיינער זומער אין ווילנע, כאָטש שוין באַלד צוויי יאָר, זינט איך בין צום ערשטן מאָל אַהער געקו- מען. איך האָב אפילו איינמאָל געפּרווווט קינדיש אָוועקגיין צו דער ווילעיע, מיטן פולן מויל געפּרווווט זופן דאָס וואַסער פון דער ווי- לעיע, אַריבערבויגנדיק מיין פּנים צום בלוי-גרינעם שטראָם...

און מיטאַמאָל — — — איך גיי אַריין אין סטראַשונס ביבליאָ- טעק, הויב אָן בלעטערן דעם נאָר-וואָס אָנגעקומענעם פון וואַרשע וואָכנשריפט „הדור״; בלעטער דעם „הדור״ און דערזע אַ שמאָל, לענגלעך געדרוקטן שיר — „געגועים״... אונטערן שיר געחתמעט אַ נאָ- מען פון מחבר: — פּרץ הירשנביין — — —

אַ היץ טוט אַ שלאָג אין קאָפּ אַריין, עס הויבט אָן שטעכן אין די שלייפן. די קני ווערן שוואַך — ממש אָנידערצופאַלן.

איך קאָן דעם נומער „הדור״ נישט אַרויסנעמען פון ביבליאָ- טעק. אייל איך אַוועק צו די מוכר-ספרימניקעס אויף דייטשער גאַס און קריג צו קויפן דעם אייגענעם נומער „הדור״. איך גלויב נישט, אַז אין דעמדאָזיקן געקויפטן „הדור״ וועל איך געפינען דעם אייגע- נעם שיר „געגועים״, מיט דעם אייגענעם נאָמען פון מחבר אונטערן שיר. איך בלעטער, בלעטער — די הענט ציטערן בלעטערנדיק.

— „געגועים!״

דער אייגענער שמאָל-לענגלעכער שיר מיט דער אייגענער אונ- טערשריפט.

איך לייג דעם נומער צונויף אינצווייען אינדערלענג; לייג אים

אַריין אין בוזעם-קעשענע און לאָז מיר אָוועק אין ווילנער גאַסן — גאַס-איין, גאַס-אויס. דער נומער „הדור" בריט מיך דורך דער קעשענע. איך קום אָן אין זומערגאָרטן, אייל אויפן שלאָסבאַרג; אויפן סאַמע שפּיץ באַרג נעם איך אַרויס דעם „הדור" און מיש-אויף דעם שיר „געגועים"... יאָ, דער שיר איז נאָך אַלץ אין נומער געדרוקט. קיינער וועט אים נישט אַרויסנעמען און נישט אויסמעקן.

איך וויל מיר אויף קלאָר איבערלייגן, באַגרייפן, וואָס דאָ איז געשען מיט מיר. איך קען עס מיט אַמאָל נישט באַנעמען. טרערן בריען אין די אויגן. מיין פרומע באַציונג צום געדרוקטן וואָרט; מיין יראת-הכבוד צו די מחברים, וועמענס נעמען איך לייען איבער אונטער זייערע ווערק — דאָס שטערט מיר אויפצונעמען מיין אייגענעם נאָמען, געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס, כאָטש מיין אייגענער נאָמען איז אונטער אַ שיר „געגועים", וואָס איך האָב געשריבן אין נאָווי-שוויאַטער בית-מדרש, אין צייט פון הונגער, קעלט און נויט.

איך אייל אין נאָווי-שוויאַטער בית-מדרש, אפשר וועל איך דאָרטן באַגעגענען חברים אין נויט; אפשר וועל איך באַגעגענען עלטשיקן, אים באַווייזן דעם געדרוקטן שיר. און אפשר טאַקע פאַר די ווענט פון דעם קעלערדיקן בית-מדרש, ווו איך האָב דעם שיר „געגועים" אַזויפיל מאָל ציטעריק געלייענט, דאָרטן וועל איך אים איצטער פאַר די ווענט ווידער איבערלייענען.

נאָר אָנשטאָט דעם נאָווי-שוויאַטער בית-מדרש — קום איך אין מיין קליין חדרל; פאַרמאַך די טיר און פאַל ווי אין חלום אַריין. זאָל איך זינגען? זאָל איך וויינען?

אַזאַ אחריות, האָב איך מיטאַמאָל דערשפּירט. אחריות פאַר וועמען? אחריות פאַר מיינע אייגענע רייד. אחריות פאַר מיינע אייגענע טריט.

איך באַגעגן באַקאַנטע, נישט מיט אַ געפיל פון גאווה, נאָר מיט אַ געפיל פון בושה. איך פיל, ווי מיר ברענען די באַקן, בשעת איך באַגעגן באַקאַנטע, וואָס קוקן אויף מיר סיי מיט יראת הכבוד און סיי מיט חשד:

— האָט איר טאַקע געשריבן דעמדאָזיקן שיר?

— יאָ, איך האָב אים געשריבן; מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, ווען כ'בין קראַנק געווען אין נאָווי-שוויאַטער בית-מדרש, דעמאָלט האָב איך אים געשריבן — ענטפער איך מיט אַ געפיל פון אַ שולדיקן.

די ערשטע עטלעכע נעכט, נאָכדעם ווי אין „הדור" איז אָפּ־געדרוקט געוואָרן מיין שיר „געגועים", איז פון מיר פאַרוואָגלט געוואָרן דער שלאָף. נאָך טעג און נעכט פון ישוב־הדעת, ווען מיין געמיט איז אָפּגעקילט געוואָרן, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ געוויסע מידקייט, ווי נאָך אַ פלוצלונגער און שווערער קראַנקהייט. האָב עטלעכע טעג אויסגעמיטן צו באַגעגענען גוטע פריינט. אַ פּאָר טעג פאַרנאַכלעסיקט מיינע תלמידים. האָב אַליין געוואָלט באַנעמען דאָס געשעענע.

— נו, וואָס, אויב דיינער אַ שיר איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, ביסטו שוין אַן אמתער משורר? איז דאָס אַלץ? — פרעגט ביי מיר ערנסט אַ אינערלעכע שטים.

אויף אַ נאַטירלעכן אופן איז געקומען דער פאַרמינערונגס־געפיל און האָט מיך אָפּגעקילט. האָט מיך אָפּגעשטויסן אויף צוריק, צו אַ וועלט פון אַ נייעם זוכן:

— שיק נישט דערווייל מער אינערגעץ צום דרוקן — האָט צו מיר די אינערלעכע שטים גערעדט — וואַרט, און זיי נישט געגאַרט. איצטער ערשט, ווען דיין נאָמען איז שוין נישט דיינער מער, לאָז דיין נאָמען נישט אַרויס אַזוי גרינג צום דרויסן.

יאָ, מיר האָט אויסגעוויזן, אַז צו גרינג איז מיר אָנגעקומען, מיין נאָמען זאָל מפורסם ווערן. —

*קאַפּיטל זיבנאונפערציק*

## אַרויס פון די קינדערשע שיך

עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז די פאַר־גאַנגענע יאָרן פון התמדה איבער תלמוד און זיינע מפרשים זענען געווען יאָרן אַרויסגעוואָרפענע צו די ווינטן. נישט מיט קיין בטלנישן חוש בין איך צוגעטראָטן צו מיין ערשטן קוואַל, צו דעם אור־קוואַל, פונוואַנען איך האָב געשעפּט תורה.

איך בין נישט געווען קיין אויסגעצעמענטירטע גרוב, לויטן אַלטן באַגריף, וואָס פאַרלירט נישט קיין טראָפּן; בין אויך נישט געווען קיין שוואָם־געוויקס, וואָס זאַפּט אַלץ איין. מיינע כשרונות זענען גיכער געווען גלייך צו דעם לייטערער, וואָס טיילט אָפּ דעם קערן פון פסולת.

בין פון די יונגע יאָרן אָן געווען באַפּרייט פון צופּיל סתירות אין לעבן אַרום מיר. האָב גאַנץ פרי שלום געמאַכט מיט נאַטור־דער־שיינונגען; פאַר גאָט און זיינע גרויסע ווונדער האָב איך קיין גרע־נעצן נישט געזוכט. דעריבער, כאָטש דער שפּרונג פון בית־מדרש אַרויס איז אויבנאויפיק געווען אַ צו דרייסטער — איז אָבער תיכף געשען דער נס, וואָס אַ בריק האָט אַרויסגעבלייכט איבער דעם תהום צווישן מיין עבר און עתיד, לויט מיינע דעמאָלטדיקע באַגריפן. דאָס וואָס איך האָב געלערנט מיט התמדה — איז דאָס נוציקע אָפּגעקליבן געוואָרן. דעריבער איז די נייע זריעה, אין געשטאַלט פון וועלטלעכע למודים, געפאַלן אויף אַ גוט־צעאַקערט פעלד. די וועלטלעכע למודים זענען מיר נאַטירלעך גרינג אָנגעקומען.

ווייל מיין ערשטער שיר, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין

„הדור", איז געווען אין העברעיש — האָט עס אויף אַ גאָר באַשטימטן אופן מיך פאַרקניפּט אויף ווייטער מיט מיינע העברעישע ידיעות און די קוואַלן, פונוואַנען איך האָב דידאָזיקע ידיעות אַרויסגעשעפּט. אָנגעשטאַנען די צייט פון פאַרטיפונג; אַ צייט פון מקרב זיין דאָס דערווייטערטע און דערווייטערן דאָס נאָענטע. אַ צייט פון וועגן און מעסטן דאָס שוין דערגרייכטע, דאָס שוין דערפאַרענע. איך בין דאָך שוין גאָר גוט אָנגעלעזן אין השכלה־ספרים; אָנגעלעזן אין שירים און פּראָזע פון משוררים און סתם פּיטנים, וואָס האָבן צוגעשטעלט זייערע יצירות פאַר די דעמאָלטדיקע אַלערליי מאספים. פּרץ סמאָלענסקין האָט אויף מיר קיין שום השפעה נישט געהאַט. איך האָב דורכגעלעזן אַלץ, וואָס כ׳האָב געקענט קריגן פון יהודה לייב גאָרדאָן — און ער האָט נישט מוסיף געווען קיין סך צו מיין אייגענעם בליק אויפן יידישן לעבן, וואָס יערט אין חשכות. די שירים פון אדם הכהן לעבענזאָן האָב איך נישט געקענט סובל זיין. להיפוך, האָב איך געקענט כמעט אויף אויסנווייניק די שירים פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם זון — מיכה יוסף.

מיין זכרון האָט געהאַט די בחירה. מיין זכרון דינט מיר אויף צו פאַרגעסן, וואָס מיין מהות קען נישט סובל זיין און צו געדענקען אָן קיין שום טירחה דאָס, וואָס האָט געשטימט מיט מיין דעמאָלטדיקן געמיט.

ס׳האָט אַ שאַל געטון דאָס געזאַנג פון יונג־אויפגעקומענע משוררים — ביאַליק, טשערניכאָווסקי, און די, וואָס זענען אין זייערע פוסטריט אַוועק — איז שווער געוואָרן אַריינצוקוקן אין די ספרים פון עלטערע משוררים.

אַ ממשותדיקע בריק פאַר יענער צייט, וואָס האָט צוריק פאַרבונדן מיין עבר מיטן עתיד; דער תהום, וואָס האָט אויף אַ קורצער צייט אויפגעעפנט זיין מויל צווישן מיין עבר און עתיד — פאַר אַ בריק איבער דעמדאָזיקן תהום האָט מיר געדינט „דברי ימי ישראל" פון פּראָפעסאָר גרעץ. גרעצס יידישע היסטאָריע, וואָס איך האָב מיט גרויס דורשט געלעזן, האָט מיך ווידער פאַרקניפּט מיט די אור־קוואַלן, פונוואַנען איך האָב דערבליקט סימנים פון געלייטערטער יהדות. דער קיום־היהדות, דער קיום פון יידישן פאָלק אין גלות צווישן אַלערליי פיינטלעכע פעלקער, דער רויקער און זיכערער אופן, ווי גרעץ מאָלט דעם יידישן עבר — לייענענדיק מיט התלהבות די „דברי ימי ישראל",

איז מיר גלייך געווען, ווי גרעך וואָלט אַראָפּגעצויגן אַ דורכזיכטיקן שלייער פון צייט און פאָלק ישראל צווישן פעלקער. די פרישע, אויפגעוואַכטע ווינטן אין דער יידישער גאַס האָבן נאָכמער דידאָזיקע נעפּלען דערווייטערט פון מיין דמיון.

אויב צייטנווייז האָב איך דערשפּירט אומפאַרמיידלעכע עצבות אין שייכות מיט מיין אויפנעמען וועלטלעכע לימודים, איז דאָס געווען ביים לייענען די ווערק פון די גרויסע, רוסישע קלאַסיקער, וואָס האָבן אָן באַזונדערער מי אַראָפּגענומען אין מיינע אויגן דעם כבוד פון אַלץ כמעט, וואָס איך האָב ביז איצטער געלייענט אין דער העברעישער און אין דער אָרעמער פאַר יענער צייט יידישער ליטעראַטור.

איך האָב געקענט אפשר האַלב לערמאָנטאָוון און האַלב פּושקינען אויף אויסנווייניק. אַזוי גרינג איז מיר אָנגעקומען אויסצולערנען גרעסערע פּאָעמעס פון די אויבנדערמאָנטע דיכטער. אין די ווערק פון טאָלסטאָי און טורגעניעוו, לעזנדיק מיט גרויס דורשט — אין זייערע ווערק האָב איך געזען גאָטס וועלט, ווי גרויס זי איז אין אירע פיר צייטן פון יאָר. אַ שטויבעלע בין איך געווען אין דערדאָזיקער גרויסער וועלט פון די נישט-יידישע דיכטער שפּלדיק האָב איך מיר צומאָל געפילט.

כאָטש איך האָב געשטודירט לויט אַ באַשטימטן פּראָגראַם, האָבנדיק אין זינען ווען עס איז האַלטן עקזאַמענס, גימנאַזיע ענדיקן, אפשר צו די טירן פון אוניווערזיטעט דערגרייכן — האָט פּאָרט די ליטעראַטור גענומען די אויבערהאַנט. דעריבער, אין דער צייט, וואָס היסטאָריע, געאָגראַפיע און אַנדערע ידיעות זענען מיר אָנגעקומען גרינג — איז מיר מאַטעמאַטיק גאָרנישט געווען צום האַרצן. חכמת-החשבון האָט מיר ענג געמאַכט אין קאָפּ און איז געווען, לגבי אַלע אַנדערע למודים, ווי אַ טרוקענער מדבר אַרום ראַנד פון אָאַזיס.

אין רוסישער איבערזעצונג האָב איך געקראָגן אַ צוטריט צו די ווערק פון שעקספּיר און צום ערשטן מאָל געלייענט אין איבערזעצונג דעם ערשטן טייל „פאַוסט" פון געטע.

אָבער צוליב מיינע ערשטע פאַרליבטע שעהן נאָך אין אָרלער בית-מדרש, ווען מיין חבר האָט פאַר מיר איבערגעזונגען מיט אַ גמרא-ניגון היינעס שירים, איבערגעזעצטע אין העברעיש — האָב איך איצטער אָנגעהויבן זוכן דעם ערשטן מקור. האָב מיר איינגעהאַנדלט

אַ ווערטערבוך דייטש-רוסיש, געקראָגן היינעס „בוך דער לידער” און אָנגעהויבן זוכן די שירים, וואָס איך האָב שוין מיט פיר יאָר צוריק געקענט אויף אויסנווייניק נאָר אין העברעיש.

דער נומער „הדור”, אין וועלכן ס'איז געווען אָפּגעדרוקט מיין ערשטער שיר, איז פאַר דער צייט אין דער לענג צעשפּאָלטן געוואָרן. דער שיר „געגועים” פון פרץ הירשנביין איז אויך אין דער לענג צע־שפּאָלטן געוואָרן. פאַר דער צייט איז מיין גייסט פאַרטראָגן געוואָרן אין ווייטערע עולמות, און נישט איין מאָל האָב איך געקוקט מיט פאַר־דראָס צום צעריבענעם נומער „הדור”, וואָס איז געלעגן אויף מיין שרייב-טישל, צווישן אַלערליי דיקע ספרים, גרויסע ספרים פון דיכ־טער, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט געלעבט, און ספרים פון דיכטער, וועמעס טריט איך הער אומגיין צווישן די לעבעדיקע.

דער זומער איז אַוועק, דער ווינטער איז געקומען, און איך האָב אַליין נישט געשפּירט, ווי צוליב אַ שמאָל-לענגלעכן שיר, וואָס מען האָט אָפּגעדרוקט מיט עטלעכע חדשים צוריק אין „הדור”, איז אַרום מיר באַשאַפן געוואָרן אַ קרייז פון גוטע פריינט; אַ קרייז פון האַלבע און גאַנצע תלמידים, וואָס האָבן פון מיר שוין עפּעס פאַרלאַנגט. מען האָט מיט פאַרבענקטע אויגן געקוקט צום יינגן, בלאַסן משורר, וואָס האָט נאָר איין-איינציקן שיר געדרוקט. דאָס האָט דעם יינגן, בלאַסן משורר געמאַכט, ער זאָל שפּירן זיין קליינקייט, זיין אומבאַדייטנקייט.

פונדעסטוועגן האָבן אַ חברה, בחורים און מיידלעך, געפּועלט ביי מיר, איך זאָל פאַר זיי לייענען יידישע היסטאָריע. ווען דער ווינטער איז אָנגעקומען, האָב איך דעריבער, שוין צום ערשטן מאָל, דער־שפּירט אויף מיין יינגער פּלייצע די דעמאָלטיקע רוט פון פייניקער: — ווייל אַפילו צו טאָן אַזאַ אומשולדיקע זאַך ווי לייענען אין אַן ענגן קרייז יידישע היסטאָריע, האָט מען באַדאַרפט זוכן אַ באַהעלטעניש, פּאָליציי זאָל נישט כאַפּן אַ פאַרזאַמלונג פון אַ צענדליק, צי צוויי־צענדליק יונגע מענטשן אונטער איין דאַך.

אַזאַ פאַרבאָרגענעם ווינקל האָט מען באַשאַפן אין אַ קעלער־וווינונג ערגעץ אויף זאַרעטשע. איין מאָל אַ וואָך, פרייטיקצונאַכטס, איז מען מיט שטאַרק-קלאַפּנדיקע הערצער געגאַנגען דעם באַרג-אַראָפּ צו זאַרעטשע-צו, אַראָפּ אין קעלער, ווו יונגע באַגייסטערטע געשטאַלטן

האָבן אַרויסגעקוקט צום ייִנגן משורר, וואָס האָט שוין אַ שיר אָפּגע־דרוקט.

ווי אַנדערש ס׳איז געווען מיין גיין בּאַרג־אַראָפּ צום פאַרבּאָר־גענעם קעלער אין זאַרעטשע, ווו בּחורים און מיידלעך וואַרטן אויף מיין אָנקומען — אין פאַרגלייך מיט מיינע בּאַגעגענישן אין אַ וויל־נער קלויז, אין דער אגודה „תורה מציון״, מיט די קלויזניקעס, וואָס האָבן מיך אויסגעקליבן פאַר אַ צייטווייליקן לערער! ס׳איז שוין אויך געווען אַ זאַך פון עבר. אַהין בּין איך געקומען ווי אַן אייגע־נער צווישן אייגענע. געבּלעטערט דעם תּלמוד; דקדוק געלערנט. און איצטער בּאַגעגן איך אומבּאַקאַנטע, וואָס ווערן מיר נאָענט; בּאַגעגן איך פרעמדע, וואָס ווערן מיר נאָענט.

זיי, די פרעמדע, זוכן בּיי מיר אַ קוואַל פון ידיעות; זיי ווילן פון אים צוזאַט טרינקען. און איך — מיין האַרץ ציטערט אַזוי. דוכט מיר, יונג און אָרעם בּין איך, איך זאָל קענען וייערע כּלים פול מאַכן. דעריבּער צוריקקערנדיק בּגנבה אינדערפינסטער פון דער אויס־בּאַהאַלטענער אסיפה און קומענדיק אין מיין יחידותדיקן חדר — בּלייבּ איך זיצן מיט בּליקן ערגעץ אינדערוויט, ווו איך זע מיין דאָפּלט געשטאַלט, וואָס איז פון מיר אָפּגעשיידט און אַוועק אינדער־ווייט און וואַרט אויף מיין דערנענטערונג; אויף דערקענונג און דערגאַנצונג.

איך קום פון דעם אויסבּאַהאַלטענעם קע״ער, ווו אַ צענדליק דורשטיקע צום וויסן האָבן מיך מיט זייער נייגעריקייט אויסגעשעפּט און אויסגעלערט, אַ מידער און אויסגעשעפּטער. איך קען לאַנג נישט איינשלאָפן. עס ווייזט מיר אויס, איך וועל צום קומענדיקן מאָל גאָר נישט האָבן מער קיין תורה פאַר מיינע נייע תּלמידים. און פונדעסט־וועגן, אין פאַרלויף פון אַ וואָך ווערן די קוואַלן ווידער אָנגעפילט; ווערט דער חשק צו געבּן און ווערן אויסגעלערט ווידער בּאַנייט און מיט אַ בּאַנייטן האַרצקלאַפּ גיי איך ווידער אינדערפינסטער אַראָפּ צו זאַרעטשע, צו יענער קעלער־וווינונג מיט פאַרהאַנגענע פענסטער־לעך, וואָס קומען אַרויס צום טראָטואַר; און ווידער בּאַגעגן איך די אומבּאַקאַנטע, וואָס ווערן מיר אַלץ נעענטער און אייגן.

און עס טרעפט, נאָכדעם, ווי מיינע תּלמידים האָבן שוין גענו־מען פון זייער לערער, וואָס זיי האָבן געקאָנט — פאַרציען זיי אינ־דערשטיל אַ ליד פון אַרבּעט און נויט. וויל אַרבּעטער זענען זיי.

ווען זיי קומען אין דעם פּרייטיקצוּנאַכטס־באָ‫/‬ויכטענער קעלעוי־ווויּ־נונג — בּרענגען זיי מיט דעם ריח פון טאַבּאַק, דעם פאַבּריק־ריח, ווי איינע פון די מיידלעך אַרבּעט און מאַכט פּאַפּיראָסן; דער סטאָ־ליער בּרענגט דעם ריח פון סאָסנאָווון האָלץ; דער רימער — דעם ריח פון אויסגעאַרבּעטע פעל, און דער שניידער — דעם ריח פון טוך, ציץ און קאָרט.

שמועסט מען אויך אינדערשטיל פון קאָנספּיראַציע און פון יענע געסלעך, ווו מען קומט אַרויס אין דער בּאַשטימטער אָוונט־שעה, און מיט די אויגן וואַרפט איינער דעם אַנדערן צו גליענדיקע ווערטער:— בּאַפרייאונג־ווערטער.

זינט דעמאָלט הויב איך אָן צו פאַרדעכטיקן, אַז די פּאָליציי אין ווילנער גאַסן קוקט מיך נאָך; שפּירט נאָך מיינע טריט; וואַרפט אויף מיר אַן אויג, ווען איך גיי פון אַ בּיבּליאָטעק און טראָג בּיכער אונטערן אָרעם. איך בּאַגרייף אויף קלאָר, פאַרוואָס מיין האַרץ בּאַ־דאַרף קלאַפּן שטאַרקער, און אַ פרעסטלדיקער שטראָם זאָל דורכלויפן דורך מיין פּלייצע, בּשעת איך גיי פאַרבּײַ די הויפּט־פּאָליציי אויף דייטשער גאַס.

בּיי די מענטשן, ווו איך וווין אויפן צווייטן שטאָק אין אַ קליין חדרל, אָפּגעצאַמט דורך דעם הויז איבּער די טרעפּ — איז פאַראַן אַ שיינע טאָכטער. זי שמט אין ווילנע. שוואַרצע אויגן; שוואַרצע האָר און מיט אַ שטענדיקן פלאַם אין פּנים.

זי האָט שוין אויך איין מאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ ווינטער בּייטאָג איז דאָס געווען. כ׳האָבּ זי עטלעכע מאָל געזען דורכן פענ־סטער — אָבּער איצטער זע איך זי צום ערשטן מאָל. זי איז מער דערוואַקסן פון מיר, כאָטש נישט גרעסער פון מיר. דעם גאַנצן צימער האָט זי פול געמאַכט מיט איר אַריינקומען. אַ ווײַלע איז זי געבּליבּן זיצן אויף מיין בּעטל; אַ ווייל מיך אָנגעקוקט; שפּעטער איז זי צו־געגאַנגען צום טישל, געבּלעטערט די רוסישע בּיכער, וואָס זענען גע־לעגן גאַנץ הויך אויפגעקאַסטערט, און, קוקנדיק גלייך מיר אין די אויגן, האָט זי געפרעגט:

— מען האָט מיר דערציילט, איר זענט אַ פּאָעט — איז דאָס אמת?

האָבּ איך נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. האָבּ נאָר געפילט, ווי אין מיין פּנים איז אָנגעשטאַנען אַ ראָזע פאַרשעמטקייט. איך האָבּ

עס פון איר פּנים אַראָפּגעלייענט, בשעת זי האָט גענומען מיין האַנט, געוואָלט פון די צייכנס אויף מיין האַנט אויסלייענען אַלע מיינע פּשרונות. זי האָט אַלע מיינע פינגער באַטראַכט; ממש זיי איבערגע-ציילט, צי עס שטימט מיטן חשבון און האָט אַ סודותדיקן לאַך-געטון.

— יאָ, מען דערקענט, אַז איר זענט אַ פּאָעט — האָט זי צו-געשטימט — זייט אַזאַ פּאָעט ווי פּושקין, וועל איך אייך ליב האָבן.

— אַזאַ פּאָעט ווי פּושקין וועל איך קיינמאָל נישט זיין — האָב איך אַביסל מונטערער אונטערגעכאַפּט.

זי האָט פון דער פּולער ברוסט אַרויסגעלאַכט און, געבנדיק מיר די האַנט צום אָפּשייד, האָט זי ווידער געזאָגט:

— זייט אַזאַ פּאָעט ווי פּושקין, וועל איך אייך ליב האָבן.

דעם אייגענעם ווינטער האָב איך גאָר אומגעריכט דערשפּירט מיין דערוואַקסנקייט; פונדערהיים האָט מען מיר מודיע געווען, אַז די מאַכט פאָדערט מיך אַרויס „אַ קוק צו טון אויף מיר", ווייל אין הערבסט באַדאַרף איך שוין שטיין צום פּריזיוו.

און היות, איך בין געבוירן ביי קלעשטעל, בין איך דאָך אַ בילסקער נכתב, וואָלט איך באַדאַרפט שטיין צום פּריזיוו אין בילסק. און ווייל דער ברודער משה, וואָס איז געשטאַנען צום פּריזיוו אין בריסק און געוואָרן באַפרייט, זאָל איך דעריבער באַצייטנס קומען אויסצושרייבן מיין נאָמען פון בילסק און איינשרייבן אין וויסאָקע-ליטאָווסק, וווּ מיין טאַטע איז אַ נכתב, כּדי איך זאָל שטיין צום פּריזיוו אין בריסק.

האָב איך באַטראַכט מיין וווּקס, אַן אומעט האָט געפּרעסט. בין איך שוין טאַקע אַ דערוואַקסענער? צומאָל פיל איך דאָך, אַז איך בין נאָך אַלץ אַ קינד — אַ קינד ביי דער מאַמע ווילנע, — די שטאָט און מוטער אין ישראל...

פרילינג-צו האָב איך אָנגעהויבן אַריבערצוקוקן צו דער היים. נאָך איין מאָל איז געווען באַשערט צו פילן, אַז איך פאָר צו טאַטע-מאַמע אַהיים.

## קאַפּיטל אַכטאונפערציק

# צום לעצטן מאָל אין ליפּעס מיל — מיין היים

איך בין געקומען אַהיים אַ פאָר וואָכן פאַר פּסח. די געגנט האָט געלאָזן. די גרעבליעס צעווירענע. ביימער — אָנגעקוואָלענע מיט יונג לעבן. דער צעווייקטער גרונט אַרום מיין היים האָט ביי מיר געפּאָדערט די אַמאָליקע פרילינג-פרייד, ווען, קענגן דער מאַמעס ווילן, בין איך באָרוועס געלאָפן אין פרי, ינגדיקן, כאָטש נאָך קאַלטן דרויסן.

די גרויסע שטאָט ווילנע מיט אירע ברוקירטע גאַסן און ברעטער-טראָטואַרן — זי האָט דעם נאַטור-קינד עפּעס איינגערוימט אין אויער. ווילנע האָט אים דערציילט אַ סוד אַ גרויסשטעטישן דורכן גערויש פון וואַסער, וואָס פליסט פון אַ קראַן אין אייגענעם חדר.

איך האָב איצטער אויך אויסגעביטן מיינע שטאָטישע, ריינע מלבושים אויף מילנערשע, פאַרפּוליעטע און באַהילפיק געווען אין מיל. דער ברודער משה, שוין אַ חתן פאַר אַ שטעטלש מיידל, ער איז עיקר מילנער אין דעם טומלדיקן פאַר-פּסח. דער טאַטע, ווי דער שטייגער, שטייט נאָך נישט אָפּ פון דער אַרבעט. דזשוויגעט משאות; זיצט ביינאַכט, ווען די יינגערע פאַלן שוין אויף דער נאָז.

אַרום-און-אַרום הערשט אַ שווערער אומעט אינדערהיים. כאָטש מען איז פאַרנומען מיט דער פאַרפּסחדיקער שפע: פּסחדיקע ווייץ געבייטלט; אַ סך פּויערים מיט זייערע תּבואות וואַרטן אויף זייער צייט — דער קאָפּ איז שוין ביי אַלעמען פאַרטראָגן:

— מען ווייסט, האָב איך מורא, אין מיל נישט איינזיצן. דער באַלעגוף האָט מתרה געווען, אויב מען וועט אים פון יוריע אָן, ס׳הייסט פון אַרום שבועות אָן, נישט צאָלן הונדערט פופציק רובל אַ

יאָר, אָנשטאָט די הונדערט צוואָנציק, וואָס מען צאָלט אים איצטער — וועט ער די מיל פאַרדינגען. עמעצער באָט אים אָן אַזויפיל. אייגע-נע מענטשן טוען עס.

אַזוי דערציילט די מאַמע.

דער חשבון האַלט נישט אויס. וויפל מען זאָל נישט ציען די אָדערן פאַרן יאָר; ווען מען זאָל עפּעס פּרווון פאַרדינען מיטן פערד אָן אַ זייט, וועט מען אַלץ נישט זיין בכח אויסצוהאָרעווען פאַרן יאָר הונדערט פופציק רובל. האָט מען מיט די אויגן שוין געקוקט ווייט פון מיל. ווי ווייט? אפשר צום שטעטל. פון מיל אין שטעטל אַריין איז אויך פאַר ליפע דעם מילנער מיטן רעשטל פון זיין הויז-געזינט אַ ווייטער מהלך. איך בין געבוירן געוואָרן אין מיל ס'ערשטע יאָר, גלייך ווי מען האָט אַריינגעצויגן אַהין. שוין איינאונצוואָנציק יאָר אויף אָן אָרט. געצויגן אַהער האָט מען פון אַ דאָרף. דור-דורות דאָרפישע מענטשן, און גיי איצטער, כמעט צו דער עלטער — גיי אין שטאָט אַריין.

— פאַרפאַלן, אָפּגעלעבט די יאָרן — האָט עס געקענט הייסן ביי טאַטע-מאַמע.

ביידע האָבן מיט פחד געקוקט די קומענדיקע טעג אין די אויגן אַריין. ביידע, סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע, האָבן דעריבער געקוקט צום גאַסט, וואָס איז פון דער פרעמד געקומען, אויסצושרייבן זיין נאָמען פון בילסקער „סקאַזקע" און אַריינשרייבן זיין נאָמען אין וויסאָקער „סקאַזקע", כדי ער זאָל צום פריזיוו באַדאַרפן שטיין אין בריסק — יאָ, טאַטע מאַמע האָבן צו אים געקוקט מיט אַ פאַרזאָרגט געמיט; — „טאָמער נעמט מען און מען גיט אים אָפּ פאַר אַ סאָלדאַט".

דער טאַטע האָט געקריגן זיין קינדישע צופרידנקייט אין בית-מדרש ערב פסח, ווען דער שמש האָט אים צוגעזאָגט, דאָסמאָל, וועט מען דעם ערשטן טאָג פסח זיין פרצן אויפרופן מפטיר, ווי עס פאַסט פאַר אַ גאַסט... דער טאַטע איז געווען זיכער, אַז אין שטעטל קוקט מען שוין אויף זיין פרצן ווי ער פאַרדינט; ווי ער האָט אַלע יאָרן, וואָס זיין זון איז געווען אויף דער פרעמד, שטיל געהאָפּט.

— היינטיקס מאָל, מיין זון, וועט מען דיך אוודאי אויפרופן מפטיר. וועסט זיי מסתמא באַווייזן ווער דו ביסט — האָט ער צו מיר גערעדט פאַרשעמט, ווען אַ רויטקייט איז אָנגעשטאַנען אין זיינע באַקן.

האָב איך טאַקע באַוויזן ווער זיין זון איז. ס׳איז אָבער אויסגעקומען נישט אויף דעם אופן, ווי דער טאַטע האָט דערוואַרט:

אין בית־מדרש, דעם ערשטן טאָג יום־טוב, ווען ס׳איז געקומען פאַרן אויסנעמען די תורה, האָט דער שמש, ווי דער שטייגער, פאַרקויפט די עליות. ביי אַזאַ פאַל, ווען אַ גאַסט איז פאַראַן אין בית־מדרש, איז די עליה, צו וועלכער מען רופט־אויף דעם גאַסט, פאַרקויפט מען שוין נישט. האָט מען דעריבער דאָסמאָל נישט באַדאַרפט פאַרקויפן מפטיר.

ווי דערשטוינט איז אָבער געוואָרן מיין טאַטע און דער ברודער משה, וואָס איז נעבן אים געשטאַנען, נאָכדעם, ווי דער שמש האָט שוין אַלע עליות פאַרקויפט — נעמט ער און דערלאַנגט אַ רוף־אויס:

— איין גילדיין אום מפטיר!

דער ברודער משה איז בלאַס געוואָרן. האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום באַלעמער און געמאָלדן:

— צוויי גילדיין!

האָט דער שמש אונטערגעכאַפּט דעם „צוויי גילדיין״... אָבער עמעצער פון די מזרח־לייט האָט געבאָטן דריי גילדן. משה ווינקט צום שמש: פיר גילדן, און פון מזרח שטייגט מען איבער — פינף גילדן... ס׳איז זעקס גילדן מיט צוואַנציק גראָשן — אַ רובל אַ גאַנצער. מפטיר שטייגט! עמעצער וויל מיט געוואַלד אַרויסרייסן דעם מפטיר ביי ליפּע דעם מילנערס משפחה.

אָבער משה טרעט נישט אָפּ. זיין פּנים פלאַמט. ער פירט מלחמה מיטן גאַנצן בית־מדרש. ער פירט מלחמה מיט די קלעשטשעלער מזרח־לייט. דער מזרח שטייגט, ער שטייגט איבער... ער וועט נישט דערלאָזן — בדאי „אַ פאַרמעגן״ אין מפטיר אַריינבראָקן — ער וועט קיינעם דעם מפטיר נישט אָפּטרעטן.

דער ברודער משה האָט זיינס אויסגעפירט.

ביים אויפרופן צום מפטיר האָט דער שמש, וואָס איז אויך בעל־קריאה, אַ קוק געטאָן אויף אונזער זייט. האָט משה אָנגעוויזן אויף זיין יינגערן ברודער. און דער שמש האָט צום ערשטן מאָל אין קלעשטשעלער בית־מדרש אויסגערופן דעם „„הבחור פרץ בר״ לייב ליפּע מפטיר — — —״

נו, האָב איך באַדאַרפט באַווייזן, אַז פרץ ליפּעס איז ווערט

דעם מפטיר. האָב איך קלאָר און קלינגענדיק ווי מעגלעך געמאַכט די ברכה, מיט דער ריכטיקער הברה לויט דקדוק; די הפטירה־ברכות שפּעטער געזונגען מיט דעם ווילנער נוסח... אַרום־און־אַרום האָט ליפּע דער מילנער „מנצח געווען..."

נאָכן דאַווענען זענען באַלעבאַטים פון מזרח צוגעגאַנגען, מיר אָפּגעגעבן שלום־עליכם און דעם טאַטן אַ „גוט וואָרט" געזאָגט. דער מאַמע איז אויך צוגעפאַלן אַ ביסל נחת און כבוד פון די ווייבער, וואָס האָבן אַרויסגעזוגט, אַז זי, ליפּעכע, וועט שוין איה"ש האָבן נחת פון איר יינגסטן זון.

נאָך אַלעמען, קומענדיק אַהיים, ביים טיש, האָט מען גוט צע־קייט דאָס געשעענע אין בית־מדרש. אַיעדערער, — משה, וואָס האָט „אַ פאַרמעגן" אויסגעגעבן פאַר זיין נצחון, דער טאַטע, די מאַמע — אַלע האָבן געפילט די עוולה. סוף־כּל־סוף איז ליפּע דעם מילנערס משפחה אויף אַ נישט גוטן אופן פאַרשעמט געוואָרן; מען האָט אָפּ־גענאַרט ליפּע דעם מילנער, ווי מען נאַרט אָפּ אַ פּויער. אפשר האָט גאָר קיינער פון די מזרח־לייט נישט געדאַכט צו קויפן מפטיר; גע־מיינט בלויז נישט צו דערלאָזן ליפּע דעם מילנער דעם נחת...

חול־המועד איז אָנגעקומען. איך האָב באַדאַרפט פאָרן קיין בילסק, דאָרטן זיין ביי „נאַטשאַלסטוואָ", און שפּעטער פאָרן קיין וויסאָקע. אין בילסק האָב איך קיינעם נישט געהאַט — בין איך דעם אייגענעם טאָג צוריקגעפאָרן.

אין וויסאָקע האָט שוין דעמאָלט געלעבט דער פעטער אברהם טומענער. אים האָט מען אויך אַרויסגעזעצט פון דער געדויגענער פאָסעסיע, האָט ער איבערגעצויגן אין שטאָט אַריין. צו אים בין איך פאַרפאָרן. די קינדער זענען פאַר די יאָרן אויסגעוואַקסן. די יינגסטע טאָכטער שיינע, כמעט אין איין גרויס מיט מיר. זי, וואָס האָט מיר עטלעכע מאָל ליבע־בריוו געשריבן; בריוו מיט הויכע געדאַנקען, מיט אַ סך פינטעלעך נאָך איעדן געדאַנק און מיט אַ האַנטשריפט, וואָס איז שענער פון מיינעם. אַ גאָר גרויסער גאַסט בין איך געווען ביים פעטער אברהם טומענער און ביי דער מומען שרה. דער אויס־געחלומטער גאַסט בין איך אָבער געווען ביי דער יינגסטער טאָכטער שיינע, וואָס אין מיינע יאָרן און וואָס איז אַזוי שיין און קלוג אויסגעוואַקסן.

טאַטע־מאַמע אין שטוב פאַרשטייען עפּעס; אומישנע לאָזט מען

אונז איבער אַליין. אומישנע הייסן זיי אונז גיין שפּאַצירן, באַטראַכטן דעם פרילינגדיקן דרויסן הינטער דער שטאָט, דאָרטן, ווו אַ ווינטמיל שטייט אויף אַ בערגל.

אוודאי גייען מיר אַרויס פאַרנאַכט שפּאַצירן; קומען צו דער ווינטמיל און געפינען דאָרט אַ טרוקן בערגל, אַ באַלויכטענער אין פאַרנאַכט. שטיל, די מיל שטייט מיט די פליגל צום זונפאַרגאַנג, און ביי אונז פעלן די ווערטער, ווייל דער פרימאָרגן, פריער פרימאָרגן גייט-אויף אין געמיט. פאָרט אַזויפיל יאָרן אַוועק. ערשט איצטער באַטראַכטן מיר איינער דעם אַנדערן. זי — שוואַרצע האָר, טונקעלע אויגן... איך — בלאָנדע האָר, בלויע אויגן. ווי אַזוי איז דאָס געשען ביי קינדער פון צוויי שוועסטער? ווי פון צוויי באַזונדערע וועלטן געקומען; אַזאַ גוטע האַנט האָט זייביידן צונויפגעפירט.

— ווייסטו, פּרץ, שטענדיק, שטענדיק האָב איך נאָר פון דיר געטראַכט. בחורים שלאָגן אָפּ די שוועל — איך קוק נישט אויף זיי.

— און וואָס וועט זיין, אַז מען וועט מיך אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט?

— אַ גרויסע זאַך, וועל איך וואַרטן אויף דיר. אַ גרויסע זאַך וואַרטן פיר יאָר?

און אַ ביסל שפּעטער:

— דו ביסט וווּיל געלערנט. איך האָב אויך געלערנט. מיט דיר אינאיינעם וועל איך נאָך מער לערנען. ביז אַלע יאָרן וועל איך לערנען.

בלייבט עס: — ווען איך וועל שטיין צום פּריזיוו, און אויב מען וועט מיך נישט אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט — וועל איך זי מיטנעמען קיין ווילנע. אַוודאי וועט עס געשען מיט דער הסכּמה פון טאַטע-מאַמע.

— אָ, ווען נאָר די צייט וועט קומען, און דו וועסט שוין זיין פריי — — — און דאָס וואָס מען רופט מיך שיינע און דער מומעס באַמען, דיין מאַמעס, איז שיינע? — — —

אָבער ווען גייען איצטער אָן די נעמען פון די מאַמעס, ווען אַ לעבן, גאָר אָן אַ נאָמען, האָט מיטאַמאָל אויפגעציטערט און איז געבוירן געוואָרן ביים ראַנד מערב-הימל, ווו די זון איז פאַרגאַנגען?

צוריקגעקערט אין שטוב פון לאַנגן און שפּעטן שפּאַציר —

האָט מען אין שטוב פאַרשטאַנען, אַז די קינדער האָבן זייער מזל געפונען. אוודאי האָבן עס אירע טאַטע־מאַמע און עלטערע קינדער דאָס אַרויסגעלייענט פון אונזערע פנימער.

ערב די אַנדערע טעג פסח בין איך מיט דער באַן — אַ שיכּורער און נישט פון וויין — געפאָרן צוריק אַהיים; די אַנדערע טעג פסח זיין מיט טאַטע־מאַמע אינדערהיים.

אָבער וואָס פאַר אַ טרויער האָט עס אַרומגעכאַפּט מיין היים דעם לעצטן טאָג פסח?!... דעם טרויער האָבן טאַטע־מאַמע און די עלטערע קינדער אָנגעשעפּט אין שטעטל, אין בית־מדרש ביים דאַווענען. מיר זאָגט מען גאָרנישט. די מאַמע, זע איך, וויינט אינדערשטיל. די שוועסטער בעבל, וואָס וווינט אין שטעטל, איז געקומען צו אונז בייטאָג, און — זי אויך דאָס אייגענע.

ביים עסן — די פנימער פאַרשטערטע. אַ פאַרשטערטער יום־טוב. צי האָט עס צו טון מיט מיין גיכן אַוועקפאָרן? צי האָט עס צו טון מיט דעם, וואָס גאָר אינגיכן, איז מעגלעך, וועט מען שוין באַדאַרפן ציען פון דער מיל?

דעם אייגענעם אחרון של פסח בייטאָג זענען מיר אַלע געגאַנגען צוגאַסט צום פעטער אברהם משה אין ווינטמיל אַריין. און ווי נאָר מען איז אַריין אין שטוב, נאָך ביי דער טיר — שיסט די מומע רבקה אַרויס מיט אַ געוויין. און אַלע אינאיינעם הויבן אָן מיט אַ געוויין.

— וואָס איז דער מער?

— שיינע אברהם טומענערס איז פאַרסמט געוואָרן... פאַרברענט געוואָרן אויף קויל — — —

אַלע קוקן אויף מיר. מען וויל אויף מיין פּנים עפּעס דערקענען.

— ווי אַזוי און וואָס איז דאָס געשען?

— אַן אומגליק געשען. די מומע שרה, נעכטן אינדערפרי, איידער זי איז אַוועק אין בית־מדרש אַריין דאַוונען, האָט זי אָנגעגרייט אַ טעלער מצה־מעל, אויסגעמישט מיט סם — פאַר די מייז. זי האָט פאַרגעסן אָנצוזאָגן די קינדער, מען זאָל זיין אָפּגעהיט מיט די דאָזיקע מצה־מעל... האָבן די מיידלעך געמאַכט לאַטקעס פון די דאָזיקע מעל. די יינגערע, שיינע, האָט פריער דערפון געגעסן, און ס׳אומגליק איז געשען. אַ גאַנצן טאָג נעכטן האָט זי געגוסט. פאַרקוילט געוואָרן... אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק.

— פונוואַנען ווייסט מען עס?

— פון שטעטל איז מען נעכטן געפאָרן מיט אַ חולה צום ווי־סאָקער דאָקטאָר. געפאָרן אום יום־טוב. היינט צוריקגעקומען און דער־ציילט, ווי גאַנץ וויסאָקע איז פאַרחושכט געוואָרן צוליבן אומגליק.

טרויער, טרויער אָן אַ סוף האָט אַרומגעכאַפּט מיין גאַנץ לעבן. טרויער פון אינעווייניק. טרויער פון דרויסן. עס טרויערט דער פרי־לינג דרויסן אַרום שטוב. איך דערזע כמעט נישט די געגנט דורכן פענסטער. דער סטאַוו — ווי פאַרגלייזט געוואָרן, און עס זינקען צו אים די שווערע, באַיאָרנטע ווערבעס.

— איך וועל נאָך היינט ביינאַכט אַוועקפאָרן קיין ווילנע; צוועלף ביינאַכט גייט אָפּ אַ באַן אויף ביאַליסטאָק, וועל איך פאָרן — — —

קיינער אין שטוב איז נישט דערווידער, הלמאי איך פאַרלאָז די היים אַזוי אין גאַייל, בעת איך האָב פריער גערעכנט בלייבן אַ פּאָר וואָכן אינדערהיים.

זוי האָב איך אין טיפן שווייגן קוים דערוואַרט די שעה, איך זאָל קענען גיין צו דער באַן. קיין גרויסע פּעקלעך האָב איך נישט געהאַט, איז געבליבן — משה און איך זאָלן גיין צופוס צום וואָק־זאַל, מיטן וועג פון דער אייזנבאַן.

אַ חושכדיקע נאַכט איז דאָס געווען. אָן ווערטער האָב איך גע־נומען אָפּשייד פון די, אונטער זייער צער געבויגענע, טאַטע־מאַמע. משה איז מיט מיר מיטגעגאַנגען. שווייגנדיק האָבן מיר געשפּאַנט מיט דער בלאָטיקער גרעבליע. איך האָב מיר אויסגעגליטשט ביי ראַנד סטאַוו, אַראָפּ פון דער גרעבליע אין סטאַוו אַריין...

איך בין אַרויסגעשפּרונגען פון קאַלטן סטאַוו, משה האָט איני־דערפינסטער מיך אַרומגעטאַפּט, און געוואָלט, מען זאָל גיין צוריק. ער האָט מורא געהאַט, איך וועל נאָך קראַנק ווערן פון אַזאַ מין יאַזדע. איך האָב נישט געענטפערט, און אַ נאַסער, אַ קויטיקער, ווייטער געשפּרייזט, ביז מען איז געקומען צום וואָקזאַל.

געווען נאָך אַ שטאַרקע שעה צו וואַרטן אויפן צוג. איז דאָס געווען אַ שעה פון צעגליטן חושך. ווען דער צוג איז אָנגעקומען, האָט משה מיך אָן ווערטער אַרומגענומען און געהאָלפן אין וואַגאָן אַריין — אין דעם פון איין ליכטל באַלויכטענעם וואַגאָן. אַז דער צוג האָט גערירט, בין איך אַראָפּגעזונקען ביים ברענענדיקן טשוהונענעם אויוועלע; געטריקנט מיינע נאַסע בגדים. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך

געטריקנט די דורכגעווייקטע בגדים, בשעת די טרערן האָבן כסדר געוואַשן מיינע באַקן — — — — — — — — — — — — — — —

---

דאָס איז געווען מיין לעצטער צוגאַסט זיין אין ליפּעס מיל, מיין היים.

מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער, סוף־זומער, ווען איך בין געקומען קיין קלעשטשעל צוליב מיין שטיין צום פּריזיוו, איז שוין ליפּעס מיל מער נישט געווען מיין היים. טאַטע־מאַמע, שרהלע, דאָס ייִנגסטע שוועסטערל, — זיי האָב איך געפונען אין אַ קליין שטיבעלע כמעט הינטערן שטעטל, אויפן וועג, וואָס פירט צום וואָקזאַל. אין ענגן שטיבעלע האָט געשמעקט מיט ווילגאָטש. דורך די קליינע פענסטערלעך האָט מען געקענט זען דעם זאַמדיקן וועג, וואָס פירט צו דער באַן און אַן אָרעמען סמוג, ווו געגנז און מאָגערע פערדלעך האָבן געצופּט דאָס גראָז.

דער טאַטע, ווי אַן אויסגעוואָרצלטער דעמב; די מאַמע — ווי אַן אויסגעוואָרצלטע ברעזע, האָבן פאַר דער צייט אָנגעהויבן צו וועלקן.ביידע זענען פאַר אַ גאָר קורצער צייט געוואָרן איינגעשרומפּן. זייער שטים ביים רעדן — נאָך שטילער.

מיר זענען אין אַ סוף־זומערדיקן בייטאָג געגאַנגען זאַלבעדריט, טאַטע־מאַמע ביי דער זייט, איך אינמיטן — געגאַנגען זען די אַמאָליקע ליפּעס מיל. פּאַמעלעך איז מען געגאַנגען מיט דעם שטעג, וואָס ליפּעס משפּחה האָט אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן אויסגעטראָטן, און באַטראַכט די ביימער פון ביידע זייטן וועג. נישט געווען פון וואָס צו רעדן. די ביימער האָבן אויך געשטומט; געשטומט און געשפּירט דעם ווייטיק פון די דריי, וואָס האָבן זיי מיט די בליקן געצערטלט. צו דער מיל איז מען נישט דערגאַנגען. די טריט האָבן נישט געדינט.

אַזוי בין איך אין יענעם טאָג, כאָטש צווישן טאַטע־מאַמע, אויף אייביק אָפּגעשניטן געוואָרן פון מיינע קינדריאָרן.

*סוף*

קאַרמעל־ניויאָרק, 1931—1932.